STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00108

# ERTS YISROEL IN VORT UN BILD, 1921-1924

Saul Raskin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Hilda Clayman*
*in memory of*
*her parents*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאול ראסקין :

# ארץ ישראל

—אין—

# וואָרט און בילד

אײנדריקע פון צװײ רײזעס

(1924—1921)

אַרױסגעבער : רעזניק, מענשעל און קאָ., 40 קאַנאַל סט., ניו יאָרק

א הארציגען דאנק מיינע פריינד
דוד שאפּירא און וויליאם עדלין
דערפאר, וואס זיי האבען מיר
נעהאלפען דאס בוך ארויסגעבען.

Copyright by
S. RASKIN

געווידמעט

מיין פרוי און חבר

ר א י א.

# אינהאַלט:


אַ בריעף פון ראובן בריינין צום פּערפאַסער — 5.
אויפ'ן וועג נאָך ארץ ישראל — 9.
אין אַלזשיר — 13.
נעאַפּאָל — 20.
אין מאַרסעל — 23.
אין אַלעקסאַנדריאַ — 27.
תל אביב — 33.
תל אָביב און איהר בירגערמייס־טער — 38.
אַ פּורים הוליאַנקע — 44.
פרנסות און פּאַרגעניגענס אין תל־אָביב — 51.
ירושלים — 57.
ווי מען לעבט אין ירושלים — 65.
שבת צו נאַכט אויף דער יפו'ער גאַס — 73.
ביים כותל מערבי — 79.
ת"ב ביים כותל מערבי — 87.
מיט די שומרונים אויפ'ן באַרג גריזים — 92.
ווי מען בויט דעם אוניווערזי־טעט — 99.
לעבעדיגע צווישען טויטע — 106.
פרומקייט אין ארץ ישראל — 112.
די פּקידים — 120.
אַ צימערל אין ועד הצירים — 126.
אַ באַזוך ביי סער הערבערט סעמועל — 133.
באַרים שאַץ — 139.
אידישע געשיכטע אונטער דער ערד — 146.
רוים און ירושלים — 151.
טבריה,
די שטאָט פון קברים — 158.
די הייסע בעדער פון טבריה — 164.
אויפ'ן קבר פון רבי מאיר בעל הנס — 171.
אויפ'ן קבר פון שמעון בן יוחאי — 178.
חברון — 184.
יריחו, די פאַרשאָלטענע — 190.
ראש פּינה — 197.
אַ טאָג אין רחובות — 204.
דגניה ביים ירדן — 211.
אין מטולה — 217.
כפר גלעדי — 223.
די הינט פון כפר גלעדי — 230.
נהלל — 235.
ביים גדוד אין תל יוסף — 242.
בלפוריע — 248.
מגדל — 256.
ביי דער שאָסעען אַרבייט — 264.
די מיידלאַך ביי שאָסעען אַרבייט — 272.
דער שטיינערנער קעניג־רייך — 278.
די מיידלאַך פון גדוד — 284.
חולדה — 290.
די שטיינער — 296.
בוימער אין ארץ ישראל — 302.
די אַראַבער אין א"י — 309.


---


געדרוקט אין דער לעוואַנט פּרעס,
138 צווייטע גאַס, ניו יאָרק, נ. י.

# אַ בריעף פון ראובן ברײנין צום פּערפֿאַסער

װערטער פֿרײנד שאול ראַסקין :—

איך דאַנק אײַך װאָס איהר האָט מיר פֿרײנדליכסט געגעבען די מעגליכקײט איבערצולעזען אײַער בוך נאָך אין די קאָרעקטור בלעטער בעפֿאָר עס איז ערשיענען.

איהר האָט מיר מיט דעם פֿאַרשאַפֿט פֿיעל גײסטיגעס פֿאַר־געניגען. האָבענדיג די קאָרעקטור בלעטער אין האַנד האָב איך זײ ניט געקענט אװעקלײגען ביז איך האָב זײ אַלע אױף אײנטמאַל, בנשימה אחת, דורכגעלעזען מיט גרױס אינטערעס. עס האָט זיך עפּעס געלעזען, װי פֿון זיך זעלבסט; עס האָט זיך געלעזען עפּעס אַזױ לײכט, אַזױ אַנגענעם, אַזױ שפּאַנענד, אַז עס האָט זיך גאָר ניט געװאָלט אױפֿהערען. עס איז געװען אַ ריכטיגע שעה של קורת רוח.

איהר פֿרעגט מיך, װאָס פֿאַר אַ אײנדרוק האָט אױף מיר אײַער בוך געמאַכט?

איך שטעה אונטער דעם פֿרישען אײנדרוק װאָס אײַערע בלע־טער האָבען אױף מיר געמאַכט, און איך װיל אײַך גלײך אױף דעם ענטפֿערען, בעפֿאָר דער צױבער איז פֿאַרדופֿטעט.

אַ קינסטלער׳ס אױג, אַ אָפֿענע, זעהענדע און דאָך פֿאַרליבטע אױג האָט געזעהן אונזער לאַנד, אַ װאַרימע אידישע האַרץ האָט דורכגעפֿיהלט און איבערגעלעבט דאָס געזעהענע און אַ מאַלענדע, צאַרטע פֿעדער האָט עס באַשריבען, באַשריבען אין פֿאַרשײדענע שטימונגען, און דאָס רײזע בוך, װאָס ליעגט פֿאַר מיר, איז בעשאַ־פֿען געװאָרען.

איך האָב אין מײן לעבען געלעזען אונצעהליגע און אַלע מעג־ליכע באַשרײבונגען פֿון און װעגען ארץ ישראל, געלעהרטע, טיעפֿ־זיניגע אָפּהאַנדלונגען, שװערװאַגיגע, װיסענשאַפֿטליכע איבערבלי־קען, װי אױך לײכטע, שפּילענדע, רײצפֿולע רײזע אײנדרוקען פֿון געאיבטע ליטעראַרישע מײסטער װי פּיער לאָטי, אַלפֿרעד קער, און ד. נל.

צו מיין גרעסטען באדויער און טיעפסטען שמערץ האב איך ביז היינט נאך ניט זוכה געווען צו זעהן מיט מיינע קערפערליכע אויגען דאס לאנד פון אונזערע אבות און פון אונזערע קינדם קינדער: איך האב נאך ניט געהאט די מעגליכקייט צו באטרעטען דעם הייליגען באדען, פון וועלכען איך חלום און שווערם מיין גאנצען לעבען אין מיין זעהענזוכט פארצעהרט מיך.

לעבענדיג אין די גלות לענדער איז מיין גייסטיגער בליק שטענדיג, אומאויפהערליך, טאג ווי נאכט, געווען געריכטעט צו ארץ ישראל און צו אלעם וואס דארט געשעהט, צו אלעם וואס דארט לעבט און וועבט, ליידט און קעמפט, שאפט און זיגט. דען אלעם וואס אנטשטעהט און רעגט זיך אין ארץ ישראל איז מיר ליעב און הייליג. אלעס איז פאר מיר א וואונדער, א פארשפרעכונג, א סימן פון דערלייזונג, באפרייאונג און פון אן אנזאג, אז די גרויסע פראפעציייאונגען וועגען דעם והיה באחרית הימים וועלען באשטימט מקוים ווערען.

און דארום לעז איך כל ימי מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, מיט אן אטעם פארכאפענדען אינטערעס אלעם וואס האט א שייכות צו אונזער אויפלעבענדער, אויפבליהענדער לאנד, דען איך לעב אין דער טיפסטער איבערצייגונג און אין׳ם אונדערשיטערליכען גלויבען, אז דער אידישער פאלקס זשעניע, אז דער נביאים גייסט קענען און וועלען אויפלעבען אין זייער פולער מאגישער קראפט און אייביגען גלאנץ נאר אויף אונזער הייליגען באדען, נאר אין אונזער אויסגעלעזטער, אויפגעבליהטער לאנד, און דאן וועט קומען די גאולה ניט נאר פאר אונזער אומה אבער אויך פאר דער גאנצער מענשהייט.

און דארום האב איך געלעזען אייער בוך מיט אזוי פיעל אינטערעס. איהר וויייזט אונז ארץ ישראל אין ווערען, אין אנטשטעהן, אין׳ם עצם פראצעס פון וואקסען. אייער גאט געבענשטע אויג האט שארף באמערקט די דינסטע פעדים, פון וועלכע עס שפינט זיך א נייער אידישער לעבען אין אונזער וואונדער לאנד. אייער הארץ איז פול ליבע צו דער דארטיגער יוגענד און צו די דארטיגע קינדערלעך, צו זייער קלינגענדער, צויבערענדער שפראך, וואס איהר אויפלעבונג און אויפבליהונג איז איינע פון די גרעסטע וואונדער אין דער מענשליכער געשיכטע. אייער גייסט איז פול באוואונדערונג צו אונזערע חלוצים, די עדעלסטע און הייליגסטע דערשיי-

נונג אין אונזער מאָדערנעם לעבען — און אייך האָט געלונגען אויסצודריקען אייער ליבע און אייער באַוואונדערונג אין אַ לייכטע, אַנציהענדע שפּראַך, אָהן מליצות, אָהן פּאָזע...

מיט אַן אינערליכען קינסטלערישען חוש האָט איהר דערפילט די באַזונדערע שעהנקייט פון דער ארץ ישראל נאַטור און איהרע קלאַנגען; איהר האָט דערפיהלט דאָס וואַקסענדע, דאָס שפּראָצענדע אינ׳ם לעבען פון אונזערע בויער, פון אונזערע חלוצים — און איהר האָט דאָס גראַציעז אויסגעדריקט אין וויינינע שטריכען. איהר האָט דערשפּירט דעם באַזונדערען חן אויך אינ׳ם טאָג טעגליכען לעבען פון געוויסע גרופּען אין ארץ ישראל. אייער אויג האָט באַמערקט פיעל אינטערעסאַנטע קלייניגקייטען בנוגע דער קליידונג, דעם צניעות׳דיגען פלירט, אין זיינע פאַרשיידענע נואַנסען, און ד. ג. פון דער אידישער יוגענד אין אונזער לאַנד.

אויך אויף אַנדערע געביטען האָט אייך געלונגען צו באַמערקען געוויסע אינטערעסאַנטע קלייניגקייטען, ווי אויך דאָס „וואַרדענדע״ און זריעה׳דיגע, וואָס פיעלע אפילו פון די באַקאַנטע ליטעראַטען־טוריסטען האָבען דאָס ניט באַמערקט, ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט באַמערקען.

מיט פיעלע פּובליציסטישע שטעלען און באַמערקונגען אין אייערע באַשרייבונגען (וואָס זיינען געווען געדרוקט אינ׳ם „טאָג״ און אין דער „צייט״ אין דער פאָרם פון בריעף) קען איך ניט זיין איינפאַרשטאַנדען. עס איז אויך ניט אייער זאַך, ניט אייער געביעט („מאָלער מאָל — און שווייג !״ גאַטהע). פיעלייכט בין איך צו קריטיש פעראַנלאַגט. אָבער דערפאַר בין איך געווען אַנטציקט פון אייער מיניאַטור מאָלעריי אין ווערטער, פון געוויסע שנעל אויפגעכאַפּטע מאָמענט־בילדלאַך.

מיין בריעף צו אייך, ווערטער פריינד, האָט ניט די אַבזיכט צו שרייבען אַ קריטיק, אַ ליטעראַרישע אָפּשאַצונג פון אייער בוך. ווען איך וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט איך געוויס אייך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף געוויסע פעהלערען און, פאַרצייהט מיר, אויף געוויסע איבערפלעכליכקייטען בנוגע אייער אָפּשאַצונג פון ירושלים אין איהר געשיכטליכען ווי אויך איהר מאָדערנעם וועזען און ריטם.

—

דיזער בריעף איז דיקטירט פון אַ געפיהל פון דאַנקבאַרקייט צו אייך פאַר דעם הויכען גענוס וואָס די שעהנע און שעהנסטע

שטעלען אין אייער בוך (און זייער צאהל איז פיעל) האבען מיר פארשאפט.

זעהר זעלטען פארשאפען אונז די מיטמענשען, די פען־קאָ־לעגען, די צייטונגען, א ריינעם, עסטעטישען גענוס, און ווען עס טרעפט יא אזא פאל — ווי איהר האט דאס מיר פארשאפט מיט אייער בוך — קען מען נאר אויסרופען: „בעסטען דאנק!“

אייער,

ראובן ברייני ן.

לייקוואוד, נ. דזש. 5טען יאנואר, 1925.

# אויף'ן וועג נאך ארץ ישראל

דאס שיף איז שוין אפגעגאנגען א שטיק פון נויארקער ברעג און איך האב נאך אלץ געזעהן דאס ווייסע טיכעלע פון מיין ליע־בען פריינד, פאכענדיג רעכטס און לינקס, ארויף און אראפ, ביז מיינע אויגען זיינען מיר פארלאפען מיט טרערען און איך האב זיך געמוזט אפרייסען פון פענסטער. ס'איז מיט אמאל געווארען וויינ־טיג און טונקעל, האב איך זיך אנידערגעלעגט אויף מיין בעטעל. איך האב צוגעמאכט די אויגען. אויף א מאמענט איז אלץ פאר־שוואונדען, אויסער די גרויסע ווערטער: „איך פאהר קיין ארץ־ישראל“. אבער דאס זיינען בלויז געווען ווערטער. איך האב זיי נאך ניט דורכגעציטערט ביז דעם דריטען טאג פון מיין רייזע. גאנצע דריי טעג בין איך נאך געווען מיט'ן פנים צו נויארק, צו אלע מיינע פריינד, צו מיינע ליעבע, נאך אמאל און ווידער אמאל דורכ־געלעבט אלע לעצטע טעג פון געזעגנונגס־בילדער און ווערטער. און פלוצלינג האב איך זיך אומגעדרעהט מיט'ן פנים צום מזרח און דערזעהן זיך פאהרענדיג אנטקעגען דער זון מיט די לאנגע ציטער־דיגע שטראהלען. מיין טרוים פון פיעלע יאהרען ווערט דערפילט, איינער פון מיינע גרעסטע עקספערימענטען אין לעבען! איך פאהר קיין ארץ ישראל זיך אליין צו געפינען. איך נעהם מיט זיך ניט מיט קיין איין בוך, נישט איין פון מיינע באליעבטע ביכער, וואס איך פלעג אהן זיי נישט קענען אויסקומען. איך נעהם מיט זיך נישט מיט קיין איין בילד, פון די בילדער, וואס האבען מיך אינספי־רירט פאר אלע מיינע יאהרען ארבייט! גארנישט נעהם איך מיט. בלויז ריין פאפיער, פען און פענסיל און אפענע הארץ און אויג. איך וועל דארט אליין, אהן פרעמדען אונטערזאגען, און פרעמדע איינפלוס, מוזען זיך אויסדריקען אט ווי גאט האט מיך באשא־

פען ... דאָס האָב איך נאָך קיין מאָל ביז יעצט ניט געטאָן, אָדער איך בין נישט זיכער, אַז איך האָב עס געטאָן; קען דען ווער אויס־שיילען זיין נאַקעטע נשמה פון די טויזענדע פרעמדע ווערטער, איינפלוסען, אידעען, בילדער, וואָס דרינגען אריין אין זיין טאָן און רעדען און מאַכען, אַז וואָס ער טוט, טראָגט מעהר אַ פּנים פון עפּעס אַ קאָלעקטיווען שאַפען ווי אַ פּערזענליכען? ווער בין איך דען? וואָס קען איך ווירקליך? וואָס איז דער אמת'ער פּנים פון מיין נשמה, ווען איך בין מיט זיך אַליין? אָט דאָס איז דער גרוי־סער עקספּערימענט, וואָס איך געה איצטער מאַכען מיט זיך. איך וויל נישט באַהאַלטען מיין אינערען שרעק פאַר דעם עקספּערי־מענט. ווער וויים, צי וועל איך זיך נישט ארויסווייזען שוואַך און אונמעכטיג, ווען איך וועל בלייבען אַליין פּנים אל פּנים מיט אַזאַ גרויסען פאַקט און אַזאַ געוואַלדיגען מאַטעריאַל, ווי ארץ ישראל? אָבער איך וויל עס, איך מוז עס פּרובען, ווייל אויב איך ריזיקיר מיט פּיעלעס, קען איך אָבער געווינען אַ אוצר. איך קען געווינען דעם גלויבען אין זיך, די זיכערקייט, דעם באַוואוסטזיין פון זיך און מיין קענען... דאָס מוז דאָך אַמאָל מיט יעדען געשעהן, אַ חשבון הנפש. — —

איך פאָהר קיין ארץ ישראל און נאָך אַ סך אידען פאָהרען אויף דעמזעלבען שיף צו דער זון מיט די לאַנגע ציטערדיגע שטראַה־לען און דער פּאַלמע אויף אַ בערגעל. איך האָב זיך מיט זיי אַלע־מען באַקאַנט, געגענזייטיג זיך אַלץ אויסדערצעהלט און אויס־געפרעגט און מערקווירדיג: ווי פאַרשיידען יעדער פון זיי איז און דאָך אייניג אויף איין פּונקט, דעם פּונקט פון גרויסען עקספּערי־מענט. די אַלע אידען מענער און פרויען, וואָס זיינען געווען אויף דעם שיף „פּאַטריא", זיינען יעדער אַ פיגור פאַר זיך, גאַרנישט איינהייטליכעס איז צו געפינען אין דעם דאָזיגען מענשען־מאַ־טעריאַל, יעדער באַלאַנגט צו אַז אַנדער געזעלשאַפטליכע קאַטע־גאָריע, מיט גאָר אַן אַנדער ערציהונג, אַנדער באַשעפטיגונג, אַנ־דערע אַנזיכטען. עפּעס אַקוראַט ווי די געשיכטע וואָלט ספּעציעל אויסגעקליבען פון יעדען מין צו איין עקזעמפּליאַר.

אָט פאָהרט אַ יונגערמאַן, פון עכט אַמעריקאַנער אויסזעהן, אַן אמת'ער „אַמעריקען באָי". גלאַט ראַזירט, סטייליש אָנגעטאָן. קומט אריין אין דער קאַיוטע מיט זיין באַגאַזש און דאָס ערשטע, וואָס ער לעגט אַנידער אויף זיין בעטעל, איז אַ תפילין־זעקעלע.

ערצוינגען, אויפגעוואקסען אין אמעריקא, ערפאלגרייך אין געשעפט. האט ער דאך די גאנצע צייט געפיהלט, אז די גאנצע לעבענסווייזע איז נישט די ריכטיגע און ער פאהרט קיין ארץ ישראל אז אנדער בילד פון זיין לעבען צו מאכען. א ציוניסט איז ער א לויזער, אזוי צו זאגען, פלעגט צאהלען „דיום", אבער קיין מאל צו קיין מי־טינגען נישט געגאנגען, וויס ווייניג פון פאליטישע פראגראמען און פארטייען, אזוי אז זיין פאהרען איז א ריין פערזענליכער עקס־פערימענט.

פאהרט אן אנדער איד, ה. א. אן אלטיטשקער שוין, אבער א פרישער און א לעבעדיגער. לאזט איבער צעהן קינדער, אלע זעהר געראטענע, מיט גרויסע נעמען אין דער מוזיקאלישער וועלט: לאזט איבער א באקוועם לעבען און פאהרט א נ ד ע ר ש ד א ר ט צ ו ל ע ב ע ן , ווייל ער פיהלט, אז ער איז שולדיג גאט א חוב... דאך פאהרט ער נישט לעבען פון גרייטען, נאר ער האט מיטגענומען מיט זיך א גרויסען פאק מיט אינסטרומענטען און גרייט זיך דארט צו עפענען א שוה ווערקשטאט. ווידער אן עקס־פערימענט, נישט ארויסגעצוואונגען דורך עקאנאמישע נויטען, נאר דורך א נשמה־באגעהר.

נאך א דריטער, א איד, וואס האט פארלאזען א גוט געהענד געשעפט, א שמאלץ־גרוב, פאהרט צוזאמען מיט זיין פרוי און פיער קינדערלאך קיין ארץ ישראל, ווייל ער זעהט, ווי די קינדער וואקסען ניט אזוי ווי א אידישער פאטער וויל קינדער זאלען וואק־סען.

מיר האבען דא צווישען די אידען, וואס פאהרען קיין ארץ ישראל, א גאנץ שעהנעם נאמען — ראטשילד, און נאך א היבש באַ־קאנטען נאמען — שיף. ראטשילד און שיף פאהרען מיט. מיר האבען נישט וועניג שפאס מיט די צוויי אידען, וואס האבען בלויז די נעמען, אבער נישט די מיליאנען. ראטשילד איז א יונג א געוויקסיגער, זעהר עהנליך צו אן איירישמאן, רעדט גוט ענג־ליש, און געברויכט עם געמישט מיט אידיש אין געשפרעכען מיט די קעלנערס אדער מאטראזען, וועלכע פארשטעהען קיין וואָרט ניט אויסער פראנצויזיש. קומט ער מיט א טענה צו דעם מעטר ד'אטעל און לעגט איהם פאר זיינע פארלאנגען אין א לאנגער רעדע, הערט יענער און הערט און ענטפערט איהם צום סוף: „נע קאמפראַן־פאַ" (כ'פארשטעה ניט). ווערט אונזער ראטשילד אויפגעבראכט

און שוין אין פליין אידיש גיט ער איהם א זאג: „א ווינט דיר אין קאפ, פראש־פרעסער, וואס־זשע האסטו מיך א האלבע שעה נאכ־אנאנד געלאזט רעדען?" א. שיף ווידער איז אן אנדער סארט איד, א רויט־געלינקער, א באוועגליכער, א װארשעװער, פיהרט מיט זיך געלט, וויל נישט קיין גליקען מאכען, נאר א רוהיג לעבען, א שעהן לעבען, עפעס א לעבען פון כבוד, פון רוה, פון זיטען, פון שעהנער אידישקייט...

אט אזוי איז יעדער פון די, וואס פאהרען אויף דעם שיף, ניט פון נויט־געטריבענע, נאר פון א בענקעניש נאך א לעבען, וואס זאל אננעהמען עפעס א פארם... ס'זאל האבען א סטיל אנשטאט כאאס פון אמעריקאנער לעבען. דאס זיינען אלץ נשמות מיט א דראנג נאך שעהנהייט; דערביי נארט זיך קיינער ניט. זיי ווייסען, אז דאס לאנד איז ארים און וויסט. דאך פאהרען זיי, ווייל זיי שטרעבען נאך דעם גרויסען עקספערימענט.

און דאס גאנצע שיף אינטערעסירט זיך מיט דיזע זאנדער־בארע מענשען, וואס ריהרען זיך קוים צו צו די עסענס, וואס מען שטעלט אן פאר זיי. לעבען מיט א ביסעל טיי און ברויט און ענט־פערען אויף דער פראגע, וואוהין זיי פאהרען: „פאלעסטינא". „א ל ע אידען פאהרען קיין פאלעסטינא. אלע פאהרען זיי אהין"... רעדען דערנאך צווישען זיך די קריסטען און קוקען זיך נאכאמאל איין אין די מענשען, וואס עסען אזוי ווייניג, זיינען אזוי פרעהליך און פאהרען קיין פאלעסטינא.

דריי טעג האט דער ים געשטורעמט און הויך געווארפען זיינע כוואליעס מיט ווייסען שוים. וואלקענס האבען זיך שטיקערווייז געריסען ארום דעם שיף און צווישען כוואליעס און וואלקענס הא־בען זיך געדרעהט די ים־פויגלען, ווייסע, ווייכע, געהיימניספולע, ווי דער ים אליין, און ווי דער ים ריטמיש ארויף און אראפ. איך פלעג שטונדען אפזיצען און קוקען אויף די כוואליעס און די פויגעל, און מיר פלעגט זיך דוכטען, אז די פויגעל זיינען בלויז שטיקלאך שוים פון די כוואליעס, וואס דער ווינט האט ארויפגע־טריבען צום הימעל...

אויפ'ן פערטען טאג זיינען די פויגעל פארשוואונדען. מיר זיי־נען שוין צו ווייט פארפאהרען.

דאס שיף פיהרט א טויטען מיט זיך קיין מארסעל, דערפון זאגען פאסאזשירען, קומט, וואס דער ים בונטעוועט אזוי... דאך

האט אפילו דער טויטער נישט געקענט בייקומען דעם ווארעמען אטעם, וואס דער נאהענט צוקומענדער דרום האט א וועה געטאן. עס איז ווארעם געווארען אויפ'ן פינפטען טאג, היבש ווארעם. אלע פאסאזשירען זיינען מונטער געווארען, די איטאליענער האבען זיך צוזונגען, די אידען צובאמקעט, געפרובט „וניז פא מאטושקע פא וואלגע" און „אויף דעם פריפיטשיק", דערנאך האבען זיי זיך צור־וויגט און געוויזען וואס זיי קענען. די איטאליענער אפילו האבען געמוזט צוגעבען, אז „מאי קא משמע לן?" איז אם וועניגסטען אזוי שעהן ווי „אה מארי, אה מארי"... מען האט געזונגען און געטאנצט צוזאמען, אלע, יונג און אלט, אלעמען האט ארומגעכאפט די פרייד פון זון און לעבען, און דער ים ארום האט גוטמוטיג געשמייבעלט און צוגעפלעסקעט אין טאקט מיט ווייסע דורכזיכטיגע הענד.

ביז שפעט אין דער נאכט האט מען געהוליעט. בלויז אונזער ראטשילד איז געזעסען אן אנגעבלאזענער. ער איז דער פעסימיזם אין פלייש און ביין. אלץ איז שלעכט, און מיט שלעכט וועט זיך אלץ אויסלאזען. די שיף איז א קאריטע, דער קאפיטאן א פראש־פרעסער, דאס עסען איז פאר ים־הינט, דער הימעל איז א פאפי־רענער און די זון איז א נאכגעמאכטע, און אט וועט אלץ געהן צום טייפעל, ווייל אלץ טויג אויפ'ן פייער. בלויז וועגען ארץ ישראל האט ער קיין איין שלעכט ווארט צו זאגען. דארט איז דער איינ־ציגער פלאץ, וואו ראטשילד קען און דארף לעבען... ביז שפעט אין אווענט זיינען מיר געזעסען. די גרופע אידען איז געבליבען די שפעטסטע. דער הימעל איבער אונז האט אנגעצונדען אלע שטע־רען. מיר זיינען געזעסען, גערעדט, שטיל און פריידיג, און מיט אמאל הויבט זיך איינער פון אונז אויף, צושפרייט די הענד און רופט אויס מיט אן ענטציקטער שטימע: „ברידער, מיר פאהרען דאך קיין ארץ ישראל, ברידער מיינע, ליעבע!"...

## אין אלזשיר

זי איז ווייס, זי איז רייצענד די אפריקאנער קראסאוויצע, די שטאדט אלזשיער. זי איז אין גאנצען ווי א יונגע אראבקע אין וויי־סען קלייד, מיט א ווייסען שלייער איבער'ן פנים וואס ווייזט בלויז שווארצע ברעמען. א ווייסער טרוים מיט שווארצע קוילען און באר־וויסע פיס. איבערראשענד שעהן איז אלזשיער מיט איהרע ווייסע,

לייכט געלע הייזער, וואס קלעטערן אלץ העכער און העכער איבער בערגיגע ים־ברעגנס, און ווען די הייזער האבן שוין גאר הויך ארויפגעקלעטערט און קענען שוין ווייטער נים קריכן, הויבט זיך איבער זיי אונגעוועהנליך דעקאראטיוו א גרינער בארג ווי א פאנ־טאסטישער קאפפוץ... אונערווארטעט און איבערראשענד איז פאר מיר געווען אלזשיער. איך האב דערזעהן צופיעל אריענט מיט א מאל, געמיינט האב איך, אז איך וועל איהם איינגעהמען ביסלאכ־ווייז. אזוי גיך ווי מיר זיינען צוגעפאהרען צום האפען, האט באלד מיר א גלימצער געטאן א סנאפ בונטע פארבען. רויטע פעסקעס האבען זיך א לאז געטאן צום שיף אויף קליינע שיפלעך מיט קערב אראנדזשעס, גרינס, ניסלעך, טייטלען, פייגען און וואס נים; פאר־קויפער פון רויטע, גרינע, געלע טעפיכער, פארביג־הענטיגע קינ־זשאלען, מיט אנדערע אנטיקען האבען ווי פייערדיגע פונקען זיך אנגעהויבען דרעהען ארום דעם שיף, געשווינד, ליידענשאפטליך, מיט א גוואלדיגען ברען און פארצווייפלונג. און נאך איידער די שיף האט נאך צייט געהאט צו־צוקומען צום ברעג זיינען שוין עט־ליכע פון דיזע שווארץ רויטע טייוואלים אריינגעשפרונגען פון דרי־טען אין צווייטען קלאס און שוין אנגעהויבען טאנצען, פליהען, שמייען ארום די פאסאזשירען מיט פאנטאסטישע סחורות, כארכ־לענדיג פראנצויזיש, אראביש, ענגליש, און גאט וויים נאך וואס פאר שפראכען. עס האבען זיך פלוצלינג באוויזען גאנצע גרופען רויטע פעסקען וואס האבען פון דער ווייטען אויסגעזעהן ווי בוקע־טען פון רויטע מאן... איך האב דערזעהן צום ערשטען מאל דעם אריענטאלען קאסטיום, מיט׳ן קאפ־שמוק, מיט די אבאיעס, מיט די וואונדערליך קאמפליצירטע פאלדען און סאנדאלען... און פאר אלעמען די וואונדערבארע בעטלער, די געטליך שמוציגע בעטלער, די וואונדערשעהנע אונמעגליך לומפיגע, שמוציגע בעטלער. בעטלער און בעטלערינס, יונגע און אלטע, קינדער און כמעט זויג־קינדער־לעך מיט אויסגעשטרעקטע קליינינקע הענטעלעך פאר א נדבה! איך האב מיט א מאל, גאר אונערווארטעט דערזעהן די ערשטע פאל־מע, די גרינע, די הויכע, די שלאנקע. איך האב מיט א מאל דער־זעהן די ווייסע קיילעכדיגע, און אייגענטליך ברייטע און צו דער־זעלביגער צייט הויכע מאסקען און דערהערט, ווען מיר זיינען אראפ פון שיף, דעם געפילדער פון די טרעגער, פיהרער, באגליקער און פארקויפער, דעם געפילדער פון אלע שפראכען צוזאמען. דאס איז

פאר מיר געווען אזוי אונערוואַרטעט, אז איך האָב זיך שיער נישט פארלאָרען . . . אַ קוק אויף די פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען מיט גרויסע געלאַדענע רעוואָלווערען האָט מיך בארוהיגט, און מיר, די קאָמפּאַניע אידישע רייזענדע, האָבען זיך דורכגעריסען דורך דעם געדרענג און אַוועק אין שטאָדט, וואָס ליגט מיט איהר גאַנצען גלאַנץ גלייך דאָ שוין ביים אַנהויב. דאָך האָט זיך צו אונז צוגעשאַרט אַ פאַרשוין און אַזוי צוגעשמייכעלט, אַז ער איז געבליבען אונזער וועגווייזער ביז׳ן סוף פון טאָג. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַ איד, רעדט זעהר ווייניג ענגליש, קיין וואָרט נישט אידיש, עטליכע זאַנדערבאַר קלינגענדע העברעאישע ווערטער, אָבער אויסגעצייכענט פראַנצויזיש און אַראַביש. אַלזאָ, ברודער, פיהר אונז צוערשט צו אַ באַנק צו בייטען עטליכע דאָלאַרס אין פראַנצויזישע פראַנק. האָבען מיר זיך אַנגעהויבען דורכצורעדען. געהט עס. גאַסען אַרויף, געסלעך אַן אַ זייט, טרעפּען אַרויף, טרעפען אַראָפּ. אַ באַנק קאָנטאָר, צובייטען דאָלארס אויף פראַנקען. וויפיעל? גאָט ווייס . . . ווייטער? . . . פּאָסט, אַפּצושיקען בריעף, קומען מיר. פראַנצויזקעס בייזערען זיך, אַראַבקעס שמייכלען מיט די ברעמען און ברענען מיט די אויגען, און איין אַראַבישער העלד, עפּעס אַן עדעלמאַן, אָדער אַ הויפּטלינג, אָדער אַן אַפיצער — עס איז געווען אַ געשטאַלט, וואָס צינדט אָן די פאַנטאַזיע, אַן אַטעללאָ, אַ ברוינער פּנים, פייערדיגע אויגען, אַ שוואַרץ מויל און געזיכט, באַראַמענדע עדעל בערדעל, און דערהויפּט זיין קאָסטיום, זיין שטעל!! איך האָב זיך גענומען פאַר׳ן פּאַפּיער און פּענסיל איהם סקיצירען. ער האָט דאָס דערזעהן און אַזאַ ברען געטאָן מיט די אויגען, מיט די געל־גרין בלויע ווייסלעך פון די אויגען, אַז איך האָב באַלד דעם פּענסיל צוריק באַהאַלטען.

פיהר אונז, ברודער, צום אידישען קוואַרטאַל, מיר ווילען זעהן די אַלזשירער אידען. וויפיעל זיינען זיי דאָ, וואו איז די שול? ווי אין די געמיינדע, די אינסטיטוציעס? וואו זיינען זיי, די אַפּריקאַנער ציוניסטען, פּועלי ציוניסטען? באַלד, אָט דאָ גלייך הויבט זיך אָן, אָט דאָ גלייך זיינען מיר שוין אין אידישען קוואַרטאַל, וואו איהר וועט דערזעהן בלויז אידען — בארוהיגט אונז דער פיהרער אָבער פריהער געהען מיר אַריין אויף אַ ווײַלע אין דעם מאַסק. און גלייך לאָזען מיר זיך אַראָפּ עטליכע קליינע געסלעך, שמאָלינקע, אונגעוועהנליך מאַלערישע, אַז אוצר פאַר אַ צייכנער און מאַלער.

דורך ליניען פון בעטלער טרעטען מיר אריין אין די ברייטע טירען פון דעם מאהאמעדאנישען טעמפעל. מיר זיינען אריין אין האלב־טונקעלען גרויסען רוים מיט פארביגע פענסטער און אונענדליכע מאזאאיקען איבער די ווענט, איבער דער פאדלאגע און וואו נאר דאס אויג שטעלט זיך אפ, זעהט איהר די וואונדערליכע אונענדליך פארשלעגגעלטע מאוריטאנישע ארנאמענטען, שניצערייען און פלעכ־טערייען... און מגן דוד׳ס, איבעראל, גרויסע שעהנע מגן דוד׳ס אזוי, אז ווען נישט די הונדערטע זיצענדע אין רייהען אויף דער ערד און אין דער שטיל בעטענדע אראבער און נישט דער זעלטזאמער ניגון פון זייער חזן, וואס טראגט זיך פון ערגעץ א פארבארגענעם ארט, ווי פון א סנאפ געל־און־בלויען ליכט, וואלט מען געקענט מיינען, אז מען איז אין א אידישער שול. און די זאנדערבארע מע־לאדיע ווידערהאלט זיך, און הונדערטער ווייסע געשטאלטען מיט בארוויסע ברוינע פיס אויף דער ערד בוקען זיך ריטמיש און א וואו־סערעל פלעסקעט. דאס איז דער לויפענדער פאנטאן אין פאר־טעמפעל, וואו יעדער מאהאמעדאנער, איידער ער געהט אריין אין געבעט־זאל, וואשט הענט און פיס... און דאס אלץ אין מערקוויר־דיג־פארביגען האלב טונקעל, ווי א גרויסער אריענטאלער טעפיך מיט געבראכענע פארבען־הארמאניען. דורך די פארביגע שויבען רייסען זיך אריין שטילע שלוחים פון דער בלענדענדער זון דרויסען און דומפע קלאנגען פון דעם ליארם און געפילדער.

יעצט געהען מיר צום אידישען קווארטאל. אט דא גלייך איז ער דאך, לעבען דעם אראבישען, נייז, איגאיינעם מיט דעם אראַ־בישען. אידען און אראבער, כמעט נישט צו אונטערשיידען. בלויז די פרויען געהען אהן שלייערען און די מענער אהן דעם אריענטאלען קאסטיום. אבער פיעלע אידען טראגען אויך די אריענטאלע טראכט. אט איז דאך א קלייטעל מיט א שילד און דער נאמען איז קוהן, אט איז נאך א שילד מיט א אידישען נאמען לעווינס... און אט פיהרט מען אונז צו אידען. אן איזראעליט איז דאס, מיר זיינען אויך איזראעליטען, געהען קיין פאלעסטינא, אלע, אט די אלע אמעריקאן־איזראעליטען! וואונדער, מען דריקט זיך די הענד, עס קומען צולויפען נאך עטליכע איזראעליטען, עס ווערט א רעדעל, ווערען אראבער נייגעריג, שטעלען זיך ארום די ברוינע ווייסע קינ־דער, ווייסע פארשלייערטע מיידלעך, א גאנצער קו־קלוקס־קלען, און דאס ענגע געסעל ווערט אין גאנצען פארשטאפט. אן עזעל,

שטאַרק באַלאַדעו, צוזאַמען מיט זיין אַנטרייבער, בלייבען שטעהן מיט אָפענע מיילער! אָט איז אויך אַ אידישע מיידעל! פון אַ באַל־קאַן האָט זיך געוויזען אַ בלאָנדע קעפעל, אונערוואַרטעט בלאָנד, מיט גרויסע אוירינגלעך. מיר גריסען זי, זי ווערט פאַרשעמט, לויפט אַריין צוריק אין צימער, קעהרט זיך באַלד אום מיט איהר מאַמען. אַ דיקע אידענע, וואָס לאָזט קיין ברעקעל ספק נישט איבער, אַז זי איז טאַקע איינע פון אונזערע.

„זיינען דאָ פאַראַן אַ סך אידען?"

„יאָ, יאָ, אַ סך, אַכטצעהן טויזענט!"

„און רייכע אויך?"

„יאָ, אַ סך רייכע. זיי לעבען אין אַ באַזונדער קוואַרטאַל, אָבער זיי גיבען צדקה צו די אָרימע."

„זיינען דאָ פיעל אָרימע?"

„יאָ. זעהר פיעל אָרימע, זעהר אָרימע, זעהר פיעל. נאָך דער מלחמה איז זעהר שלעכט געוואָרען. די רייכע געבען צדקה, האַלטען אויף קיכען פאַר די אָרימע, אָבער אָרים בלייבט מען... אָט היינט איז פרייטאָג־צו־נאַכט, וועט מען דאַוונען און נאָכדעם וועט זיין אַ באַראַטונג, וואָס צו טאָן מיט די אָרימע, און מאָרגען וועט זיין אַ גרויסער שבת־מאָלצייט פאַר אַלע, וואָס הונגערען."

„און ציוניסטען האָט איהר?"

„יאָ, מיר האָבען, אַ סך האָבען מיר."

און ווי מיר רעדען אַזוי באַווייזט זיך אַ ברוינער איד, מיט אַ קליינעם גרויען בולאַנזשע־בערדעל, און אַלע רופען אויס: „אָט איז מאָנסיע קאָהן, דער וויצע־פּרעזידענט פון אונזער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע!" ווידער באַגריסונגען, האַנטדרוקען, זאָגנדער־באַרע העברעאישע, אַראַבישע, פראַנצויזישע אויסרופען... מיר רעדען זיך דורך מיט אַלע מעגליכע מיטלען, הענד, קאָפּ, אויגען, פּאַפּיער און פּענסיל, שוישפּיעל, אימיטאַציעס, אילוסטראַציעס. מיר געפינען אויס, אַז דער ציוניסטישער סענטימענט איז גרויס און וואַרים. אַלע זיינען פאַר ציון, אַלע, און געלט איז מען גרייט צו געבען, און וואָס פּועלי ציון איז, — ווייס מען ניט. אָבער געלד איז דאָ, ס'איז אויך דאָ אַ טרעזשורער. אויך אַ קאָהען. צעהן שו־לען זיינען דאָ, און וואָס איז דאָ נישט דאָ? ! וואָרום־זשע טוט זיך גאָרנישט?... און דער וויים־פּרעזידענט צופיהרט מיט די הענד. צי האָט דאָס געזאָלט באַדייטען, אַז מען טוט, אָדער אַז מען ווייס

ניט, ווי צו טאָן? מיר דאַכט זיך, אַז דאָס לעצטע איז דער פאַל. עס ווערט, דוכט זיך מיר, פאַרלאָרען אַ וואונדערבאַר גוטער מאַטעריאַל פאַר אונזער זאַך. אַ מענשען־מאַטעריאַל וואָס איז שוין אַ פאַרטיגער בויער פון ארץ ישראל, אין זיין שפּראַך, אין זיין ערציהונג און אין צופּאַסונגס־פעהיגקייט...

„מיר וואָלטען געוואָלט זעהן אַ אידישע שול, קען מען?“

„געוויס קאָן מען, אָט דאָ טאַקי באַלד“.

מיר דערזעהען פון דער ווייטענס אַ ווייס געקאַלכטע געביידע, ווי דער מוסולמאַנישער טעמפּעל, וואָס מיר האָבען נאָר וואָס באַזוכט, און די ארכיטעקטור כמעט דיזעלביגע. מיר געהען אריין. דיזעלבע מאָזאַאיקען, ווענט, סטעליע, פענסטער, איבעראַל מאָזאַאיקען, דער ארון־קודש, דער בעלעמער, אַלץ באַדעקט מיט די אונענדליך פאַרדרעהטע און דאָך אַבסאָלוט סימעטרישע אוזאָרען. עפענט מען פאַר אונז דעם ארון קודש און מען ווייזט אונז ספרי תורות, וואָס זיינען שוין זעקס הונדערט יאָהר אַלט... דער שמש, אַ זון־פאַרברענטער איד, און איינגלעך אידישע מיט נייגעריגע אויגעלעך רינגלען אונז ארום, און מען קוקט אויף אונז, די איזראַעליטען פון אַמעריקאַ, וואָס געהען קיין פאַלעסטינאַ. און ווי נאָר מיר זיינען ארויס פון דער שול, געהט אונז אַנטקעגען אין דעם אראַביש־אידישען געדרענג אַ קליינע קאַטאָלישע פּראָצעסיע. אַ קאַטאָלישער גלח מיט אַן אונערוואַרטעטער, רויטער, ברייטער, רודישער באָרד, געהט פאַראויס מיט אַ צלם און אַ בוך און נאָך איהם אַ צאָל ווייס און שוואַרץ געקליידעטע קאַטוילישע זינגערלעך. קעגנטיג, ערגעץ נישט ווייט איז אַ קאַטוילישע קירכע. דריי רעליגיאָנען צוזאַמען, זייט ביי זייט. אָט דאָס איז דאָך ווידער דער אָריענט! מאָסקען קירכען און שולען, אַלע פון כמעט דעמזעלבען סטיל, אַלע פון דעמזעלבען פאַרביגען, זון־באַגאָסענעם צויבער! מיר געהען פאַרביי די קראָמען. קליינינקע קלייטלעך, אויף דער ערד זיינען צולעגט טעפּיכער, און אויף איינעם פון די טעפּיכער ליגט דער הענדלער, ווי אַן אָפּערא־זינגער, איידער ער זינגט זיין אריע... אין אַן אַנדער פּלאַץ זיצט מען אויף דער ערד און מען טרינקט קאַפע... און דאָ זיצען טאַקע די טעפּיך־קינסטלער אַליין און מען וועבט בוכשטעבליך מיט די פיס און די הענט צו דערזעלבער צייט. מען אַרבייט מיט אַלע פיער, טאַקע באמת... דערפאַר אפשר קענען זיי פאַרקויפען ביליגער. איך בין אינגאַנצען באַרוישט פון דעם, וואָס

איך זעה, איך כאַפּ זיך יעדע ווײַלע פאַר'ן פּענסיל, אראַפּצושקי־צירען אַ פּאָזע, אַ פּנים, אַ ווינקעל, און פיהל צו דערזעלבער צייט, אַז איך קען נאָך ניט, איך בין צו אויפגערעגט. דאָס באַמערקט איינער פון מיינע חברים און זאָגט מיר, אַז אין יפו וועל איך נאָך אַ געשמאַקערען מאַטעריאַל געפינען, אַז דאָס איז נאָך גאָר ניט אין פאַרגלייך מיט יענע ברוינע, שמוציגע פּיס און הענגענדע לומפּען. וואָס איך וועל געפינען אין יפו, אַז איך דאַרף מיר דאָס האַרץ ניט אָפּעסען, ווען איך פאַרפעהל זיי יעצט אָרונטערצונעמען. ער איז דאָרט שוין געווען און ער ווייס, וואָס ער רעדט...

מיין ענטציקונג פון דער גאַנצער געשיכטע האָבען מאַנכע פון אונזער קאָמפּאַניע נישט פערשטאַנען. „מיר ווילען זעהען", האָבען זיי גע'טענה'עט, „עפּעס שעהנעס, און נישט דעם שמוץ און גע־דרענג."

„גוט, פיהר אונז, ברודער, אין דעם היגען מוזעאום. ס'איז ווייט פון דאַנען?"

„מען דאַרף נעמען דעם טראַמוואַי."

שטעלט זיך אָפּ לעבען אונז אַ קליינער צוג פון דריי וואַגאָנען. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גאַסען־טראַמוואַי האָט עטליכע קלאַסען: איין העלפט פון קאַר איז ביליגער, די צווייטע העלפט איז טייע־רער... לאָז זיין אַזוי! מיר באַצאָהלען 7 פראַנק פאַר צוויי סאָר־טען בילעטיקלעך און מיר קלעטערען מיט דעם טראַמוואַי אַלץ העכ־כער אַלץ העכער איבער זיג־זאַגען־גאַסען. עס ווערט אַלץ ריינער און גלייכער, עס עפענט זיך אַ ברייטער אויסקוק, יעדער ווינקעלע אַ בילד, יעדער קעהר — אַ מאַלערישער עפעקט. מיר קומען אין אַ גאָרטען מיט טראָפּישע פלאַנצען און בלומען פון אַזאַ אונגע־וועהנליך פייערדיגע פאַרב, אַז עס בלענדט די אויגען. איך האָב נאָך אין מיין לעבען אַזאַ טיפּען, גליהענדען, פיאָלעט נישט געזעהן... קיין פאַרבען־פאַבריק האָט אפילו קיין פאַרזוך נישט געמאַכט אַזאַ פאַרב צו מישען ווי די פיאָלעטען־בלומען־קוסטעס וואָס וואַקסען דאָרטען. דער מוזעאום, אַ קליינינקער, אַ צירליכער, מיט געשטאָפּ־טע פויגעל, צימליך שלעכט געמאַכטע, אַ טיגער אַז אַפריקאַנישער, וואָס אַ פאַר־סטאַר אויף איסט וברבאדוויי וואַלט זיך געשעמט אין פענסטער אַריינצושטעלען און עטליכע מייז, עטליכע גיפּסאַווע אָפּ־גוסען פון גריכישע צעבראָכענע סטאַטוען, עטליכע מאָזאַאיקען און פלוצלינג צווישען דעם גאַנצען גלייכגילטיגען אַלטוואַרג אַ טאָרס

פון אַ ווענוס. ס'איז אַ שטיק גריכישע קונסט פון מאַרבעל־שטיין, אָפּגעבראָכען הענד, פיס און קאָפּ, בלויז דער קערפּער. אָהן אַ נאָמען פון דעם מייסטער, בלויז „ווענוס", געפונען... אָבער די בריסט, דער רוקען, די היפטען, דער אויסגעמאַדעלירטער בויך, די גאַנצע פּראַכט פון אַן אונגעוועהנליך פּערפעקטער שעהנקייט האָט געשיינט פון דעם ברוכשטיק ווי פון אַ ליכטיגער זון... אַ קליינינקע גרינע יאַשצעריצע איז אַרויסגעלאָפען פון אונטער אַ שטיין. אַלע מיינע באַגלייטער האָבען זיך נאָך איהר אַ וואָרף געטאָן און האָבען מיך אָפּגעריסען פון מיין ווענוס. עס ווערט שוין שפּעט. דאָס שיף דאַרף שוין באַלד אָפּגעהן. איילען מיר צוריק. געהען מיר דורך די רייכסטע גאַס, מיט די גלענצענדסטע מאַגאַזינען. ווירקליך, אַלעס איז שעהן, געשמאַקפול, אָבער קליין, מיניאַטור. שעהנע פראַנצויזקעס געהען פאַרביי מיט פראַנצויזישע אַפּיצערען, די פּנים'ער נאָך שטאַרקער געפאַרבט ווי ביי אונז, און די קליידלעך נאָך קירצער. אָבער עלעגאַנט. געהען דורך רייכע גרויסע אַראַבער, געהען פאַרביי אַפריקאַנער רויטע סאָלדאַטען, די זואַווען, געהען פאַרביי מענשען פון אַלע סאָרטען קליידער, פאַרב, וואוקס און קולטור. עס פינקעלט, עס ווימעלט מיט פאַרב, ליכט און ווייסע ציין. און דאָס אַלץ אַנטקעגען דעם גרויסען אומגעוועהנליך בלויען־ים, וואָס קען פּלוצלינג ווערען דורך אַ קאַפּריז גרין, גרין ווי דער ליכטיגסטער עמעראַלד.

עס ווערט שוין טונקעל. אונזער שיף מיט אַ סך נייע פּאַסאַזשירען הייבט אָן אָפּצופאָהרען פון אַלזשיר. מיר שטעהען און קענען זיך ניט אָפּרייסען פון די פייערלעך, וואָס קלעטערען צו די שטערען און שפּיגלען זיך אָפּ אין לאַנגע ציטערדיגע שטאַנגען אין דעם אָוונטדיגען ים.

צופיעל געזעהן פאַר דעם טאָג, צופיעל און צו אונערוואַרטעט. אין מיר איז אַלץ אויפגערודערט. איך וועל שוין די נאַכט ניט קענען איינשלאָפען...

## נעאַפּאָל

אין נעאַפּאָל זיינען מיר אָפּגעשטאַנען בלויז דריי שטונדען. אַנקוקען נעאַפּאָל, ווי איך האָב געוואָלט, האָב איך נישט געקאָנט, האָב איך באַשלאָסען נישט אַריינצוקוקען אין קיינע וועג־ווייזער'ס.

אין קיינע באַשרייבונגען, און אַנווענדען דעם אימפּרעסיאָניסטישען
מעטאָד. אַט, למשל, איך כאַפּ זיך אויף איין שעהנעם פריהמאָרגען,
איך עפען די אויגען, ווייס ניט, אַז איך בין אין נעאַפּאָל, וועלכע
מען דאַרף „אָנקוקען און שטאַרבען“, און זעה פאַר זיך אַ שטאָדט,
אַ באַרג, מיט רויך פון אויבען, בלוי וואַסער, טומעלדיגע גאַסען,
מאָנומענטען, קליינע דראָשקעס, נאָך קלענערע אייזעלעך מיט פערד־
לאָך און איך גיב איבער מיין איינדרוק אָהן פאָראורטייל, צום גו־
טען, אָדער שלעכטען.

איז נעאַפּאָל ווירקליך אַזוי שעהן, ווי איהר רעפּוטאַציע? ניין.
איך געה פון גאַס צו גאַס, אַרויף. אַראָפּ, ענג, טומעלדיג, צימליך
שמוציג און שטויביג... פיעל אַלטווארג, אַלטע הייזער, אַלטע מאָנו־
מענטען, דערזעלבער קולט פון אַלטקייט... שלעכט געפּלאַסטערטע
גאַסען, אָהן באַזונדערס שעהנעם אויסבליק. ס'איז אַ ניט־דערוואַק־
סענע פּראָווינץ... און איהר טומעלדיגקייט איז אויך נישט אויס־
געהאַלטען. איך דאַרף דעם פּאָסט־אָפּיס, אַ רעגיסטרירטען בריעף
אָפּצושיקען, קום אָהין האַלב נאָך ניין. ס'איז צוגעמאַכט, עס עפענט
זיך ערשט 10 אַ זייגער. און אַזוי זיינען פיעלע געשעפטען. זיי עפע־
נען זיך ערשט 10 אַ זייגער... אין דער צייט, ווען אויף די גאַסען
ווימעלט עס שוין פון גאָר פריה, קום איך צום נאַציאָנאַלען מוזעאום
— צוגעמאַכט, עפענט זיך שפּעטער. נעהם איך אַ דראָשקע — שלאָ־
פען איין פאָהרענדיג דאָס פערדעל, דער קוטשער און דער פּאַסאַ־
זשיר. און צו דערזעלבער צייט — אַ געווימעל פון איילענדע, און
פליטערענדע שטרוי־היט, רויטע לענטעס, פאַרברענטע פּנימ'ער.
עס הענגט אין דער לופטען אַ געמיש פון בלענדענדען זונען־שיין.
לאַנגע שאָטענס, שטויב און אויף די העכסטע טענער קלעטערענ־
דיגער איטאַליענישער געשפּרעך... ניין, וואָס איז דאָ שעהנעס
אין נעאַפּאָל! ס'איז היים, איך ווער מיעד, איך וויל צוריקגעהן
צום שיף. און מיט אַמאָל, עפענט זיך אַ גאַס, ווערט ברייטער, ווערט
אַ גאַנצער סקווער און דער סקווער צעוואַקסט זיך מיט פּאַלמען, און
צושפּרייט אַ ברייטען געל־זיידען טישטוך, און הענגט איבער דעם
אַלעם אויף אַ בלוי־בלויען, זיידען־לאַסטשענדען ים, און איבער איהם
אַ צאַרטען גרינליך בלויען, ראָזיג בלויען הימעל... און דערנאָך
שווימט אַרויס אַ פּיאַלעטער אינזעל און לעגט זיך גראַציעז אַנידער
אויף דעם ים האָריזאָנט צו דער רעכטער זייט, און צו דער לינקער
זייט שפּינט זיך אויס פון געלע, רויטע, ברוינע און בלויע פאַרבען

א פאנטאסטישער שלאָס! מיין גאָט, וואָס זעה איך דאָ!! שטיקער בעקלינ׳ם בילדער זעה איך דאָ! אָט איז בעקלינ׳ם אַ שלאָס, יענער וואונדערליכער שלאָס מיט די ענגגענרע עקיגע ליניען, שטעהענדע פעלזען־שטיינער און טונקעלע מיסטישע פענסטער... אָט, איז דאָך זיין „אינזעל דער טויטען", אָט „זיין ווילאַ ביים ברעג ים", אָט זיין וועהמוטיג, זיס־ראָמאַנטישע קונסט, וואָס נאָגט אַזוי דאָס הארץ און רופט עפּעס אוועק אין אַ וועלט פון אייביגען זילבער־געזאַנג און אונענדליכען בענקען... און איבער דעם אַלעמען הענגט דער אַלטער וועזאוואי און רויכערט זיין ליולקע טאָג און נאַכט, ביי־נאַכט צופּיפּקעט ער זיך רויט פייערדיג, בייטאָג ווערט ער פוילער, ציהט ביסלעכווייז אַ ווייס־גרויען רויך, און צו מיטאָג, ווען די זון שיינט מיט אַלע שטראַלען, לאָזט דער אַלטער ארוים אַ דין בלייך רויכעל, אַ לאַנג און אַ בלויליך. אָט, אָט, דאַכט זיך, וועט ער אין גאַנצען איינדרעמלען... אָט דאָס איז נעאַפּאַל!

זי האָט זיך מיר געוויזען. זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגען מיין גלייכגילטיגקייט און האָט צו מיר אַ בלישטשע געטאָן מיט די אויגען. און האָט מיך געפאַנגען. און פון דעם מאָמענט אָן בין איך געווען ווי פאַרליעבט. ניין, נישט פאַרליעבט, דאָס איז נישט דער אויסדרוק, זי האָט מיך באַרוישט, ווי דאָס גלאָז רויטער וויין, וואָס איך האָב פאַר אַ לירע אויסגעטרונקען אין איינעם פון איהרע קליינע שענקלעך. און ווען זי האָט דערפיהלט איהר צויבער איבער מיר, האָט זי מיך נישט שוין אָפּגעלאָזען... אָט איז מיינע אַ טעראַסע, מיט זיגזאַגען־גענג ארויף־צו, אָט נאָך אַ שלאָס מיט קיילעכדיגע טורעמס, פינסטערע פענסטער און בריקען פון איין טורעם צום צווייטען, אָט אַ בארג אין מיטען שטראָם, אָט אַ ווילאַ, אָט אַ גאַנ־צער אוזאַר פון בערג און אינזלען. און ווען מיר זיינען שוין געווען אויפ׳ן שיף און זיך אָפּגעריסען פון איהרע הייסע לאָקעס, האָט זי נאָך מיר געשיקט בלויע צויבערליכע קושען. אָט איז דער אינזעל קאַפּרי, אַ בלויער געזאַנג אין מיטען פון אַ בלויען ים... אָט איז דער אינזעל מיט דעם בלויען גראָט, אָט איז דער אינזעל סאָרענדאָ, פּראָסידאָ מיט דעם פּריזאָן פאַר פאַרברעכער, וואָס זעהט גיכער אויס ווי אַ שלאָס פאַר קעניגע — אַ זאַך, וואָס קען יעצט מעגליך זיין... די פּיאַלעטע אישטשיאַ, די וואונדערבאַרע ניזידאַ... אַלץ לעבען נעאַפּאַל, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, ס׳איז אַ גאַנצע פּלעאַדע פון סירענען, וואָס זינגען פון וואַסער ארויס און רופען

אייך צו זיך און ציהען אייך צו זיך. אַט דאָס איז נעאַפּאָל: „קוק מיך אָן און שטאַרב!"

אָבער אַוועק פון נעפּאָל, אַרויס פון האַרצען איז נעאַפּאָל, פּונקט ווי דער רויש פון דער גלאָז וויין איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ האַלבע שעה פון מיין קאָפּ. ווייטער זיינען געגאַנגען לאַנגע רייהען בערג און אינזלען, עס האָט זיך אָנגעהויבען אויף אונזער וועג קיין מאַרסעל די ריוויעראַ... מיר זיינען פאַרבייגעפאָהרען קאָרסיקאַ, סאַרריניאַ... שעהן, אַלץ שעהן, ווידער אַמאָל שעהן, אַלע וואַריאַציעס פון בלוי, אָבער עס ווילט זיך שוין נישט מעהר...

מיר קומען באַלד אָן קיין וויל־פראַנס, לעבען ניצצא, מיר וועלען ווידער זעהן שעהנע זאַכען, דערנאָך קומט מאַרסעל, וואו עס וואַרט אויף אונז די שיף קיין ארץ ישראל... עס וואָלט זיך שוין געוואָלט אָנקומען אַהין־צו, צו מיין זון מיט די לאַנגע שטראַהלען. אין דיזען מאָמענט אָבער דערווייטערט זיך אונזער שיף פון דער זון... מיר פאָהרען יעצט צום מערב אַנשטאָט מזרח...

ס'טוט וועה! . . .

## אין מאַרסעל

דער האַפען פון מאַרסעל איז אַ וואַלד פון שיפען־קוימענס, מאַסטען־שטעקענס און זעגעל, און צווישען אַלע שיפען פון אַלע לענדער וואַרפען זיך אין די אויגען רוסישע שיפען פון דער אַנטלאָפענער וראַנגעלשער אַרמיי. אַלע אָפּגעריסע, פאַרלאָזען, מיט אַ מאַנשאַפט וואָס קריגט שוין לאַנג קיין געהאַלט נישט, בלויז עסען. און דאָס אויך קאַרג. ווער גיט זיי עסען? עפּעס אַ רוסישע, אָדער רוסיש־פראַנצויזישע געזעלשאַפט.

אַט לעזן איך דעם נאָמען „אָדעסאַ" אין רוסישע בוכשטאַבען אויף אַ גרויסע שוואַרצע שיף; אַט דעם נאָמען „זאַבאַוואַ", „טולאַ" און אַט גאָר „יערוסאַלים" (ירושלים). אַרום הונדערט און צוואַנציג רוסישע שיפען, זאָגט מען מיר, שטעהען אין היגען פּאָרט שוין חדשים לאַנג, טויזענדע רוסישע מאַטראָזען און גלאַט אַנטלאָפענע, וואַלגערען זיך אין מאַרסעל און זיצען און וואַרטען. זיי ווילען פאָהרען קיין רוסלאַנד, לאָזט מען זיי נישט. איך געה איינמאָל פאַרביי אַזאַ שיף, דערזעה איך אַ גרופּע רוסישע מאַטראָזען, גריס איך זיי אויף רוסיש, ענטפערען זיי מיר פאַרזיכטיג, צוריקגעהאַל

טען. פרעג איך, צי מען קען ארויפקומען אביסעל דורכשמועסען (פאטאלקאוואט), בעטען זיי מיך ארויפקומען, קוקען מיך אן מיט א געמישטען בליק פון נייגעריגקייט און חשד. מען צורעדט זיך, מען ווערט היימליכער. דערצעהלען זיי, אז זיי אלע זיינען דאס פון קרים פארשלעפט געווארען מיט ווראנגעל'ס ארמיי, אבער זיי זיי־נען אלע קאמוניסטען. און זיי זיינען זיכער, אז די גאנצע וועלט וועט ווערען קאמוניסטיש, אז נאך אביסעל און אלעס וועט ווערען פריי און שעהן און גוט... ווי אזוי דיזע קאמבינאציע פון ווראנגעל און קאמוניזם איז צושטאנד געקומען, האבען זיי ניט געוואלט ער־קלעהרען. זיי האבען בלויז געזאגט, זיי מאכען א לעבען פון שיף־ארבייט זייט צעהנדליגע יאהרען, האבען געארבייט אויך ביי ווראנ־געל אלס ארבייטער, און עס האט זיי עפעס אהער פארשלעפט, זיי זיינען, זאגען זיי, גאר ניט שולדיג אין ווראנגעליזם... וועגען אמעריקא האבען זיי זיך נאכגעפרעגט, צי „טאווארישצעס" פאה־רען קיין רוסלאנד, און וואס אמעריקא דענקט. באזונדערס האט זיך אינטערעסירט איינער, וועלכען זיי האבען מיר פארגעשטעלט אלס פאלקאווניק, און וועלכער איז דערפאר אין כעס געווארען און שיעור ניט פארפאהרען יענעם אין די צייהן.

א געמישטען איינדרוק האבען אויף מיר געמאכט דיזע גרויסע ברייטביינערדיגע, סקולאסטע און קליינאויגיגע חברה, נאאיוו און כיטרע צו דערזעלבער צייט, דאכט זיך, אט די גאנצע נשמה אפען און מיט אמאל א טעמפער בלומרשט ניט פארשטעהן. דער גאנצער איינדרוק פון מארסעל איז געווען א געמישטער.

איך נעהם א פראנצויזשע צייטונג, וואס געהט ארוים יעדע שטונדע, די אווענט־צייטונג, „לע־ראדיקאל", לעז איך אן „אויפרוף צו ארבייטער". מען רופט צו א סינדיקאליסטען־מיטינג מיט די פאלגענדע ווערטער: „אייערע קרבנות פאר די פינף יאהר קריעג, האט אייך גארנישט געבראכט, אייער לאגע איז יעצט האפנונגס־לאזער ווי אפילו אין די טראגישסטע מאמענטען פון דער מלחמה. קאפיטאל מאכט צו די אויערען צו אייער שטימע און זיין בייטעל פאר אייערע אינטערעסען... וואס־זשע דענקט איהר ברידער?!" און עס פאלגט א רוף פאר עמאנסיפאציאן. און צו גלייכער צייט ווערען קאמענטירט אין דער צייטונג ביטער און פארביסען די דייטשע האלטונג. זייער רעפאראציאנס פאליטיק, א. ז. וו., און אזוי יעדע צייטונג, וואס מיר איז אין האנט אריין האט געטראגען א

שטאַרק אויסגעדריקטען דעמאָקראַטיש רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער מיט אַ שאָוויניסטיש נאַציאָנאַלען.

געה איך אַריין אַוועגט אין אַ טעאַטער, מיט'ן נאָמען „אַלקאַזאַר". דאָרט ווייזט מען אַן אַפּערעטקע „טערעזע" פון אַ לאָקאַלען זשאַנר. באַטראַכט איך דעם טעאַטער, אַ זאָנדערבאַרער: אַנשטאַט ווענט — שפּיגלען, בלויז שפּיגעלדיגע ווענט אַזוי אַז דאָס מאַכט אַן איינדרוק פון אַן אונענדליך גרויסען רוים מיט אונענדליך פיעל ליכטער און קריסטאַל... פּראַכט און גלאַנץ פון אַ ביליגען סאָרט. אָבער פון אַ פאַנטאַסטישען.

און דאָ דרעהען זיך אַרום פּרויען, פאַרקויפען אָרענזשעס, צייטונגען, געטראַנקען. אין באַגלייטונג פון זייערע יונגע טעכטערלעך. עס ווערט געטאָן ערנסט געשעפטסמעסיג, זייט ביי זייט מיט גאַסען־מיידלאַך, שטאַרק אָנגעשמירטע, וואָס באַטרייבען זייער האַנדעל אויך זעהר ערנסט און געשעפטסמעסיג. אויבען, אין דער גאַלעריע קומט זיך דאָס פאָלק צונויף, פּראַסט היימליך, מען רויכערט, מען עסט אָראַנזשעס, ווי ביי אונז אין ניו יאָרק אין די גוטע אַלטע צייטען פינאַטס. מען ברענגט ווייב און קינדער מיט זיך. דאָ זיצען יונגע סאָלדאַטען, דאָ פּאָליסלייט; אַ געמישטער עולם, אַ יונגע מאָדיסטקע, אַ דאָק־אַרבייטער, אַלע צוזאַמען פרעהליך.

עפּענט זיך דאָס שטיק... ענטוישענד! זעהר אָנשטענדיג, אָבער אַזוי אָנשטענדיג, אַז אַפילו בראָדוויי וואָלט דאָס ניט פאַרטראָגען. קיין איין פריוואָליטעט, קיין איין פרעכבער אָדער צי פרייער זשעסט, און דער הומאָר דער אַלטער באַקאַנטער; אַלטע גוטמוטיגע פאַרמערס פאַלען אַריין אין שטאָדט אין אַ רייכען הויז צו גאַסט און ווייסען זיך ניט ווי צו האַלטען, ווי צו זיצען ביים טיש, און דערפון דער גאַנצער קאָמיזם. איז און אַרום דעם טעאַטער, אין די לאָבים געהט אָן צו דערזעלבער צייט אַן אינטענסיווע אַקטיוויטעט פון די גאַסען־מיידלאַך...

און אַליין די שטאָדט, ס'איז ווי אַ ניו יאָרקער דזשאַנק שאַפּ פול מיט אַנטיקען און מאָדערנע זאַכען, אַלעס געמישט און צונויפגעוואָרפען, און אַפילו נישט אַלעס גאָר כאַאָטיש, עפּעס אַ כאַאָס און אָרדנונג זייט ביי זייט. אויך דאָ קולטיווירט מען דאָס אַלטערטימליכע אָבער מען ציטערט נישט איבער זייער שטויב... ברייטע גאַסען, שעהנע גלייכע ליכטיגע און אָט באַלד פינסטערע טונקעלע אָריענטאַלישע. נעבען דעם צענטער געפינט זיך אַ יאַריד, מיט קאַ־

רוסעלען, און די אַלטמאָדישע צירקוסען, מיט די דאַמע וואָס האָט דריי פיס, דעם „פּאַפּאַ“ מיט דער בייטש, וואָס טרייבט אַ דרעסירטע קעלבעל, אַ באַראַבאַנשטשיק אַ קלאַון . . . און דאָס אַלעס ליאַרעמט, שרייט, און באַלד דאָ אַ גרויסער באַסיין פון לויפּענדען וואַסער, וואו אַ סך ווייבער וואַשען וועש.

מען אַנאַנסירט אַ בּול פּייט מיט דעמזעלבען וועג ווי מען אַנאַנסירט דאָ גלייך אַ קונסט אויסשטעלונג פון מאָדערנע קינסטלער, די זעלבע אַפישען און דערזעלבער לשון . . .

און דאָס גאַנצע לעבען איז עפּעס אַ לייכט, פאַרשווענדעריש... געלט לויפט פון האַנד צו האַנד ווי וואַסער שווימט. און וואָס איז דאָס פאַר אַ געלד ? עס איז אַ שפּאַס, אַ געלעכטער אָבער קיין געלט. אַלעס וואָס איהר ווילט איז דאָ געלד צייכענס. אַ ביינדעל, אַ קנעפּעל, אַט ווי ביי אינגלאַך וואָס שפּיעלען זיך אויפ'ן גאַס. אַלעס איז ביי זיי אַ סחורה. שטיקלאַך קאַרטאָן, שמוציגע צונויפגעקלעפּטע, הייסען פינף און צוואַנציג סאַנטים, אַמאָל איז דאָס צעהן, אַמאָל פופצעהן. אָבער אויך קנעפּלעך מיט אַן אַרויפגעקלעפּטע פּאָסט מאַרקע געהט פאַר דערזעלבער מטבע. פראַנקען, קליינע פּאַפּירלאַך ווי ציגאַר קופּאָנס, שלעכט געדרוקטע, צוריסענע, שמוציגע איינפאַך געפעהרליך צו האַלטען זיי אין די הענד, פּילען אַן די קעשענעס פון יעדען איינעם. און קיינער זשאַלעוועט זיי נישט אויסצוגעבען, און זיי ווערען אויך גרינג אויסגעגעבען. ווייל אַלעס איז טייער. דאָך נישט צו טייער. אַ פּאָר שיך 50 פראַנק, אַ הוט אַ פּאָנאַמע 50 פראַנק, אַ צייטונג 15 סאַנטים, אַ גלאָז קאַפּע מיט אַ זעמעל 75 סאַנטים, אַ פלעשעל רויטער וויין 2—3 פראַנק. איבערזעצט איהר דאָס אין אַמעריקאַנער געלט איז דאָס ניט פּיעל. מענשען גיבען דאָ אויס גערן זייער געלד, אָבער צו גלייכער צייט, וואָס פאַר אַ ליידענשאַפטליך יאַגעניש נאָך געלד ! ווי מען באַרייסט דאָס אין די האָטעלען, די טרעגערס, די אַגענטען, די הענדלער אין די קלייטען ! ווי מען לויערט דאָס מיט זשעדנע אויגען, ווי מען רעכענט דאָס פאַר יעדע קלייניגקייט, פאַר אַ נעפּקין באַזונדער, פאַר אַ טוטפּיק באַזונדער, אַ שטיקעל פּוטער באַזונדער, פאַר מילך באַזונדער.

און די פאַרהעלטניש צו אונז, די וואָס קומען פון אַמעריקאַ איז אַ געמישטע : מען האָט דרך־ארץ און פיינט.

און ווער זיינען דאָס אין מאַרסעל די וואָס האָבען דרך־ארץ און האָבען פּיינט ? פראַנצויזען ? איך ווייס ניט. איך האָב, דאַכט

זיך, דאַרט קיין אמת'ען פראַנצויז ניט באַגעגענט. דער איז אַ גרעק, יענער אַן אַראַב, איטאַליענער, שווייצאַרער, איד. ס'איז אַ געמיש פון אַלע נאַציאָנען, אַפריקאַ, אייראָפּאַ און אַזיען אין קליינינקע קאַפּע הייזלאַך און נאָך קלענערע סטריט קאַרלעך צונויפגעמישט.

און די אידען פון מאַרסעל?

פון זיי האָב איך מיטגענומען דעם ערגסטען איינדרוק. איך בין צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע אידישע יונגע לייט לעבען אַ אידישען רעסטאָראַן מיט דער אויפשריפט כ ש ר, און פרעג זיי: „זייט איהר אידען?" „יאַ". „בין איך אויך אַ איד. איך און אַט די, פאָה־רען קיין ארץ ישראל", זאָג איך זיי. אַז זיי האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו קרימען, ווי אמת'ע אַנטיסעמיטען, פּאַסקודניאַקעס... און אַז עס איז פאַרביי געגאַנגען אַן אַלטער איד מיט אַ גרויסע ווייסע באָרד, אַ בילדליכע פיגור, האָבען זיי איהם נעכאַפּט פאַר דער באָרד. זיינען אַרוים זייערע פרויען און האָבען אויך געלאַכט פון דעם גאַנצען עסק. „פּאַלעסטין — כאַכאַם — שבת... שבת... לאַנגע פאות, באָרד, ציצית"..... איך קען אָהן עקעל זיך ניט דערמאָנען אָן זיי. זיי האָבען מיר אַזוי פאַרעקעלט, אַז איך בין שוין ניט געגאַנגען אָפּזוכען אַנדערע, און געווים אַ בע־סערען סאָרט אידען.

איבער דעם גאַנצען געמיש פון מאַרסעל הויך, הויך אויף אַ באַרג, וואָס דאָמינירט די גאַנצע שטאָדט, שטעהט דער מאַרסעלער קאַטעד־ראַל, אונגלויבליך הויך מיט דעם שפּיץ אין הימעל אַריין און אויבען אויפ'ן סאַמע שפּיץ שטעהט אַ קאָלאָסאַלע מאַדאָננאַ מיט אַ קינד. מאַדאָננאַ „דע לאַ גאַרד" און היט אָט דעם גאַנצען „דזשאַנק", וואָס הייסט די שטאָדט מאַרסעל, עס זאָל איהם חלילה קיין שלעכטס ניט געשעהן.

## אין אַלעקסאַנדריאַ

„ספינקס", אַ שיף פון דער מאַסאַדזשערי קאָמפּאַני, האָט אונז נאָך פינף טעג רייזע איבער אַלע מעגליכע בלויקייטען געבראַכט אויפ'ן זעקסטען טאָג צו אַ שמאָלינקען פּאַסקעל געל אויפ'ן האָרי־זאָנט. אַ לייכטער זאַמדיגער געל — דאָס איז געווען אַלעקסאַנד־ריאַ! אַן אָנווייז אויף יפו! געל און דאָס וואַסער גרין, אָדער בלוי... געל־בלוי־גרין... דאָס הארץ האָט אַ ציטער געטאָן...

נאהענט! אויפ'ן שיף זיינען פון מארסעל קיין ארץ־ישראל שוין געפאהרען א היבשע צאהל נייע אידען. אוןווידער אמאל דיזעלבע ערשיינונג. קיין צוויי אידען פון דעמזעלבען מין און דא אלע מיט דעמזעלבען שטרעבען און דיזעלבע האפנונגען.

א טאבאק־פאבריקאנט אוים מאנטשעסטער, אן עכטער ענגלי־שער איד, פאהרט קיין ארץ ישראל, ווייל ער פיהלט, ער מוז דאס טאן. א צוועיטער יונגערמאן האט נאך פיעלע יאהרען ארומ־טרייבען זיך צווישען „פרעמדע", באשלאסען אומצוקעהרען זיך צו זיך זעלבסט... און אזוי יעדער פון די, וואס זיינען געווען אויף דעם שיף. א יונגערמאן פון שיקאגא מיט ווייב און קינד... אן עלטערער איד פון דייטשלאנד... מען פאהרט... אידען פאהרען צו זיך...

אלעקסאנדריא! נישט קיין שעהנע שטאדט! נאך די אלע אל־זשיערס, פאלערמאס, נעאפאלס איז אלעקסאנדריא ניט שעהן... אבער פאר די צוויי טעג, וואס איך בין דא אפגעוועזן, האב איך זי ליעב געקראגען. דאס הייסט, ניט ליעב, נאר נאהענט איז זי מיר געווארען, ווי מען בינדט זיך צו צו א פרוי, וואס איז עהנליך צו דער געליעבטער.

איך בין שטונדען־לאנג ארומגעגאנגען איבער די געסלעך, גע־קוקט און געהערט. מען רעדט אראביש און פראנצויזיש; ענגליש ווענינ. די שילדען אויף די קלייטען, די נעמען פון די גאסען, צייר־טונגען, אפישען, אויפשריפטען אויף דער גאסען־באהן, אלץ איז פראנצויזיש און דאך איז אלעקסאנדריא אן ענגלישע קאלאניע. עס פיהלט זיך, אז עפעס איז דא ניט גלאט.

איך באגעגען א אידיש איינגעל, שטעל איהם אפ, צורעד זיך מיט איהם: „וואוהין געהסטו יעצט?" „אין סקול", ענטפערט ער. „אין וואס פאר א?" „א פראנצויזישע". „לערענט איהר דארט ענגליש?" „ניין, זעהר ווענינ".

אלע רעגירונגס־פלעצער, ווי פאסט, סטאנציאנען, קאסטאם־הויז, א. ד. ג. רעדען זעהר א שוואכען ענגליש, אלעם איבעריגעס מאכט אפילו קיין פארזוך נישט צום ענגלישען. קויף איך א נומער פון א העברעאישער צייטונג „ישראל" — א קליין בלעטעלע. א מי־ניואטור פארמאט. צוויי זייטלעך אנאנסען. און כמעט אלע אנאנ־סען זיינען אין פראנצויזישער שפראך. אזא זאך מוז דאך קרענקען ענגלאנד; עס קען ניט זיין, אז עס זאל ניט וועה טאן דער באלע־

באַסטע. און עס שפּירט זיך אין דער לופטען אַ קאַמף פאַר איינ־פלוס.

איך האָב צוגעזעהן סצענקעס, וואו ענגלענדער און פראַנצויזען האָבען זיך אויף ערדעלען שטייגער שטעכווערטלער געזאָגט... אָבער איך האָב צוגעזעהן אַ סצענקע, וואָס איז פיל דראַמאַטישער אין איהר באַדייטונג, ווי די קאָנקורענץ צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד.

אַן אַראַבישער טרעגער איז אויפגעבראַכט געוואָרען צו אַ ברעגענדען כעס, ווען איינער האָט אין זיין אַנוועזענהייט געזאָגט, אַז אַלעקסאַנדריאַ איז אַ טייל פון דער ענגלישער אימפּעריע! זיינע אויגען זיינען געוואָרען גליהענד, זיינע צייהן האָבען געקריצט. „ס'איז אַן אַראַביש לאַנד — קיין ענגלישע!"... האָט ער געכאָרכעלט! אַט פאַר דעם כאָרכלען האָט, ווי עס שיינט, ענגלאַנד מורא.

יעדעס מאָל, ווען איך געה פון שיף אַראָפּ אין שטאָדט אַריין, שטעלט מען מיך אָפּ ביים אַריינגאַנג און מען באַטאַפּט מיך און באַזוכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. און געהן געה איך צוואַנציג מאָל אַ טאָג. געה איך אין באַגלייטונג פון אַ באַקאַנטער, נעמט מען זי אַריין אין אַ באַזונדער צימער, וואו אַ פרוי באַזוכט זי פון קאָפּ ביז די פיס. מיר האָבען זיך צוערשט געשראָקען, ניט געלאָזען, געבונטעוועט, אָבער אַראַבישע פּאָליסלייט האָבען אונז מיט אייזערנער געוואַלט אַריינגענומען אין די הענט און צוגעוועהנט צו דעם פּראָצעס. עס האָט מיך שוין דערנאָך אַמוזירט. און וואָס זוכט מען? וואָפען. עס לויפט ניט דורך קיין חיה, עס פליהט ניט פאַרביי קיין פויגעל, מען זאָל איהם ניט אָפּשטעלען און באַטאַפּען... עס ציטערט ענגלאַנד פאַר עפּעס.

און נאָך אַ זאַך זוכט מען דאָרט — קאָקאַאין. איך בין שיער ניט אַריינגעפאַלען אין גרויסע צרות צוליעב דעם ענין.

איך האָב אין מיין זייטען־קעשענע געהאַט עטליכע קאַפּסולקעס מיט כינין, וועלכע איך האָב פאַרגעסען איבערצולאָזען אויפ'ן שיף, אַראָפּגעהענדיג אין שטאָדט. גענומען מיין סקיצען־בוך, פאַרב און פּינזעל, געה איך אַביסעל צייכענען אַלעקסאַנדריע. שטעלט מען מיך אָפּ ביים טויער, באַזוכט מען מיך צום צעהנטען מאָל און מען ענטדעקט ביי מיר דיזע כינין־קאַפּסולקעס. „וואָס איז דאָס?" פרעגען די אַראַבער. „כינין", ענטפער איך. „ס'איז קיין כינין, ס'איז קאָקאַאין". אַז איך האָב דאָס וואָרט דערהערט, איז מיר ביטער

געוואָרען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר שטעהט פאַר אַ לאַנגע פּראָצעדור.

אַ מאַסע אַראַבער זיינען זיך צונויפגעקומען, אַלע האָבען די קאַפּסולקעס געשמעקט, געריבען, פּאַרזוכט, גערעדט האַסטיג, און מיט זיכערהייט אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ „העכט", וואָס איז אַריינגעפאַלען. דאַן זיינען אָנגעקומען אַ טוצענד „עפענדים", אַלע האָבען גערעדט, געכאַרכעלט.

איך האָב זיי שוין געוואָלט איבערלאָזען די קאַפּסולקעס מיט כינין און ביים צוריקקעהר דאָס אָפּנעהמען, זאָגט מען מיר: ניין, ברודער! אָפּלאָזען וועלען מיר דיך נים, זיץ. זיי האָבען אָפּגעשיקט די קאַפּסולקעס אַנאַליזירען צו זייער אַ דאָקטאָר. זיץ איך און וואַרט. שטונדען זיינען פאַרביי. ענדליך קומט מען און מען זאָגט אַז, אַז אמת, ס'איז קיין קאַקאַאין, ס'איז אָבער אויך קיין כינין. וואָס־זשע איז דאָס? שלעפּט מען מיך צו אַן אַנדער עפענדי. יענער האָט מיך אָנגעקוקט, מיין סקיצען־בוך, מיינע פאַרבען, מיינע כינין־קאַפּ־סולקעס, לאַנג געטראַכט און ענדליך אַרויסגעגעבען דעם אורטייל: „צוויי פּיאַסטער". (אַכט סענט). איך בין אַזוי בייז געוואָרען, אַז איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, אַז איך וועל פּרינציפּיעל נישט געבען די אַכט סענט. און איך האָב אויסגעפיהרט. אָבער עגמת נפש האָב איך גענוג געהאַט.

אַרבייטען דעם טאָג האָב איך שוין ניט געקענט, בין איך גלאַט געגאַנגען אָנקוקען דאָס שטעדטעל. איך האָב געוואָלט אַריינגעהן אין אַ אידיש הויז און זעהן, ווי לעבען דאַ אידען ביי זיך אין דער היים. מיר איז געלונגען צו געפינען אַ הויז:

איך בין אַריין, זיך ענטשולדיגט, ערקלעהרט, וואָס איך וויל, ווער איך בין. זיינען פון אַלע צימערלעך אַרויסגעלאָפען מיידלעך. איינע אַ שוואַרצ'חנ'עווריגע, האָט גערעדט גריכיש, אַן אַנדערע, אַ דינינקע, אַ לאַנגע, האָט גערעדט פראַנצויזיש ,אַנדערע האָבען גערעדט אַראַביש, איטאַליעניש, און דער בעל־הבית אַליין האָט גע־רעדט אַ באַרבאַרישען העברעאיש. און אַז זיי האָבען זיך נישט גע־קענט מיט מיר צונויפרעדען, איז אַרויס אַ מומע און פרעגט, צו איך רעד רוסיש, זי רעדט רוסיש.

איך קוק זיך אַרום, מאָדנע מעבעל, מאָדנע צימערען, עפּעס אַ געמיש פון אַלע סטילען, פון אַלע שפּראַכען, אַ לעבען אָהן שעהנ־

קיים. אבער אידען איז מען. איבער אמעריקא פרעגט מען זיך נאך זשעדנע און איבער ארץ־ישראל נאך מעהר.

אויפ'ן גאס טרעף איך א אידעל, א ליטוואקעל, איז ער אויך אן אלעקסאנדריער. דערצעהלט ער מיר, אז זיי האבען דא ארבייטער־ארגאניזאציעס, און זיי קלייבען זיך דא צו א קאנפערענץ.

ווייטער טרעף איך אויף רוסיש א שילד, מיט אידישער און העברעאישער איבערזעצונג, אז דא פארקויפט מען מילך, פוטער, קעז. דארף מען אריין. מילך איז גראד אויסגעגאנגען, פוטער וועט באלד זיין און קעז פארקויפט ער היינט ניט. גוט, אבער רעדען אביסעל מעג מען! ווי־זשע לעבט זיך עם? ווי קומט מען אהערצו? צופיהרט א איד מיט די הענד: „פארווארפען געווארען — א לעבען מאכען מוז מען דאך", און אונערווארטעט גיט ער א פרעג: „וואס הערט זיך אין אמעריקא, און וואס הערט זיך אין ארץ ישראל?" מערקווירדיג, ווי דיזע צוויי פראגען שטעהען ביי יעדען צוזאמען. אקוראט, ווי צוויי פלעצער בלויז אין דער גאנצער וועלט זיינען געבליבען פאר אונז.

לאנג איינזיצען אינעווייניג אין א הויז קען איך ניט, עס ציהט דרויסען... עס ווילט זיך קוקען. דער אריענט איז מאלעריש אהן א סוף, אבער אויך שמוציג אהן א סוף. א וואלקען מיט פליגען פליהען אייך פאראויס, און באגלייטען אייך וואוהין איהר געהט. ליגט אן אראבער און שלאפט אויפ'ן גאס, זיצען אויף איהם מיריאדען פליגען, קריכען אים אין די אויגען, אויף די ליפען, אין די אויערען, און ער קימערט זיך ניט און שלאפט ווייטער. זיצט א קינד און פוילט זיך אוועקצוטרייבען די מאסען פליגען, וואס מאכען א לעבען ארום זיינע שווארצע אויגעלעך און מיילכעל, און צוליעב וואס אוועקטרייבען, אז זיי וועלען גלייך ווידער אנקומען.

אט שטעהט א יונגער אראבער און זוכט ביי זיך אין בוזעם איינוואוינער... געענדיגט די ארבייט, ארויפגעווארפען א שטיק פארביגע שמאטע אויפ'ן קאפ, און עס שטעהט פאר אייך א פרינץ.

איך קען מיך גענוג ניט אנקוקען אויף די אונענדליכע דעקאראטיווע עפעקטען פון די אראבישע געסלעך, קרומע, שמאלע, שמוציגע, פאנטאסטיש צודרעהטע, מיט טרעפלעך, גאניקלעך, לעבער, גריבער און ציגען, אייזלען, קעמלען. זיצט אויף א קליינינקען אייזעלע א גראנדיעזע פאדראפירטע אראבישע פיגור, די פיס זיינע דערגרייכען די ערד. מען זעהט כמעט דעם אייזעל ניט. אט געהט א

גרויסע פארביגע פארדראפירטע געשטאלט און שלעפט נאך זיך א ציג, וואס מעקעט אפשייליך... און אט וויגט זיך פארביי אויף א הויכען אומגעלומפערטען קעמעל א יונגער אין ווייסען אנגעטאנע־נער בחור, און זינגט זיך עפעס א מאדנע צעצויגענעם געזאנג, פויל, היים, פארביג, שמוציג און ענטציקענד.

ביים צוריקקעהר אויפ'ן שיף, האט מען מיר אנגעזאגט, אז אונזער שיף וועט אין יפו האבען קאראנטין פיער—פינף טעג אדער זי וועט זיך אינגאנצען ניט אפשטעלען אין יפו. בלייבט גלייך צו פאקען די זאכען און כאפען די באהן, וואס געהט פון אלעקסאנדריא קיין ארץ־ישראל, אויב איך וויל מארגען זיין אין יפו און ניט אין א וואך ארום. מארגען זיין אין יפו! גאט מיינער!

מיין רוה האט מיך פארלאזען, איך האב שוין עסען דעם מאל־צייט ניט געקענט. צוזאמענגעקליבען די זאכען, גענומען א טרעגער, הייזעריג געווארען דינגענדיג זיך, האמפערענדיג זיך, קעמפענדיג פאר יעדער קלייניגקייט... אנגעקומען אויפ'ן וואקזאל, ארייגגע־פאקט זיך אין די קעסטעלעך, וואס הייסען קארס און פאהר!

אבער ווען זעה איך דא? ! אלע חברים, וואס זיינען ארויס־געפאהרען פריהער, מיט דער ערשטער גרופע! און נאך א פולער וואגאן מיט אידען, וואס פאהרען קיין ארץ ישראל!

אין דער פריה זיינען הונדערט און פופציג חלוצים אפגעפאה־רען פון אלעקסאנדריא קיין יפו. עס פאהרען... עס פאהרען אי־דען קיין ארץ ישראל.

היינט נאכט וועלען מיר אריבער דעם סועץ קאנאל, מארגען אין יפו!

אפריל, 1921.

# תל-אביב

## מיין ערשטע סטאַנציע אין אר"ץ ישראל

איך בין שוין דאָ באַלד אַ וואָך און קען מיר נאָך ניט צוזאַמענקלייבן מיט מיינע איינדריקע און איבערגעבן זיי אין אַ וועלכע ניט איז אָרדנונג. צו־פיעל מיט אַמאָל, צו איבערראַשענד, צו וואונדערליך, מערכענהאַפט און צו דערזעלבער צייט, דאַכט זיך, אַזוי קלאָר און איינפאַך.

געטראָפען האָט עס, אַז תל אביב און ניט יפו זאָל זיין דער ערשטער אָרט פון מיין אָנקומען. פאָהרענדיג פון אַלעקסאַנדריאַ מיט דער אייזענבאַהן, בין איך אָרונטער אויף דער סטאַנציע „תל־אביב“, אַנשטאָט צו פאָהרען ווייטער ביז דער סטאַנציע „יפו“. גלייך ביי'ם אַראָפּשטייגען האָבען מיך געטראָפען פריינד און באַקאַנטע, אַלץ ליכטיגע געשטאַלטען, אָנגעטאָן אין ווייס און אין העל, מיט פּנים'ער וואַרעם־געברוינטע. אַן אַראַבישער טרעגער האָט געכאַפּט מיינע צוויי טשעמאָדאַנעס און גענומען טראָגען. האָטעל ספּעקטאָר — ער ווייס, וואו דאָס איז. איבער געלען ווייכען זאַמד געהען מיר פאַראויס, דערזעהען באַלד רייהען ליכטיגע ווייס־געלע הייזער, ברייטע ציכטיגע גאַסען, אַ טיעף בלויען ים אין הינטערגרונד און אַ זיידען בלויען הימעל איבער. ברייטע פלעכען געל און בלוי, דאָ און דאָרט אַ ניואַנס פון רויטליך־אָראַנזש, אָבער געל און בלוי, דאָס זיינען די צוויי הערשענדע טענער. דאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבען פון קאַנטאַראַ, ווען מיר זיינען מיט דער באַהן פאַרבייגעפאָהרען די סיני־וויסטעניש. אונענדליך געל דער זאַמד! ביי נאַכט, ווען די לבנה שיינט, איז עס ווי ווייסער שניי, אונענדליכע שניי־פעלדער מיט אָנגעווינטיגטע שאַרפע שניי־בערג און איבער דעם אַ טיפער בלוי פון דעם רוהיגען הימעל. געל־בלוי און רוה! אַה, די רוה, די שטילקייט, וואָס בלויז די קליינע אייזלען אונטערברעכען מיט זייער עקעלהאַפטען שרייען. און פון צייט צו צייט

די ליידענשאַפטליכע רעדנער פון אַן אַראַבער, מיט זיין העפ־טיגער זשעסטיקולאַציע.

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז אידען זשעסטיקולירען דאַ כמעט ווי גאַר ניט. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזעהן אַזעלכע רוהיגע אידען, ווי איך זעה דאָ. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס ס'איז ניטאָ וועגען וואָס צו זיין אויפגערעגט, אָדער דער ריטם אין דער לופט איז אַזאַ, וואָס באַרוהיגט, די ליכטיגקייט, די ריינע בלויקייט, די גלייכמעסיגקייט פון וועטער, די סטאַביליטעט פון די וואָלקענדלעך אויפ'ן הימעל, וואָס קענען זיך אָפּליגען שטונדען און נישט אַ ריהר טאָן זיך פון אָרט, אָדער אפשר איז דאָס גאָר די העברעאישע שפּראַך מיט דעם ספדר'ישען אַקצענט, וואָס בינט זיי די הענט, יעדענפאַלס — אידען זשעסטיקולירען דאָ כמעט גאָר ניט. איך בין געווען ביי אַ קאָנצערט און פאַרזאַמלונג: אַ סאָן־רעמאַ־נשף. גערעדט האָבען נחום סאָקאָלאָוו און נאָך אַנדערע רעד־נער. דער עולם האָט געהערט, רעאַגירט, דיסקוטירט, דער זינגער האָט געזונגען, געזונגען זעהר שעהן, דער עולם האָט שטאַרק הנאה גע־האַט, אָבער אַלץ אָהן אונזער ניו יאָרקער היסטעריקע און כמעט אין גאַנצען אָהן זשעסטיקולאַציע: רוהיג, געלאַסען, קולטורעל. קולטור, די אייראָפּעאישע קולטור, די פיין־ערצויגענקייט, די איי־דעלע געזעלשאַפטליכע האַלטונגען, די העפליכע שפּראַך, די גוטע מאַנירען און איבער דעם אַלעם ווייסע, געלע ציכטיגקייט און אַ זיידענער הימעל!

אַט דאָס איז תל אביב!

יעדעס הויז איז געבויט און געהאַלטען מיט זאָרג און ליעבע, טראָגט שטענדיג עפּעס אַן אינדיווידועלען שטריך. דאָ אַ באַל־קאָנטשיק אַן אייגענאַרטיגער, דאָרט אַ פענסטערעל מיט קליינינקע פאַרשידענאַרטיגע שויבען, דאָ אַ פאַסאַד אַן אָריגינעלער, דאָרט אַ קאַרניז, אַ דאַך, אַ טרעפּ, אַ פאַרענטשע, אימער פאַרטראַכט, מיט אַן אידעע אויסצודריקען זיין אייגענעם געשמאַק. און די גאַ־סען אַליין זיינען נישט אַלע אין אַ גלייכער ליניע געצויגען. דאָס איז ספּעציעל געווען די אַבזיכט פון די, וואָס האָבען די גאַסען באַ־שטימט. דאָס אויג זאָל ניט ווערען גלייכגילטיג צו אַ גלייכער לי־ניע, זאָל זיין נייגעריג — וואָס די גאַס פאַרמאַגט דאָרט, וואו זי פאַרקעהרט זיך. די בויערס דאָ, וואָס זיינען געקומען פון אַמע־ריקאַ, די פראַנצויזישע אַרכיטעקטען און אינזשיניערען וועלען

באַלד מאַכען אַ סוף פון דיזע זאַכען. איך האָב געהערט איינעם זיך היצען וועגען דעם, אַז ס'איז ניט פּראַקטיש. הייזער קען מען בויען ביליגער, ווען מען בויט פיעלע פון גלייכען סטיל, גאַסען גלייכע זיינען באַקוועמער ווי געבויגענע. דאָ איז פאַראַן אַ קאָנ־טראַקטאָר ווילסאָן, וואָס יוניפאָרמירט שוין הייזער. ער בויט זיי אויף דעם שניט פון אַמעריקאַנער איין אָדער צוויי פאַמיליען־הייזער מיט פענסטער, וואָס עפענען זיך פון אויבען אַראָפּ, אַ פענ־סטער פון צוויי שויבען אָנשטאָט די אוזאַרען. אוזאַרען אויף די פענסטער, זאָגען מאַנכע פּראָזאַאיקער, שטאַמען דאָ פון דעם, וואָס גרויסע שטיקער גלאָז זיינען צו טייער. גלאָז אימפּאָרטירט מען דאָ. דאַרום איז זיכערער, ווען די שויבען זיינען קליין; צו־ברעכט זיך אַ שויב, איז גרינגער אַריינצושטעלען אַ קליינינקע און אַ דריי־עקיגע שויב, ווי אַ גרויסע און קוואַדראַטנע. וויציג, אָבער נישט ריכטיג. ווייל אין יעדער פענסטער מיט דיזען שניט, זעהט זיך אַ אידעע, אַ צייכנונג, ניט גלאַט שטיקלאַך אָהן פּלאַן. איבער־הויפּט ווערט דאָ געפּלאַנעוועט און נעפּלאַנעוועט. גאַסען אָנגע־דייט, וואָס פיהרען צום ים. הייזער און הייזער געפּלאַנעוועט און אָנגעהויבען, ווייל בויען אַ הויז איז דערווייל די איינציגע זאַך, וואָס אַ איד מיט עטליכע טויזענט פונט אָדער דאָלאַרס קען אָנ־הויבען צו טאָן.

מיט מיר זיינען אָנגעקומען עטליכע אַמעריקאַנער אידען מיט 15-10 טויזענד דאָלאַר קעש. לויפען זיי אַרום גאַנצע טעג, שמעקען און זוכען וואָס צו טאָן דאָ מיט זייער געלד, זיינען צופרידען צו פאַרדינען אַ מינימום, אַבי נאָר צו קענען עקזיסטירען. און נאָך אונענדליכען רעדען און פרעגען, קומען זיי צום שלום, אַז בויען אַ הויז, פאַרדינגען דאָס הויז און לעבען פון רענט, איז די איינציגע זאַך, וואָס זיי קענען טאָן. אַ הויז פון מיטעלען שניט דאַרף קאָסטען אַ פופצעהן טויזענד דאָלאַר, דירה־געלד קען מען דאָ אַרויסקריגען פון אַ וואוינונג ביז 20 פונט אַ חודש. רענט איז דאָ הויך, אַ צימער — 3-4 פונט אַ חודש, דאָס הייסט אַ 12-16 דאָלאַר. קען שוין דער אייגענטימער ווי ניט איז דורכקומען. אָבער בויען דאַרף מען אויף קעש, קרעדיט גיט קיין באַנק ניט און דאָ באַפאַלט דעם בויער אַ שרעק: ווי אַז אַ באַנק וועט זיך גרינדען, מען וועט אָנהויבען געבען קרעדיט, וועט מען אָנהויבען בויען, וועט רענט פאַלען, וועט ער קיין לעבען נישט מאַכען, און קיין געלט נישט מעהר האָבען, ווייל דאָס

גאנצע געלט ליגט אין הויז! באפאלט איהם א שרעק און ער האט מורא אפילו צו בויען. או אנדער זאך? שווער! צו וואס ער זאל זיך ניט נעמען, דארף ער האבען שווערע טויזענדער, צוואנציג טויזענד, דרייסיג טויזענט. אלץ, זאגען זיי, שטייגט הויך, די געלט־סיסטעם פון פונטען איז צו שווער, זאגען זיי, פאר אזא ארים לאנד... א פאבריקעל פון עפעס — איז ריזיקאנט. זיי האבען מורא צו פאר־לירען זייערע פאר דאלאר. לויפען זיי ארום, רעדען, אבער אלץ רוהיג, אהן זשעסטיקולאציע. אויך זיי, די נאר־וואס אריבערגעקו־מענע, האט דער געלער זאמד און בלויער הימעל בארוהיגט.

רוה! די זוניגע העלע רוה! קינדערלאך שווארץ־חנ'עוודיגע, ראזיג־ברוינינקע, אין ווייסען אנגעטאן שפילען זיך און רעדען און שטיפען אויף א זאנדערבאר עקזאטיש קלינגענדער שפראך. עלטע־רע מענשען געהען פארביי און שמועסען יום־טוב'דיג, שטיל, שעהן און יונגע לייט געהען ארום און דרעהען מיט די שטעקלעך. אך, די יונגע לייט די תל־אביב'ער, זיי האבען מיין הארץ געפאנגען! זיי טראגען מייסטענס גרויסע, אפגעלעגטע, ווייכע העמדער, צימ־ליך ווייט דעקאלטירט. זיי טראגען לאנגע האר, העלע הויזען, ווייסע שיך און א דינינקען שטעקעלע; און עס געהט זיך א יונגער־מאנטשיק אזוי איבער דעם ראטשילד בולווארד איז דאס א בליהענד יונגפרוי, ניט קיין בחור... ער געהט אזוי לאנגזאם, קאקעטיש, און דרעהט זיך דאס שטעקעלע! שטעקעלעך טראגען אלע, אויסער מיידלעך. די מיידלעך טראגען א ברוין געזיכטס־פארב, לויזע קליי־דער, געשארענע האר, א גלייכען פרייען בליק און א פעסט געזונ־טען שטעל. געהט זיך אזוי א יונגפרוי איבער דעם ראטשילד בול־ווער איז דאס א בליהענד בחור'ל — נישט קיין מיידעל. אבער שעהן, — דאס בלייבט ביי זיי, שעהן און פריש זיינען זיי! און קומט דער אווענט שיט ארוים די יוגענד אויף דער שעהנער הערצל־גאס און אין דעם ראטשילד בולוואר און ארום דעם סינעמא, אי־בער גאנץ תל אביב און עס באוועגען זיך שטעקעלעך, און עס פינק־לען בליקען און עס טרייסלען זיך קורץ געשארענע לאקען. און נישט נאר אין אווענט אזוי. ביי טאג אין דערפריה. צו יעדער צייט גע־העז ארום מענשען רוהיג, געלאסען מיט א שטעקעלע, ריין, זאט, בכבוד'דיג.

פון וואנען־זשע לעבט מען דא? וואס טוט מען דא? עס קאסט ־אך אלץ אזוי טייער? פרעג איך פארוואונדערט און איך באקום

א שמייכעל אלס ענטפער. „איהר וועט דא זיין א ביסעל לענגער. וועט איהר אליין אויסגעפינען". וואס אויסגעפינען ? „אט. יעדער לעבט זיך! רייך ווערט מען ניט, אבער יעדער האט זיך עפעס א שטיקעל ארבייט, געהט ער אהין פון צייט צו צייט און גיט זיך דארט עפעס א פארקע, איך וויים, טוט עפעס, און דערנאך טוט ער אן די ווייסע אפגעלעגטע העמד און געהט ארוים דרעהען דאס שטע־קעלע. איז דאס טאקע אזוי ? דאכט זיך, אז עס איז אזוי. און עס ווילט זיך גאר ניט, אז עס זאל אנדערש זיין דא אין תל אביב. זאל דאס זיין אונזער „אינדאלענס" אינזעל, דער אינזעל פון רוה, פון רחבה... זאל עס בלייבען, ווי עס איז יעצט: אן ארט, וואו די חלוצים נעמען זיך אן מיט זאפט און פרייד, איידער זיי געהען אוועק צו זייער העראאישער ארבייט.

תל אביב איז פול מיט חלוצים. זיי קומען אהער אז אין די הונ־דערטער. אין דער פסח־וואך זיינען אהער אנגעקומען טויזענטער. צוויי טויזענט פון זיי זיינען צו־פוס אוועק קיין ירושלים צום ערשטען סדר. יעדער טאג כמעט ברענגט פארטיעס חלוצים. היינט ווערען פון קאראנטין ארונטערגעלאזען 500. זיי ווערען צוערשט גע־בראכט אין יפו'ער הויז פאר חלוצים, דערנאך ברענגט מען זיי אהער קיין תל אביב אין ספעציעל אויפגעבויטע באראקס ווי פאר סאלדאטען, און פון דאנען נאך א וואך־צוויי רוה, ווערען זיי צו־שיקט גרופען־ווייז צו די ארבייטען...

זאל־זשע תל אביב בלייבען דער רוה־פלאץ פאר די, וואס זוכען עס. זאל עס בלייבען דער ארט, וואו ס'איז שטענדיג שבת און יום טוב...

איך געה מיר קויפען א ווייס העמד מיט אן אפגעלעגטען קאל־נער און א דין שטעקעלע...

1921

# תל-אָביב און איהר בירגערמייסטער

תל אביב האלט אין איין קאליע מאכען מיינע צייכנונגען וואס איך מאך פון איהר. איך דארף בלויז אוועקפאָהרען פון תל אביב אויף עטליכע וואכען און קומען צוריק טרעף איך א פּאָר נייע הייזער אריינגערוקט אין א פּלאַץ, וואס איך האב געהאט פריי אויף מיין פריהעריגער צייכענונג. דא האט מיר א נייע הייזעל פארשטעלט א שטיק ים, דארט א שטיק אלטע שטאָדט יפו. קורץ, תל-אביב האט גאר קיין רחמנות ניט אויף מיינע צייכענונגען, בויט אלץ נייע הייזער און גאסען און מיר קומט אויס די גאנצע צייט צו קאָרעגירען מיינע סקיצען. אין קיין אנדער פּלאַץ פון ארץ ישראל וואקסט ניט אזוי ראשיג א שטאָדט פון געלען זאמד ארוים ווי תל-אביב. איך זאג „שטאָדט", ווייל איהר מוזט וויסען. אז תל אביב איז יעצט א זעלבסטשטענדיגע שטאָדט, אפּגעטיילט פון יפו, האט אן אייגענע רעגירונגס-מאשינעריע, אייגענעם בודזשעט און איהר בירגער-מייסטער, דיזענגאָף, איז יעצט א טיטולירטער ענגלישער אָפיצער און דער ערשטער פּאָטער פון אן אבסאלוט ריינער דורכאוים באזעצט פון בלויז אידען אידישער שטאָדט. דאס איז דער מערקווירדיגסטער עקספּערימענט, וואס דער נייער אידישער ישוב מאכט דורך, אן עקספּערימענט וואס טראָגט אין זיך אלע עלעמענטען פון א שפּאַנענדער דראמא. יפו איז אין די הענד פון די אראַבער, זיי האבען זיך דארט באפעסטיגט אין די שמאלע פארדרעהטע געסלעך און לעבער. זיי האבען דעם האפען אין זייער באזיץ. גוט, לאזען מיר זיי איבער יפו און מיר בויען זיך אן אייגענע שטאָדט און אן אייגענעם האפען און מיר וועלען זיין אומאפּהענגיג פון זיי. און מיר וועלען א קוק טאָן ווי זיי וועלען אהן אונז אויסקומען, און וואס פאר א פּנים זיי וועלען אהן אונז האבען. אבער ניט צוליעב דעם און ניט דאס איז אייגענטליך דער עקספּערימענט אויסען. מיר בויען זיך א שטאָדט לויט אונזערע נייע באדערפנישען. מיר בויען זיך א שטאָדט פאר אונזער נייעם לעבען, וואס זאל ענטשפּרעכען אלע אונזערע מעלות און אויב איהר ווילט, חסרונות, און מיר ווי-

לען א קוק טאן ווי אזוי מיר קענען זיך פיהרען אין א שטאדט, וועל־
כע מיר באלייכטען אליין, באוואכען אליין, האלטען ריין און גע־
זונט אליין, באפוצען און באפלאנצען אליין, באדעקען מיט פאב־
ריקען און בריקען, מיט באהנען און פארקען. קורץ, לאמיר זעהן, ווי
א אידישע שטאדט קען אויסזעהן. און מיר בויען תל אביב מיט א
פיבערהאפטע שנעליגקייט, מיט אונגעדולד און אייפער. אט בויט
די אנגלא־פאלעסטינער באנק צעהן הייזער פאר איהרע אנגעשטעל־
טע, גיט זיי עטליכע הונדערט פונט קרעדיט. אט האב איך געהערט,
אז די „הבונה" טרעט צו באלד צו בויען הונדערט און פופציג קליינע
הייזלעך פאר ארבייטער פאמיליעס און גלאט אזוי ניט גרויסע
גבירים, אויף לייכטע באדינגונגען, מיט אן אויסצאלונג פון פינף
פונט א חודש.

א גרופע „כפר גנים" בויט 50־60 הייזער, נאך א גרופע „בית
גנים" וויל טאן דאסזעלבע. איינצעלנע הייזלעך וואקסען ווי שוועמ־
לעך נאך א רעגען און אלץ ווערט געטאן מיט אידישע ארבייט. די
עפאכע פון בויען און באטרייבען אידישע אונטערנעמונגען מיט
אראבישע הענט פארשווינדט, דוכט זיך מיר, אין גאנצען. עס איז
קלאר געווארען, אז די ביליגע אראבישע הענט האבען אונז אפגע־
קאסט גאנץ טייער, און די קאלאניעס, די בויערס, די פאבריקאנ־
טען האבען זיך געשטעלט אויף א נייעם וועג און דאס האט זיך
שטארק דערפיהלט אויף אונזער ארבייטס מארק. ארבייטסלאזע זיי־
נען דא פאראן ווי אין יעדער געזעלשאפט, ניט מעהר, אפשר וועניגער.

וואס־זשע פאר א פלענער האט תל אביב? ווי און וואס דענקט
תל אביב זיך צו פארשפרייטען, ווי זיך רעגירען, ווי זיך פיהרען?
בין איך אוועק צום מעיאר, הער דיזענגאף, זיך באקאנט און דורכ־
גערעדט מיט דעם ערשטען בירגערמייסטער פון דער ערשטער אומ־
אפהענגיגער אידישער שטאדט. געטראפען האב איך איהם אין זיין
קליינעם אפיס, ביים שרייב־טיש, א מאן פון א יאהר פופציג אדער
עטוואס מעהר, פון מיטעלען וואוקס, פול, גלאט ראזירט פנים.
געווען זיינען ביי איהם וויזיטארען מיט וועלכע ער האט גערעדט
אין עטליכע שפראכען, מיט איינעם העברעאיש, מיט אן אנדערען
פראנצויזיש, און דערנאך מיט מיר אין א דייטשען אידיש. א שווארץ
איינגעל האט געבראכט טהע, און נאך עטליכע געגענזייטיגע אלגע־
מיינע פראגען און ענטפערס האט ער זיך צורעדט וועגען זיין גע־

ליעבטע תל אביב. אייגענטליך האט ער נישט ליעב צו רעדען. ער גלויבט, אז מיר וואלטען פיעל ערפאלגרייכער געבויט ארץ ישראל, ווען מיר וואלטען אזוי פיעל נישט גערעדט. און ער וועט דארום אויך וועגען זיינע צוקונפטס־פלענער נישט פיעל רעדען. מעשים וועלען זיכער זיין וויכטיגע, אבער רעדען דערפון וועט ער ניט. דאך ווער קען זיך דאס איינהאלטען און ער האט בלויז עטליכע פונקטען אנ־גענעבען. ערשטענס מוז תל אביב א גרויסע שטאדט ווערען. זי מוז זיך פאנאנדערשפרייטען ביז'ן ים אזוי וויט ווי ביז דעם טייך ארזשי. גאנצע צוויי האפענס וועלען געבויט ווערען, איינער א קליי־נער דער צווייטער א גרויסער און א וויכטיגער. דער יפו'ער האפען טויג סיי ווי סיי ניט צוליעב די שטיינער און דאס שטענדיגע ברוי־זען. אבער מעהר פאר אלעם ווייל דורך איהם קריגען א פאר הונ־דערט אראבישע טרעגער א מאכט איבער דער שטאדט און ווי עס זעהט אויס, איבער דער גאנצער פאליטיק פון ארץ ישראל. דאס וועט אויפהערען מיט א האפען אין תל אביב, א גוטען, מאדערנעם האפען. דאס וועט באלד אויפהויבען תל אביב אויף א גרויסען מצב, עס וועט פלוצלינג ווערען א האפען שטאדט. און אן אייזענ־באהן־ליניע וועט מוזען דורכגעצויגען ווערען דורך די שטאדט צום האפען אזוי אז לאנד און וואסער וועלען פאראייניגט ווערען. דיזע פלענער האבען שוין די צושטימונג פון דער רעגירונג און זיינען שוין דערמיט מעהר ווי בלויזע פלענער.

עס וועט ארגאניזירט ווערען אן אינדוסטריעלער צענטער וואס וועט קריגען זיין טרייב־קראפט פון איין קוואל, טאקע פון דעם טייך ארזשי, עס מוזען אנהויבען זיך דרעהען רעדער און מאשינען מוזען אנהויבען קלאפען אין תל אביב. דאך ווערט אויך פאר קול־טור געזארגט. עס וועט אויפגעבויט ווערען א טעאטער, אזא וואס וועט זיין א שטאלץ פאר ארץ ישראל. ס'וועט זיין דער ערשטער טעאטער, ווייל דאס וואס מיר האבען יעצט זיינען „קינעמאס". דער פלאץ פאר דעם טעאטער וועט זיין אנטקעגען דעם „ועד", אדער „דואר" די שטאדט־געביידע. נעבען דעם טעאטער וועט אויך זיין א שטאדט־ביבליאטעק. און נאך גוטע זאכען. די שטאדט וועט אויך נישט פארקאמערציאליזירט ווערען. קלייטען וועט מען ער־לויבען בלויז אויף דריי גאסען: אויף הערצל־גאס, נחלת בנימין און נאך א גאס, פארקעהרט, די גרויסע לאנגע אלבעני גאס, וואס וועט זיך ציהען פון ים ביז דעם זשעמאל

פאשא בולוואר וועט אין גאנצען פריי זיין פון קליימען. עס וועלען געבויט ווערען בעדער, קלובען און נאך און זאכען. א פאליציי אן אייגענע וועלען מיר האבען. עס איז אונז באשטימט פינף און צוואנציג אידישע פאליציאנטען. דער געהאלט וועט זיין די אל־געמיין עקזיסטירענדע זעקס פונט א חודש, אבער די שטאדט וועט געבען פרייע דירות און נאך מאנכע פריווילעגיעס פאר די אידישע פאליסלייט, אזוי, אז עס וועט שוין אויסמאכען עטוואס מעהר. קורץ מען דארף ווייניגער רעדען און מעהר טאן.

עס זיינען אריינגעקומען נייע באזוכערס, אראבער. און ווען זיי זיינען אוועק האט ער זיך מיט א שמייכעל געווענדעט צו מיר און געזאגט, אז עטליכע אראבער, וואס זיינען אריין אין די ניי־באשטימטע גרענעצען פון תל אביב, זיינען געקומען איהם אויס־דריקען זייער צופרידענהייט, וואס זיי וועלען זיין בירגער פון אזא צוקונפטסרייכער און ציוויליזירטער שטאדט ווי תל אביב.

עס קומען באזוכערס צום בירגערמייסטער, אלץ נייע יעדע רגע. דער צוטרעט איז גרינג, יעדער איינער קען צו יעדער צייט זעהן דעם שטאדט־טאטע. און זעהן קען מען איהם אומעטום. אט איז ער אין טעאטער ביי א פארשטעלונג. זיצט אין ערשטע רייהע צוזאמען מיט מאדאם דיזענגאף און פיהרט אן די מאניפעסטאציע פון אונגעדולד געגען די אקטיארען פאר וואס מען הויבט שוין נים אן שפיעלען. ער קלאפט מיט זיין שטעקען, ער פאדערט אויף אנ־דערע צו קלאפען און זיצט טאקע אוים די גאנצע פיעסע, וועלכע פארציהט זיך ביז האלב נאך איינס ביינאכט. אט זעהט מען איהם פאהרענדיג אויף זיין פערד צום ים זיך באדען, אידען באדען זיך צוזאמען מיט זייער בירגערמייסטער, מען ליגט אויף דעם זאמד אין איינעם, מען כאפט א קליינעם שמועס וועגען וועלט און שטאדט פאליטיק, דערנאך טרינקט מען גלייך דא א גלעזעל הייסע טיי צו־זאמען, דערנאך ברענגט איהם זיין אראבער דעם פערד און אלע ווינשען דעם שטאדט־טאטע אז עס זאל איהם וואויל באקומען און מען איז צופרידען מיט זיך און מיט דעם גאנג פון דער וועלט. דער אראבער וואס דער מעיאר האט ביי זיך איז א מערקווירדיגער. ער רעדט העברעאיש, איז איינער פון יענע איבערגעבענע דיענער, ווי אמאל אין די אלטע ראמאנטישע צייטען. מאנכע קוקען קרום אויף דעם דאזיגען אראבער, אבער אזוי גיך ווי מען דערהערט איהם רעדען העברעאיש מאכט מען שלום מיט זיין אפשטאמונג. מיר גע־

פינען זיך נאָך לײדער אין יענער שטופּע וואָס אַזעלכע זאַכען זײ־
נען נאָך נײאיגקײטען און ריהרען אונז. דאָ איז פאַראַן אַ קריסט
מײדזשאָר דזשון, אַ אידען פרײנד, האָט ער צװײ קינדער, לערנען
זײ זיך אין תל אביב׳ער גימנאַזיע און זײער אומגאַנגסשפּראַך איז
העברעאיש. איך האָב געטראָפען די דאָזיגע צװײ קינדער מיט זײער
מוטער בײם ים, זיך באָדענדיג צוזאַמען מיט אַלע און איך האָב
געהערט זײער העברעאיש, אַ גוטער, פליסיגער, עכטער העברעאיש.
אידען הערען און צוגעהן פאַר נחת און שטאָלץ. געקומען, הײסט עס,
אַ צײט װען קריסטען שיקען זײערע קינדער אין אונזערע שולען,
װײל דאָס זײנען די בעסטע שולען, געהן אין אונזערע טעאַטערע
און קאָנצערטען, װײל זײ זײנען „די" טעאַטערע און קאָנצערטען
פון שטאָדט און לאָזען זײערע קינדער רעדען אונזער שפּראַך, װײל
זי איז די שפּראַך פון דער בעסטער קולטור אין לאַנד. מײדזשאָר
דזשון איז דער אױבער־אַפּיצער פון דעם היגען האַפען, אַ גרױסער
אידען פרײנד, מאַנכע זאָגען אַ גרױסער קאַריעריסט. אָבער איז
דאָס דען אַלײן ניט אַ פרײד, װאָס מענשען דענקען, אַז זײ קענען
מאַכען אַ קאַריערע, ניט פון אידען־האַס, נאָר פון אידען־פרײנד־
שאַפט ? !

גענעראַל דיעטץ לערענט זיך העברעאיש, פּעטערסאָן רעדט
העברעאיש, און אַפילו הערבערט סעמועל פּרובט רעדען העברעאיש.
בײם ים באָדענדיג זיך, טרעפט מען אַלעמען: דאָ טרעפט מען
אָפט מיטגלידער פון סעמועל׳ס פאַמיליע, זײן יונגע שנור, די קינ־
דער, מאַנכע קומען באַרפיסע פון תל אביב צום ים און די שטאָדט
קוקט און קלײבט נחת.

איבערהױפּט איז דער ים געװאָרען דער אינטערעסאַנטסטער
און פּיקאַנטסטער פּלאַץ אין תל אביב. מען בױט דאָרט באָד־פּלע־
צער מיט קאַפעס און עס װעט באַלד װערען אַ שטיקעל „ראָקאַװײ
ביטש". מענער און פרױען באָדען זיך אין אײנעם, אָנגעטאָן אין
באָדע קאָסטיומען פון זעהר ראַדיקאַלען אָפּטמאַל גאַנץ פאַרשײ־
טען פאַסאָן. אײן שטיק־סוט אױף פרױען און מענער, זעהר אָפט.
זעהר פּראָגרעסיװ. אין ניו יאָרק װאָלטען די שטאָדט פאַרזאָרגערס
געװיס גערופען אַ ספּעציעלע סעסיע פון איהרע געזעצגעבער צו
באַראַטען זיך װעגען די גרױסע געפאַהר. דעם אמת געזאָגט מור־
מעלט מען דאָ אױך אונצופרידען װעגען די זעהר עקאָנאָמישע
קאָסטיומען בײם ים, דאָך פאַרברענגט מען דאָרט גאַנץ גערן.

מען שטיפט אין די געשמאקע וואסער פון דעם מיטעללענדישען ים, און מען דענקט, אז צו שידוכים וועט דאס געוויס ניט שאדען.

ארום דעם ים ביי תל אביב ווערט עס דערהויבט לעבעדיג. עס רוקט זיך די שטעדטעל אלץ נעהענטער צו די בלויע וואסער. ניט ווייט בויט זיך א גרויסע ציגעל־פאבריק. מען רופט עס סיליקאט. אנדערע רופען עס סינדיקאט. דאס איז א גרויסער, גאר א גרויסער „זאוואד". מען וועט דארט דורך הידראלטישע פרעסען אויספרעסען ציגעל פון זאמד, און אזוי ווי זאמד איז דא א סך, טאקע ווי זאמד ביים ים, און אזוי ווי ציגעל דארף מען יעצט א סך, איז לעבעדיג ארום דעם בוי־ארט. באלד קומט אויך א צעמענט פאבריק. עס גרייטען זיך נאך האלץ פאבריקען. א פלאמבער און עלעקטרישע ווערקשטאטען זיינען שוין דא. די פירמא קאמינסקי־סלוצקי באשעפטיגט שוין 25 מענשען. א וועבעריי ווערט אויך ארגאניזירט, שוין מאשינעריי ארופגעבראכט. א שאקאלאד־פאבריק. דאס אלעם ווערט געטאן, געבויט געפלאנט אין דער אטמאספערע פון ניט זיכערהייט, אונצוטרוי און נערוואזיטעט. שטעלט־זשע אייך פאר, וואס פאר א טעטיגקייט עס וואלט זיך ענטוויקעלט אין תל אביב, ווי בכלל אין ארץ ישראל, ווען די באדינגונגען און די שטימונג וואלט געווען אן אנדערע ?

אבער מיר וועלען אלעם גובר זיין, אלעם אריבערקומען, די שטימונג איבערשטימען, די לאגע אין די הענד נעמען. מיר וועלען, ווייל מיר ווילען...

.1921

# אַ פּורים הוליאַנקע

ס'איז געווען דריי טעג פאַר פּורים, אָבער דער דאָזיגער שפּאַסיגער יום־טוב איז שוין בּרייט געלעגען אין אַלע פענסטער פון די קראָמען, איבער אַלע ליידיגע ווענט מיט אָנגעקלעפּטע אַפישען אָנזאָגנדיג, אַז לכבוד פּורים וועט זיין אַ גרויסע מאַסקאַראַדען פּראָצעסיע, אַ גרויסער טאַנץ און באַלעט פאַרשטעלונג, אַ סינעמאַ וואו עס וועט געוויזען ווערען אחשורוש אַליין... אין אַלע פענסטער זיינען געלעגען צום פאַרקויף דראָליגע מאַסקעס, קראָמען האָבען רעקלאַמירט פּייערקרעקערס, קאָנפעטי, קאָסטיומען אויף אָנטלייען... אין אַ פענסטער זיינען געווען אויסגעשטעלט די פּרייזען, וואָס די בעסטע מאַסקעס וועלען קריגען, און אויף אַ פאָטאָגראַפערס וויטרינע זיינען געווען אויסגעשטעלט בילדער פון עטליכע מאַסקעס, וואָס וועלען מאַרשירען דאָנערשטאָג, דעם פּורים־טאָג, דורך די גאַסען פון תל אביב.

מען דערצעהלט מיר, אַז נאָך קיינמאָל האָט מען נישט געמאַכט פון פּורים אַזאַ יום־טוב ווי הײ־יאָהר. אידען ווילען אַ הוליע טאָן! וואָס, איז דען ווייניג יום־טובים פאַראַן ביים אידישען פאָלק און נאָך אין ארץ־ישראל, וואו יעדער טאָג שמעקט מיט יום־טוב! ? ניין, יום טובים פעהלען ניט, אָבער דער פאַרלאַנג נאָך שמחות איז נאָך גרעסער! עס איז גוט אויף'ן הארצען די תל אביב'ער אידען, און זיי באַהאַלטען ניט זייער געפיהל... אונז איז גוט, אונז איז וואויל און איהר מעגט עס וויסען און איהר מעגט עס דערצעהלען אייערע אַמעריקאַנער דאָרט!

פרעגט איהר אַ תל אביב'ער, וואָס איז איהם אַזוי גוט און וואויל? גיט ער אַ שמייכעל, זאָגט קיין וואָרט, נעהמט אייך אָן פאַר אַ האַנט און פיהרט אייך אַרויף אויפ'ן דאַך פון זיין הויז און מיט אַ ברייטען זשעסט, מיט אַ פייערעל אין די אויגען גיט ער אַ זאָג:

„זעהט, אַט וואַקסט פאַר אייערע אויגען אַ נייע אַדעס, אפשר

א נייע פּאַריז, אָדער אפשר גאָר אַ נייע — ניו יאָרק. איהר שמייכעלט? זאָגט מיר, איך בעט אייך, זיינען יענע שטעט גיכער געוואַקסען? האָבען יענע שטעט פּרעכטיגער געבליהט אין זייער צייט?

„איהר זאָגט, אַז איהר זענט דריי יאָהר צוריק דאָ געווען — טאָ גיט אַ קוק, זייט מוחל, און זעהט וואָס פאַר די דאָזיגע דריי יאָהר איז צוגעקומען! אייערע אויגען זעהן אַ ים פון הייזער און אַ נעץ פון גאַסען דאָרטען וואו פאַר דריי יאָהר איז געווען זאַמד און ווּיסטעניש. אָט דאָרט איז די נייע שכונת נאָרדוי געבויט אויפ'ן באָדען פון נאַציאָנאַל פאָנד, און דאָ איז שכונת תל־נאָרדוי אויפגעבויט פון פּריוואַט איניציאַטיווע. אָט איז די „שכונת טשלענאָוו", „מרכז המסחרי", דער געשעפטס־טייל פון תל־אביב, געשאַפען געוואָרען באַלד נאָך די אומרוהיגע טעג פאַר דריי יאָהרען. אָט דער טייל ווידער הייסט ביי אונז „לב לתל אביב", דאָס הארץ פון תל אביב. דאָס בויט זיך דער צענטער פון אונזער שטאָט, דאָס וועט זיין געאָגראַפיש און עסטעטיש דער מיטעל־פּונקט און מיינט נים, אַז בלויז רייכע קענען זיך פאַרגינען דאָרט צו בויען, ניין, יעדער מיט אַ ביסעל געלד קען דאָס דורכפיהרען. און אָט איז „מאה שערים", אַ ביסעלע שעהנער וועט עס זיין פאַר ירושלים'ער „מאה שערים". „שכונת גאולה", „שכונת ברענער", „שכונת בלפור", „שכונת באָראָכאָוו"... און נאָך און נאָך . . . איהר זעהט יענע געביידע דאָרט, די ווייס־גרוי־בלויע, וואָס זעהט אויס ווי האָרטער שטאָל? דאָס איז רוטענבערג'ס עלעקטרישע סטאַנציע, איהר מעגט זי געהן אַנקוקען ווי עס פּאַכען געוואַלדיגע דינאַמאָ מאַשינען מיט זייערע ריזיגע רעדער און שטאַנגען . . . די סטאַנציע איז געבויט געוואָרען הינטער דער שטאָדט, ס'איז דאָרט געווען אַ ווּיסטעניש אַ יאָהר און אַ האַלב צוריק, עטליכע אַראַבער האָבען דאָרט געוואוינט, און מאָגערע בהמות האָבען דאָרט אָמאָגערען ביסען אַמאָל געפּרואווט געפינען. זעהט וואָס דאָרט טוט זיך יעצט! זעהט דעם וואַלד פון דעכער און הייזלעך ווייט־ווייטער אַריבער רוטענבערג'ס געביידע . . . און צווישען דעם פּלענט און דער שטאָדט זעהט איהר דאָס צעטיילט לאַנד? דאָס האָבען פּוילישע אידען אָפּגעקויפט און מען נעהמט זיך באַלד בויען. איהר פאַרשטעהט די סטראַטעגיקע? עס נעהמען אַ הונדערט אידען און מען בויט זיך אַ קוואַרטאַל אַ מייל־צוויי ווייט פון שטאָדט דערנאָך קומען אַנדערע אידען און פּילען

אוים דעם מייל־צווי. אזוי צעשפרייט זיך תל אביב ווי דורך א כישוף. איהר ווייסט דאך ווי ווייט די דייטשע קאלאניע סאראנא איז פון תל אביב — א שעהן שטיקעל וועג. נו, האבען זיך געביל־דעט דריי ארבייטער גרופען, וואס בויען דריי פונקטען אויף דעם וועג אזוי, אז גאר אין גיכען וועט תל אביב דערגרייכען סאראנא און שכונת בארא‎כאוו און נאך ווייטער!...

און דער שטאלצער איד פון תל אביב רעדט און דערצעהלט, ער זעהט דעם איינדרוק וואס ער האט געמאכט אויף דעם אמעריקאנער, צו וועלכע מען פיהלט דא ליעבע און פארדראס צו דער־זעלבער צייט, אפשר מעהר פארדראס ווי ליעבע... ער הויבט זיין קול אויף אויף ווייטערע שילדערונגען, אבער איך הער שוין ניט. איך בין אין גאנצען פארלוירען אין דעם בילד, וואס שפרייט זיך פאר מיינע אויגען. איך דערקען ניט דאס שטעדטעל פון פאר דריי יאהר? וואו זיינען אהינגעקומען די זאמדען וואס זיינען געלעגען צווישען תל אביב און דעם ים? די אלענבי גאס ליגט שטאלץ אין מיטען פון א רייהע געסלעך! וואו איז דאס זאמד־פעלד צווישען דער אלטער יפו און תל אביב? ניטא, דעכער און דעכער...

נו, און פון וואס לעבט איהר, שטאלצע בירגער פון תל אביב?

גיט דער בירגער ווידער א שמייכעל: „מען לעבט!". איהר זעהט דאך! מען געפינט שוין א שטיקעל ברויט! און טאקע וויים־ברויט, ברוינער קארען ברויט, אדער שווארצען „פאמפערניק" איז דא ניטא... ברוין זיינען דא בלויז די פנימ'ער, און שווארץ די אויגען, דאס ברויט איז אבער ווייס, און דאס געוויסען אויך; יא, איהר מעגט עס זיי זאגען, אייערע אמעריקאנער, מיר טוען דא אונ־זער פליכט, ווארום טוען זיי ניט זייערם?...

פון וואס זשע לעבט מען פארט?

איך געה איבער די גאסען און שטוין איבער דער גרויסער צאל קראמען און קליינלעך! אויף יעדען שריט און טריט א געשעפטעל. גרעסערע, קלענערע און גאר פיצינקע! א סטענדערעל, א פענסטע־רעל, א קיאסקעל פול מיט קעסטלעך וואקס, טינט, סיגארעטען, קאנפעקטען... א שפאן די גרויס, קוים וואס דער בעל הבית אליין קען ארייננקריכען... דריי־גוד סטארס, פאריקמאכערס, דענטיס־טען, שניידער, קונסט־קראמען, עלעקטרישע־לאמפען סטארס, פא־טאגראפיער, רעסטאראנען און האטעלען מיט בארדינג הייזער... אויף יעדען טריט א „מלון", א „פאנסיאן", אז עס־אדער טרינק

פלאץ, אויף וואס אזוי פיעל? פרעגט ניט, איהר זעהט דאך! און אפשר איז טאקע א ביסעלע צו פיעל! גיט צו מיין באגלייטער, אבער זיי פארמעהרען זיך! און עס שיינט, אז זיי לעגען ניט צו... איהר פארשטעהט — א תל אביב'ער איז ניט אזוי רייך ווי איהר אמעריקאנער, אבער ער האט ליעב א לעב צו טאן... איהר מעגט זיי דאס זאגען דארט, אייערע אין אמעריקא... ער ליגט ניט אויפ'ן פיאסטער, עס קומט אן דער פיאסטער טאקע שווער, אבער ער געהט ארויס גרינג! און מיט א שמייכעל, מיט א ברייטער האנט און אן אפען הארץ, אט אזעלכע מענשען זיינען מיר! און ברוך־השם, עס געהט, עס דרעהט זיך! מיר האבען שוין כמעט גאר קיין א ר ־ ב י י ט ס ל א ז ע. הע?! וואס וועט איהר דערצו זאגען?! אר־בייטסלאזיגקייט מעגען אונזערע שונאים האבען, ביי אונז אבער „לא“ מיט אן „אלף“. ס'איז געווען ביטער א צייט צוריק, אבער מיט יעדען חודש ווערט עס אלץ בעסער. און ס'וועט ערשט גוט ווערען! אונזער באפעלקערונג איז איצט זעכצעהן־זיבעצעהן טוי־זענט און אלע האבען ברויט. פאבריקען און ווערקשטאטען פאר־מעהרען זיך. מיר האבען אפילו א לאקשען פאבריק, א געוואנט פאבריק, ליכט, אייזען, פלעכטעריי, סיגארעטען, קאנפעקטען, און נאך און נאך!...

ביי וואס־זשע ארבייטען די ארבייטער? — א, די „ארבייטער־הסתדרות“ האלט די גאנצע ארבייט אויסגעצייכענט אין איהרע הענט! די גאנצע בוי־ארבייט ווערט דורך איהר קאנטראקטירט אויף אזוי ווייט, אז מאנכע אראבער בויען דורך דער „הסתדרות“, ווען זיי דארפען בויען עפעס מאדערנעס. אט בויט דער רייכער אראבער אלי מוטאקים אכט קלייטען אויפ'ן וועג צווישען יפו און תל־אביב מיט אידישע ארבייטער. אה, אונזערע חברים זיינען גע־ווארען גאנצע ספעציאליסטען! זיי באמייסטערען אלץ! און איינע פון זייערע וויכטיגסטע עראבערונגען איז אהן צווייפעל דער קע־מעל. שפאנט און ווינגט זיך די דאזיגע חיה און אויף זיין רוקען הוי־דעט זיך א אידעל מיט א קליין געל בערדעל; און עס סמאטשקעט דאס אידעל צום קעמעל, שרייט אויף איהם, מאכט איהם קאמפלי־מענטען, ווען יענער פארדינט; קורץ, ער איז מיט'ן קעמעל ווי א פארליעבט פארעל... איך קאן מיך גאר ניט צוגעוואוינען צו דעם בילד און איך שטעל זיך אפ יעדען מאל קוקען, ווען איך דערזעה א אידישען בחור'ל קראצענדיג, שאבענדיג, אדער צוימענדיג דעם

דאָזיגען פויגעל... באַזונדערס קלייב איך נחת, ווען דער קעמעל צערעט זיך אויף זיין זיסען שטייגער מיט גוואַלדיגע אומגעלומ־פערטע געשרייען; און דער בחור פאַרגעסט זיך און ענטפערט איהם מיט אַ רוסישען מי־שברך, און נאָך אַ דריי־גאַרענדיגען... דער אייזעל איז שוין אין מיינע צייטען געוואָרען אַ אידישע באַשעפע־ניש, אָדער דער קעמעל, דער סימבאָל פון מדבר, אַז ער זאָל אַרי־בער אויף אונזער זייט, — דאָס איז אַ וואונדער!

„יאָ, איהר מעגט זיי דאָס זאָגען, אייערע אַמעריקאַנער, אַז נאָך דעם, ווי די ווערבליודען זיינען מיט אונז, מעגען שוין אויך די „גענאַסען" און די „יאַהודים" איבערבייטען זייער באַציהונג"...

אַ טיף־בלויער הימעל, גרינע ליכטער, לאָמפּען־שיין, אָנגע־שמירטע פּנים'ער, רויטע היטעלאַך, קאָמישע מאַסקעס, געלעכטער, געדרענג; די יוגענד, וואָס האָט אסתר־תענית ניט געפאַסט, פאַסט זיך אָפּ אויף די גאַסען פון תל־אביב, יונגוואַרג פול־באַקיגע, ליכ־טיג־אויגיגע, גאָלד־שטימיגע, פילען אָן די לופט מיט לוסטיגקייט. דאָס גרייט מען זיך אויף מאָרגען... מאָרגען, אָה, מאָרגען! אָבער ווער האָט עס געדולד צו וואַרטען ביז מאָרגען! געהען אַרום די, וואָס האָבען מאַסקעס, און מען געניסט... רויטע און גרינע לאַנטערנעס הענגען איבער די טויערען, ראַקעטען פליהען אין דער לופטען, פייערווערק דרעהען זיך, צעשיטען זיך, קנאַקען, קראַלען, שיסען! ווייסע צייהן ווערען גרין באַלויכטען, ווערען רויט, ווערען געל, אויגען פלאַמען... עס רוישט ביז שפּעט אין דער נאַכט... איך שלאָף איין, און דורך די פענסטער הער איך, ווי די תל־אביב־ער גאַסען פינקלען און לאַכען...

אין דער פריה געה איך אַרום אין גאַס, און עס איז שוין לע־בעדיג; מיידלאַך און אינגלאַך, אין ווייס אָנגעטאָן, טראָגען אַרום „טעגס" און באַארבייטען יעדען, וועמען זיי טרעפען. קיין איין ברוסט בלייבט ניט אָהן אַ „טעג" פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד"; און מען ניט גערן; עס איז אַ פרייד צו זעהן, ווי גערן יעדער גיט!

באַלד האָבען אָנגעהויבען פון אַלע ווענען אָנצוקומען אַלט און יונג בייצוואווינען דעם יום־טוב. אויף וועגענער, אויף פערד, אויף אייזלען, און גרופּעס צופוס. ברוינע געזיכטער, ברייט־ביינינע, האַ־רעפּאַשנע, קומען פאַרברענגען אַ זאָרגלאָזע שעה. אַרום דער גימ־נאַזיע, און ספּעציעל אַרום דער אַרבייטער־קוואַרטיר, די „קופּה" (אַרבייטער־קאַסע פון ארץ־ישראל), קלייבען זיך מאַסען מענשען.

דאָרט טוט מען אָן די מאַסקעס, דאָרט שמירט מען די פּנים'ער, דאָרט מושטירט מען. אייזענשטיין, דער צייכען־לעהרער פון גימ־נאַזיע, איז דער גאַנצער אָרגאַניזאַטאָר... אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אין תּל־אָביב, איז אויף די גאַסען; נאָך מעהר, אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט אין יפו, די גאַנצע אַראַבישע באַפעלקערונג, איז געקומען אָנקוקען דעם יום־טוב. אַלע טרעפּ, אַלע באַלקאָנען, זיינען באַזעצט מיט זייערע שוואַרץ־פאַרשלייערטע דאַמען, און די מענער מיט די רויטע פעסקעס דרעהען זיך אַרום צווישען די תּל־אָביב'ער און פאַרקויפען גרינס, צוקערקעס, לימאָנאַד, שרייען, ליאַרעמען, אַקוראַט ווי גאָרניט וואָלט געווען... אויטאָמאָבילען, קאַרעטעס, אָנגעזעצט מיט זייערע רייכערע פאַמיליעס זייער גאַנצע אינטעלי־גענץ, אַלע, אַלע, זיינען געקומען... אָבער עס האָט נאָך געפעהלט פריינדשאַפט און וואַרימקייט. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען צווישען, אָבער ניט מיט די תּל אָביב'ער. איבערבעטען ווילט זיך זיי מיט אונז, זיינען זיי געקומען גרייט, אַ סך פון זיי האָבען געקויפט „טעגס" פאַר'ן „נאַציאָנאַל פאָנד" און געטראָגען... אָבער צו־פרידען זיינען מיר, וואָס זיי זיינען געקומען אין מאַסען. דאָך בלאָ־זען מיר זיך אַביסעל...

פונקט פיער האָט זיך די פּראָצעסיע אָנגעהויבען. מוזיק פאָראויס, מאַסקען נאָך... ניט געוואַלדיגע, נאַאיווע, פּאָליטישע קאַרטונס, האַלב שטיפערישע, אָבער וועמען אַרט עס, ניט דאָס איז וויכטיג און ניט די מאַסקען זיינען דער יום־טוב... דער יום־טוב איז די טויזענד־קעפּיגע מאַסען אידען, פרויען און קינדער, אונ־זער בלוט, אונזער פרייד, אונזער האָפנונג איז אַרוים אויף די גאַסען לעבענספריידיג, דער יום טוב איז וואָס אַ ־ ב ע ס ע ר ע צ י י ט ק ו מ ט א ן... דער יום־טוב איז — וואָס די אַראַ־בער זיינען אין די טויזענטער געקומען, אַליין נישט־געבעטענע, געקומען מיט'ן גוטען ווילען צו לעבען אין פרידען מיט אונז. גע־קומען און געלאָזען זיך צושפּילען צעטעלאַך פאַר'ן „קרן קימת" און אין פּושקע אַריינגעוואָרפען מטבעות.. שטאָלץ אַרומגעשפּאַ־צירט מיט די „טעגס" אין די לאַצען...

צום סוף איז דער יום טוב אַ ביסעל געשטערט געוואָרען. אונ־זער אַלטער פריינד, השם יתברך, האָט מעהר ניט געקאָנט איינ־האַלטען די עטליכע וואָלקענס און זיי האָבען אָנגעהויבען שפּריצען מיט רעגען...

און שפּעטער אין אָוונט, ווען ס'איז געוואָרען פינסטער, זייַ־נען אין די פאַרוואָרפענע טיילען יפו, ענגע קוואַרטאַלען לעבען תל אביב, דורכגעוועקסעלט געוואָרען עטליכע קוילען. די ביטערע פאַרביסענע צווישען די אַראַבער האָבען זיך ניט געקענט איינ־האַלטען און האָבען זייער קנאה אויסגעשאָסען.

דריי אידען פאַרוואונדעט; דריי אַראַבער צוריק פאַרוואונ־דעט...

איינער פון די פאַרוואונדעטע איז געשטאָרבען...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די גאַסען פון תל אביב רוישען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

.1924

# פרנסות און פאַרגעניגענס אין תל אָביב

ווי אזוי און מיט וואס אידען לעבען אין תל אביב, לאזט זיך ניט ערקלערען. דאס איז איינער פון דער וועלט'ס ניסים. עס בויט זיך א שטאדט, עס וואקסט א ישוב, א גרויסער, א לעבעדיגער אויף זאמד בוכשטעבליך און אלעגאריש. קרוב צו זיבעצעהן טויזענט איינוואוינער לעבען צווישען זיך, אהן אינדוסטריעס, אהן עקאנאָ־מישען באדען און אהן געלט. מען לעבט איינער פון דעם אנדערען. מען פוצט איינער דעם צווייטען די שיך, מען ראזירט איינער דעם צווייטען די באָרד, מען גיט איינער דעם צווייטען איבער דעמזעלבען פיאסטער. די היגע מטבעה, דער פיאסטער, געהט מיט א קיילעכ־דיגען לאך אין דער מיט. וויצלען זיך מאנכע און זאגען, אז דאס האט זיך א לאך דורכגעריבען פון צופיעל הענט.

תל אביב האט ניט קיין געלט. דערלאנגט איהר אימיצען אן אסיגנאציע פון א פונט סטערלינג און איהר דארפט קריגען רעשט, לויפט דער איד ארום שטונדען ביז ער קריגט עס צו צעבייטען. איך האב פיעל מאל אין פאסט־אַפּיס ניט געקאנט קויפען קיין פאסטמארקע, ווייל ס'איז דארט ניט געוועזן קיין רעשט פון א פונט. מענשען לעבען דא פון ניסים.

עס פארמעהרען זיך קראמען, האטעלען, גראסערי־קלייטלאך אויף אזוי פיעל, אז גאר אינגיכען וועט זיך יעדער תל אביב'ער שלאפען אין זיין אייגענעם האטעל, עסען אין זיין אייגענעם רעס־טאראן, זיך ראזירען אין זיין אייגענעם בארבער־פלאץ... קורץ, ער וועט לעבען ווי א גראף. איך זאג אייך, תל אביב איז א רעטעניש וואס מוז אויסגעפארשט ווערען, איז ניט נאר א טיפע וויסענשאפט און סאציאלע רעטעניש, נאר אויך א שעהנע רעטעניש.

די נייע צירליכע הייזער, די ברייטע, שעהנע גאסען, די בול־ווארען, שפיעל־פלעצער — זיי אלע זיינען שעהנע ניסים.

ביי די אראבער איז ניטא וואס צו זעהן, און צו הערען. גא־סען שטויביגע, שמוציג, קרומע, האלב־פינסטערע און פארשטיקטע. קיין באלויכטען פענסטער, קיין סינעמא, קיין קאנצערט, קיין באל,

קיין מאסקאראד, גארנישט, און די פרויען זיינען נאך פארשלייערט. היינט געה לעב!

קאכט אין זיי דער געפיהל פון קנאה און באוואונדערונג, און די לעצטע נעמט זיגען. זיי האבען איינגעזעהן, אז מיר זיינען פארט די קולטור־ און וואוילזיין־ברענגער; אז לעבען אונז קאן מען זיך פארט עפעס לערנען, און אז עס לוינט זיך צו מאכען שלום, א גוטען, פעסטען שלום.

רוהיג און שעהן איז דאס תל־אביב׳ער לעבען; אבער עס פעהלט געלט. ניטא! באנקען לייהען ניט, מענשען בארגען ניט, ניטא קיין קרעדיט. די איינציגע, וואס בארגען און גיבען קרעדיט, זיינען די ארבייטער. איך מיין, די ארבייטער־ארגאניזאציעס, ווי די „הסתדרות הפועלים". די היגע ארבייטער־ארגאניזאציעס, איז אויך איינע פון די וואונדער, וואס וועגן זיי דארף מען גאר באזונדערס שרייבען; איבערהויפט דארף מען וועגען פיעלעס שרייבען! איך זאג אייך, איהר האט דארט ביי אייך קיין מינדסטען באגריף ניט וועגען דעם, וואס דא קומט פאר! האט איהר, למשל, געהערט, ווי די היגע ארבייטער האבען זיך גענומען צו פארענטפערען די געלט־פראגע? ווי אזוי זיי האבען זיך גענומען צו לייזען די פינאנץ־פראבלעם פון לאנד? איינפאך: זיי גיבען ארויס אייגענע געלט פאר זיך. אט האט דער „המשביר", דער „קאנסום און פארקויף קאאפעראטיוו", ארויסגעלאזען קליינע אסיגנאציעס אויף דער סומע פון פיער טויזענט פונט. א פאפירעל אויף א פערטעל פונט, האלבען און גאנצען פונט. צוערשט האט מען גערעכענט, אז דאס געלט זאל צירקולירען בלויז צווישען די ארבייטער; עס זאל הייסען „טשעקלעך". פאר וועלכע מען קריגט אין „המשביר" פראדוקטען, אבער באלד זיינען די „טשעקלעך" געווארען פאפולער און זיי האבען אנגעהויבען „געהן" אזוי ווייט, אז אפילו אראבער נעמען זיי אן. דער קורס זייערער האלט זיך פעסט, א פונט איז א פונט. בלויז ווען עס קומט צו באצאהלען רענט דעם באלעבאס פון הויז, אדער קויפען אין א פרעמדער קראם, דאמאלס דריקט אראפ דער איד א צעהן פיאסטער, אדער פופצעהן פיאסטער פון דעם פונט; אבער נידריגער פון 85 פיאסטער איז נאך קיינמאל די „המשביר"־אסיגנאציע ניט אראפ. איהר פארשטעהט?! ... דעם ביישפיעל, האב איך געהערט, האבען שוין נאכגעפאלגט אנדערע ארגאניזאציעס פון אנדערע מקומות. ניטא קיין געלט, — דרוקט מען געלט. אנדערע



אַ אידישער פּאָליסמאַן פון תל אָביב.

גרויסמאַכטען מעגען, — וואָרום זאָלען זיי ניט טאָרען ? ! עס איז איינע פון די קוריאָזיטעטען אויף אַזוי ווייט, אַז טוריסטען פיה־רען זיי אַרום מיט זיך, כדי צו ווייזען זיי ביי זיך אין דער היים.

איך זאָג עס נאָכאַמאָל, אַז איהר, דאָרט, אין אַמעריקע, הויבט ניט אָן צו וויסען, וואָס דאָ טוט זיך ! איהר ווייסט גאָרניט וואָס פאַר אַ וואונדער עס געשעהט דאָ ! ארץ־ישראל איז נאָך אַ טאָטאַל־אומבאַקאַנט לאַנד פאַר דער וועלט ! עס וואָלט זיך געדאַרפט גרינ־דען אַן אויספאָרשונגס־עקספּעדיציע, אָדער אַם וויייניגסטענס אַ פּוב־ליסיטי־ביוראָ, וואָס זאָל אַדווערטייזען ארץ־ישראל אַלס איינעם פון די לעצטע און גרעסטע וואונדער. האָט איהר געהערט, למשל, אַזאַ זאַך, אַז אַן אָרימע גרופּע מענשען, וואָס ביי זיי איז דער פּיאַס־טער מיט אַ לאַך, זאָל שוין צום פערטען מאָל אין סעזאָן אויספאַר־קויפען יעדען בילעט צוויי וואָכען אין פאָראויס צו דער היגער אָפּערא ? ! אַז צו דער קומענדער פאַרשטעלונג „פאַוסט“ איז שוין קיין פּלאַץ צום פאַרקויף ניטאָ ? ! האָט איהר געהערט, למשל, אַז אין תל־אָביב איז דאָ אַ טרעפיק־פּאָליסמאַן ? מעהר ווי איינער, נאָר דער, וועגען וועלכען איך רעד, איז אַן אמת'ער עקזעמפּליאַר : הויך, ווי דער העכסטער ניו יאָרקער „טרעפיק דיריגענט“, מאָנומענטאַל, מאַיעסטעטיש שטעהט ער אין מיטען גאַס און קירעוועט גראַציעז, אימפּאָזאַנט : רעכטס, לינקס, אַן אייזעל רעכטס, אַ קעמעל לינקס, אַן אויטאָמאָביל פאָראויס, אַ וועלאָסיפּעדיסט צוריק, אַ וואָגען, אַ דראָזשקע, אַ פושקאַרט ! — עס לויפט, עס איילט זיך, ס'איז „ראָש־אור“... פּלוצלינג הויבט דער „טרעפיק דיקטאַטאָר“ אויף זיין „רעכטע“ האַנט, און אַלץ שטעלט זיך אָפּ : אַ „גברת“, אַ תל־אָביב'־ער פריילין אין אַ שניי־ווייס קלייד דאַרף אַריבערגעהן די גאַס ; און דער גאַלאַנטער פּאָליסמאַן טוט זיין פליכט !

ווי פאַרט זיך עס ! — אַ שטאָדט וואָס האָט ניט קיין רעשט פון אַ „פונט“, האָט אַן אייגענע אָפּערא, זינגט „פאַוסט“ אויף העב־רעאיש און פאַרמאָגט אַזאַ גראַנדיעזען טרעפיק־פּאָליסמאַן ? איז עס דען אַ קלענערער וואונדער, ווי אַמאָל אין ירושלים, אַז ווען מען פלעגט קומען עולה־רגל־זיין איז געווען אַזוי ענג, אַז מענשען פלעגען הענגען אין דער לופטען, און אַז מ'פלעגט דאַרפען פאַלען כורעים, איז געוואָרען פּלאַץ אַרום און אַרום ? ! — מען בייסט זי דאָ די פינ־גער פאַר אַ גראַטען, אָבער קינדער קריגען דאָ די פיינסטע ערציה־הונג, זעהען אויס רייצענד, בליהענד, ענטציקענד, ווי קיין קינד

ניט אויף דער גאַנצער וועלט; אין הויז איז ריין, ווייס, אויפגע־רוימט, די שיך שטענדיג מיט אַ שיין, די באָרד גלאַט ראַזירט, אָדער עלעגאַנט צוגעשאָרען, די גאַסען ריין, — באַגאַסען מיט אַ באַגיס־מאַשין... קומט דער פרייטאָג, שליסט מען שויז צוועלף אַ זייגער אַלע אָפיציעלע געשעפטען, מען נעמט דעם שבת אויף שוין פאַראויס... אָוונד, נאָכ'ן עסען, געהט מען שפּאַצירען אונ־טער דעם בלויען הימעל, אויסגעשייערטער לבנה, אויסגעפּוצטע שטערען; עלטערע געהען לאַנגזאַם, אינגערע — מיט אַ שנעלערען טעמפּאָ... קומט דער שבת — די הייליגע רוהיגקייט, ווייסע ליכ־טיגקייט, איז צעגאָסען איבער די אידישע וועלטען, און קיינער וואָלט ניט געגלויבט, אַז אין קעשענע פעהלט ניט נאָר דער פיאַסטער, נאָר אַפילו דער לאָך.

תולה תל־אביב על בלימה! עס הענגט אַ שטאָדט אויף גאָר־ניט! טאַקע אויף גאָרניט?! — ניין, עס איז דאָ אייז זאַך וואָס ער־קלערט אַלצדינג, — דאָס איז דער פאָר'עקשנ'טער ווילען, די אומ־ענדליכע ליעבע — ליעבע צום לאַנד, ליעבע צו יעדען שטיינדעלע, קאָנצענטרירטער ווילען, אָפּפערווילליגקייט, אין אַזאַ מאָס, וואָס די וועלט האָט קיין גלייכען ניט.

איך זאָג עס צום דריטען מאָל: איהר, דאָרט, אין אַמעריקע, הויבט ניט אָן צו וויסען, וואָס דו קומט פאָר! און די נאָכריכטען, וואָס מען קריגט, זיינען די פאַלשסטע און פאַרקעהרטסטע. טרעפט זיך עפּעס דאָ אַ נאַרישקייט, אַן אומגליק, אַ פאַרדראָסיגע זאַך, אַ ניט־געלונגענער עקספּערימענט דערוויסט מען זיך גלייך, — פאַ־סירען וואונדער יעדען טאָג, ווייסען מיר דערפון ניט. און מען אי־בערטרייבט נאָך דערצו יעדען פעהלער; מען רעדט, למשל, וועגען דעם, אַז מען וואַנדערט אַרויס פון לאַנד; עס איז אַ ליגען! ביים אַריינפאָהרען אין יפו, האָט דער ציוניסטישער סטאַטיסטיקער אָראָפּגענומען פון מיר אַלע דאַטען, ווער איך בין, וואָס איך בין, א. אז. וו.; ער האָט מיך דערקענט פון פאָר דריי יאָהרען... האָב איך איהם געפרעגט וועגען דער אויסוואַנדערונג. צעלאַכט ער זיך: עס איז ניטאָ פון וואָס צו רעדען. קליין, אומבאַדייטענד איז די אויסוואַנדערונג, און נאָך איצט, ווען די עקאָנאָמישע לאַגע פ א ר־ב ע ס ע ר ט זיך, וועט קיין אויסוואַנדערונג ניט זיין.

איהר הערט? — די עקאָנאָמישע לאַגע פאַרבעסערט זיך! מען גרייט זיך ווידער צו אַ נייעם בוי־סעזאָן נאָך אַ שטאַרקערען און לוס־

טיגערען... ארענדשעם זיינען געראטען דעם יאהר, מען פארלאנגט זיי אין ענגלאנד און מען צאהלט גוט... מען ערוואַרט אַ גוטען, געראטענעם ווייץ אויף די פעלדער; און די הויפט־זאך — טאבאק!

האט איהר שוין געהערט וועגען דעם ארץ־ישראל׳ער טאבאק? ניין?

אז איך זאג אייך איהר הויבט ניט אן צו וויסען, וואס דא קומט פאר?!

.1924

# ירושלים

## די אומגעלומפּערטע, די שעהנע

דאָס איז די אונערוואַרטעסטע שטאָדט פון אַלע אויף דער וועלט. איך האָב וועגען ירושלים פיעל געהערט, געלעזען, בילדער און פאָטאָגראַפיעס געזעהן, אָבער דאָס, וואָס איך האָב געטראָפען איבערשטייגט אַלע מיינע פאָרשטעלונגען.

אַ פאַנטאַסטישערע שטאָדט ווי ירושלים איז אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען. ס'איז עפּעס, וואָס מען זעהט אין חלום. ס'איז עפּעס, וואָס מען מוז לאַנג אויסטראַכטען, און צוטראַכטען און צו־דיכטען און שאַפען אין דעם צושטאַנד פון עקסטאַז.

איך געה אַרום איבער די געסלעך פונ'ם אַלטען ירושלים און זאָג מיר מען מוז אַ ניי וואָרט שאַפען: אַנשטאַט דאָס וואָסט גאָס—געסע־לעך. נישט די הייזער, וועגען און שטעגען פּאַסען זיך צו קיין איינ־ציגען בעגריעף פון דעם, וואָס מיר האָבען אין אייראָפּאַ און אמע־ריקאַ. דאָס זיינען לאַבירינטען, דאָס זיינען קאַפּריזען און אַרכיטעק־טור, וואָס דורות, יאָהרטויזענטע האָבען אָנגעהויפט, אָנגעוואָרפען, צושאָטען, דערנאָך ווידער צונויפגעוועבט, פאַרוועבט, פאַרפּלאָנ־טערט, מיט אונערמעסליכער קונסט, פאַנטאַזיע, העכסטען אונזין און גרעסטער חכמה. ס'איז עפּעס, וואָס קיין פּען קען ניט באַשריי־בען, אָדער וועט האָבען צו באַשרייבען אין טויזענטער בענדער און וועט קיינמאָל נישט פאַרטיג ווערען. ס'איז מאַטעריאַל פאַר דורות און דורות קינסטלער, וואָס וועלען דעם מאַטעריאַל קיינמאָל ניט בייקומען. איך געה אַרום, טראָג מיט זיך מיין צייכען־ביכעל, וויים ניט, וואָס פריהער צו צייכענען, איך לאָז די הענט אַראָפּ פון ער־שטוינונג און ענטציקונג. און דאָס וואָס איך מאַך, איז בלייך און גאָרנישט זאָגענד אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ירושלים איז.

ירושלים איז אַ סימפאָני פון שטיינער. אַלע סאָרטען שטיי־נער, דאָרט אָנגעהויפּט, דאָ צוואָוואָרפן, גרויסע, געלע, ברוינע, שטיי־נער, אַהין אַ סוף און אַהין אַן ענד. דאָ ליגן זיי איינע אויף די אַנ־דערע און דערהויבן זיך צום הימל אימפּאָזאַנט, גראַנדיעז און בילדן די וואַנט אַרום דער אַלטער שטאָדט מיט איהרע אומצעה־ליגע טורעמס, און טויערן. און ווידער אַמאָל זאָג איך אַ וואָרט, וואָס פּאַסט ניט. טויערן! קען מען דען דיזע קאָמפּאָזיציעס פון געוועלב און וואַנט אָנרופן טויער? ! אמת מען קען דורכגעהן דורך אַן עפענונג, אָבער וואָס איז דאָס פּאָר אַן עפענונג און וואָס פּאָר אַ דורכגאַנג? ! איך דרעה זיך אַרום דעם יפו'ער טויער פון אַלע זייטן און זאָג מיר: „ס'איז קונסט!" און ווי קונסט, אַזוי ווייניג פּראַקטיש איז דאָס אַלץ. ס'איז בלויז שעהן, אַבסאָלוט שעהן און מעהר גאָר ניט. דאַרפן דאַרף עס קיינער ניט.

און אַזוי ווי די שטיינער זיינען אויך די מענשען אין דער אַל־טער שטאָדט ירושלים. פון אַלע מינים, פון אַלע קאָלירען פון אַלע קליידער פון גאָר דער וועלט, גרופּענווייז, צושאָטען און ווידער צו־נויפגעפלאָכטען. איך האָב ליעב די אידישע גאַס, אַזוי רופט מען זי... גאַסען האָבען דאָ נישט קיין נעמען. בלויז עטליכע גאַסען האָבען עפּעס ווי צוגעטשעפּעט צו זיך אַ נאָמען. די אידישע גאַס, אָדער די גאַנצע נעץ פון גענג און פינסטערע, באַדעקטע דורכגענג, מיט זונען־און לופט־לעכער פון אויבען, אַט דער גאַנצער קנויל, וואָס ציהט פון יפו'ער טויער אַרונטער צום כותל מערבי, האָב איך ליעב געקראָגען. איך געה אַרום און קעהר זיך צוריק אום, לאָז זיך אַרונטער אין אונטערערדישע היילען, קלעטער אַרויף אויף דעבער און גאַניקעס, און די גאַנצע צייט ציטערט עס אין מיר און ציטערט... גאָט מיינער, וואָס פּאָר אַ ווילדען, אַבסורדען און צו דערזעלבער צייט וואונדערבאַרען חלום האָסטו דאָ אויסגעחלומ'ט? אַזאַ ווילדער, אַבסורדער און וואונדערבאַרער חלום זיינען אויך די מענשען דאָ, אויף דיזע גאַס־געפלעכט! אידען מיט לאַנגע געקריי־זעלטע פּאות, פאַנטאַסטישע בערד, קליידער און געשפּרעך! אַראַ־בער, בעדואינער, אינדוסען, אַרמענער, אייראָפּעער... אונמעג־ליך שמוציג און וואונדערבאַר דעקאָראַטיוו. ענג, גליטשיג, הילכיג, כּאָאָטיש, שרייענד, העפטיג זשעסטיקולירענד, שטופּט זיך דאָס אַלעס הין און צוריק. און אַט באַווייזט זיך איבער אַלעם מיט אַ לאַנ־גען קאָפּ, האַלז און קערפּער אַ באַרג אַ גאַנצער, אַן אָנגעלאָדענער



די באזאַר געסעל אין אַלט־ירושלים.

קאמעל. ער דערגרייכט די ש ט ע ל ע פון דער גאס, ער שפאנט זעהר פארזיכטיג, מיט זיינע פלאטשיגע פיס. וואס זיינען געשאפען פאר'ן מדבר־זאמד, אבער נישט פאר גליטשיגע טרעפלעך, שפאנט פארזיכטיג, מעסט יעדען טריט און גיט פלוצלינג א פאל, צושפרייט הילפלאז די פיס און קען ניט אויפשטעהן, סיידען איהר לעגט איהם אונטער א מדבר. צוליארעמט זיך ארום איהם דאס אראבערטום, עס ווערט א געטומעל, מען בויגט דעם קעמעל די פיס, מען ציהט איהם פאר'ן האלז, און ער מאכט ניט קיינע אנשטרענגונגען אויפ־צוהויבען זיך.

א וואונדערבאר, אומגעלומפערטע חיה, איז דאס דער קעמעל! איך האב ליעב צו זעהן ווי ער לעגט זיך אנידער אויפ'ן באפעהל, ווען מען דארף איהם אנלאדען, אדער אפלאדען. ביי איהם איז דאס א גאנצער פראצעס. צוערשט צוקאטשעט ער זיין קאפ און האלז, דערנאך בויגט ער איין פוס פון פארענט, דערנאך א צווייטען ביז די קניע, דערנאך די צווייטע העלפט פון די פאדערשטע פיס. פאר־טיג מיט די פאדערשטע פיס נעמט ער זיך פאר די הינטערשטע. נישט געאיילט זיך, ווערט ער פארטיג מיט דער צייט... און דאס אלץ אויף איינעם פון די לאבירינטען־געסלעך.

אייזעלעך שטופען זיך הין און צוריק. אויך די אייזעלעך האבען מיין הארץ געוואונען. איך האב באמת מיטלייד צו דעם אייזעל־פאלק. גרויסע אומגעלומפערטע מענשען זעצען זיך אויף איהם מיט שטעקענס רעכטס, לינקס, שרייען אויף איהם מיט ווילדע קולות און ער אליין, דאס אייזעלע, א קליין חיה'לע, פלאנטערט מיט די פיסעלעך און שווייגט, שווייגט. דערפאר אבער, ווען דאס אייזעלע צושרייט זיך, איז דאס ניט אויסצוהאלטען. עס לאזט ארויס אזעלכע ווילדע אומגעלומפערטע קולות, אהן יעדער שפור פון מוזיק, אהן יעדען ברעקעל פון קאמפאזיציע, גלאט הוילער יאמער־געשריי... ווען איך דערהער א היגען אייזעל שרייען, פאר־שטאפ איך די אויערען און מאך די אויגען צו.

און אזוי שטופען זיך אלע אויף דיזע גאסען, אלע סארטען מענשען. גלחים, רבנים, סאלדאטען, אראבער, אידען, חיות — אלץ האנדעלט, שמאיעט, ליארעמט. אין לעבער פארשטעקט ליגט א שוך־ווערקשטאט, איז א לאד פארבראכען — א בעקעריי, א טישלער, א קצב ,א שניידער, א קאוועל. אזוי קליין, אזוי אונמעגליך, אזוי אונגלויבליך, אז פון דעם זאל מען קענען עפעס פארדינען. פארדי־

נען? פון וועמען און פאר וואס? און דאך לעבט מען. אמת, אלע זאגען, אז ס'איז שווער, זעהר שווער, דאך לעבט מען.

אבער אט קריך איך אריין אין א לאך, דערנאך א פאר שטי־גען ארויף, א פאר גליטשיגע שטיגען אן א זייט, און קום אריין אין א שול. אלט, געוועלביג, גערערעהט און פארפלאנטערט... א לאנגער טיש, א ישיבה, מען זיצט און מען לערענט. וואונדערבאר, וואס פאר א מענשען זיינען דאס?! פון בילדער ארונטערגענומע־נע, פנים'ער פארקלערטע, אויגען גרויסע, לויכטענדע, לאנגע־לאנגע פאות'ן, בערד געבאליעטע און מען זינגט און מען באמקעט צו און מען פארציהט זיך!... א וועלט, א נאך מעהר פאנטאסטישע, ווי די, וואס איך האב נאר וואס געזעהן אין דרויסען. איך ביז געווען אין דער ישיבה „עץ חיים", ביי דער חורבה־שול, דארט וואו הער־בערט סעמועל דאווענט. א גרויסער צימער; ביינק ציהען זיך בייביידע זייטען טיש און עס שטעהען שטענדערס און מען זיצט און מען לערענט, און ווער עס ווערט מיד זיצענדיג, שטעלט זיך ביים שטענדער און לערענט. און אין מיטען זיצט דער ראש הישיבה, א איד מיט א קלוגען פנים, און זעהט, אז חברה, באזבערדעטע אי־רען, זאלען לערנען, זאלען זיך ניט פוילען.

קום איך אריין, הויבען אלע אויף די קעפ, רייסען אלע איבער דעם ניגון און קוקען מיט גרויסע נייגעריגע אויגען אויף א דעם מענש מיט א סקיצען־ביכעל. איך געה צו צום ראש ישיבה, פרעג איהם, צו איז ערלויבט א בילד צו צייכענען פון דער ישיבה. ענט־פערט ער מיר, אז ער קאן הייסען, מען זאל לערנען, אבער ער קען קיינעם ניט הייסען צו ווערען געצייכענט. ענטפער איך איהם, אז איך וויל קיינע פארטרעטען פון קיינעם ניט מאכען, בלויז אלגע־מיינע שטריכען. ערלויבט ער מיר. זעץ איך זיך אוועק. אידען לער־נען ווייטער, עס קלינגען יונגע שטימעלעך, עס ברומען עלטערע, ווי פריהער, אבער נישט אין גאנצען, ווי פריהער. מען ווארפט בלי־קען אין מיין זייט. עס הויבט זיך אויף א בחור פון צייט צו צייט און שלייכט זיך צו צו מיר און גיט א קוק צו האב איך ניט איהם געצייכענט און ווען ער דערזעהט זיך, ווערט ער רויט און שרעק־ליך נייגעריג און קען זיך ניט אפרייסען. באגעגענט ער דעם שטרענ־גען בליק פון דעם ראש ישיבה, איילט ער אוועק. און עס טראכטען זיך געווים די פרומע מענשען, אז דאס האט דער שטן זיך פאר־

שטעלט אין מיין פערזאן און איז געקומען אפרייסען דאס הארץ פון אידען פון דער תורה...

איך בין אויך געווען אין דער ישיבה, וואו מען לערענט קבלה... אין דער מוסר ישיבה — שטרוים־חצר — איבעראל די אנגע־שטרענגטע גייסטיגקייט, אויגעלעך פון יונגע קינדער פארקלערט, אפט מידע, מיט פנים'לעך בלייכע...

און מען רעדט אידיש! גאנץ ירושלים רעדט אידיש. אפילו ספרדישע תימנ'ער אידען רעדען אידיש, אראבער זיינען דא אזעל־כע, וואס רעדען אידיש. טרייבט אן אראבער זיין אנגעלאדענעם אייזעלע איבער דער געדיכטער אידישער גאס, שרייט ער „היט זיך! היט זיך!"... העברעאיש וועל איך זיך אין ירושלים ניט אויסלערנען רעדען.

מיט דעם רעדען איז דא איבערהויפט שלעכט; מען רעדט דא פיעל און אויף אלע שפראכען אבער אויף קיין שפראך ניט גוט...

פון א גאנץ אנדערען כאראקטער איז די ניי־ירושלים. גאסען גאנץ אייראפעאיש, הייזער, גאנצע פאלאצען. זעהען אוים אזוי, ווי מען טרעפט זיי אין די גרעסטע אייראפעאישע שטעדט. די יפו־גאס איז די געשעפטס גאס. שעהנע מאגאזינען, און ריין איי־ראפעאיש געקליידעטע דאמען און הערען זעהט מען אפט שפאצי־רען. וואוינען אין דער נייער שטאדט מייסטענס אידען. מען קען זאגען בלויז אידען. אידען פון אייראפא בויען זיך אן אייראפעאישע שטאדט. די אלטע שטאט ירושלים איז באוואוינט פון אראבער, אויסער, פארשטעהט זיך, די ספעציעלע אידישע מקומות, וואו אי־דען זיצען געדיכט און פעסט. ווי למשל דער רב צדוק'ס חאש. דאס איז פון אלץ, וואס איז דא פאנטאסטישעס אין ירושלים. דאס סא־מע פאנטאסטישע. איך בין אהין אריין און בין, איינגעבויגען, גע־קראכען און דורכגעקראכען גענג און לעכער... ס'איז דער אנהויב פון דעם אמאליגען אידישען ישוב, אזוי דערצעהלט מען מיר. יע־דער שטיין איז דארט א בוך. יעדע שטיג א לעגענדע אדער א בלו־טיגער קאפיטעל. דארט איז דא א טויער פון פארשטיינערטע האלץ, וואס האט אפגעהאלטען אונצעהליגע פאגראמען און שלאכ־טען... עס איז דארטען דא מעשות פון ברענענדען אינטערעס. און פון דיזע לעבער און גריבער ווייזען זיך אידישע קינדערלעך, שווארץ חנ'עוודיגע אידישע טעכטער... — אבער אזעלכע אידי־שע געסלעך זיינען ארומגערינגעלט פון אראבישע איינוואוינער.

גאַנץ כותל מערבי איז אַרומגערינגעלט מיט אַראַבער. אַפילו ביי דער סאַמע וואַנט איז׳ם הויף פון דער „וואַנט" וואוינען אַראַבער. וואוינען ביי דער וואַנט און קוקען־צו דעם בעטלער און שנאָרער געשעפט, וואָס ווערט דאָרט געטריבען. אויבען אַ פּאָר מינוט פון דער כותל מערבי, געפינט זיך דער מעטשעט אָמאַר אַדער, ווי אי־דען רופען עס, דער מקום קודש. דער מעטשעט אַליין, און דער פּלאַץ אַרום, איז פון אונבאַשרייבליכער שעהנקייט... דאָך דאָס בעט־לער־און שנאָרער־געשעפט ווערט דאָרט געטריבען ניט ערגער ווי ביי דער „וואַנט". דער אַראַבער, וואָס האָט מיר געהאָלפען אויסטאָן די שיך, איידער איך בין אַריין אין מעטשעט, האָט פאַרלאַנגט אַ שי־לינג, פּונקט ווי ער וואָלט געווען דער ערשטער אויף דער וועלט, וואָס האָט מיר ענטדעקט דעם סעקרעט פון אויסטאָן שיך. זייענדיג אינעוועניג האָבען נאָר דריי אַראַבער פאַרלאַנגט פון מיר צו שי־לינגס... ניט וועניגער. זיי האָבען זיך געשלאָגען אין דער ברוסט, געגלאָצט מיט די אויגען, זיך געריהרט ביי קאָפּ און האַרץ, דאָך האָבען זיי זיך איבערגעבעטען און גענומען צו פּיאַסטער... אַ סטאַיע בעטלער פּונקט ווי ביי אונז האָבען מיך פאַרפאָלגט די גאַנצע צייט אין דעם וואונדערבאַרען פּלאַץ.

איבער דער אַלטער שטאָדט ירושלים און איבער דער נייער הויבען זיך בערג פון אַלע זייטען, ווי אַ וואונדערבאַרע ראַם. און פון דער ווייטען, גאָר פון ווייט־ווייטען, שטעהען און קוקען אהערצו פון איבער דעם ים המלח, די הרי מואב. זיי זיינען בלוי, אָבער אין קלאָרע טעג זעהט מען מעהר ווי בלוי. מען זעהט אַלע קנייטשען אויף זייערע אַלטע פּנים׳ער, אָבער מילד אין פּיאַלעט... ס׳איז אַ ראַם, וואָס איז ווערט דאָס בילד. און אויף איינעם פון די היגלען אַרום ירושלים אויף דעם הר הזיתים הויבט זיך שפּיציג צום הימעל דער פּאַלאַץ, וואו הערבערט סעמועל וואוינט. אַזוי זיצען און גע־וועלטיגען איז איינפאַך קעניגליך. אין דער פריה, ווען די זון געהט אויף הינטער דעם פּאַלאַץ, וואַרפט דער פּאַלאַץ מיט זיין הויכען טורעם אַ לאַנגען שאָטען, וואָס ציהט זיך איבער דעם גאַנצען באַרג און טאָל, גלייך צו דער שטאָדט צו, און עס זעהט אויס אַקוראַט, ווי די האַנט פון דער ממשלה איז אויסגעשטרעקט צו זיינע אונטערטעניגע...

איך וואָלט געדאַרפט באַזוכען דעם דאָזיגען פּאַלאַץ. איך וואָלט געדאַרפט אַלטע באַקאַנטע באַזוכען, איך וואָלט געדאַרפט אינסטי־

טוציעס פון היינטיגען אינטערעס באזוכען. איך קען מיך אבער ניט ארויסרייסען פון דעם נעץ פונ׳ם אלטען צויבערער ירושלים. איך וועל אבער מוזען מאכען אן אנשטרענגונג און זיך ארויסרייסען, ווייל איך פיהל, אז ניט דא וועבט זיך אונזער לעבען. דאס וועבט זיך דארט, אין די קאלניעס און אויף וועגען... איך וועל אין גיכען ירושלים פארלאזען...

.1921



א געסעלע וואס פיהרט צו דער כותל מערבי.

# ווי מען לעבט אין ירושלים

האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ טיפּ לעבען אין ירושלים, פּונקט ווי עס האָט זיך אויסגעאַרבייט אין ניו יאָרק. למשל? מאַנכע זאָגען, אַז ניט, ווייל עס איז דאָ ניטאָ קיין ברייטע שיכטען, עס זיינען דאָ פּערזאָנען, פּערזענליכקייטען, אינדיווידוען, יעדער איז פאַר זיך און טראָגט זיך אַרום מיט באַזונדערע אידעען און אַרבייטען, אָפּגעטיילט פון אַנדערע, לעבט נישט צוזאַמען מיט אַנדערע, שאַפט דאַרום ניט קיין געזעלשאַפטליך לעבען, וואָס נעמט אַן געוויסע פאָרמען. אַזוי זאָגען מאַנכע. מיר דאַכט זיך, אָבער, אַז ס'איז דאָך דאָ געוויסע שטריכען, וואָס באַשטימען דעם פּנים פון היגען לעבען, ווי אינדיווידואַליסטיש מענשען זאָלען ניט זיין. ערשטענס איז דאָ פאַראַן אַ זון, וואָס געהט אויף אין דער פריה 5 אַ זייגער, געהט אויף מיט אַ מאָל אָהן וויטערע פאַררעדעס און שיינט גלייך, וואַרימט גלייך מיט אַ פולען טאָג'ס ליכט, אַזוי אַז שפּעט שלאָפען קען קיינער ניט, דער טאָג הויבט זיך אָן פריה. דיזעלבע ליעבע זון פאַרשווינדט אין אָוענט אַ זייגער זיבען אויך מיט אַמאָל. גלייך ווערט עס פינסטער, קיין גאַסען־באַלייכטונג איז ניטאָ, אָדער זעהר אַ קאַרגע. פּאַרקען, בולוואַרען, שפּאַציער־גאַסען אָדער פאַרוויילונגס־פּלעצער, טעאַטערע, מואַווים א. ד. גל. איז דאָ ניטאָ, בלייבען מענשען אין שטוב. געהען מענשען פריה שלאָפען. ניין—צעהן אַ זייגער אין אָוענד שלעפערט עס יעדען, און טאַקע גלייך שלאָפט ירושלים איין. אָבער יונגוואַרג קען דאָך אַזוי ניט אויסקומען, באַזונדערס די נייע, שיט מען אַרויס גרופּענווייז, אויף די געסלעך פון דער בוכאַרער געגענד, די ראַדיקאַלערע אַרבייטער קומען אַריין אין בית העם, אין אַ טיי־פּלאַץ, אין אַרבייטער קיך, אָבער דאָס אַלץ איז בלויז ביסלעכווייז. די מייסטע ירושלים'ער פאַרברענגען זייערע אָבענדען אין דער היים.

דאַרפען דאָ די היימען זיין באַקוועמע, איז דאָס אָבער ניט דער פאַל. עס פעהלט אין די היגע היימען דאָס וואָס מען רופט אין אַמעריקאַ „קאָזינעס", די אָנגענעמע באַקוועמע היימליכקייט. די

צימערן זיינען מייסטענס גרויס, זעהר גרויס, די פּאָדלאָגע א שטיינערנע און די סטעלע א געוועלבטע. דיזע געוועלבטע הייזער זיינען אראביש, געבויט פון אראבער, פאר אראבער. אידישע הייזער האָבען דאָס ניט. געוועלבטע סטעלעס, דיקע ווענט מיט קליינע פענסטער מאַכען דאָס צימער שאָטענדיג און ליכטיג צו דערזעלבער צייט. אָבער די ווענט זיינען נאַקעט און די צימער ניט באַצירט. עס שטעהען עטליכע פלאַכע קושעטקעס באַדעקט מיט א געשטרייפּטען שטאָף, עס וואָלט לייכט געקענט ווערען עטוואָס ליבליכעס, אָבער עס איז נאָך נישט געוואָרען. מעבעל האָט מען דאָ ווייניג און מען דאַרף עס האָבען ווייניג. עטליכע שטרויענע בענקלעך, א זומערדיג טישעל און נאָך עטליכע זאַכען, לייכט און לופטיג, דאָס איז אַלץ, וואָס מען דאַרף האָבען פאר א צימער. דאָך פעהלט דאָ דער געשמאַקפולער באַריהר פון א פּאַרטראַכטער הויז־פרוי.

פונקט אזוי ווייניג, ווי מען דאַרף דאָ האָבען מעבעל, דאַרף מען דאָ האָבען קליידער. א פּאָר לייכטע העלע אנצוגען פון לייכטען שטאָף, א פּאָר סאַנדאַלען און איהר קענט אָפּגעהן אין דעם א גאַנצען יאָהר. אויך די פרויען טוען זיך דאָ אָן זעהר איינפאַך און בייטען נישט קיין טואַלעטען. העל, לייכט, זומערדיג און דערהויפּט איז די מעלה, וואָס עס ווערט ניט שמוציג. פון זאַמד ווערט ניט שמוציג. דאַרום איז טאַקע דאָ די שיך־און קליידער אינדוסטריע אין אַן אָרימען צושטאַנד. מען קויפט ווייניג שיך. איינער א איד האָט זיך באַריהמט, אַז פאר די לעצטע פערציג יאָהר האָט ער ניט געקויפט קיין איין פּאָר שיך. און די שיך, וואָס די אראבער טראָגען אין אונמעגליך צו באַשרייבען: אונמעגליך, ווייל ערשטענס טראָגען פיעלע איבערהויפּט נישט קיין שיך, און די שיך, וואָס די באַשוכטע אראבער טראָגען, זיינען אַזאַ צוריסענע, צופּלאַכטענע, צוטראָטענע קאָמפּאָזיציע, אַז ס'איז אונמעגליך אויסצוגעפינען, אין וואָסער לאָך מען דאַרף דעם פוס אריינשטעקען ביים אָנטאָן. איך האָב אָפּט געמוזט לאַכען, ווען אַן אראבער ברענגט אַזאַ פּאָר שיך צו א שוסטער אויף דער אידישער גאַס און וויל עס לאָזען פאַרריכטען. דער עקזאַמען פון דעם אַנטיק, דאָס באַשפּרעכען פון דער רעסטאָוראַציע, דאָס דינגען זיך און דער געפּילדער ארום דעם עסק געדויערט א האַלבער טאָג, און מען ענדיגט אויף א פּרייז פון איין פּיאַסטער מיט א האַלב.

אויך עסען עסט מען ניט פיעל. אָבער ווי ווייניג מען עסט,



די שוסטער געסעל אין אַלט־ירושלים.

פאַרנעמט דאָס פלייש אַ צו גרויסען פּלאַץ. מען עסט פיעל פלייש און „טשיקען" און פיש, און היימיש געקאָכט, פעט, זיס־זויער מיט אַלע היימישע פריפּראַוועס. גרינס ווייניג. פרוכט ווייניג. און דאָס איז אַן אָנגעוועהטיגטע זייט פון היגען לעבען. אידישע קאָלאָניס־טען און פאַרמערס באַשעפטיגען זיך ניט מיט גרינס. אין גאַנץ ארץ ישראל קריגט איהר ניט קיין אידישען רעטאַך. דאָס אַלץ, מוז מען פון אַראַבער קריגען... איינער אַ איד, אַ גרויסער פריינד פון רעטאַך, וועלכער האָט דיזען מאכל נישט געקענט קריגען די לעצטע טעג, ווייל קויפען פון אַראַבער האָט מען ניט געוואָלט און ניט געקענט, האָט זיך געהיצט: „אַ „בצלאל" האָבען מיר, קונסט האָבען מיר און אַ רעטאַך ניט!" ער וואָלט בעסער געוואָלט זעהן אַ אידישען רעטאַך ווי אַ אידישען מוזעאום. אייער זיינען דאָ קליי־נינקע און מען עסט זיי פיעל; פּוטער איז דאָ עפּעס אַ שיטערע סאָרט, אפשר דערפאַר, וואָס ס'איז אייז קיין ניטאָ. דערהויפּט איז דאָס עסען דאָ נישט איינגעפונדעוועט. עס איז עפּעס אַ צופעליג עסען און ניט געזונד.

איבערהויפּט שיינט עס, אַז דאָס גאַנצע לעבען איז דאָ אַ צו־פעליגעס, אַלץ געהט, ווי עס טרעפט זיך. באַשטענדיג איז דאָ, ווי דער פילאָזאָף זאָגט, בלויז דער וועקסעל, דאָס שטענדיגע ענדערען זיך... מען זאָגט, אַז אַלץ בייט זיך דאָ פון שעה צו שעה, אין אַ יאָהר דערקענט מען דאָ ניט אינסטיטוציעס, הייזער און גאַסען...

באַשטענדיג איז דאָ בלויז די זון מיט איהר ווייסען שיין. אין פּוילען קאָנטראַסט צו איהר איז דאָס, וואָס זי באַשיינט. מענשען אומרוהיגע, באַוועגליכע, גאַסען ענגינקע און פאַרפּלאָנטערטע. און פרויען אַלטע און ניט שעהנע. יאָ, איינע פון די גרעסטע ענטוישונ־גען זיינען דאָ די פרויען. ניטאָ קיין שעהנע פרויען, אָדער מען זעהט זיי ניט. אויסגעדאַרטע, אויסגעמאַטערטע, טרוקענע, מיט קורצע פּיס. ווי קומט עס צו ניו יאָרק מיט איהרע פאַרביגע מיידע־לעך!? ניטאָ דאָ קיין שעהנע פרויען! עס טרעפען זיך אַמאָל צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען און אַ לענגליך אָריענטאַליש פנים'על, אָבער זעלטען. פאַרקעהרט, די מענער זיינען דאָ זעהר שעהן. די איינציגע האָפנונג זיינען די חלוצות אונזערע, מיידלעך פון פוילען און רוסלאַנד.

אַרבייט זיך אָבער אויס דאָ צו די חלוצים, ווי איך האָב מורא, דיזעלבע באַציהונג ווי צום לעגיאָנער. איך האָב מורא, אַז עס ווי־

ערהאַלט זיך די געשיכטע. ווידער ווערט איינע פון אונזערע ליכ־טיגסטע היילִיגסטע זאכען פאַרשוועכט און פאַרפּאַטשקעט. מען הויבט דאָ אָן אין געוויסע קרייזען וועגען דעם החלוץ צו רעדען מיט סאַרקאַזם, מיט גרינגשעצונג, מיט פאַראַכטונג. ער איז אַ צו־שטערער, נישט אַ בויער, ער איז אַ באָלשעוויק, ער איז אַן אָפּגע־ריסענער, ער איז אַן אַפּיקורוס, ער פאַרשפּרייט גאָטסלאָזיגקייט, פרייע ליעבע, ער פאַרשוועכט דאָס אידענטום, א. ז. וו. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל אַזאַ געשפּרעך דערהערט, האָט עס מיר אַ שטאָך געטאָן אין האַרצען. איך האָב דערזעהן „גייסטער": דעם פאַרשפּיגנעם, פאַרשפּאַטעטען אידישען לעגיאָנער.

יאָ, די פרויען זיינען דאָ ניט דאָס געפלעגטע, געצערטעלטע מענשען־וועזען ווי אין דער מערב. איך האָב געזעהן אַראַבישע מו־טערס, גיבענדיג זייערע זויג־קינדער אַזאַ געלע, אונמעגליך — אויסגעדאַרטע ברוסט, אַז בלויז דער נישט איבערקלייבערישער אַראַבישער בחור׳על, האָט עס געקענט אָננעמען. אַן אַמעריקאַנער קינד וואָלט דאָס געוויס מיט פּראָטעסט צוריקגעוויזען.

מען זאָגט מיר, אַז עס זיינען דאָ יאָ פאַראַן שעהנע פרויען, נאָר מען באַהאַלט זיי. דאַן קען אויך זיין, אַז מען באַהאַלט דאָ מוזיק. ווייל דאָס איז נאָך אַ זאַך, וואָס איך געפין דאָ ניט. מען שפּיעלט דאָ זעהר ווייניג. זעלטען־זעלטען ווען עס דערהערט זיך אַ פּיאַנאָ פון ערגעץ אַ הויז — אַ פּיעדעל אָדער עפּעס אַן אינסטרו־מענט. זעהר ווייניגע מענשען קענען אויף עפּעס שפּיעלען. און זינגען זינגט מען דאָ אויך ניט פיעל. בלויז די נייע אידישע יוגענד זינגט — אָבער שפּיעלען שפּיעלט מען ניט. הויבט מען אָן טאַנצען קומט אויס אַליין דערביי צו זינגען די טאַנץ־מוזיק. דאָס איז שווער און עס געהט שלעכט. איך בין געווען ביי קליינע שמחה׳לעך וואו די יוגענד האָט זיך געריסען פון דער הויט, געטאַנצט ביז ערשעפּונג, ביז אַנידערפאַלען, אַליין געשריען און געליאַרעמט, אָבער עס האָט געפעהלט די נשמה, אַ ווערלכער ניט איז מוזיק־אינסטרומענטעל, וואָס וואָלט אָפּגעפרישט די גאַנצע שטימונג. זעלטען, זעלטען, דער־הערט מען אַן אַראַבער פון דעם רוקען פון אַ הויכען קעמעל אַרונ־טערציהענדיג אַ לאַנג צוצויגענע מעלאָדיע, פאַרשלאָפען און לאַנג־זאַם־צוצויגען, ווי די אויגען און די פיס פון דעם קעמעל...

יאָ, מענשען לעבען דאָ מיט די אויגען. פאַר די אויגען איז דאָ אַ וואונדערבאַרע וועלט, שעהנקייט אָהן אַ סוף. מען לעבט מיט די

אוינען און מיט פאליטיק. הערבערט סעמועל, ענגלאנד, מאנדאט, ציוניסטישע ארגאניזאציע, אמעריקא, מאפסען, אראבער, קאלאניסטען, חלוצים, צייטונגען. דיפלאמאטיע, דאס איז, וואס מען פארטרינקט דא מיט געשמאקען ירושלים׳ער וואסער און מען רויכערט צו מיט א סיגארעטעל. מען רויכערט דא זעהר פיעל און וואס מיר איז אויפגעפאלען, קליינע אינגלעך רויכערען דא לעגאלערווייזע. איך האב אפט געזעהן אין די ישיבות אינגלעך פון 11־12 יאהר איבער א גמרא פארציהען זיך מיט זייערע דינע קלינגענדע שטימעלעך און מיט א בלויען סיגארעטען רויכעל. דאס, זאגט מען מיר, איז געבליבען א ירושה פון דער מלחמה־צייט. קינדער זיינען דא אייגענארטיגע, שעהנע, קרעפטיגע און שטאלצע, טייוועל׳ש שטאלצע. איך זיץ אמאל אין גאס און צייכען. קומען קינדער און שטעלען זיך ארום; האב איך די ערשטע צייט געפרובט זיי אוועקטרייבען. האב איך געקראגען אן אפאזיציע אזא קרעפטיגע און שארפע, אז איך האב עס גלייך אויפגעגעבען. „וואס הייסט, האבען זיי מיר א זאג געטאן, דו הייסט אונז אוועקגעהן, מיר זיינען דא אין דער היים, דו ביזט געקומען, טא געה דו אוועק, אויב דיר איז נישט באקוועם". איך האב גלייך פארשטאנען, אז איך דארף אונטערהאנדלען וועגען שלום, אז ניט, וועל איך האבען א שלעכטען סוף. צייט דעם לאז איך זיי קוקען, וויפיעל זיי ווילען, און די גאסען־קינדער זיינען געווארען מיינע בעסטע פריינד.

די גאסען פון ירושלים שטעלען פאר פאר קינדער זעהר א קליינעם אינטערעס. זיי געפינען דא גאר ניט פאר זיך אויסער פליעגען. קיינע גאסען־סצענקעס, קיינע גאסען־קוריאזיטעטען, וואס אמוזירען קינדער. פאר די צוויי וואכען, וואס איך בין דא, האב איך געזעהן בלויז איין גאסען־סצענקע. דאס איז געווען אויף דער באזאר־גאס. אן אראבער האט געשלאגען אויף עפעס א טאמבארין און א יונג מיידעלע פון א יאהר 12 האט געטאנצט און דאס פנים׳על איז ביי איהר געווען אויסגעפארבט מיט בלוי דארט, וואו ביי מענער וואקסען בארד און וואנצעס, די נעגעל רויט באפארבט און די אויגען אונשולדיג פארשלאפען. דער טאנץ איז געווען זעהר אן אויסגעלאסענער, און דאס פנים׳על אן אונשולדיגס...

פיעלע אידישע אינגעלעך האבען דא א זאך, וואס פארנעמט זייער צייט. דאס איז גרייזלען זייערע פאה׳לעך. אזוי פיעל אינגעלעך מיט לאנגע פאה׳לעך האב איך אין קיין שטאדט ניט געזעהן.

מען איז פרום. שבת אין ירושלים איז ווערט צו זעהן, שבת'דיגע קליידער, שטריימלעך, א וועלט מיט שטריימלעך, מוסף ביים כותל מערבי, טשאָלענט, וועלכען איך האָב שוין א צוואַנציג יאָהר ניט פאַרזוכט, האָט מיר דאָ ווידער פאַרשאַפט בויך־וועהטאָג, אין אָבענד די יוגענד־שפּאַציר איבער די גאַסען פון דער נייער שטאָדט מיט שבת'דיגע אויגען און פלירט דאָס איז שעהן... ס'איז צויבער־שעהן... אַלע סאָרטען קליידער: פּעסקען פון די תימנער, פאַר־בינגע כאַלאַטען און געשטרייפטע, און אַלע באַגאַסען פון דעם זעל־טענעם ירושלים לבנה־שיין. אין דערזעלבער צייט זיצען אַנדערע יונגע לייט, פּרייגעזאָנענע, אין דער ארבייטער־קיך גרופּענווייז און מען רעדט, אויף עפּעס שבת'דיגס... דעם שבת אין ירושלים פּיה־לען אַלע פרומע און פּרייע, ווייל עס איז שבת און זונטאָג צו דער־זעלבער צייט. אין דער אַרבייטער קיך איז אימער פּריש און לעבעדיג און זאַט. דאָ איז מען אין דער היים און דערהויפּט נאָך פאַר ווייניג געלד. דאָ קען מען שלאָפען און זאַט עסען אַ טאָג פאַר צוואַנציג פּיאַסטער. שלאָפען אויף אַ ריינעם, ציכטיגען בעטעל און אַ לופ־טיגען צימער קאָסט 5 פּיאַסטער (20 סענט), 2 אייער אַ פּיאַסטער און אַ האַלב, פּוטער איין פּיאַסטער, סאַרדינס 1 און אַ האַלב, אַ שטיק הערינג — אַ פּיאַסטער, סאַלאַד — אַ פּיאַסטער, טיי — אַ האַלבער פּיאַסטער אַ גלאָז, מאַסלינקעס — 1 פּיאַסטער, ברויט — איין און אַ האַלב; אַ גאַנצער מיטאָג־עסען פון פלייש און סופּ און קאָמפּאָט קאָסט 7 און אַ האַלב פּיאַסטער, דאָס איז, הייסט עס, אַ דרייסיג סענט. קורץ, דאָס איז אַ פּלאַץ, וואָס גיט דעם אַר־בייטער אַ מעגליכקייט צו לעבען. און עס איז ווירקליך אימער פול מיט מענשען יונגוואַרג, פרישע און לוסטיגע. פּאָליטיש איז דער פּלאַץ נייטראַל. אויף די ווענט הענגען בילדער פון דר. זשיטלאָווּ־סקי, פּרץ, ביאַליק, הערצעל, קאַרל מאַרקס און באָרוכאָוו...

איבער דעם גאַנצען לעבען הענגט אָבער יעצט אַ וואָלקען פון די לעצטע בלוטיגע פּאַסירונגען. אָנגעשטרענגט זיינען די באַצי־הונגען צווישען אידען און אַראַבער. מען האַלט זיך אָפּ פון האַנדלען איינער מיט דעם צווייטען. אין יפו באָיקאָטירען די אַראַבער דעם אידישען קויפער. ווילען איהם נישט פאַרקויפען קיין גרינס, קיין אייער, קיין פּוטער. אַראַבער האָבען זיך אָפּגעזאָגט אָפּצולאָדען פון אַ שיף אידישע פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען געמוזט אָפּפאָהרען, ניט אַראָפּשטייגענדיג אין יפו... אַראַבער זיינען פלוצלונג אויס־

געוואקסען ארגאניזאטאריש, פאליטיש רייפער געווארען, האבען, ווי עס שיינט, פיהרער, וועלכע רעדען זיי איין און מאכען זיי פאל־גען. קורץ, דאס פיהלט מען יעצט. און אידען, כאטש אהן מורא, קוקען מיט א געוויסען ערנסטען בליק, קוקען באוואוסט וועגען דער פראבלעם. מען איז באזארגט, דאך נישט שרעקעדיג. אבסאלוט נישט שרעקעדיג. שרעק איז א זאך, וואס דער פאלעסטינער איד קען נים.

זיי שרעקט אפילו נישט זייער אידישער טעאטער... איין מאל אין צוויי דריי וואכען גיט מען דארט א פארשטעלונג. היינט וועט מען שפיעלען הירשביינ׳ס „די פוסטע קרעטשמע". זאל נאר דער טעאטער אליין „תיאטרון ציון" נים זיין היינט א „פוסטע קרעטש־מע", א „הפונדק השמם", ווי מען זאגט עס איז אין העבראיש..

.1921

# שבת צו נאַכט אויף דער יפו׳ער גאַס אין ירושלים

נו יאָ, האָט עס גאָר אַנדערש געקאָנט זײַן? אַזאַ גרויסע שטאָדט ווי ירושלים, אַזאַ פּאָלבּלוטיגע יוגענט, וואָס האָט אויגען, מײַלער און פיס, זאָלען נישט האָבען אַ גאַס פאַר שפּאַציר! און דאָך איז דאָס געווען אַזוי. ערשט פאַר דרײַ־פיער יאָהר. ערגעץ אַרום די בוכאַרער הײַזער פלעגט מען זיך אַרומדרעהען שבת אָוונט, כאַפּען אַ שוואַרצען בליק פון אַ בוכאַרער מײדעל און אַ נערוועזען צאַפּעל פון צווײ לאַנגע, יונגע פאה׳לעך. ס׳איז אָבער ניט געווען דאָס, נאָך וואָס די יוגענט האָט געלעכצט. ס׳איז געווען ווײַט און ענג און קורץ. די יוגענט האָט געזוכט אַ טעריטאָריע און האָט זי געפונען. די יפו׳ער גאַס איז געוואָרען פאַר זיי דאָס, וואָס די דע־ריבאַסאָווסקאַיאַ איז פאַר אָדעס, קרעשטשאַטיק פאַר קיעוו, נעווסקי פּראָספּעקט פאַר פּעטראָגראַד, און די גרענד סטריט פאַר ניו יאָרקער איסט־סאַיד.

די יפו׳ער גאַס איז די לענגסטע גאַס אין ירושלים. זי ציהט זיך פון דעם יפו׳ער טויער. אַרויף־צו פאַרבײַ דעם נײַעם גאָר־טען מיט מוזיק און אײַז־קרים, לויפט פאַרבײַ דעם טעאַטער „ציון“. שטעלט זיך ווײַטער אָפּ אויף אַ ווײַלע בײַם „המשביר“, דאָרטען וואו די „בית הכרם“ אויטאָמאָבילען דרעהען זיך הין און צוריק און געהט ווײַטער שטויביג און שטיינערדיג, אַזש ביז, און אַביסעל ווײַטער, דעם משוגעים־הויז, מושב־זקנים און אפילו דאָרטען ענ־דיגט זי זיך ניט. זי בויט זיך ווײַטער און מען שמועסט, אַז ביז „מוצא“, די אַרבײַטער־קאָלאָניע לעבען ירושלים, וועט זיך די יפו׳ער גאַס ציהען. אויב דאָס זאָל זײַן ריכטיג, קאָן זי זיך דאָן מעסטען מיט דער לענג פון אַ ניו יאָרקער עוועניו.

זי איז די לענגסטע גאַס אין ירושלים, זי איז די מאָדערנסטע, די אידישסטע, זי איז די שטויביגסטע, די באַלויכטענסטע, די לעבעדיגסטע. די בעסטע קראָמען, רעסטאָראַנען, פאָטאָגראַפיעס, גאַזאַזען, באַנקען, אינסטיטוציעס, דענטיסטען, אויטאָמאָבילען גע־פינען זיך דאָ. ס׳איז, מיט איין וואָרט, די בראָדוויי פון ירושלים.

ליגט אַזוי די לאַנגע גאַס אַ גאַנצע וואָך אין שטויב און גאַ־זאַז (סאָדאַ־וואַסער), און זי איז אַלץ, אָבער ניט שעהן. קומט אָבער שבת אָוונט עפענט די גאַס אויף איהרע שוואַרצע אידישע אוי־גען, טוט אַן אַ בונטען קלייד, זעצט אַרויף איבער זיך אַ מיריאַד

שטערען, אן אויסגעשייערטע לבנה, אדער עטליכע עלעקטרישע לאמפען און צעשפילט זיך אין א לייכטפוסיגען, לייכטזיניגען, היין און־הער לויף פון א יונגען פלירט.

יא, די יפו׳ער גאס איז די גאס פון פלירט שבת אווענט. די גאנצע וואך איז זי פארטאן אין מסחר, שבת אווענט אין פלירט. דא איז פארטראטען יעדער סארט פלירט, וואס די הייליגע שטאט פארמאגט, פונקט ווי ס׳איז פארטראטען יעדע גרופע פון דער פאר־שידענארטיגער אידישער באפעלקערונג פון ירושלים. די גאס איז לאנג און פלאץ איז דא פאר יעדען. אויף דעם שטיק גאס פון דעם יפו׳ער טויער ביז דער רעדאקציע פון „דאר היום" שפאצירט די בורזשואזע אינטעליגענץ, געמישט מיט קריסטליך־אראבישער אינ־טעליגענץ: דארט איז דער גארטען מיט מוזיק און אייז־קרים, די מוזיק הערט מען פון דרויסען און „אייז־קרים" עסט מען אין דער פאנטאזיע. דער גארטען ווערט שטארק באזוכט פון דרויסען, אי־נעווייניג איז ער געררוים־ליידיג. דער פלירט ארום דעם גארטען און איבערהויפט אויף דעם דאזיגען שטיק יפו׳ער גאס, איז א באלעבאטישער, א געארעמטער. דא געהן פארלעד מיט אנשטענ־דיגע אבזיכטען, געלעכטער הערט זיך ניט, אנשטאט דעם — א באמערקונג אין פראנצויזיש, אין ענגליש. אנגעטאן איז מען דא טאדעללאז אייראפעאיש, ספעציעל די אראבישע יוגענט. אן ארא־בישער בחור טראגט די בעסטע פאר הויזען, וואס ירושלים קאן באווייזען: דער צוגעפרעסטער קנייטש איז די גלייכסטע ליניע, וואס געאמעטריע קאן אנווייזען. זיין העמדעל, זיין שניפסעל, זיינע שיך זענען פערפעקט. בלויז די דאמען זייערע זענען געשמאקלאז. ווייט ניט דאס וואס די מענער; זעהען אוים ווי שיקסעס, מעש־טשאנקעס... אויפ׳ן פנים וויים און רויז, שווארצע, לאקירטע שיב־לאך אויף די פיס, און מאדנע היט אויף די קעפ. דא איז אייגענט־ליך קיין פלירט ניטא. זיי ווייסען ווייניג פון דער דאזיגער איידע־לער קונסט.

דער פלירט הויבט זיך גלייך אן פון דעם עק יפו׳ער גאס וואו די רעדאקציע פון „דאר היום" שטעהט. די שטיק גאס ביז איבער דער „בצלאל" גאס איז דער חלוצים ראיאן. דא געפינט זיך די ארבייטער־קיך, די ארבייטער ביבליאטעק, שלאף־פלעצער און אר־בייטער־בערזע, אזוי צו זאגען. דא זעהט מען די פארברענטע חלוצים־פנים׳ער נאר וואס איז שטאדט אנגעקומענע אויף א באזוך.

דא זעהט מען חברה פון ירושלים'ער „גדוד־העבודה" ; דא דרע־הען זיך ארום חברה, וואס האבען דערווייל קיין ארבייט ניט און גלאט אזוי פועלים פון אלע סארטען און טיפען. מיידלעך אין ווייסע קליידלעך, קורצע האר און ברוינע ארעמס, רעדען רוסיש און העב־רעאיש, איין זאץ רוסיש, צוויי העברעאישע אדער פארקערט. דא שפאצירען די יונגע חברה אין ווייסע העמדלעך מיט אפגעלייגטע קאלנערס, גרויסע קעפ האר, קורצע הויזען, נאקעטע פיס. מען שפאצירט אפט אין גרופען, אין פארלעך, אמאל שטיל זינגענדיג, לאכענדיג, אמאל ארומגענומען, פאר די הענט געהאלטען, אבער קיינמאל ניט צירליך געארעמט. דאס איז א בורזשואזע ערפינדונג, און די חלוצים האלטען ניט פון דעם. אויב ארומנעמען — טא זאל זיין ארומגענומען. זייער פלירט איז ניט דער געוועהנליכער שפיעל אין יונגע נארישקייטען, פלוידעריי מיט געלעכטערלעך, נאר א געוויכטיגער, מען רעדט שווערע זאכען, מען האלט זיך פאר די הענט און מען דיסקוטירט, מען האלט די האנט ארום דער מיי־דעל'ס טאליע און מען פאלעמיזירט, ביז מען קומט צו דער בצלאל גאס. דא, אויב מען דערפיהלט אז די דיסקוסיע דארף זיך פאר־ענדיגען מיט א קוש, פארקירעוועט מען אין דער דאזיגער קונסט־גאס. דארט וואו עס ווערט גאר טונקעל, דארט זעצט מען זיך אנידער און מען ברענגט די פאלעמיק צו א שלום.

דער טייל פון יפו'ער גאס, וואס קאן גערופען ווערען דער חלוצים ראיאן, איז דער געדיכטסטער. אהער פארשפאצירען אריין עלעמענטען פון דער בורזשואזיע און פון פרענקישען, בוכארישען, תימנ'ישען יוגענטליכען אידענטום. דער צאלרייכסטער עלעמענט איז דער פרענקישער (ספרד'ישער).

די פרענקישע יוגענט שטרעבט צו ווערען מיט לייטען גלייך, אדער בעסער געזאגט, צו אשכנזים גלייך. ווייסען זיי אבער ניט ווי אזוי. טוען זיי זיך אן אין קאשקעטלעך און אזעלכע הויזען און זשאקעטען פון געלער פארוסינע. איך דערקען א ספרד'ישען יונגענמאן גלייך נאך זיין אנצוג. דער בחור האט געוועהנליך שעה־נע, שווארצע אויגען, איבערהויפט א שעהנעם אויסקוק; זיין קאסטיום אבער מאכט איהם קאמיש. אויך דאס מיידעל, די יונגע, איז אויך אומבאהאלפען אין איהר אסימילאציע מיט די אשכנזים: זי טוט זיך אן עפעס אין סיטעץ, עפעס אין גרינע, געלע און ראזעווע, ביליגע, סיטעווע קליידער, ווייסע זאקען מיט שיך, זעהט אויס

עהנליך צו די קריסטליכע אראבערקעס און טוט אלעס צונישט מא־
כען איהר נאטירליכע שעהנקייט.

געהען זיי ארוים שפאצירען אויף דער יפו׳ער גאס ווי ציווי־
ליזירטע אשכנזים טוען, געהען די פארלעך שוויינענדיג איינער
לעבען דעם צווייטען, ווייסען זיי ניט וואס צו זאגען, און וואס צו
טאן, ביז זיי געהען אוועק אהיים. אין דער היים ווייס דער בחור
אביסעל מעהר וואס צו טאן. ער שטעלט זיך ביים מיידעל׳ס פענ־
סטער, גיט צו איהר א שמייכעל, ענטפערט זי איהם מיט א שמיי־
כעל — דאן ריהרט ער זי אן, גיט זי א קוויטש, לאזט זי זיך.
וויל ער מעהר — מוז ער חתונה האבען. געהט ער איין אויף דעם —
הויבט זיך אן א לאנגע פראצעדור. מען קלאפט אין בלעכערנע
טאצען א גאנצען חודש צייט, מען טומעלט, מען הוליעט ביז דער
סאמע חתונה. געסט קומען זיך צונויף זעהר פיעל, טישען זיינען
אנגעשטעלט מיט כל המינים צוקערקעס, ניסלעך און קערנדלעך.
געסט זיצען ארום און ארום, אבער צו אלע גוטע זאכען ריהרט זיך
קיינער ניט צו, בלויז די באלעבאטים עסען. זיצען די געסט אפ
און געהען טרוקען אהיים. אזוי איז דאס איינגעפיהרט. זיי זיינען
זעהר קארגע, די ספרדים, און האבען מורא, אז אויב זיי װעלען
עסען ביי אנדערע, וועלען אנדערע עסען ביי זיי. איז שוין גלייַ־
כער גארניט אנצוהויבען. ביי דער חתונה ליינט מען אויס אלע
מתנות, וואס דער חתן האט געשיקט און וואס די כלה ברענגט,
און עס ליגט צעלייגט; די געסט באקוקען, באטאפען, באשפרע־
כען און טאטע־מאמע פרעגלען זיך פאר נחת. אין די היימען איז
פרימיטיוו אריענטאליש: מען זיצט אויף דער ערד, מען עסט
מיט די הוילע פינגער און מען זינגט לידער, שלעכט נאכמאכענדיג
די אראבער און די אשכנזים. בלויז שוהלכעלעך אלטע, אינטערעסאנ־
טע, האבען זיי. אין די שוהלען איז בונט־פארביג, שעהנער ווי ביי
די פוילישע און ליטווישע. אבער א חוץ דעם האבען זיי גאר קיין
שעהנקייט ניט. קיין פאעזיע, קיין געזאנג, קיין טאנץ; גארניט
שעהנעס ברענגען זיי אריין אין דעם אלגעמיין אידישען לעבען.
אויסער דער העברעאישער שפראך מיט דער ספרד׳ישער אויס
שפראך.

פיעל אינטערעסאנטער זענען די תימנ׳ער עלעמענטען. אויך
זייערע זינדעלעך און טעכטערלעך געהען ארוים שפאצירען אויף
דער יפו׳ער גאס. שווארצע, מאגערע, שוויינענדיגע זענען די על־

טערעז, מיט לאנגע, געקרייזעלטע פאות, מיט זעהר דעקאראטיווע קאסטיומען, נישט ווייניגער דעקאראטיוו פון דער אראבישער קליי־ דונג. ווען נישט די לאנגע פאות ביי ביידע זייטען געזיכט וואלט אוממעגליך געווען צו אונטערשיידען צווישען א תימנ׳ער איד און אן אראבער. ער רעדט אראביש און ווען ער רעדט העברעאיש באפען אונזערע היימישע העברעאישע רעדנער אויף יעדען קלאנג. זיי דאכט זיך, אז די תימנ׳ער רעדען מלא־חן. פרעגט איהר זיי, וואדום זיי ווערען אזוי אנטציקט פון דעם תימנ׳ער׳ס העברעאיש? ענטפערען זיי: ווייל עס קלינגט ווי אראביש. אזא ענטפער ערגערט מיך שטענדיג. אבער די תימנ׳ער זענען אין דעם גאר ניט שולדיג. זיי רעדען אזוי ווי זיי רעדען און ווילען גאר ניט נאכמאכען די אראבער. פארקעהרט זיי זיינען אזוי פארליעבט אין דאס אידישע פון לאנד אין ארץ־ישראל און אידישען נאציאנא־ ליזם, זיי זענען די הייסעסטע אידישע פאטריאטען, וואס זענען גרייט יעדע ווילע זייער לעבען אוועקצוגעבען פאר דער אידעע פון אידישען ארץ־ישראל. דאס איז ווייל פאר זיי איז באמת שוין איצט, באלד ביים אריינקומען אין לאנד, ארץ־ישראל געווארען דאס געבענשטע לאנד. זיי לעבען דא א מענשליך לעבען אין פאר־ גלייך מיט דעם ביטערען לעבען אין תימן. די יוגענד טוט זיך אן ווי די חלוצים, אויך די מיידלעך וואלטען גרייליך געוואלט ווערען עהנליך צו חלוצות. איך האב איינע אזא געטראפען אין כפר גלעדי, שווארץ ווי א ציגיינערקע, א גרויסען קאפ ווילדע האר, ווייסע ציין האט זי געזונגען מיט א טיפער שטים תימנ׳ער לידער, אזעלכע וואונדערליכע, אז די גאנצע קבוצה פלעגט הערען פארגאפט. אט, זעהט איהר, די תימנ׳ער טראגען יא אריין עפעס אייגענארטיגס, אין אידישען לעבען. איך מיין די עלטערע עלעמענטען. אין בער היים ביי זיך, זינגען זיי אייגענטימליכע לידער, פארבענקטע און פארצוקטע און טאנצען אויך זעהר זונדערבאר. א טאנץ ביי זיי באשטעהט ניט פון שטארקע באוועגונגען, שפרונגען און פיגורען נאר פון שטעהן כמעט אויף איין ארט און אויסבייגען הענט, ברוסט, רוקען, האלז, קאפ. ער איז אזוי ערפינדעריש, אזוי עקזא־ טיש אין אט די דאזיגע קליינע באוועגונגען און דערביי דרעהט זיך זיין פנים מיט די לאנגע דינע פאות, דער פנים מאגער און ברענענד, עס פארכאפט אזש א מיסטישער געפיהל.

אויך זייער יוגענד איז נישט ווייט אוועק אין דער קונסט

פון פלירט. מען געהט שטום צוזאמען, דערנאך צעגעהט מען זיך אהיים און דער בחור פאלגט דער מיידעל ניט נאך, אפילו צו איהר פענסטער. גארניט. די הייראט אראנזשירען די עלטערען. מיידלעך הייראטהען פריה, עלטערע מענער נעהמען נאך גאר יונגע קינדער. דאס וועט אבער לאנג ניט אנהאלטען; אויך זיי שטרעבען צו זייז גלייך צו מענשען און דאס הייסט: גלייך צו די רוסישע, פוילישע, דייטשע אידען. ווייל נאך אלעמען זענען זיי די בויער פון לאנד.

שעהנער פאר אלץ איז אבער ווען א בוכארער מיידעל מיט א בחור קומען ארויס שפאצירען. ווען זי איז אנגעטאן אין איהר בוכארער פיעל־פארביגען קאסטיום איז זי ווי א בת־מלכה פון א צויבער־מעשה׳לע. דער בחור געהט שוויינענד לעבען איהר,ביידע באוואוסט וועגען דער גרויסער און וויכטיגער שעה אין זייער לעבען, דער שפאציר אויף דער יפו׳ער גאס.

די יפו׳ער גאס לויפט פארביי די „מאה שערים". דעם אלטען פלאנטער פון הונדערט הייזער און טויערען. עס איז א געשלאסענע וועלט, א זונדערבארער געדרעה פון הייזלעך, קלייטלעך און הונדערט־פראצענטיגע פרומקייט. דארט איז מען פרום אויפ׳ן העכסטען שטאפעל. דאך די יוגענט קען ניט ביישטעהן דעם נסיון פון דער יפו׳ער גאס און עס גנב׳ענען זיך ארויס פון איהרע טונקעלע טויערען שטילע פארלאך. זי, א כשר אידיש טעכטעריל, געהט מיט אראפגעלאזענע אויגען; ער, א דינינקער, זיידענער יונגערמאנטשיק, מיט גלאנציגע, לאנגע, ברוינע פאות, געהט לעבען איהר, אביסעל געבויגען פאראויס, זאגט איהר עפעס, הערט זיך איין אין איהר ענטפער, בויגט זיך נאך מעהר אויס, ווייל איהר איז די אויגען ארייגקוקען. — לאזט זי די אויגען נאך טיפער ארונטער.

אט אזוי איז די יפו׳ער גאס שבת אוועגט: געדיכט, יונג און באוועגליך, אויגען גלאנצען, זוכען אנדערע אויגען, מען גריסט זיך, מען שפאסט, מען רעדט און מען פארערדט זיך. אויבען הענגט א בלויער טיפער הימעל, שטערען אהן א צאל, די לבנה שיינט מיט איהר געל־גרינעם ליכט און די יפו׳ער גאס ווערט די אינגסטע גאס פון דער עלטסטער שטאדט אין דער וועלט.

1924.

# ביים כותל מערבי

עס זיינען דאָ זאַכען אויף דער וועלט וועלכע עס איז שווער צו באַשרייבען און אוממעגליך צו מאָלען. דער ניאַגאַרער וואַסער־פאַל איז נישט צו באַשרייבען און די מיטאַג־זון איז אוממעגליך צו מאָהלען. אויך די כותל המערבי איז צו גרויס פאַר פען און פּינזעל, די אַסאָציאַציעס, עמאָציעס וואָס זי רופט אַרויס, זיינען צו־שטאַרק פאַר אַ שרייבער'ר וואָרט . . . אָבער מענשען זיינען געקומען און האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער וואַנט, האָבען זיך צו־לייגט אין דעם קליינעם הויף, אַנגעפילט די לופט מיט די וואָכע־דיגע געשרייען און ווערטער, האָבען די לופט אַרום דער וואַנט שטויביג מיט מענשליכע נידעריגע ליידענשאַפטען געמאַכט און די וואַנט, די אַלטע, די גרויע, די הערליכע, איז קלענער געוואָרען אַזוי, אַז די פען וואַגט שוין זי צו באַשרייבען, און דער פּינזעל פּיהלט זיך בכח זי צו באַמאָהלען.

כמעט יעדען טאָג קום איך צו דער וואַנט פון געוויין. איך קען שוין גענוי דעם לאַבירינט פון די ענגע, שמוציגע געסלעך, טרעפּלעך, ווענדונגען און קרומונגען וואָס פיהרען צו דער וואַנט. איך קען שוין כמעט יעדען בעטלער וואָס ליגט אָדער זיצט אויף דעם וועג צו דער וואַנט און אַרום דער וואַנט... יעדען טויבען, יעדען קאַליקע, יעדען בלינדען. בלינדע ! פון וואַנען נעהמען זיך אַזוי פיעל בלינדע אין ירושלים ? ! אַמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז ירושלים איז אַ שטאָדט פון בלינדע, אַזוי פיעל באַגעגענט מען זיי איבער די גאַסען, מיט אויסגעלאָשענע, אָפענע אָדער מיט בעלמעס באַ־דעקטע ווייסע אויגען... געהען מיט הויך־אויפגעהויבענע קעפּ, קוקען גלייך אויף דער זון און טאַפּען מיט'ן שטעקעל די טרעפּלעך פון די קרומע געסלעך. טרעף איך אַ בלינדען, קען איך די אויגען פון איהם ניט אָפּרייסען, ער זעהט אויס ווי אַ פאַרגליווערטער יאַמער. צו זיין אַ בלינדער איז איבערהויפּט אַ שרעקליכע שטראָף פון גאָט, צו זיין אַ בלינדער אין דער ליכטיגער שטאָדט ירושלים איז דאָ דאָפּעלט שרעקליך. מיט דער שרעקליכער שטראָף זיינען באַזונדערס די אַראַבער באַשטראָפט... קינדער, פרויען, מענער, אַלט און יונג, ליידען אויף די אויגען און אַ גרויסער טייל פון זיי ווערען בלינד...

יעדען טאג כמעט קום איך צו דער „וואנט פון געוויין" און גער אוועק מיט א געמיט פון וועהטאג און שאנד. ערגעץ זעהט מען ניט אונזער כבוד אזוי פארשוועכט, אונזערע געפיהלען אזוי באליידיגט ווי גראד דא ביי דעם כותל המערבי. אלע הייזלעך און געסלעך באלאנגען צו אראבער. דירעקט ביי דער סאמע „וואנט" וואוינען זיי. זייערע טירען און פענסטער געהן ארויס צו דער „וואנט" די גאנצע צייט געהן זיי דורך, געהן אריין, ארויס, שלעפען זעק, מיסט, די קינדער זייערע לויפען ארום מיט געשריי און ויטשעריי... זיי שטופען די וואס זיינען געקומען אין הייליגען ציטער אנקוקען און אויסוויינען זיך ביי דער „וואנט", רייסען אי־בער מיט הילכיגען געלעכטער זייער שטימונג, שפילען זיך אין שטיינדלעך און כאפעניש. קורץ, ס'איז די גרעסטע אנשיקעניש פאר א פלאץ פון אנדאכט און הייליגקייט. און ס'איז ניטא קיינער. וואס זאל די קינדער היסען זיין שטיל, ווייל ס'איז זייער באדען און מיר זיינען איינגעבעטענע. דער גאנצער פלאץ, דער גאנצער לאבירינט פון הייזלעך איז א מאכמעדאנישער הקדש. דירה־געלט צאהלט קיינער ניט. יעדערער וואס דערפיהלט אין זיך דעם דראנג אויסצולעבען זיינע טעג אין הייליגקייט און שמוץ, קלייבט זיך אריין אין דעם פלאץ ארום דער „וואנט". וואס איז אויך ניט ווייט פון זייער גרעסטען און פרעכטיגען מעטשעט, מאסק אמאר. זיי רעכענען, אז אויך די „וואנט" איז א טייל פון זייער הייליגטום. איבערהויפט אלע אידישע הייליגטימער זיינען ביי זיי פאררעכענט אויך פאר זייערע, אפשר נאך מעהר זייערע ווי אונזערע. „רבי מאיר בעל הנס", למשל, איז זייער א „חאוואדזשי", „שמעון הצדיק" אויך זייערער. זייער חשבון איז א פראסטער: באלד אז אידען האלטען אימיצען פאר וויכטיג, לוינט זיך דאך געווים פאר זיי אויך איהם צו האלטען פאר וויכטיג. דעם דאזיגען פלאץ ארום דער וואנט האט מען עטליכע מאל געפרואווט אפ־קויפען. דער פלאן איז געווען, דעם גאנצער לאבירינט אוועקצורייניגען און אויפבויען אנטקעגען דער „וואנט" א גראנדיעזע שוהל. ווילען אבער די אראבער פאר קיינע מיליאנען נישט פארקויפען קיין פוס ערד פון דעם דאזיגען הקדש. מענשען אבער זאגען, אז עס רעדט זיך נאר אזוי „פאר קיין געלד". דער אמת איז, זאגען זיי, אז מען האט זיי נאך ניט אנגעבאטען קיין פרייז, וואס זאל זיי טאקע אונטערקויפען. ווי די זאך זאל ניט זיין, זיי האלטען



בײַ דער „וואַנט“

זיך ביי אונזער „וואנט“ ווי בעלי־בתים און ווייסען ניט פון קיין רעספעקט און קיין אפהאלט. איך האב בייגעוואוינט אזא סצענע: איינמאל, שבת אין דער פריה, צו שחרית, איז געשטאנען א מנין אידען און מען האט געדאווענט. האט זיך אן אראבערקע פאר־וואלט אויפזוכען איהר פארלארענעם האן, האט זי אויפגעהויבען א טשיק־טשיק־טשיק־געשריי פאר א גוטער שעה צייט. מען האט ניט געקענט הערען קיין איין ווארט פון דעם חזן, פון דעם דאווע־נען, און אויפגעהערט שרייען האט זי ווען זי האט שוין קיין כח מעהר ניט געהאט. אן אנדערש מאל האט אן אראבער, וועמענס הויז האט זיין ארויסגאנג גראד אויף דעם כותל המערבי, געבראכט צו פיהרען צוויי אייזלען און זיי אנגעהויבען אנלאדען מיט שטיי־נער. די אייזלען האבען זיך געשטופט צווישען די דאוונער, הא־בען געשריען און אייזעלשע שטיק געפראוועט. און צום סוף האט איינער פון די אייזלען אנידערגעלעגט א הויפען שמוץ גלייך ביי דער „וואנט“. א איד וואס איז גראד געשטאנען דערביי, האט אין שרעק אנגעוויזען דעם שייגעץ אויף דעם, מאכענדיג מיט די הענט באוועגונגען, אז יענער זאל עס אפרייניגען. דער שייגעץ האט זיך פון ארט ניט גערירט און בלויז געלאכט, ביז ס'איז געקומען א איד מיט א בעזים און אפגערייניגט דעם שמוץ. אין מיר האט דאס פנים פאר בושה געפלאמט. וואלט אזא זאך מעגליך געווען ביי דעם מאסק אמער, דעם מאכמעדאנישען הייליגטום? מען וואלט דארט דער'הרג'עט אויפ'ן שטעל יענעם, וואס וואלט געוואגט די קלענסטע באליידיגונג. עס האט פאסירט מיט יאהרען צוריק, אז אן ענגלענדערין איז געקומען אין דעם הויפט־מעטשעט, וואס מיר רופען מקום־המקדש, ווייל ער שטעהט דארט וואו דער בית־המקדש איז געשטאנען, איז זי געקומען גראד ווען די מוסול־מאנער האבען געדאווענט. איז איהר עפעס אויסגעקומען קאמיש. און זי האט א לאך געטאן. איז צוגעשפרונגען צו איהר אן אראַ־בער און מיט א קינזשאל זי דערשטאכען אויף טויט. זייט דאן לאזט מען קיין פרעמדען ניט אריין אין מעטשעט בעת מען דא־ווענט דארט. איבערהויפט איז א פרעמדען, ניט קיין מוסולמאנער, דער צוטריט גאנץ שווער. מיך האט מען דריי מאל אפגעשטעלט און צוריקגעקערט ווען איך האב זיך דארט באוויזען. אויך דער אריינטריט צו די קריסטליכע הייליגטימער איז ניט גאנץ פריי. בלויז אונזער איינציגער פלאץ, די „וואנט“, איז הפקר פאר יעדען

צו יעדער צייט, און קיינער זשענירט זיך ניט! פאטאגראפען, מואווינג פיקטשורס אפערייטארס קומען, שטעלען זיך אין מיטען מיט זייערע קאמעראס, פרעגען ביי קיינעם גארניט, רעדען הויך, לאכען, דרעהען זיך ארום און שפייען אין פנים יעדען געפיהל פון רעספעקט און אנשטענדיגקייט.

שולדיג אין דעם איז קיין אנדערער ווי די פרומע אידישע וועלט. זיי האבען נישט געגוג מוט צו נעהמען די זאך שטרענג אין זייערע הענט. איהר מעגט זיכער זיין, אז ווען דאס וואלט גע־ווען דער עסק פון די חלוצים, וואלטען אזעלכע באליידיגונגען נישט דערלאזען געווארען.

קומט אייך אבער אוים צו פארברענגען ביי דער „וואנט" עטליכע שטונדען נאכאנאנד, לעבט איהר דורך מאמענטען פון שטילקייט און איידעלער שטימונג. עס טרעפט אין דער פריה, ווען די „וואנט" און דער פלאץ לעבען דער „וואנט" ליגען אין דעם קיהלען מארגען־שאטען און דער אראבישער געסט איז נאך אין דרעמעל, דאן רוהט ביי דער „וואנט" דער טויזענד יאהריגער אידישער בראך און אמאליגע הערליכקייט אין איהר גאנצען שטור־מען פאטאס. עטליכע ספרד'ישע בעטלער אין זייערע דעקאראטיווע לומפען זיצען ניט אין זייערע בעטלערישע פאזען אויף דער ערד. נאר שטעהען ביי דער „וואנט" אין מארגען־געבעט. זיי הערען דאן אויף צו זיין בעטלער, זיי זעהען אוים ווי ריטער פון הייליגען פלאץ. איבערהויפט זיינען די ספרד'ישע בעטלער נישט קיין אומ־כבוד פאר דעם פלאץ. אפילו ווען זיי בעטלען, איז דאס אויך מיט א געוויסער ווירדע. זייערע אריענטאלישע קליידער, זייערע ביבלישע פאזען און פנים'ער, זייערע מאנומענטאלע זשעסטען און בערד זיינען באמת אנגענעהם. זיי גיבען צו דעם פלאץ א געוויסען טאן. ספעציעל ווען זיי זאגען אין א שטילען זאנדערבאר זינגענדען טאן זייערע ספעציעלע תפלות. עס בילדעט זיך עפעס א זאנדערבאר קלינגענדער כאר ווי פון עפעס ווייטע לענדער. רייסט זיך אבער אין דעם כאר אריין אן אשכנזי, ספעציעל א פוילישער איד, מאכט ער צונישט די גאנצע שטימונג. ער ליארמט, מאכט ווילדע קולות, קעהרט וועלטען און האלט זיך איבערהויפט לעבערליך. ספעציעל איז אויפפאלענד איינער א קורצער געלער איד מיט א ווילד בער־דעל. ער עסט זיך אריין אין די אלטע שטיינער, עס זעהט אוים ווי ער וואלט זיי געביסען, ער קוועטשט זיך אריין אין זיי, ער שרייט,

ער שעפּטשעט, ער בייזערט זיך, ער בעט, ער לאַשטשעט, ער מאַכט אַזעלכע מאָרנע ליידענשאַפטליכע באַוועגונגען, אַז עס ווערט כמעט אומאַנשטענדיג עראָטיש און עס ווילט זיך איהם אָוועקטרייבען... אַן אַנדער פּוילישער איד, וועלכער קומט זעהר אָפט, אימפּראָוויזירט גאַנצע פּאָליטישע רעדעס צו דעם אַלמעכטיגען, זיצענדיג ביי דער אַלטער, שטומער וואַנט... איינמאָל האָט ער פּלוצלונג אויסגע־שריען, רבונו של עולם, טאַטע זיסער, פּאַרוואָס זיי יאָ און אונז נישט, זיי יאָ און אונז נישט... און אַזוי אַ פינף מאָל נאָכאַנאַנד. מיט אַ קוויטשעדיגען טאָן ווי אין אַ היסטעריקע... עס איז געווען אַזוי אויפפאַלענד, אַז אַלע האָבען זיך אומגעקוקט און איינער אַ בלייכער, שטילער יונגערמאַנטשיק מיט לאַנגע געקרייזעלטע פּאות האָט אַ קורצען לאַך געטאָן. אַ ווייַלע שפּעטער זעה איך ווי דער בלאַסער בחור'ל דרעהט זיך אַרום דעם פּוילישען איד, און ענדליך געהט ער צו צו איהם און זאָגט איהם אין אַ בעטענדען טאָן: „זייט מיר מוחל, איך בעט אייך". קוקט איהם דאָס פּויליש אידעל אָן, און פרעגט מיט די אויגען: „וואָס?"... „וואָס איך האָב אַ לאַך געטאָן... איך האָב עס ניט געוואָלט. דאָס איז מיין נאַטור אַזאַ. זייט מיר מוחל..." דער פּוילישער אידעל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט, אויך מיר אַ ענין!... און איז זיך אַוועק ווייטער אין זיין לאַמענטאַציע. ביי מיר אָבער האָבען זיך טרערען אין די אויגען געשטעלט, דאָס עדעל־נשמה'דיגע אין מענשען האָט זיך פּלוצלונג ענטפּלעקט פאַר מיר פון גאַר אַן אומ־געריכטער זייט...

נישט אַלע פּוילישע אידען זיינען אַזעלכע צופלאַכטענע. עס קומען אויך שעהנע אידען. איבערהויפּט שפּילען יעצט די פּוילישע אידען אַ ראָל אין ארץ־ישראל. זיי זיינען יעצט די האָפנונג פון לאַנד. אַמעריקאַ הויבט אָן צו ענטוישען. צו גרויס איז די ערוואַר־טונג, צו קליין דער אָפּרוף... פּוילען אָבער איז איצטער אין יענער שטימונג פון עקזאַלטאַציע. אין פּוילען האָט אַ ציטער געטאָן די אידישע נשמה פאַר ארץ ישראל און מען רעדט, מען קלויבט זיך און מען פאָהרט טאַקע מיט פאַמיליעס, מיט פאַרמעגענס. מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַהערצו, ערנסט, מען קוקט אויף ארץ־ישראל ווי אויף אַן לאַנד פון רעטונג, ווי מען פלעגט קוקען אויף אַמעריקאַ... יאָ, יאָ, פּוילען ליפערט חלוצים, אידען מיט פאַמי־ליעס, אידען מיט געלט, מיט געשעפטסזין... קומט אַזאַ פּוילישער

באלעבאָס צו דעם „וואַנט״, דערשפּירעז שוין די בעטלער, די שמשים און אַנדערע. מען בילדעט אַן אַטמאָספערע אַרום איהם, מען לאָזט איהם זאָגען „קדיש״, אָדער דאַוונען אַ מנחה... ער טוט עס מיט ווירדע, דערנאָך צוטיילט ער אַ געשמאַקע נדבה, ניט יעדען באַזונ־דער, נאָר איינעם, דעם הויפּט־בעטלער, און יענער פאַרטיילט שוין גלייך צווישען אַלעמען. דערמיט ווערט אָפּגעהיט דער כבוד פון דעם הייליגען פּלאַץ. די ספרד׳ישע אידען זיינען ספּעציאַליסטען אין דעם פאַך פון בעטלעריי און לאַמענטאַציעס. די ליטווישע און פּוילישע אידען קענען קיין קאָנקורענץ מיט זיי ניט אויסהאַלטען. דאַרום איז דער גאַנצער „טרייד״ אין זייערע הענט אויסשליסליך. טרעפט זיך, אַז עס קומט אַ איד צו דער כותל המערבי, וויל זיך אויסוויינען און קען ניט, די אויגען זיינען ביי איהם אויף אַ טרו־קענעם פּלאַץ, דאַן נעמט זיך אַ ספרד׳ישער איד אָדער פרוי צו טאָן די אַרבייט פאַר איהם און מען צונעהמט איהם אַזוי, אַז ער דער־פיהלט די זאַלציגע פליסיגקייט אין זיין מויל אויך. אָבער אַלעס מיט אַ געוויסע דעקאָראַטיווען זשעסט און שעהנקייט.

אמת שעהן ווערט ביי דער „וואַנט״ פרייטאָג אָוועט און שבת אין דער פריה. דאַן קומען די שטריימלער און די פאַרביגע אַטלאַ־סענע קאַפּאָטעס. געלע, גרינע, בלויע, זיידענע, באַרכאַטענע קאַפּאָ־טעס, פּוטערנע ברייטע שטריימלער, געבאַליעטע פּאות, שעהנע ווייסע אָדער שוואַרצע בערד... דאַן דאַוונט מען אין אַ גרעסע־רען עולם, מען דאַוונט מיט געפיהל, און עס דערוואַרעמט. עס פאַרנעהמט ביים האַרץ אַפילו דעם קאַלטסטען נישט־גלויבער.

ווייבער באַזונדער, מענער באַזונדער. דאָך מישט מען זיך אָפּט אויס. קומט אַמאָל אַ פריילין מיט אַ זאַנטיקעל מיט אַ קאַקעטיש אנצונעל, נעהמט אַרויס אַ קליין סידור׳ל און שטעלט זיך אוועק לעבען אַזאַ צופּלאַכטענעם פּוילישען װ ו ע ל ט א י י נ ל י י ג ע ר. קוקען זיך ביידע אָן אַ ווייל׳ע פון דער זייט און מען צורוקט זיך שטי־לינקערהייט. קומען אַהערצו פון גאָר דער וועלט פאַרשוינע, אידען מיט טיורבאַנען, מיט צילינדרען, מיט קאַשקעטען, מיט רויטע פעס־קעס, אידען אַזעלכע וואָס איהר האָט זיי אין אַ ווילדסטען חלום אַפילו ניט געזעהן. קומען קראַנקע, עַמען אומגליקליכע, מען קושט די אַלטע צוקנייטשטע שטיינער, מען צינדט אָן ליכטלעך און מען וויינט זיך אויס די וועהטאָגען. אַמאָל בילדעט זיך אַ כאָר פון ווײנערס, אַזוי אין אַקאָרד, אַ סאָפּראַנאָ וואָס קוויטשעט, אַ באַס

וואָס כליפּעט און אַן אַלט וואָס פּאַרציהט זיך... זיצסט, הערסט זיך איין, גיט עס דיר אַ קלעם ביים האַרצען, אָבער דערנאָך ווערט עס פּאַרדראָסיק. ס'אַרט צעקראָכען פאָלק דאָס איז, אַזוי ווײנט איינער, וואָס האָט שוין אין זיך יעדען בטחון פּאַרלוירען, וואָס האָט שוין גאָר קיין ברעקעל שטאָלץ אין זיך, גאָר ניט, — אַ לויזער טייג...

שבת און יום־טוב וויינט מען ניט. שבת און יום־טוב בעטעלט מען ניט. די שטימונג איז דאַן אַ געלייטערטע.

פאַנטאַסטיש, גרויס איז די „וואַנט" ביינאַכט. זי איז גרין, די שאָטענס טיעף־בלוי... צינדט אַן אימיצער אַ ליכטעל, איז עס ווי אַ גאָלדענער שטערען אַראָפּגענידערט.



בעטלער ביים אַריינגאַנג צו דער „וואַנט".

# תשעה באָב ביים כותל מערבי

מיר איז באַשערט געווען אין מיין לעצטער נאַכט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ירושלים, איבערצולעבן געפיהלען און זעהן זאַכען אויף וועלכע איך האָב זיך ניט גערייכט. תשעה־באב איז אויס־געפאַלען שבת, האָט מען דעם פאַסטען איבערגעטראָגען אויף זונ־טאָג, די תחינות אָבער ביי דער כותל־מערבי האָט מען אָפּגעהאַל־טען שבת־נאַכט. דאָס איז געווען אַ נאַכט וואָס וועט בלייבען אין זכרון פון יעדען וואָס האָט זי דורכגעלעבט ביי דער „וואַנט פון געוויין", איבער די געסלעך פון דער אַלטער שטאָדט און אַרום די מויערען פון ירושלים. איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מיינעם אַ גוטען פריינד, אַז דעם טאָג זאָלען מיר זיין צוויי מאָל ביי דער כותל־מערבי. איין מאָל אַ זייגער זיבען אָוונד, דאָס צווייטע מאָל — צוועלף ביינאַכט. דער שכל דערפון איז געווען, צו זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר אין אָוונד, ווען די גרויסע מאַסע מענשען קומט אָן, און דערנאָך, שפּעטער, ווען עס בלייבען בלויז די אַלטע, ווייסע אידען, מיט די לאַנגע גרויסע בערד און בלייכע פנים'ער, אונזערע שעהנע אַלטע אידען, ווען זיי בלייבען אַליין צו באַוויינען די פאַרלוירענע הערליכקייט . . .

שוין גלייך נאָכמיטאָג האָבען אָנגעהויבען שטראָמען מענשען צו דעם לאַבירינט פון קרומע געסלאַך אין דער אַלטער שטאָדט. אויפ'ן וועג צו דער „וואַנט" דורך די דאָזיגע געסלאַך זיינען גע־שטאַנען פּאָליסלייט און האָבען ניט דורכגעלאָזען קיין קריסטען און קיין מאַכמעדאַנער. דאָס איז דאָס איינציגע מאָל אין יאָהר ווען אידען דערלויבען זיך אַזאַ וואוילטאָג ווי נישט צוצולאָזען קיין פרעמדע באַאָבאַכטער.

די קריסטען און די מוסולמאַנער, ספּעציעל די מוסולמאַנער, טוען דאָס יעדען טאָג פון יאָהר. אין מאַסק־אָמאַר איז כמעט אומ־מעגליך אַריינצוקומען אין זייערען אַ יום־טוב און זיכער ניט אין צייט פון גאָטעס־דינסט. ביי אונז אָבער ערלויבט מען זיך צו לאַכען, זיך האַלטען גראָב און ביי קיינעם געפינט זיך ניט גענוג מוט אָפּצושטעלען און פאַרוועהרען עס. דעם טאָג אָבער פון תשעה־

באב האָט מען דאַך זיך אָנגענומען מיט כח און געמאַכט אַ פאַרבאָט פאַר „פרעמדע“ צוצוקומען צו אונזער טרויער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער כותל מערבי זיבען אַ זייגער אין אָוונט איז שוין דאָרט געווען אַזוי געדיכט, אַז דורכצושטופּען זיך איז געווען זעהר אַ שווערער ענין. און ווען מיר האָבען נאָך לאַנגער מיה זיך דאָך דורכגעשטופּט צום מויער פון דעם אַמאָליגען בית־המקדש האָבען מיר דערזעהן אויף דער ערד אידען מיט געלע ליכטלאַך אין די הענט איינגעבויגען איבער געלע אַלטע צעריסענע בלעטלאַך פון ספרים. אַרום זיי זיינען געשטאַנען אידען פון כל־המינים און האָבען אויף די זיצענדע אידען געקוקט, דערוואַרטענ־דיג פון זיי עפּעס אַ פאַרשטעלונג. זיי האָבען געוואַרט אויף דעם מאָמענט ווען מען וועט אָנהויבען „שפּאַלטען הימלען“, אויפ־טרייסלען די ערד דורך שטראָמען פון טרעהרען און געוואַלד־געש־שרייען, און זיינען דערפאַר געווען ענטוישט, ווען צייט איז פאַר־גאַנגען און די אידען אויף דער ערד זיינען געזעסען שטיל פאַרטאָן אין זיך, שאָקלענדיג זיך מיט די געלע ליכטלאַך איבער די געלע בלעטער.

מען איז געזעסען צירקלען־וויז, גרופּירענדיג זיך אַרום איינעם אַן עלטערען אידען, וואָס האָט באַלד אויפגעהויבען זיין אַלטען צי־טערדיגען קול און אַרויסגעזאָגט די ערשטע קלאָג־ווערטער „איכה ישבה“... מיין פריינד און איך האָבען זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, האָט מען אויך אויף אונז אָנגעהויבען קוקען מיט ניי־געריגקייט און דערנאָך מיט ענטוישונג, די בליקען זיינען געווען קאַלטע און האָבען אונז באַלד דערעסען. מיר האָבען זיך אויפגע־הויבען און זיך צוריק אַרויסגערוקט.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום יפו'ר טויער, דערזעהען מיר אָנקומען אַ מאַרשירענדע יונגע אַרמיי. מיידלעך און יונגען, רייה נאָך רייה, הונדערט, צוויי הונדערט, פינף הונדערט, און אפשר טויזענד און אין טאַקט קלאַפּען אַפּ זייערע פיס אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַרש?“ פרעג איך.

„דאָס איז אַ שפּאַציר אַרום די מויערען און טויערען פון ירושלים,“ ענטפערט מען מיר. „דער יונגער ספרד'ישער בחור, אַביסר, וואָס קען יעדער שטיינדעל פון אונזער לאַנד, ער וועט אַלץ ווייזען און ערקלערען, קומט מיט.“

ווי קען מען זיך אפזאגען צו זעהן ירושלים ביינאכט ווען די לבנה באגיסט די שטיינער מיט א גרינליכען ליכט? ... און באלד האט אויך מיין פוס אפגעשלאגען דעם טאקט צוזאמען מיט די הונ־דערטער אנדערע. מיינע אויגען האבען זיך געעפענט פאר דעם שוי־שפיל פון לבנה־ליכט, שטערן־שימער און בלויע שאטענס. מיינע אויערען האבען דורשטיג איינגעזאפט יעדען ווארט פון אונזער פיהרער און דעם אנטציקטען געמורמעל פון דער יונגווארג.

האט איהר דען א באגריף פון דעם וואס פאר א יוגענד מיר האבען אין ארץ ישראל? ניטא אויף דער וועלט אזא איידעלע, מוטיגע, זעלבסט־באוואוסטע גייסט־און קערפערליך־העהרליכע יוגענד ווי מיר האבען דא! אזא יוגענד ווערט געבוירען ווען א פאלק לעבט איבער אנטשיידענדע מאמענטען אין זיין געשיכטליכען גורל. די יוגענד אין ארץ ישראל שאפט דאס לעבען, זי איז אומעטום, בא־טייליגט זיך אין אלע געשעהעענישען, פאליטישע, סאציאלע און אפילו רעליגיעזע, נישט זייענדיג אליין רעליגיעז. און די יוגענד מאכט פון יעדער קלענסטער זאך א גרויסען, אימפאזאנטען יום־טוב. ווען די פראצעסיע האט זיך אפגעשטעלט ביים מגדל דוד, גע־מאכט א גרויסען האלב־קרייז ארום דעם אלטען טורעם און דער יונגער ספרדי האט זיך אויפגעהויבען אויף א גרויסען שטיין און האט אנגעהויבען דערצעהלען די לעגענדען וועגען דוד המלכ׳ס טו־רעם, דעם יפו׳ער טויער, און אלע זיינען געשטאנען און זיך איינ־געהערט, האט עס אויסגעוויזען ווי אן ארמיי פון באגייסטערטע קעמפער געהט איינעמען די פעסטונג און אט באלד וועט דער גע־נעראל ארויסלאזען א קאמפס־רוף און דאס יונגע ווייס־געקליידטע חיל וועט זיך ארויפווארפען אויף דער טונקעלער פעסטונג און זי איינעמען.

אראבער און קריסטען האבען זיך פון וייטען צונויפגענומען, געקוקט און געשטוינט. אויף זייערע פנימ׳ער איז געלעגען אויסגע־דריקט רעספעקט און מורא צו דערזעלבער צייט. מיר האבען דאס געפיהלט. דער שפאציר צום קבר פון רב מאיר בעל הנס, צו מיראן אויף ל״ג בעומר טראגען דעם כאראקטער פון א פאליטישער דע־מאנסטראציע אויסער דעם וואס זיי זיינען א רעליגיעזער יום־טוב. די יוגענד פארשטעהט עס און שטרעבט דערפאר צו מאכען אלע אונזערע יום־טובים אימפאזאנט ווי נאר מעגליך. זיי קומען אין

מאסען, האלטען זיך גרויסארטיג און ווארפען ארויף א מורא און רעספעקט צו אונז ביי אונזערע שכנים.

פון דעם יפו'ער טויער זיינען מיר אוועק צום ציון־טויער, דער־נאך צו די אנדערע טויערען ארום און ארום דער וואנט. מיר האבען זיך ארומגעזעצט ארום דער יד־אבשלום, דערנאך ארום דעם אלטען פיראמידען־ארטיגען קבר פון דעם צארענדיגען זכריה הנביא... ווען דער רעדנער איז געקומען אין זיין דערצעהלונג צו דעם מא־מענט פון'ם נביא'ס טויט און דערנאך צו זיין זידענד בלוט, ווי עס האט זיך ניט געקענט איינשטילען, ביז מען האט ניט געדראהט אויסצושלאכטען דאס גאנצע פאלק ישראל, האט דער פאטהאס דערגרייכט דעם העכסטען פלוג. מיר האט זיך געדאכט, אז אויך דאס בלוט אין די אדערען פון אונזער יוגענט זידט און זידט און וועט זיך ניט איינשטילען ביז דאס פאלק ישראל וועט ניט אויפגע־ריכט ווערען. דאס בלוט אין די אדערען פון דער יונגווארג האט שוין אנגעהויבען שפילען ביים יפו'ער טויער... די יונגע הערצער האבען שוין ביים יפו'ער טויער דערפיהלט די שעהנקייט פון דער נאכט, דעם גראנדיעזען צויבער פון די אלטע מויערען און טויערען באלויכטען פון דעם געל־גרינעם נאכט־ליכט. זיי האבען באלד פון אנהויב דערפיהלט מיט אלע חושים זייערע ווער זיי זיינען, די קינדער פון אן אלט, אוראלט פאלק, וואו זיי האבען פלוצלינג דער־זעהן דעם מאמענט אין זיין גאנצער העראישער פאנטאסטישער, אומענדליך שעהנער געשטאלט... אויף יעדענס פנים האט מען געקענט לייענען די ווערטער: „מיר באוויינען היינט דעם חורבן, אבער מיר בויען דאך ווידער, היינט בויען מיר דאך ווידער, מיר קעהרען זיך ווידער אום צו אונזער מאכט און הערליכקייט! וואס־זשע איז דא צו וויינען און טרויערן?! פארקערט, היינט איז א טאג פון גרויסער פרייד, פון גרויסען יובעל, היינט דארפען אלע אויי־גען שטראלען, און ניט פון טרויער, און אויב א טרעהר ציטערט זאל עס זיין א טרעהר פון שמחה... היינט זאל עס געזונגען ווע־רען, היינט זאל עס געטאנצט ווערען, היינט מעהר ווי אלע טאג, וויל מען בויט ירושלים! און ווער בויט ירושלים? מיר, מיר בויען ירושלים!... אט דאס האט די יוגענד דערפיהלט שוין אין אנהויב אווענד און דער געפיהל איז געוואקסען וואס נעהענטער מיר זיי־נען געקומען אין אונזער מארש ארום די מויערען צו דער אלטער וואנט, דעם איינציג־איבערגעבליבענעם מויער פון אלע מויערען,

וואס זיינען געשטאנען אין דער אלטער ירושלים, צו דעם כותל מערבי."

די פרעהליכקייט איז אבער געבליבען אין די הערצער, זי האט געשפילט און געשפרודעלט אינ'ם בלוט; זי האט זיך אבער נישט געלאזט זעהן און ניט הערען. עס האבען זיך טאקע אנגעהויבען שטילע לידער־געזאנגען, אבער הויך זיינען די לידער ניט געשטיגען, מען האט זיך ניט ערלויבט אוים רעספעקט צו אונזערע אלטע, ווייסע אידען; די פים האבען זיך געהויבען צום טאנץ און עס האט אויסגעזעהן, אז אט־אט לאזט זיך די פראצעסיע אוועק אין א ווילדען הארא־טאנץ, מען האט אבער דערשטיקט אין זיך דעם ווילדען טאנץ־לוסט כדי נישט וועה צו טאן אונזערע אלטע, גרויע באווייגער...

פונקט צוועלף א זייגער ביינאכט האבען מיר אין אונזער קרייז־מארש דערגרייכט די „כותל מערבי". געקומען זיינען מיר ניט אין געשלאסענע רייהען, נאר גרופען־ווייז און מיר האבען דארט געטראפען „די אלטע", „די ווייסע..." זיי זיינען געזעסען מיט די פנים'ער צו דער וואנט מיט ליכט איבער די בלעטער און האבען געוויינט. און ווי געוויינט? ! אזוי באוויינט מען א טויטען, א טייערען היים־געליבטען זוהן, ווען דער טויטער ליגט פאר די אויגען. מען האט זיך געווארפען פאר וועהטאג מיט די קעפ צו די שטיינער פון דעם מויער, מען האט מיט וועה־געשרייען געשפאלטען די שטיינער, ווייך געמאכט די פעלזען. עס איז געווען א יאמער פול מיט ברענענדער ליידענשאפט, עס איז געווען א געוויין מיט אזוי פיעל קראפט און געוואלד, אז עס איז שוין ניט געווען קיין צייכען פון פארצווייפלונג נאר פון כח. מיר האבען דערזעהן א געוואלדיגען כח אין זייער אוממאכט; א גבורה אין זייער שוואכקייט. מיר, די בויער, די יונגע, די פריידיגע זיינען געשטאנען פאר די פאסיווע, די אלטע, די טרויעריגע און האבען געמאסטען אונזערע כחות מיט זייערע, ווער איז שטארקער: מיר, אין בויען צי זיי, אין באוויינען? !

# מיט די שומרונים אויפ׳ן באַרג גריזים

אין האַרץ פון ארץ ישראל צווישען יהודה און גליל ליגען די בערג פון אפרים און איבער די בערג פון אפרים הויבט זיך ברייט און לעגענדאַריש דער באַרג גריזים.

שטיל איז אַרום אַ גאַנץ יאָהר, שטיל איז אויך דער באַרג. אין זיך פאַרטאָן חלומ׳ט דער אַלטער גיגאַנט וועגען זיינע פאַרגאַנ־גענע טעג און אַמביציעס. ליידענשאַפטען באַוועגען זיין שטיינערנע האַרץ, און אַלץ געגען איינעם — אַ געגנער, וואָס איז פיעל קלענער פאַר איהם, וואָס האָט זיך אָבער ערוואָרבען אַ וועלט־מאַכט. אַט די דאָזיגע וועלט־מאַכט אַוועקצונעמען פאַר זיך חלומ׳ט דער גיגאַנט. אַנטקעגען איהם ליגט זיין פאַרשאַלטענער ברודער דער באַרג „עבל“, דער הר־הקללה, אָבער נישט וועגען איהם טראַכט ער, נאָר וועגען אַ היגעל אין יהודה, — דעם באַרג המוריה. שכם און ירושלים, הר גריזים און הר המוריה! ביידע שעהן, ביידע אַלט, ביידע אַריסטאָקראַטיש. ווער זאָל דעם טראָן פאַרנעמען? ! און אויף פסח שפּיעלט זיך אָפּ די דראַמאַ. דער אַלטער באַרג פון אפרים פּרובירט זיינע כחות און הויבט אויף זיין קאָפּ געגען הימעל.

דאָס וואָס ס׳איז פאָרגעקומען היי־יאָהר אויפ׳ן אַלטען באַרג פון אפרים, איז דער אָנהויב אָדער דער סוף פון אַ דראַמאַ, עס האָט דעם אַלטען באַרג אויפגעטרייסעלט. — עפּעס וועט געשעהן!

אידען לעבען איצטער איבער אין ארץ־ישראל אַ בעסערען יאָהר. אויפ׳ן האַרצען איז גרינגער, מאַטעריעל, עפּעס בעסער, ס׳איז זיכערער, ס׳איז רוהיגער, מיט די אַראַבישע שכנים ווערט מען נע־הענטער, זיי האָבען דעם טריט צו אונז געמאַכט, זיי באָטען אונז אָן דעם באָדען, מען קען קויפען וואָס מען וויל, וויפיעל מען וויל, און פאַר וועלכען פּרייז מען וויל... וואָלט נאָר געלט געוועזן...

קורץ, אידען לעבען איצט איבער אַ הייטערען פּסח, אַן אמת׳ן יום־טוב; האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן אויף פּסח קיין ירושלים. ווי־זשע דען? און די אַלטע שטאָדט האָט אַ שמייכעל געטאָן מיט אַלע איהרע שטיינער און אָנגעטאָן איהר בעסטען גאָלד אויף די מויערען אויפצונעמען די געסט...

אָבער פרייִדיגקייט אין די נשמות פון דער יוגענד איז דאָ גענוג פאַר צווייען, און מען האָט זיך אויך אַ לאָז געטאָן קיין שכם צו די ראָמאַנטישע איינזאַמע ברידער אונזערע, צו דעם הייפעלע שומרונים, די כהנים און סאָלדאַטען פון בארג גריזים. מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע עקען לאַנד אויף פּסח, צו זעהן ווי די אַלטע זונדערבאַרע סעקטע האַלט אויף אַן אַלט צאַנקעדיג פּייערל. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם אַלגעמיינעם צוג און, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אַ גרופּע ארבייטער אין ירושלים לאָזט זיך געהן אַהין, האָב איך זיך אָנגעשלאָסען.

דער פּסח ביי די שומרונים איז היינטיגס יאָהר אויסגעפאַלען אויף דאָנערשטאָג, אַ טאָג פריהער פאַר דעם פּסח אין ירושלים, אַזוי דאָס דאָנערשטאָג פריה, זיבען אַ זייגער האָבען מיר געדאַרפט ארויספאָהרען פון ירושלים.

ביים „בית העם“ איז געווען דער טרעפונגס־פונקט פון אַלע די, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דעם צוג. איך האָב מיר גענומען אויף אַ טאָג שפּייז, מיין סקיזצען־ביכעל און אַ וואַרימען בגד, גרייט אויף אַלץ וואָס אַ נאַכט אויף אַ באַרג קאָן אָנבאָטען. ביים „בית העם“ איז שוין געווען לעבעדיג. גרויסע טראַקס זיינען געשטאַנען זיבען אין צאָהל, יעדער טראַק באַשטימט פאַר פערציג מענשען: יונגע אַרבייטער, מיידלאַך, יעדער מיט אַ רענצעל אויף די פּלייצעס, פרעהליך, אויפגעלייגט! מען גריסט זיך, מען שטופּט זיך, מען פּאַקט אַן די טראַקס, מען פרעהט זיך מיט דער ענגשאַפט, יונגוואַרג שטיפט... מען ריהרט זיך פון אָרט; מיט געזאַנג און געלעכטער לאָזט מען זיך דורך די פאַר קרומע געסלעך פון ירושלים און באַלד איז מען שוין אויף אַ ווייסען שאָסעי, אַ לאַנגע, קאָפּ־ריזנע לענטע, וואָס לויפט אַרויף און אַראָפּ אומדערוואַרטעט היז און צוריק...

מען פאָהרט!

געזאָגט האָט מען אונז, אַז די שומרונים שעכטען דעם קרבן פּסח אַרום זעקס אין אָוונד; עס איז שוין באַלד צייט, און מיר האָבען נאָך אַ שטיק וועג צו־פוס צו באַשטייגען דעם באַרג גריזים. אָבער ווי פאָהרט מען באָס ניט אָנקוקען די רואינען פון דער אַמאָליגער שטאָדט שומרון, איצט באַקאַנט אונטער דעם רוימישען נאָמען סעבאַסטיאַ!

לאָזען מיר זיך אַהין: אַ גרינע געגענד פון לינקס, ווישטע פעל־

זען־בערג — פון רעכטס, — דער בארג פון ברכה און דער בארג פון קללה . . . עס איז קלאר פארוואס. אבער אט קומען אונז אנטקעגנען א גרופע חלוצים, אזעלכע ווי די וואס זיצען אויף די טראקס: — שלום! חברים! — שלום! — פון וואנען? — פון חיפה! מען שרייט, מען יובעלט, מען האט פארגעסען דעם פאר־באט. און באלד א נייע גרופע: — שלום! — פון וואנען? ! — פון גליל! און באלד א דריטע. מען געהט, מען ציהט זיך פון אלע זייטען, צופוס, יונג, פריש און פרעהליך! צוגעברענטע פנים׳ער, ווייסע צייהן! געהט מען צופוס גאנצע טעג; מען שפאנט, מען מעסט אויס אונזער לאנד, מען גריסט יעדען טראט, שלום! שלום. חברים, ליבע חברים! דאס הארץ ווערט איבערפולט פאר פרייד! גאט וואס פאר א וואונדערבארע יוגענד מיר האבען! אט דאס זיינען אונזערע „הרי הברכה . . .“

די טונקעלע שאטענס זיינען שוין איבער׳ן פייערדיגען בארג אויך. עס האבען זיך אנגעצונדען שטערען. דערגרייכט! און מיר האבען פאר זיך דערזעהן א בילד וואס איז געווען ווי א פאנטאזיע פון א נביא: שווארץ דער בארג פון מענשען!, עס האט גע־ערשט א געדעמפט מורמלען ווי דער גערויש פון א ים. אלע שפראכען, אלע סארטען מענשען: אידען, אראבער, ענגלענדער, דייטשען, אפיצערען, ציווילנע, אגאנצער לאגערביידלאך, אין די ביידלאך ליכט. וועמעס ביידלאך זיינען דאס? דאס האבען די שומרונים אויפגעשטעלט פאר זיך. געוועהנליך וואוינען זיי איז שטאט, אהער, אויפ׳ן בארג, זיינען זיי געקומען פאר דער פסח־וואך און האבען אויפגעשטעלט ביידלאך. מיר קוקען אריין אין די ביידלאך. אויף דער ערד טעפיכער, עס ליגען אדער זיצען מענער, שעהנע, אייד־לע, שווארץ־האריגע, גרויסע פארטראכטע. אבער די ווייבער זייערע, אויסגעדארטע, מיאוס׳ע! אויך די קינדער שוואכינקע! מיין גאט, וואס פאר א ווייבער זיי האבען דאס. און אפילו דאס, זאגט מען אונז, איז ביי זיי א גרויסע מציאה. ווערט א מיידעלע גע־בוירען, איז דאס א גאנצער גליק, מען פאר׳קנס׳ט זי גלייך פאר דעם רייכסטען קאנדידאט, און קאנדידאטען זיינען דא צעהן פאר איינעם. ס׳איז א טראגעדיע,—זיי הייראטען ניט מיט קיין אנדערע ווי בלויז מיט שומרונים׳ס בלוט, געהט דאס בלוט אויס . . . אבער וואס טוט זיך דארט אין מיטען? ! א געדיכטע וואנט מענשען, מ׳שטעהט אויף שטיינער, אויף אקסעל, מ׳שטופט זיך. איך קעמף

מיר אוים א פלאַץ, און דערזעה: אַ פופציג מענשען, אַנגעטאַן אין ווייסען, שוואַרצהאַריגע, ווייסהאַריגע, שטעהען איינער אַנטקעגנען דעם אַנדערען, מאַכען מיט די הענט און שרייען: אַ־אַ־אַ מיט באַנומענע קולות. דערנאָך הויבען זיי די הענט צום הימעל און שרייען. איך פאַרשטעה קיין וואָרט ניט, — אַזעלכע ווילדע געשרייען! איך דערזעה, אַז זיי שטעהען איבער געשאָכטענע פינף לעמעלאַך, אַ פייער ווערט צעלייגט, עס פלאַמט אויף, צינדט אָן אַלע פנימ'ער. טויזענטער אויגען קוקען אַנגעשטרענגט אויף דעם הייפעלע זאָנדערבאַרע פאַנאַטיקער, אונזערע פאַנטאַסטישע ברידער.

מיט אַמאָל ווערט שטיל, פון צווישען דער שוואַרצער וואַנט מענשען האָט זיך דערהערט אַ שטים. מילער רעדט! מילער רעדט! — ווער איז מילער? — איהר ווייסט ניט? דאָס איז דער איינציגער איד אויסער די שומרונים וואָס די אַראַבער קאָנען ניט אַרויסטרייבען פון שכם. אַ לעהרער ביי די שומרונים. ער האָט באַשלאָסען, אַז מען וועט איהם ניט אַרויסטרייבען פון שכם. די אַראַבער האָבען איהם געסטראַשעט מיט קלעפּ, מיט טויט. עס העלפט ניט... לעבט ער אין שכם און לערענט די שומרונים העבּרעאיש און אידישקייט. ער רעדט:

„מיר זיינען געקומען אין טויזענטער הוי־יאָהר צו באַגריסען אייך, ברידער אונזערע!... מיר ווילען אייך זאָגען, אַז איהר זענט פון אונז ניט פאַרגעסען... אַז איר זענט אַ טייל פון אונז און אונזער בלוט און פלייש... מיר ווילען איהר זאָלט וויסען, אַז אונזערע האָפנונגען זיינען נישט קיין אַנדערע ווי אייערע... קומט נאָהענט צו אונז, אונזער האַרץ איז אָפען פאַר אייך!...

איינער פון די שומרונים, אַ יונגער, האָט אין גוטען העברעאיש געענטפערט, אַז זיי זיינען איבערראַשט פון אַזאַ אומגעוועהנליכען באַזוך, אַז זיי זיינען ניט צוגעגרייט, אַז, אם ירצה השם, איבער־אַ־יאָהר, וועלען זיי צוגרייטען פלאַץ פאַר אַלעמען צו שלאָפען און טישען צו זיצען און אַנטיילנעמען אין דעם קרבן פסח... אַז אויך ער האָפט אויף אַ דערנעהענטערונג צווישען זיינע ברידער מיט דעם פאָלק ישראל...

אַ־אַ־אַ! — האָבען אונטערגעכאַפּט די זונדערבאַרע טונקעלע מענשען אין ווייסע קליידער... און ווען זיי זיינען אַנטשוויגען געוואָרען, האָט אַ הונדערט־ברוסטיגער געזאַנג פון אַ חלוצים־ליעד פאַרהילכט די לופט! הבה נרננה! הבה נגילה ונשמחה! און באַלד

האָבן זיך דריי הונדערט העגט אַנגענומען איינס אין דאָס אַנדערע און געמאַכט אַ געוואַלדיגען קרייז און אַנגעהויבן אַ האָראַ־טאַנץ, אַזאַ וואָס איך האָב נאָך ניט געזעהן.

„מי יבנה! מי יבנה? טאָפּ! טאָפּ!... זעקס הונדערט פיס האָבן אָפּגעשלאָגען דעם ענטפער! איין קרייז, אַ צווייטער אין דעם ערשטען און גאָר אין מיטען, אַ ליכטיג מיידעלשע געשטאַלט, אַן עקזאַלטירט מיידעלש געשטאַלט האָט אַליין געטאַנצט מיט אַלע טיילען פון איהר קערפּער און אַרום איהר, ווי אַ וויכער, האָבן זיך געטראָגען אין אַ ווילדען געדרענג. מי יבנה השומרון, טאָפּ! טאָפּ! מיר, מיר, ווער דען? אויב ניט מיר! ? טאָפּ! טאָפּ... ! דער באַרג האָט געציטערט, דער אַלטער גריזים באַרג האָט נאָך אַזאַ טאַנץ ניט געזעהן; זיין שטיינערנע הארץ האָט דערפיהלט, אַז נייע כחות זיינען אין ישראל אויפגעשטאַנען... און ער האָט אויפגעציטערט.

לידער און דער האָראַ־טאַנץ האָבן ניט אויפגעהערט די גאַנצע נאַכט. עס איז געווען אַ געפלעכט פון ווייסע קיטלען, פאַנטאַסטישע געשטאַלטען, חלוצים־לידער און האָראַ־טאַנץ... טונקעלע בערג זיינען שטום אַרום געלעגען, דער צעלייגטער גרויסער פייער האָט זיי נאָך פינסטערער געמאַכט און איבער דעם אַלעמען אַן אומענדליך באַשטערנטער הימעל.

דער קרבן איז געשאָכטען. אויף גרויסע שטעקענס האָט מען אויפגעהאַנגען די געשאָכטענע לעמעלעך און צום פייער געבראַכט. דאָס פלייש ווערט ערשט פאַרטיג שפּעט ביינאַכט, אַרום האַלב נאָך עלף. מען וועט דאַן עסען. וואָס־זשע טוט מען ביז דאַן? די וואָס זיינען מיעד געוואָרען פון טאַנצען, האָבן זיך צוזעצט אין קרייזען, מ'האָט גערעדט, געזונגען שטילע לידער, אַראַבער זיינען געקומען, זיך אַרומגעשטעלט און זיך צוגעהערט. איינער אַ יונגער שייגעץ האָט אַרומגענומען אַ הויכען אַראַבער ווי אַ בוים אַרום האַלז, אַנידערגעלייגט זיין קאָפּ איהם אויפ'ן אַקסעל און ווען עס איז געוואָרען שטיל, האָט ער אַנגעהויבן אַ ליעד. אַן אַראַביש נאַכט־ליעד: אַזוי צאַרט, אַזוי אומעטיג, אַזוי איידעל, אַז די נשמה האָט געוואָלט צוגעהן, און נאָך יעדער סטראָף האָבן אַלע אַראַבער אונטערגעכאַפּט מיט אַ קרעכצענדיגען אהייהייהא!... דערנאָך האָט מען ווידער געטאַנצט. אַראַבער האָבן זיך אויך אַריינגעפלאָכטען אין

דעם האָראָ־קרייז, אָבער זיי האָבען שלעכט געטאַנצט. — געשפּרונ־גען ווי בעק...

דערנאָך זיינען מיר אַוועק צו די ביידלאַך. די שומרונים האָ־בען אונז גערן אריינגעלאַזט, מיר האָבען זיך צעזעצט אויף די טע־פּיכער און געהערט זיי דערצעהלען וועגען זיך, זייער לעבען. זיי האָ־בען אונז געוויזען זייערע האַנט־געשריבענע ספרים (זיי האַלטען ניט פון געדרוקטע ביכער), האָבען אונז געוויזען אַלטע פּאַרגאַמענ־טען, טויזענט יאָהר אַלט. דער כהן־גדול איז געזעסען אין אַ באַ־זונדער ביידעל, אַ פּאַטריאַרד, שעהן און ווירדיג ווי אַ כהן־גדול דאַרף זיין. שטילע מענשען, שעהנע מענשען, מאַנכע אָהן בערד, קיין פּאות טראָגען זיי ניט, אָבער אַ סך טראָגען לאַנגע האָר ווי פרויען. יאָ, פרויען פעהלען זיי, און די יוגענד הויבט אָן צו בענ־קען און מען רעדט שוין וועגען רעפאָרמען, מען זאָל מעגען הייראַ־טען... זיי האָבען געהערט, אַז אַמאָל האָט מען דעם שבט בנימין ערלויבט זיך רויבען ווייבער. ווער עס קאָן כאַפּען אַ מיידעל, זאָל כאַפּען און זי אַוועקטראָגען אַ היים פאַר אַ ווייב... איינער, אַ יונגער, האָט זיך צערעדט מיט אַ מיידעל פון די געסט. זי האָט איהם געפרעגט, צי מען וועט געבען פאַרזוכען פון דאָס פלייש? — ניין, — האָט ער געזאָגט, — סיידען איהר וועט איינוויליגען חתונה צו האָבען מיט מיר...

האַלב נאָך עלף, דאָס פלייש איז פאַרטיג. ארום דעם פּלאַץ האָבען זיך ווידער פאַרזאַמעלט אַ געדיכטער קרייז מענשען און צו־געקוקט ווי מ'האָט זיך אויף דער ערד צעזעצט ווי ווער עס האָט גע־קענט, דער כהן־גדול האָט געקאָמאַנדעוועט, און אַז מ'האָט דאָס פלייש אַנידערגעלייגט, האָט יעדער איינער מיט די הענט געכאַפּט און פון די הענט געגעסען אין גרוים איילעניש ווי אין פסוק שטייט... פאַרטרונקען האָט מען פון איין פלאַש וויין.

מיר זיינען אַלע געשטאַנען ארום און געקוקט ווי זיי האָבען געגעסען און דערנאָך געשריען אַ! אַ!... און געמאַכט מיט די הענט. עס האָט געשמעקט, עס האָט זיך געוואָלט אריינמישען און אויך ווי זיי שרייען ווי ווילדע פאַסטוכער, ערשט ארויס פון קנעכט־שאַפט, און עסען מיט די הענט דאָס פריש־געבאַקענע פלייש...

דערביי האָבען זיי געגעסען מצות — ווייך טייג געבאַקען אויף דער זון.

ווילד, פאַנטאַסטיש, שעהן... אַ טרוים פון אַלטע צייטען...

דורכגעוועבט מיט אַ חלוצים־ליעד, האָראַ־טאַנץ און זיסען וועהמוט.

צוויי אַ זייגער זיינען מיר אַרונטער דעם באַרג און זיך צע־זעצט אין אונזערע טראָקס און אַפּגעפאָהרען צוריק קיין ירושלים.

מיר זיינען אַלע געזעסען שטיל, ווער עס האָט געטראַכט, ווער עס האָט עפּעס צוגעפּליסטערט דעם שכן זיינעם — שלאָפען אָבער האָבען מיר די נאַכט ניט געקענט, און איך ווייס פון נאָך איינעם וואָס האָט די נאַכט ניט געשלאָפען און וועט נאָך לאַנגע נעכט ניט שלאָפען און טראַכטען — דאָס איז דער אַלטער באַרג גריזים.

# ווי מען בויט דעם אוניווערזיטעט

הר הצופים איז דער העכסטער בארג ארום ירושלים, דער צווייטער נאך איהם איז זיין שכן דער הר הזיתים. אויף דעם בארג הצופים הויבט זיך דער טורעם פון דער „ממשלה“, די געביידע וואו דער „נציב“ וואוינט, און א פינף מינוט גאנג פון דעם בויט זיך דער אידישער אוניווערזיטעט. וויל מען פון דער שטאדט דערגרייכען דעם דאזיגען פלאץ, איז אדער מען קלעטערט צופוס, א זאך וואס איז ניט זעהר גרינג, אדער מען נעמט דעם גרויסען אויטאמאביל וואס שטעהט ביי דער פאסט-געביידע און פאר דריי און א האלב פיאסטער קומט מען אין צעהן-פופצעהן מינוט אן צום שפיץ בארג. עס איז זיך שווער פארצושטעלען אין דער גאנצער וועלט א הערליכערען פונקט און אויסבליק פאר אן אוניווערזיטעט ווי דער וואו אונזערער בויט זיך. פון איין זייט ליגט ירושלים אין איהר גאנצער פראכט און גרויס, פאר אייערע אויגען, אבער טאקע די גאנצע שטאדט פון איין עק ביז'ן צווייטען. איהר מוזט וויסען, אז ירושלים איז גאר ניט אזא קליין שטעדטעל ווי מאנכע הומאריסטען ווילען עס פארשטעלען; ירושלים איז געדיכט און צעשפרייט צו דערזעלבער צייט. שטאט-טיילען וואס ווייזען זיך אויס צו זיין אנגעווארפען און אנגעהויפט, איין הויז אויפ'ן אנדערען, זעהען אויס פון א זייטיגען שטאנדפונקט גאנץ ווייטלאך צעצויגען. אט, למשל, זעהט ירושלים אויס פון „תלפיות“ א לאנגע, צעצויגענע ליניע; פון שכמ'ער טויער, פארקערט — א געדיכטע, אנגעבויטע מאסע, און זעלטען ווען איהר דערזעהט זי אין איהר גאנצער שעהנקייט אין אנפאנג. דא פארשטעלט א בארג, דארטען געביידעס, פון הר הצופים ליגט זי אבער איינגאנצען פאר אייך; און זעהט איהר זי אין מארגען-ליכט, ווען די זון באלויכט זי פון איבער דעם בארג, — דאן איז ירושלים א קעניגין אנגעטאן אין גאלד און געלען יאנטאר.

פון דער אנדערער זייט איז די לאנדשאפט גאר פאנטאסטיש! א געוואלדיג שטרענג-ברוינע קייט פון בערג און טאלען און ווייט-

ווייט אין בלוי און פיאָלעט שימערירט דער ים המלח, דער טויטער ים. און ווייטער פון טויטען ים העגנען ווי גייסטער די בערג פון עבר־הירדן.

קען דען זיין אַ בילד פאַנטאַסטישער? און דאָס אַלץ זעהט מען פון דעם פּלאַץ, וואו עס בויט זיך דער ערשטער אידישער אוניווער־זיטעט. די שעהנקייט און די וויכטיגקייט פון דעם בנין אין דעם אָרט פיהלען די אידישע אַרבייטער וואָס בויען איהם, און זיי זאָגען מיר, אַז זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געאַרבייט מיט אַזאַ באַגייס־טערונג, קיינמאָל האָט אין זיי ניט געוואַכט דער געפיהל, אַז דאַ בויען זיי אַ זאַך פאַר דורות און פאַר אויגען און נשמות פון דער גאַנצער וועלט. „ניט אַ הויז אין תל־אביב בויען מיר“, זאָגט צו מיר אַן אַרבייטער וואָס האָט מיר געוויזען דעם בנין, „אַ הויז פון לופט און זאַמד, וואָס וועט קוים שטעהן צעהן יאָהר, ניין, מיר בויען אַ טעמפּעל, וואָס דאַרף שטעהן אַזוי לאַנג ווי אונזער בית־המקדש איז געשטאַנען.“

און עס איז אמת וואָס דער בחור'ל האָט מיר געזאָגט. איך האָב געזעהן ווי זיי האָבען געאַרבייט, די חברה. אַ גרופּע פון זיי האָבען געהאַקט שטיינער, אַנדערע האָבען די שטיינער געטראָגען, דריטע — די שטיינער געלעגט, פערטע האָבען פון האָלץ געמאַכט טירען און געשטעלט פענסטער, דראָטען געצויגען, צעמענט גע־מישט, אין אייזען געבויערט לעכער, געזעגט און פּאָלירט, קורץ — איך האָב געזעהן דעם גאַנצען אימפּעט און ברען פון אַרבייט, וואָס ווערט געטאָן ניט מעכאַניש, נאָר מיט חשק און ליבע. און עס וואַקסט דער בנין. דער פאַסאַד איז שוין באַלד אינגאַנצען צו זעהן. אַ טייל פון דער געביידע איז ניט גאָר ניי, מען האָט אָפּגעקויפט אַן אַראַביש־געבויטען פּאַלאַץ פון עפּעס אַן ענגלישען לאָרד, און מען אַרבייט איהם איבער, אָבער גאָר גרינגליך, אַזוי, אַז עס בלייבט קיין שפור פון דעם פריהערדיגען. דער פאַסאַד וואַקסט, דער גאַנצער לאַבירינט פון צימערען, טרעפּען, דעכער און שטעלעס געשטאַלטען זיך ביסלאַכווייז אין אַ גראַנדיעזער געביידע, וואָס וועט זיין אַ זעלטען־שעהנע זאַך און, ווי דער בחור האָט מיר גע־זאָגט, עס בויט זיך נאָכ'ן פּלאַן פון בית־המקדש.

דער גייסט פון בית־המקדש שוועבט דוכט זיך מיר די גאַנצע צייט אַרום דעם בנין פון דעם אוניווערסיטעט. ער האָט אַפילו גע־שפּיעלט אַ ראָלע אין דעם פאַקט וואָס דער „משרד הפועלים“ און

ניט פּריוואַטע קאָנטראַקטאָרס, האָבען געקראָגען די אַרבייט. עס איז אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע און איהר מעגט עס אויסהערען.

פון אַ סך זייטען האָב איך געהערט זאָגענדיג, אַז די היגע אַל־געמיינע ציוניסטען זיינען ניט פּאַרליעבט אין די אַרבייטער בכלל און אין די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס בפרט. אמת, אין דער עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיצען עטליכע אַרבייטער־פריינד און זיי איז צו פאַרדאַנקען דעם טייל אַרבייטער־פריינדליכע טעטיגקייט וואָס די אָרגאַניזאַציע ווייזט אַרויס. ווען מען האָט באַשלאָסען אָנצוהויבען בויען דעם אוניווערסיטעט, איז געווען אַ שטאַרקע שטימונג אָפּצוגעבען דעם געבוי צו פּריוואַטע קאָמפּאַניעס און עס האָט שוין געהאַלטען, אַז די צענטראַלע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע זאָל עס ניט קריגען. טרעפט זיך אָבער אַ טעות, וואָס האָט געראַטעוועט די לאַגע.

מיר האָבען אין דעם פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן אַשטיקעל און אפשר גאָר אַ גרויסען טרוימער. חלומ׳ט זיך איהם אַ שעהנער חלום און ער שרייבט אַוועק אַ בריעף צו דעם אַרבייטער משרד, אַז „אַזוי ווי איך האָב געקראָגען די ידיעה, אַז איהר האָט איבערגענומען די אַרבייט פון בויען אונזער אוניווערזיטעט, בענש איך אייך, ליעבע ברידער, און ווינש, אַז אייך זאָל באַזעלען דיזעלבע היילינע שטימונג, וואָס האָט באַזעלט אונזערע אורעלטערען, ווען זיי האָבען געבויט דעם בית המקדש...“

אַזוי אומגעפעהר איז געווען דער אינהאַלט פון דעם בריף. נעהמען די אַרבייטער און פאַרעפענטליכען דעם דאָזיגען בריעף. וואָס איז געבליבען צו טאָן? נישט אָפּצוגעבען דעם משרד די אַרבייט, וואָלט דאָס געווען אַ פּאַטש אין פנים דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. האָבען די אַרבייטער טאַקע געקראָגען די אַרבייט און קיינער האָט אויף דעם קיין חרטה ניט.

עס אַרבייטען אויף דעם באַרג הצופים אַרום הונדערט און פערציג מענשען, יונגעלייט און מיידלאַך. אָרגאַניזירט זיינען זיי אין עטליכע קבוצות. אַ טייל פון זיי אַרבייטען און וואוינען אויפ׳ן באַרג, אַ צווייטער טייל קומט צו דער אַרבייט פון שטאָדט און געהט נאָך דער אַרבייט צוריק אין שטאָדט אַריין. מען קען נישט זאָגען, אַז די אַרבייטער האָבען אַ זעהר גוטען לעבען ביי דעם. מען עסט ניט זעהר רייך און מען שלאָפט ניט זעהר ווייך, מען איז שטענדיג אין שווערע געלד־פאַרלעגענהייטען, און גאָר אָפט האַלט

עס ביים צוזאמענברעכען. איהר מוזט וויסען דעם גאנצען מעכא־ניזם ווי ארבייט ווערט אנגענומען און דורכגעפיהרט, כדי צו פאר־שטעהן דעם וואונדער וואס דא געשעהט.

וואס איז דער משרד פון ארבייטער־ארגאניזאציעס? ס'איז א „צענטראלע" פאר אנגעמען ארבייט: 1) בוי ארבייט; 2) עפענט־ליכע ארבייט; ווי וועגען, שאסעען, אייזענבאהנען, טעלעפאנען, טעלעגראפען, און 3) — דריינאזשען, דאס אויסטריקענען פון זומ־פען. דאס זיינען די דריי מינים ארבייטען וואס דער ארבייטער־משרד נעמט זיך אונטער צו מאכען. אבער עס איז גרינג צו זא־גען: „מען נעמט זיך אונטער". ווי פיהרט מען אבער דורך אזא קאנטראקט, אז ערשטענס, האט מען ניט קיין קאפיטאלען, קיין מאטעריאלען און קיין קוואליפיצירטע ארבייטער אויך ניט. ביי לייטען איז דא קרעדיט, דא אבער איז קיין קרעדיט ניטא, איז דער־פאר ניטא מיט וואס אנצוהויבען און מיט וואס צו צאהלען די ארבייטער שכירות. די שכירות זיינען ניט קיין גרויסע, אבער עסען־טרינקען, ווי ניט איז זיך אנטאן, און ערגעץ־וואו שלאפען דארף דאך דער ארבייטער אין דער צייט פון דער ארבייט! קומט דא צו־הילף דער „המשביר", דער ארבייטער קאנסום קאאפערא־טיוו און גיט זיי אין קרעדיט עסען און טרינקען און קליידער פאר דער צייט וואס די ארבייטער ארבייטען. איז דאך אבער דער „המשביר" אליין אן ארבייטער־ארגאניזאציע און דערפאר שטענדיג אהן געלט; וואו־זשע נעמט דער „המשביר"? איז טאקע שלעכט. לאזט דער „המשביר" ארויס אייגענע אסיגנאציעס, טשעקלעך, אזוי צו זאגען. מיט אט די טשעקלאך קען מען אמאל זיך ארויס־העלפען און קריגען עפעס ביי זייטיגע מענשען. די זייטיגע מענ־שען רעכענען אראפ א דיסקאונט, אבער ווי ניט איז קומט מען אויס. אפטמאל אבער קומט מען ניט אויס, איז טאקע זעהר ביי־טער, דאן פעהלט אויס צוקער פאר א חודש, פוטער פאר צוויי חדשים, דעמאלט פעהלען אויס מאטעריאלען און אמאל האלט שמאל. מען בארגט, מען אנטלייהט, מען גיט ארויס וועקסלען און דער „משרד" ברעכט זיך דעם קאפ, ביז ער געפינט עפעס א וועג און די סיטואציע איז ווידער גערעטעוועט. אמאל, אז עס קומט אויס זעהר שלעכט, לייגען זיך צונויף דיזעלבע ארבייטער וואס געהען ארום חדשים אהן א פיאסטער אין קעשענע, און מען שאפט עטליכע צעהנדליג פונט, כדי צו באצאהלען עפעס א וועקסעל וואס

דער „משרד" קען ניט באצאהלען. — דער קאמף איז איינפאך א הערלאישער.

א גרויסער טאלאנט איז אזעלכע פינאנציעלע אפעראציעס מיט וועקסלען, מיט אנטלייהען, מיט אפרעכענען, מיט צוזאגען, מיט אפגעבען, איז אונזער אלט באקאנטע פריינדין מאניע שחט. זי פליהט ארום איבער דער שטאדט און עס איז ניטא קיין טיר, וואס זי זאל ניט עפענען ביז די שוועריגקייט וואס די ארבייטער האבען אין זייער אונטערנעמונג איז ניט באזייטיגט. זי האט זיך די האר נאך קירצער אפגעשווירען. כדי עס זאל איהר זיין גרינגער אומצופליהען. און ארומגעפליגען איז זי דאס לעצטע מאל, וואס איך האב זי געזעהן, פאר דעם „גדוד" וואס האקט שטיינער אין ירושלים.

די שוועריגקייט וואס דער „משרד" האט פון מאנגעל אין קוואַליפיצירטע ארבייטער (סקילד לייבאר) איז אויך מיט דער האנט נישט אוועקצומאכען. אט האט מען זיך אונטערגענומען צו בויען א מאדערנע קאמפליצירטע געביידע. דערצו דארף מען דאך האבען געניטע בעלי־מלאכות, טעכניקער. מיט איין ווארט הויך־געשולטע ארבייטער, א זאך וואס אונזערע יונגע חברה זיינען עס זיכער ניט. אט דא ליגט דער גאנצער וואונדער, ווי אזוי זיי לערנען זיך אוים פון זיך אליין, ווי מען כאפט עס דעם שניט, ווי מען ווערט עס פלאמבער, עלעקטראטעכניקער, אינזשינערען, בויערם איבער־נאכט — דאס איז צום שטוינען. ס'איז גענוג, אז מען זאל זיי געבען א וואונק און מען פארשטעהט שוין און מ'ארבייט. מען האט מיר אנגעוויזען אויף א יונג בחור'ל וואס האט געמאסטען א וואנט און געגעבען אינסטרוקציעס א חבר. זיין נאמען איז שאפירא. און ווי יונג ער איז, האט ער א מערקווירדיגע פארשטענדעניש פאר קאנסטרוקציעס און ס'איז ניטא א זאך, וואס ער ווייסט ניט, און ער פיהרט די גאנצע אהבייט. איבעראל טרעפט איהר זיי, אט די יונגעלייט, קענערס, מעכאניקערס, אינזשינערען, וואס בויען שאַסען, פאלאצען, בריקען און האבען זיך די ארבייט אויסגעלערענט פון דער לופט. דער פרינציפ פון דער ארבייט ביים בויען די אוניווערזיטעט איז, אז אלץ מוז געטאן ווערען דורך אידישער אר־בייט, פון דעם קלענסטען ביז דעם גרעסטען. ברעכען זיי דארום אליין שטיינער פון פעלזען, שלייפען און רייניגען ארום די שטיי־נער אליין; אלץ ווערט געמאכט בלויז פון אידען, אויסער איין

זאך, קאַלך ברענגען אַראַבער, ווייל דעם מאַטעריאַל באַזיצען מיר ניט און מוזען דאָרום אַנקומען צו זיי.

בויט זיך די אוניווערזיטעט, וואַקסט, אָבער אינגאַנצען, אין איהר גרויסען פּלאַן וועט זי נאָך אַזוי גיך ניט פאַרטיג ווערען. עס וועלען נאָך עטליכע יאָהר פאַרגעהן און הונדערטער אידישע אַר־בייטער וועלען נאָך האָבען וואָס צו טאָן אַרום איהר. אָבער אַ טייל, דער מיטעלסטער, ווערט שוין פאַרטיג. מען לייגט שוין אַפילו די פאַרב אַנידער אויף דער האָלץ־אַרבייט און אין מאַנכע חדרים האָט זיך שוין דער כעמישער פאַקולטעט ברייטליך צעלייגט. עט־ליכע צימערען זיינען מיט טישען און שאַפעס אויסגעשטעלט; אויף זיי שטעהען פלעשלעך און פלעשער אין די הונדערטער, אַפּאַ־ראַטען שטעהען און אַרום זיי דרעהען זיך אַרום מיידלעך מיט ווייסע פאַרטוכער; מענער, געלערענטע כעמיקער, מען שמעקט, מען גיסט, מען מישט, עס געהט שוין אָן דאָרט די אַרבייט פון דער לאַ־באָראַטאָריע און אויב אַלץ וועט געהן גלאַטיג, האָפט מען שוין אין הערבסט צו עפענען דעם דאָזיגען פאַקולטעט. מען האָט מיר געוויזען דעם זאַל, וואו מען וועט האַלטען די לעקציעס. מיט איין וואָרט, דער חלום ווערט ווירקליכקייט. ס'איז איבעריג אייך צו זאָגען, וואָס עס טוט זיך צווישען דער היגער אידישער אינטע־ליגענץ, אין פאַרבינדונג מיט דער אוניווערזיטעט. עס וועלען דאָך זיין טיטולען צו פאַרטיילען. עס וועלען דאָך געשאַפען ווערען נייע פּראָפעסאָר־טיטולען, דאָקטאָר־טיטולען, און צו דעם ענין האָט מען דאָ אַ שוואַכקייט. ספּעציעל צום טיטול פּראָפעסאָר. איינמאָל אויף אַ נשף האָט מען דר. קלויזנער'ן אויף קאַטאָוועס אָנגערופען דער צוקינפטיגער דיקאַן פון דער אוניווערזיטעט. איז דער דאָקטאָר באַלד אַריין אין דער ראָל און האָט אָנגעהויבען צו פאַרטיילען קאַ־פעדרעס און טיטולען... נו, נו, וויפיעל שונאים ער האָט זיך דאָס געמאַכט זינט יענעם אָוועגט!

אָבער פיעל וויכטיגער ווי דער אינטעליגענטסקער טומעל אַרום דער אוניווערזיטעט און די חלומות פון טיטולען איז דאָס מאַטעריעלע וואָס געהט ווערען אַ ווירקליכקייט אַרום איהר.

מען האָט מיר אָנגעוויזען אויף די בערג און טאָלען אַרום דעם הר הצופים און מיר געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד וואָס מיין אויג זעהט, באַלאַנגט צו אידען, בלויז אַ פּאָר דונאָם לאַנד אין צווישען געהערט צו אַראַבער. דאָס לאַנד איז ערשט מיט אַ קורצער צייט

צוריק געקויפט געוואָרען דורך אַ אידישער געזעלשאַפט; דער פאַקט איז נאָך ניט פאַרעפענטליכט, אָבער ס'איז אַ פאַקט.

מען גרייט זיך דאָ צו בויען אַ נייעם אידישען פּערטעל, אפשר דעם הערליכסטען, וואָס מיר האָבען ווען־עס־איז געהאַט. קאָן דען זיין אַ פּלאַץ גראַנדיעזער, ייאונדערבאַרער און פּאַטעטישער, ווי דער הר הצופים אַרום דער אידישער אוניווערזיטעט? !

אַט אַזוי בויט זיך די אוניווערזיטעט, און אַזוי בויט זיך דאָס אידישע לעבען.

.1924



# די לעבעדיגע צווישן די טויטע

אפשר האבן אמאל געגרינט אליוועז אויף דעם הר הזיתים, איצט זיינען זיי ניטא. וויסט, שטיינערדיג און טויט איז דער דאָזיגער בארג ביי ירושלים; טויט, — ווייל דער הר הזיתים איז ירושלים׳ס בית־עולם, דער איינציגער אידישער בית־עולם וואס די אייביגע שטאָדט האט און דער גרעסטער וואס די וועלט פאַרמאַגט. א האלבען מיליאן קברים טראָגט דער דאָזיגער בארג אויף זיין לייב און איבער יעדען קבר ליגט א פלאַכער שטיין... פון דערווייטענס זעהט דער בית עולם אויס ווי א שטיינערנער מדבר. געל־גרוי, פלאַך, אָהן א גרעזעלע, אָהן א בוימעלע, קיין געביידעס, קיין מאַנומענטען, גארנישט אויסער אומצעהליגע פלאַכע, ליגענדע מצבות.

און די מצבות זיינען אלע גלייכע. ס׳איז דער דעמאָקראַטישסטער בית־עולם, וואס איז דא אויף דער וועלט. אָרים און רייך האבען אמאל אויף דעם „עולם השקר" געלעבט אין פאַרשיידענע גאַסען און שטאָדט־פערטלען, רייכע מענשען האבען געוואוינט אין פאַלאַצען, אָרימע זיינען געלעגען אין כאַלופּקעס. אויף דעם הר הזיתים האבען זיי אריינגעצויגען אלע אין איין גרויסער שטילער שטאָדט און יעדער אין איין קליין צימערעל און איבער יעדען צימערעל ליגט דערזעלבער דאַך. און יעדער איד האט בירגער־רעכט אין דער דאָזיגער שטאָדט. איך מיין, אז קרקע קאָסט דא גארניט. יעדער איד, אָרים צי רייך ווערט געבראַכט צו זיין אייביגער רוה און קיינער פאַרלאַנגט פון איהם ניט קיין באַצאָהלונג, סיידען אויף בראַנפען און א נדבה פאַר אָרימע לייט.

איהר וועט לאַכען פון מיר, ווען איך וועל אייך דערצעהלען, אז מיך האט ארומגעכאַפּט א שטאַלצער געפיהל פון צוגעהעריגקייט צו דער טויטער אידישער וועלט. מיר האט זיך שטאַרק פאַרוואַלט צו ליגען אין אייביגען שלאָף מיט נאָך א מיליאָן אידען אויף א בארג פון וועלכען גאַנץ ירושלים זעהט זיך ווי א בילד פאַנאַנדערגעוויקעלט. איך האָב זיך געוואָלט באַזאָרגען מיט א פּלאַץ, און האָב דערלאַנגט, אזוי צו זאָגען, א בקשה פאַר מיינע ערשטע ביר־

גער־פּאַפּירען. ווי גרויס איז געווען מיין איבעררעשונג, ווען דער שמש האָט מיר געענטפערט, אַז איך דאַרף עס ניט, אַז מיין ביר־גער־רעכט איז אַ נאַטירליכע, אַז יעדער איד האָט דאָ אַ פּלאַץ פאַר זיך און אַז קאָסטען וועט עס מיר גאָר ניט, ווי עס קאָסט קיינעם גאָרניט.

געקומען בין איך אויף דעם הר הזיתים אָנצוקוקען ירושלים, ווען די פריהמאָרגען־זון באַלויכט זי און זי ליגט איינגאַנצען אָנגע־טאָן אין גאָלד און עלפענביין. איך האָב מיטגעבראַכט פּאַפּיר און פּינזעל, מיט דער אַבזיכט צו אַרבייטען. איך האָב אָבער די האַנט ניט געקענט אויפהויבען און דאָס אויג ניט געקענט אָפּרייסען. איך בין געזעסען פאַר׳כישופ׳ט. איך האָב שוין ירושלים געזעהן פון אַ סך זייטען, פון שכמ׳ער טויער זעהט אויס ירושלים ווי אַ שטיי־נערנער ים; פון האָטעל־אַמדורסקי׳ס דאַך זעהט די אַלטע שטאָדט אויס ווי אַ פּראַצעסיע פון דריי רעליגיעס... איין טייל שטאָדט איז פאַרנומען מיט די קריסטליכע הייליגטימער, נאָך איהר געהט דער מאַכמעדאַנער טייל מיט דעם מאָסק אָמאַר און צולעצט דער אידישער טייל ירושלים מיט די צוויי גרויסע שוהלען.

פון פאַרשיידענע אַנדערע פּונקטען האָב איך געזעהן ירושלים שטענדיג אומדערוואַרטעט, — ניי, צויבערליך און מאַלעריש. אָבער זעלטען געלינגט עס צו זעהן די גאַנצע שטאָדט, פון אָנהויב ביז׳ן סוף, מיט איין בליק. און אָט אַזאַ זעלטענער בליק אויף ירושלים עפענט זיך פון הר־הזיתים. מאַיעסטעטיש, גלענצענד מיט אַלע איהרע מויערען, קופּאָלען, שפּיצען און בויגונגען, מיט איהר פּור־לען פּראַכט און חן ליגט די גאָלדענע שטאָדט ירושלים.

איך בין געזעסען ביי איינעם פון די קברים איינגאַנצען פאַר־לוירען אין דעם אָנבליק פון דער פּאַנאָראַמע און האָב ניט באַ־מערקט, אַז די טויטע וועלט איז גאָר ניט טויט, פאַרקעהרט, גאַנץ לעבעדיג. עס דרעהען זיך אַרום אידען ביי די קברים, קלעטערען אויף דעם בערגיגען בית־עולם אַרויף און אַראָפּ. איבער מאַנכע קברים שטעהט אין שוואַרצען איינגעבויגען אַ פרויען־פיגור, אי־בער אַן אַנדער קבר איז אַ גרופּע אידען פאַרזאַמעלט, און עס הערט זיך אַ פרומער געמורמעל. דערנאָך זיינען געקומען אידען, האָבען זיך אַרומגעזעצט אַרום מיר, אייניגע האָבען זיך אָוועקגעלייגט אין דעם שאָטען פון אַ שטיין, און מען האָט זיך צערעדט צווישען זיך. גערעדט האָט מען אידיש, ווי מען רעדט אין רוסלאַנד, אָדער גאַ־

ליציע, און מען האט גערעדט וועגן פראפעסיע. איך האב באלד פארשטאנען, אז דא איז פאר מיר אן ארגאניזירטער טראסט. א גרופע אידען האבען זיך פאראייניגט און מען האט פארכאפט די גאנצע בראנזשע פון באדינען מיט א מנין די לעבעדיגע, וואס קו־מען באזוכען זייערע טויטע.

דער מנין לאזט נישט צו קיין אנדערע מניגים. און ארייננצו־טרעטען אלס א מיטגליעד אין דעם דאזיגען „מנין" איז פאר א נייעם אידען פונקט אזוי שווער ווי ארייננצוטרעטען אין א געשלא־סענער אמעריקאנער יוניאן. עס האט זיך איצט גראד געהאנדעלט וועגן א יונגענמאנטשיק וואס איז געקומען זיך בעטען מען זאל איהם ארייננעמען. האבען זיי איהם אפגעזאגט אזוי טענה'ענדיג:

„עס פאסט ניט, יונגער בחור, ניט פאר דיר און ניט פאר אונז. מיר זיינען אלע עלטערע אידען, קומט איינער און וויל א „מנין" און דערזעהט ער אונז, גיט ער אונז א גוטע נדבה, וועט ער אבער דערזעהן דיך, וועט ער באלד א פרעג טאן: פארוואס דו געהסט ניט ארבייטען? און ער וועט ווארפען אן אומ'חן אויף אונז אלע־מען און דער גאנצער „מנין" וועט דערפון ליידען. טויג עס ניט. און אויך פאר דיר איז עס ניט גוט. ביסט נאך א יונגער מענש, און שוין ווילסטו ווערען א בטלן. זוכסט דיין פרנסה ארום די קברים. אט זעהסטו, דיין טאטען, אז עלטערען אידען, וועלען מיר מיט כבוד צונעהמען... געה אהיים און שיק אונז דיין טאטען."

מיט אמאל האבען זיך אלע אידען אויפגעכאפט. א געשריי האט זיך דערטראגען: „א מנין!" עס איז געקומען א באלעבאס מיט זיין ווייב. ווילען זיי אויפזוכען דעם קבר פון זייער קינד און ווילען מיט א מנין קדיש זאגען. לויפען אידען — פרנסה. דער שמש געפינט דעם קבר, ער ווייסט יעדען שטיינדעל פון דער האלב־מי־ליאנענדיגער טויטער שטאדט, ער איז שוין דרייסיג יאהר „מעיאר" און קען יעדען לעבעדיגען און טויטען באזוכער פון דעם וואודערלי־כען בארג. געפונען דעם קבר און שוין הערט זיך א דרוזשנער „זא־גען" און אין צעהן מינוט ארום זיינען שוין די „פראפע־סיאנאליסטען" דא צוריק און מען צעטיילט דעם שי־לינג, אדער צוויי, וואס איז ארייננעפאלען. מען צעהלט נאך אמאל איבער וויפיעל „טולער" מען האט שוין היינט געמאכט. (א טולער הייסט ביי זיי א פיאסטער) און מען צעזעצט זיך ווארטענדיג אויף א צווייטען „באלעבאס".

און וואַרטענדיג רעדט מען. וועגען וואָס, דענקט איהר. רעדען אידען אויפ'ן הר־הזיתים? וועגען אַמעריקע; „ווען מיר האָבען „פּאַרעס" (געלד) לאָזען מיר זיך אַוועק קיין אַמעריקע." זיפצען אייניגע. „מ'לאָזט דאָך ניט אַריין", רופט זיך אָפּ איינער מיט אַ ווילד געל בערדעל. „עה, מען גיט זיך שוין אַן עצה, מען ווערט אַ רב, אָדער אַ שוחט, און מען כאַפּט זיך אַריין."

„אַ גרויסער גליק!" מישט זיך אַריין אַ איד אַ רוהיגער ווי אַ פּראָפעסאָר; „איך בין שוין געווען אין אַמעריקע, פאַר אונזער אַרבייט איז דאָרט נישט גוט. מען מאַכט קוים אַ לעבען... עס קומט נאָך אויס צוצופּעדלען.. אַט איז „איטשע" דער וואָס האָט געבעטעלט ביים „כותל מערבי" אויך צוריקגעקומען פון אַמערי־קע" איך זיץ און הער זיך איין. וועגען וואָס רעדען אידען אויף דעם הר הזיתים?

„וועגען חלוצים, זאָגט איינער: „ווילדע ברואים זיינען דאָס. גזלנים! אַנומעלט פאַהרט מיין איידים מיט אַ וואָגען ברויט. ער איז אַ בעקער. שטעלען איהם אָפּ צוויי חלוצים און נעמען פון וואָ־גען צוויי ברויטען און געהען זיך אַוועק."

„נו, און וואָס האָט אייער איידים געטאָן?"

„וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט געשוויגען, ווייל זאָל ער נאָר פּרואווען אַ וואָרט זאָגען, קענען זיי איהם נאָך גאָר אָראָפּוואַרפען פון וואָגען, אַליין זיך אַריינזעצען און זאָגען, אַז ס'איז זייער וואָ־גען, און פאַרטיג, גנה זאַטשעפּע זיך מיט די גזלנים!"

„רוצחים זיינען דאָס, באמת, ניט קיין אידען," וואַרפט זיך אַריין אין געשפּרעך אַ אידעל מיט אַ פּנים ווי ביי אַ נאַסען פויגעל. „אַנומעלט זעה איך אַז אַראַבער האָט אַ שטופּ געטאָן אַ אידענע מיט אַ קאָשיק, נו, איז וואָס? לויפט צו אַ החלוץ און ברעכט אַן דעם גוי די ביינער. וואָס איז? וואָס איז דער אומגליק, אַז מען גיט אַ שטופּ אַ אידענע, דאַרף מען זיך נעהמען שלאָגען!? גזלנים, ווילדע ברואים!"

זיץ איך און הער זיך איין און שמייכעל צו זיך פון וואָס אי־דען שמועסען אויף דעם הר הזיתים! דער געשפּרעך געהט באַלד אַריבער צו זייער אייגענער וועלט, צו זייער פּרנסה. און דאָ האָט זייער נשמה געפונען זייער אמת'ע היים. עס האָבען זיך אָנגעהוי־בען לאַנגע שורות פון יאָהרצייטען, לאַנגע ליסטען פון ברית'ען, גע־בורטען און חתונות, גטין און בר־מצוות... עס האָט זיך אָנגע־

הויבן דוכטען, אז די גאנצע וועלט איז פארשוואונדען, געבליבען איז נאר א מנין אידען, וואס זאגט א לאנגען קדיש נאך אלעמען און צעהלט דערנאך דעם פיאסטער ווידער און ווידער, און צעלייגט זיך דערנאך א דרעמעל טאן אין דעם שאטען פון שטיינערנע קברים.

זיץ איך מיר און צייכען. די זון באקט געשמאק. די שטיינער זיינען צעגליהט, דער זאמד ברענט, די קליינע שאטענס זיינען אבער בלוי און קיהל. איך זיץ און ארבייט און דער מנין אידען ארבייטען ארום מיר. געהט צו צו מיר דער געלער אידעל, שטעלט זיך אוועק, זשמורעט צו אן אויגעל, קוקט זיך איין און רעדט ארויס מיט ווערטער פול פאראכטונג: „א איד שרייבט און שרייבט און ס'איז ניטא וואס אנצוקוקען, גארניט מיט גארניט."

געהט צו א צווייטער, בויגט זיך איבער מיין רוקען און רופט אויס אין א באס-שטים: „ביזט אשוטה, רב זלמן, זעהסט דען ניט, אז דער איד „שרייבט" א טשערעדע שאף מיט א פאסטוך?"

איך וואונדער מיך, וואו זעהט ער דא ביי מיר א טשערעדע שאף, אבער איך שווייג און ארבייט ווייטער. קומט צו דער שמש, א לאנגער דארער איד: אויב איהר זענט א מאלער, — דארפט איהר דאך וויסען וועגען א מאלער וואס ליגט דא ביי אונז! זיין נאמען איז שמואל הירשענבערג".

איך האב אויפגעהערט ארבייטען. איך בעט איהם ער זאל מיר ווייזען דעם קבר. וויל ער ניט. ס'איז היים און ס'איז ווייט, און ער איז מיעד, ער וויל ניט. מיט אמאל איז ער געווארען גאר אויפגערעגט און האט אנגעהויבען רעדען מיט ווערטער פול ביטערניש:

„שעהנע מענשען זענט איהר, די מאלערס, ליגט שוין מעהר ווי צעהן יאהר איינער פון אייערע גרעסטע קינסטלער, אזוי האב איך געהערט זאגענדיג, און קיינער גיט גאר ניט א טראכט, אז מען וואלט געדארפט אנידערלייגען א שטיין אויף זיין קבר!"

איך בין אויפגעשפרונגען. וואס הייסט! ליגט שמואל הירשענבערג אהן א שטיין און אהן א נאמען?! איך בעט איהם ער זאל מיר צופיהרען. איך וועל איהם פאר זיין מיה באדאנקען... קוים איהם איינגעבעטען. מיר לאזען זיך געהן דורך סטעזשקעס, דורך ענדלאזע קברים, דורך שטיינער אהן א צאהל, בארג ארויף, בארג אראפ... דער אלטער שמש געהט שווייגענד פאראויס, קלעטערט ווי א יונגע ציג איבער שטיין און פעלז, ענדליך שטעלט ער זיך

אַפּ לעבען אַ נידעריגען קבר, שטיינער צונויפגעלייגט אין אַ פיערעקיגען פונדאַמענט פאַר אַ מצבה. אָבער קיין וואָרט, קיין צייכען, קיין אָנדייטונג, אַז דאָ ליגט דער גרויסער האַהציגער מאָהלער, דער ליידענספולער ליבער מענש, שמואל הירשענבערג! איך האָב מיר אַ נדר געגעבען, אַז איך וועל נישט רוהען, ביז עס וועט נישט ליגען אַ שטיין אויף זיין נאַמענלאָזען קבר. עס קאָסט נישט מעהר ווי פופצעהן פונט, ס׳איז דאָך ווירקליך אַ שאַנד און אַ וועהטאָג.



# פרומקייט אין ארץ ישראל

פאַהרט אַ פרומער איד קיין ארץ־ישראל מיט דעם געדאַנק, אויסצולעבען זיינע יאָהרען אין אַ פרומער אידישער וועלט, געפינט ער די פרומקייט ,נאָך וועלכער ער האָט געגאַרט. יאָ, עס איז זיכער דאָ פרומקייט אין ארץ ישראל. דער פרומער איד געפינט זיך זיין מנין, זיין בית־המדרש און באַפרידיגט דאָרט זיין רעליגיעזען דורשט. ער דאַרף אָבער זיינע אויגען ניט לאָזען בלאָנדזשען ווייטער פון זיין מנין און בית־המדרש, אז ניט אויב ער הייבט אָן צוקוקען זיך, וואָס עס קומט פאָר ארום דעם בית־המדרש און אַ ביסעל ווייטער, וועט ער האָבען פיעל עגמת נפש. ער וועט אין גיכען אויסגעפינען, אז ניט אַלע אידען אין ארץ ישראל זיינען פרומע, גאָטספאָרכטיגע, תרי"ג־מצוות'דיגע אידען; אז אפילו די געוועהנליכסטע מצוה מוז מען ביי זיי אויסקעמפען. נעמט, למשל, אַזא זאַך ווי היטען שבת. נישט אַלע אידען היטען שבת. מען היט זיך פאָר ארבייט אום שבת ווי פאַר פייער. אָבער פאַר פייער היט מען זיך ניט אום שבת. איך מיין דערמיט צו זאָגען, אז מען היט די שבת־רוהע אַלס סאָציאַלע אינסטיטוציע, — איין טאָג אין וואָך מוזען אַלע ארבייטען און געשעפטען זיך אָפּשטעלען. דאָס פיהרט מען דורך אין ארץ־ישראל וואונדערבאַר. קיין אידישער באַאַמטער, קיין באַנק, קיין קראָם, קיין טעקסי, קיינער ניט וואָס רופט זיך איד טוט ניט קיין ארבייט אום שבת. אָבער רעליגיעז האַלטען ניט אַלע אידען שבת, מען פאַרויכערט אַ סיגאַרעטעל, מען צינדט אָן די אויל־מאַשינקע, מען קאָכט זיך אָפּ אַ גלעזעל טיי, קורץ פאַר פייער היט מען זיך ניט, און קעגען דעם קעמפען די פרומע אין ארץ ישראל.

עס איז דאָ אַ געזעלשאַפט אידען, וואָס רופען זיך די „שומרי שבת'ניקעס," געהען זיי ארום פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען דער שבת דערנעהענטערט זיך און זאָגען אָן, אז עס איז צייט מקבל־שבת צו זיין; שבת דעם גאַנצען טאָג, געהען זיי ארום און טראַכטען פון קיין אַנדער זאַך ניט, ווי נאָר צו פּאַקען אַן אפיקורוס מיט אַ סיגאַ־

רעטעל אָדער אַ אידען אין אַן אויטאָמאָביל, אָדער אַ אידען מיט אַ שטעקען אין האַנט, כדי צו מאַכען איהם אַ סקאַנדאַל. אַנדערע פרומע נשמות זיינען שטאַרק באַזאָרגט צו מישען ניט אידען מילכיגס מיט פליישיגס, אָדער צו קאָכט מען ניט גאָר אין גאַנצען טריפה פלייש ? ! קורץ, ניט אַלע אידען זיינען פרום אין ארץ־ישראל ; די באַלעבאַטישע וועלט איז גאָרניט פרום. נאָך ווייניגער איז די אַרבייטערשאַפט און די חלוצים, די מאַכען דאָך דערפון קיין סוד ניט. אַ פרומער איד וועט טאַן גלייבער, ווען ער וועט אין יענער זייט אפילו ניט אַ קוק טאָן.

אָבער אויך צו זיין אייגענעם מנין דאַרף ער זיך ניט צו שטאַרק צוקוקען, אויב ער איז אַ איד מיט אַן עמפינדליכער פרומער נשמה, ווייל זיין אייגענער מנין ונעט איהם נישט צופרידענשטעלען. ער וועט באַלד דערזעהן, אַז די פרומקייט איז מעהר אַן אויסערליכע ווי אַ האַרציגע, אַז זי ליגט מעהר אין אַ לאַנג־געקרייזעלטער פאה, אין אַ ברייטען שטריימעל, אין אַ פאַרביגער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, אין אַן אייגענעם באַזונדערען בית־המדרש׳ל, ווי אין איניגער ליבע און מורא פאַר גאָט. אין ערגעץ אויף דער וועלט זיינען ניטאָ אַזוי פיעל קליינינקע גרופען אידען מיט אַ באַזונדערען בית המדרש׳ל ווי אין ארץ ישראל. פיצינקע ווינקעלאַך, קליינינקע אַראַביש־געבויטע קאַנורעס ווערען איבערגעמאַכט אין שוהלכעלאַך צוליעב אַ נייעם מנין. און טאַקע נישט מעהר ווי אַ מנין דאַווענט. און אַלץ צוליעב עפּעס אַ קליינער אַמביציע. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז אין דער גרויסער חורבה־שוהל, די שוהל פון רב יהודה החסיד איז אָפט ניטאָ קיין מנין צו דאַווענען. איך האָב אָפט בייגעוואוינט פריה־מאָרגענס, ווען מען האָט נישט געקענט דאָרט דאַווענען, ווייל עס איז ניט געווען צו קריגען אַ מנין אידען. עס איז דאָך אומדערהערט, אַז אין דער גרעסטער שוהל פון ירושלים, אין צענטער פון דעם פרומסטען אידישען פערטעל, נישט ווייט פון כותל־מערבי, זאָל זיין שווער צו געפינען אַ מנין אידען. מען קריגט זיך אַרום צוליב כבוד, צוליב יחוס, צוליב אַ קליינינקייט, און מען פאַרשוועכט דעם אידישען כבוד אָהן אַ ברעג.

איך בין געווען אויף אַ שבת אין דער גרויסער שוהל, ווען הרב מאיר בערלין פון ניו יאָרק איז דאָרט געווען און האָט געהאַלטען אַ דרשה ; אַ צוויי וואָכען פריהער איז די דאָזיגע דרשה אַנאָנסירט געוואָרען איבער דער גאַנצער שטאָדט מיט געפלינעלטע פּראַזען.



דאָס איז די ישיבה „עץ חיים“.

געמיינט האָב איך, אַז עס וועט נישט זיין אין שוהל וואו אַ פוס אריינצושטעלען. צום סוף איז די שוהל געווען האלב ליידיג און ער־גער פון דעם איז געווען דער שטייגער ווי מען האָט אויסגעהערט זיין דרשה. אַהן דרך־ארץ, — מען האָט גערעדט צווישען זיך, מען איז געשטאַנען מיט די רוקענס צום רעדנער, מען האָט אָפען ארויס־געוויזען גרינגשעצונג. ווען איך האָב זיך פאַנאַנדערגעפרעגט פאַר־וואָס מען איז ניט געקומען און פארוואָס מען האלט זיך אַזוי ניט איידעל, האָט מען מיך אָנגעקוקט פארוואונדערט. זיי האָבען, פאַר־קערט, געמיינט אַז די שוהל האָט זעלטען געזעהן אַזאַ גרויסען עולם און דאָס וואָס מען הערט נישט אויפמערקזאַם, איז — „ווען מען הערט מען יאָ אוים אין ארץ ישראל?!...“

עס זיינען דאָ אין ירושלים, אין טבריה און צפת אַ סך גרויסע און קליינע ישיבות וואו אידען, יונגע און עלטערע, זיצען און לער־נען. איך האָב ליב געהאַט אריינצוגעהן, אַנידערזעצען זיך אין אַ ווינקעל און קוקען. מען טרעפט אינטערעסאַנטע פנימ׳ער, בלייכע, איידעלע שטערענס, דינע, פארטראַכטע הענט... איך פלעג זיך אַמאָל צערעדען מיט דעם ראש־ישיבה, געוועהנליך, אַ קלוגער איד. איך פלעג פרעגען: „ווי קומט עס, מען זיצט אין דער הייליגסטער שטאָדט פון דער וועלט, מען לערענט פלייסיג טאָג און נאַכט, ווי קומט עס וואָס עס ווערען דאָ נישט געבוירען קיין גרייסע רבנים. און איהר מוזט אָנקומען צו פוילען אָדער ליטא און פון דאָרט אראָפּברענגען אַ גרויסען רב? און דער איד פלעגט מיר אויף דעם געבען פארשיידענע ענטפערס. ער פלעגט מיר אָנגעבען אַלס איינע פון די סיבות, — וואָס דער לערענדער איד איז ניט באַפרייט פון דאגות פרנסה. דאָרט, אין די גלות־לענדער, אין ליטא אָדער גאַ־ליציע, זאָרגט אימיצער פאַר זיין עקזיסטענץ: דער שווער, דאָס ווייב, אָדער קהל. זיצט ער זיך מיט אַ פרייען קאָפּ און לערענט און פארטיפט זיך אין די אָפּגרונדען פון דער תורה. דאָ אָבער זיצט ער איבער׳ן ספר און טראַכט גאָר וואו נעמט מען אויף שבת?

צווייטענס זיינען דאָ ניטאָ קיין אמת גרויסע ישיבות, וואו מען זאָל קאָנען טאַקע פארטיפען אַ באַגאַבטען בחור מיט אַ גוטען קאָפּ. עס איז דאָ אַזוי צו זאָגען, ניטאָ קיין העכערע רעליגיעזע אַקאַדע־מיעס, אַזוי, אַז עס איז אוממעגליך אויסצושלייפען דעם דימענט אין אַ פיינעם בריליאַנט.

דריטענס, איז דאָ נאָך אַ אומשטאַנד. מען קומט צו־

פיעל אָנקוקען די ישיבות און די אידען וואָס זיצען און לערנען. פיהלען זיך די אידען אַקוראַט ווי זיי וואָלטען די גאַנצע צייט געזעסען אויף אַן אויסשטעלונג, אָדער אויף אַ פּאַראַד, אָדער טעאַ־טער געשפּילט. דאָס שטערט אויך דעם געדאַנקענגאַנג ער זאָל זיך פאַרטיעפען אין זיך אַליין. און פערטענס איז אפשר דאָ טאַקע גרוי־סע טיפע לערנער, וואָס וואָלטען געקענט ווערען גרויסע רבנים. און ארץ ישראל זאָל ניט דאַרפען פאָהרען נאָך אַ רב, און אים אַראָפּברענגען אהער פון די גלות־לענדער, אפשר פאַרמאָגט ארץ ישראל אַזעלכע אידען, נאָר צוליב פּאָליטיק קאָנען זיי ניט פאַר־נעמען די פיהרענדע ראָלע. ווייל דאָ דאַרף מען זיין אַ פיהרער אין „פרומער פּאָליטיק" מעהר ווי אין פרומקייט. אַ רב דאַרף דאָ קענען אויסקומען מיט אַלע צדדים, אָדער צוזאַמענברענגען און צוזאַמענ־האַלטען די צדדים, וואָס רייסען זיך אַרום צווישען זיך, מעהר ווי וואו ניט איז אויף דער גאַנצער וועלט...

און פון אַלע רייסערייען איז דער ביטערסטער און פלאַנמעסיג־סטער צווישען די ספרדים און אשכנזים. דער פוילישער איד האַסט דעם „פרענקאַטש" ווי ער רופט איהם מיט פאַראַכטונג און יענער צאָהלט איהם מיט׳ן זעלבען. עס עקזיסטירען דערפאַר אין ארץ ישראל, אין אַלע ערטער וואו אידען זיצען, צוויי קהילות זייט־ביי־זייט, מיט באַזונדערע שוהלען, רבנים, חדרים און שוחטים. מען פיהרט די מלחמה ביי דער „כותל מערבי." מען שטעלט זיך ניט אָפּ אויפ׳ן „הר הזיתים", ביי די טויטע קריגט מען זיך, מען לאָזט די טויטע ספרדים און אשכנזים ניט ליגען איינע לעבען די צווייטע כדי זיי זאָלען ניט מאַכען שלום נאָכ׳ן טויט.

עס זיינען דאָ פאַראַן פרומע אידען אמת גאָטספאַרכטיגע, שטי־לע, אין זיך און אין פרומקייט פאַרטיפטע אידען, אָבער זיי זעהט מען ניט, זיי זיצען אין די שטילע ווינקעלאַך, אין די היימען און נישט זיי גיבען דעם טאָן. די פרומאַקעס וואָס גיבען דעם טאָן, טראָגען אויף זיך עפּעס אַ פּראָפּעסיאָנעלען כאַראַקטער. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיי און איך טרעף דיזעלבע פּנים׳ער אומעטום. געה איך פרייטאָג צו דער „כותל מערבי" טרעף איך זיי, אין זאַקען אָנגעטאָן, געוואָלדעווען. קום איך שבת אין דער חורבה־שוהל, זי־צען זיי דאָרט אין ברייטע אַטלעסענע קאַפּאָטעס. ביים קבר פון רב מאיר בעל הנס, אַ וואָך פאַר ל"ג בעומר, צינדען זיי אָן ליכטלאַך, אין מירון ביי שמעון בן יוחאי טרינקען זיי זיך אָן מיט אַ גלעזעלע

בראנפען און האפקען... איך ווייס נישט צי איז דאס זייער פרנסה, צי איז דאס ביי זיי א פונקציע, נאר עס מאכט אן איינדרוק פון א פראפעסיע און דער איינדרוק איז א שלעכטער.

ניין, נישטא קיין גרויסע הייליגע פרומקייט אין ארץ ישראל. און א איד וואס איז צוליב דעם געקומען אינ׳ם הייליגען לאנד און האט זיך געפונען א מנין, זאל ווייטער און טיפער נישט זוכען און נישט פארשען, אז נישט וועט ער זעהר פיעל ליידען.

אבער ווי גרויס זיינע אנטוישונגען און ליידען זאלען נישט זיין. וועלען זיי נישט איבערשטייגען די טראגעדיע וואס די גרים האבען דורך דעם וואס זיי זעהען, אז אידען זיינען נישט פרום.

שטעלט אייך פאר א רוסישען מוזשיק, וואס זיין נשמה איז גע־פאנגען געווארען דורך א חלום, אז די אידישע רעליגיע איז די איינ־ציג אמת׳ע און אז נאר דא אין פאלעסטינא, צווישען אידען, די אויסדערוועהלטע קינדער פון גאט, וואס לעבען לויט דעם געבאט פון משה און היטען אלע פונקטען, אז צווישען זיי און מיט זיי וועט ער אויסלעבען א פרומען לעבען און וועט ראטעווען זיין נשמה פון אייביגער פלאג.

שטעלט אייך פאר זיין טראגעדיע, נאכדעם ווי ער האט דורכ־געמאכט אלע פארפאלגונגען פון דער רוסישער קירך און זיך געראַ־טעוועט און אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט זיך איינגעשפאנט אינ׳ם שווערען יאך פון אידישקייט און ארץ ישראל. האט אויף זיך גענומען דאס גרויסע שווערע פעקעל, אלץ צוליעב דער מעגליכקייט אויסצולעבען זיך אין דער פרומער אידישער רעליגיע, אז נאך אלע־מען דערזעהט ער, אז עס איז א נעכטיגער טאג, אז אידען האלטען גאר נישט פון פרומקייט, אדער האלטען שוואך און אז ער, דער גר, איז פרומער, אידישער, איבערגעבענער ווי דער איד.

עס שטעלט זיך אוועק אזא גרויסע נאאיווע גאט׳ס בהמה׳לע און הויבט זיך אן קראצען די פאטילניצע און פרעגט זיך: צוליב וואס־זשע האט ער אויף זיך גענומען דאס גרייסע אידישע פעקעל צרות, אז אידישקייט איז גאר נישטא? און זיי געהען ארום אין ארץ ישראל פארביטערטע, האלטען אין איין שטראפען זייערע שכנים קאלאניסטען, אויסרעדען זיי פאר וואס זיי דאווענען נישט, היטען נישט שבת, טראגען נישט קיין ציצית, היטען נישט מילכיגס פון פליי־שיגס און דערגלייכען.

מען האט מיר דערצעהלט וועגען א שיקסעלע וואס איז געוואַ־

רען אַ אידישקע און האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַ דינסט ביי אַ אידי־
שען גביר. מען איז אין דעם דאָזיגען הויז ניט געווען איבעריג פרום,
די דינסט איז געווען די פרומסטע און אַז עס פלעגט קומען שבת
און די באַלעבאָסטע האָט געוואָלט אַ גלעזעל טיי פון סאַמאָוואַר,
פלעגט די פרומע דינסט אַ געשריי טאָן צום באַלעבאָס: „באַרין, געה
שטעל דעם סאַמאָוואַר, איך טאָר ניט, ס'איז שבת!" איהר פאַר־
שטעהט, דער איד איז ביים גר אַ שבת־גוי.

אַ, ווענען די גרים אין ארץ ישראל און זייער באַציהונג צו אי־
דען און אידישקייט, זייער טראַגעדיע און ראָלע איז דאָ אַ וועלט
צו דערצעהלען. און עס הויבט זיך ערשט אָן אַ נייער קאַפּיטעל.
דאָס איז דאָס אריינטרעטען פון אראַבישע גרים אין אידישען לע־
בען. גאַנצע אראַבישע דערפער ווילען אָננעמען דעם אידישען גלוי־
בען און זיי שיקען צו רבנים אָנפרעגען וואָס און ווי אַזוי זיי דאַר־
פען דאָס טאָן? האָט איהר דערפון געהערט? אַנומעלט האָט אַ בע־
דואינער דאָרף אַרום כפר נחום (קאַפּערנאַאום) באַשלאָסען איבער־
צוגעהן צום אידענטום. מען דערצעהלט, אַז זייערער אַ שעיך האָט
געזעהן אַ חלום, אין וועלכען אברהם אָבינו האָט איהם געהייסען
זיך צוריק אומקעהרען אין שויס פון אידישען גלויבען צו וועלכען
זיין שטאַם באַלאַנגט פון אייביגע יאָהרען.

דער שעיך האָט מיט זיין חלום אויפגעהויבען דאָס גאַנצע דאָרף
אויף די פיס און אַלע האָבען איינגעשטימט זיך מגיר צו זיין.
צי האָט דערביי געשפּילט אַ ראָלע דער פאַקט וואָס מען האָט ביי זיי
צוגענומען די ערד אויף וועלכער זיי זיינען אַזוי פיעל יאָהרען
געזעסען, ווייס איך ניט, יעדענפאַלס, איז געוואָרען אַ מהומה צווי־
שען די מוסולמאַנער און קריסטען, ווען דער פאַקט איז באַקאַנט גע־
וואָרען.

די רבנים האָבען זיך דערשראָקען, ווער ווייסט וואָס פאַר אומ־
רוהען די מוסולמאַנער און קריסטען וועלען אָנהויבען, ווען זיי ווע־
לען דערזעהן אַזאַ זאַך, און זיי האָבען דערפאַר די אָנפרעגענדע
בעדואינער ניט געענטפערט. זאָלען זיי אַליין ווערען אידען אויב
זיי ווילען, מען נעמט אַ רב, מען עפענט חדרים, מען נעמט אַ מלמד,
אַ שוחט און פאַרטיג, צו־וואָס נאָך אריינשלעפּען די רבנים אין
צרות!

דערווייל האָבען דערהערט אַנדערע אראַבישע דערפער אין דעם
געגענד, אַז מען ווערט אידען, אַז יענע זיינען שוין געוואָרען. זיי־

נען זיי געוואָרען אומרוהיג פאַרוואָס מען האָט אויסגעכאַפּט און אַ זיי פאַרגעסען, זיי ווילען דאָך אויך. קורץ, גאַנצע געגענדען פון בעדואינער ווילען ווערען אידען. האָט איהר דערפון גאָר ניט געהערט ? די גאַנצע ארץ ישראל פרעסע האָט דערמיט געקאָכט.

עס איז זעהר אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אָבער פאַר דער פרומקייט פון ארץ ישראל איז עס טראַגיש. אַן אַראַבער איז אַ פאַנאַטיקער. וועט ער ווערען אַ איד, וועט ער זיין פרום וואָס פרום הייסט, ער וועט אויך זוכען און פאַרלאַנגען פרומקייט פון די אידען אין ארץ ישראל. וואָס וועלען די אידען טאָן ? פון וואַנען וועלען זיי נעמען פרומקייט ?

.1924

# די פּקידים

איינס פון די פיעל געברויכטע ווערטער אין ארץ ישראל איז דאָס וואָרט „פּקיד", „פּקידים". עס ווערט אַרויסגערעדט ניט אי־מער מיט ליעבשאַפט, פיעל מעהר מיט פאַרדרוס, אַמאָל אויך מיט האַס און פאַראַכטונג. איהר הויבט אָן פיהלען, אַז דאָס וואָרט באַטייט ניט אַ גלייכגילטיגע זאַך, אַז „פּקידים" איז אַן אָנגעוועה־טאָגטער ענין אין לעבען פון דעם ארץ־ישראל אידען.

וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „פּקיד" און ווער זיינען דאָס די „פּקידים"? פרעג איך. ענטפערט מען מיר מיט אַ שמייכעל: „אַה, די פּאַראַזיטען, די אָנגעשטעלטע, וואָס קריגען גוטע געהאַלטען, לעבען אַ גוטען טאָג אויף דעם פאָלק'ס חשבון?!"

גאָר אינגיכען ווערט אייך קלאָר, אַז די אידישע געזעלשאַפט אין ארץ ישראל האָט אויסגעטיילט פון זיך אַ קלאַס מענשען, האָט זיי געגעבען אַ נאָמען „פּקידים" און האָט זיי געמאַכט פאַר דעם ציעלברעט פון יעדען שפּאָט, קריטיק, באַשולדיגונגען. קורץ, ס'איז אַ קלאַס מענשען, וואָס זיי איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט דער סיטואַציע; מיר האָט זיך פאַר־וואָלט אויסגעפינען, וואָס זיינען דאָס פאַר מענשען, די פּקידים; וואָס פאַר אַ טייל אַרבייט טוען זיי אין אויפבוי פאַר אונזער לאַנד; זייער ראָלע, זייער לאַגע, און צי פאַרדיענען זיי טאַקע יענע נעגאַ־טיווע שטעלונג פון די איבעריגע שיכטען פון פאָלק?

איך האָב אויסגעפונען, אַז די „פּקידים" האָבען אַן אייגענעם פאַראיין, דעם „הסתדרות הפקידים." הייסט עס, אַז זיי האָבען אייגענע אינטערעסען צו פאַרטיידיגען, האָבען נויטיג אַ פאַראיי־ניגטען פראָנט קעגען זייערע שונאים. וואָס זיינען דאָס פאַר קאַמ־פען און וואָס פאַר שונאים? — פרעג איך זיך פאַנאַנדער. אַ לאַנ־גען שמועס געהאַט מיט הער יוסף ראַבינאָוויטש, אַליין אַ „פּקיד" און דער סעקרעטאַר פון פּקידים־פאַראיין, און בין איצט אימ־שטאַנד אייך צו דערצעהלען וועגען די „פּקידים" פון היינט, פון נעכטען און פון גאָר פריהער...

עס איז אינטערעסאַנט, איהר מעגט עס הערען.

אַמאָל, מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק, ווען דער אידי־שער ישוב האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען און דער באַראָן ראָטשילד האָט געהאָלפען מיט זיינע מיליאָנען, האָט ער אויך צו־זאַמען מיט די מיליאָנען געשיקט אַדמיניסטראַטאָרען; דאָס זיי־נען געווען די ערשטע באַאַמטע, די ערשטע פּקידים. דער אַדמי־ניסטראַטאָר איז געווען אַ סינאָנים פון אַלדאָס בייז. עס איז באַ־שאַפען געוואָרען אַ באַגריף וועגען איהם, אַז ער איז אַ דעספּאָט, אַ טיראַן, אַ כל־בו'ניק, אַן אכזר, אַ מחלל־שבת'ניק, מיט איין וואָרט — דער באַגריף פון אַ „פּקיד" איז געווען ניט קיין קאָמפּלי־מענטאַרער. אַז אַדמיניסטראַטאָר פון יענע צייטען פלעגט זיך ער־לויבען אַרויסצוואַרפען אַ קאָלאָניסט, אויב יענער איז דעם דאָ־זיגען „פּקיד" ניט געווען געפעלען. אַפילו שמייסען די קאָלאָניס־טען פלעגט זיך אַזא „בורבאָן" ערלויבען. אָט דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דעם קלאַס און דאָס וואָרט „פּקידים", און אויך דער אָנהויב פון דעם שלעכטען נאָמען וואָס זיי האָבען זיך געמאַכט ביים פאָלק.

די צווייטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיגען קלאַס איז געקומען שפּעטער, ווען דאָס לאַנד איז געוואָרען אביסעל ענטוויקעלטער און עס האָבען זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען געשעפ־טען, באַנקען, אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטען. געשעפטען און פאַבריקען דאַרפען האָבען דירעקטאָרען, בוכהאַלטערס, ספּעציאַ־ליסטען, פאַרוואַלטערס, וועלכע פלעגען קומען פון אויסלאַנד און פלעגען קריגען גרויסע אָדער גרעסערע געהאַלטען; זיי זיינען גע־וואָרען „פּקידים", און אויף זיי איז אויך איבערגעגאַנגען אַ געוויסע מאָס האַס און פאַראַכטונג פון ראָטשילד'ס אַדמיניסטראַטאָרען. אמת, קיין דעספּאָטען, טיראַנען אָדער כל־בו'ניקעס זיינען זיי ניט געווען, זייערע אַרבייטער האָבען זיי ניט געשמיסען, אָבער דאָך ליעב האָט מען זיי ניט געהאַט, ווייל עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די קליינע געשעפטען, פאַבריקען און אַנשטאַלטען ווערען דער־שטיקט דורכדעם, וואָס זיי דאַרפען אויסהאַלטען צופיעל פּקידים מיט צו גרויסע געהאַלטען. עס האָט שטענדיג אויסגעוויזען, אַז דער אַפּאַראַט איז צו גרויס און אַז די אַדמיניסטראַציע עסט אויף די אונטערנעהמונג, און מען האָט פיינט געקראָגען די עסערס, וואָס דערלאָזען ניט, אַז עפּעס זאָל אויפגעטאָן ווערען אין ארץ־ישראל.

די דריטע און אינטערעסאַנטסטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם פּקידים־קלאַס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער צייט באַלד נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, מיט דעם אָנקומען אין ארץ־ישראל פון דער „ציוניסטישער קאָמיסיע". אָנגעקומען אין ארץ־ישראל איז די דאָזיגע צאַלרייכע קאָמיסיע גלייך נאָכ'ן קריעג, ווען דאָס לאַנד איז געווען אויסגעהונגערט און שרעקליך פּאַראַרימט. זיינען זיי אָנגעקומען, די ציוניסטישע „פּקידים", מיט אַ סך געלט, און מען האָט אָנגעהויבען ניט־פּראָדוקטיוו אויסגעבען געלט. מען האָט די אויגען ביי אַלעמען אויפגעריסען מיט דער זאַטקייט און ניט־פּראַקטישקייט. מען האָט מיט הונגעריגע אויגען צוגעזעהן ווי יענע פלעגען ווארפען מיט געלט, און דער איינדרוק איז געבליבען איינגעווארצעלט, אַז די ציוניסטישע פּקידים האָבען בלויז טאַלאַנט — צו פ א ר ט א כ ל ע ו ו ע ן ג ע ל ט.

מען האָט פיינט געקראָגען די ציוניסטישע פּקידים. און דער האַס פון פאַרפינפיאָהרען ציהט זיך נאָך איצט אויך, כאָטש די היינטיגע ציוניסטישע פּקידים זיינען ניט שולדיג אין קיינע פון די זינד, וואָס די ערשטע האָבען באַגאַנגען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַ זוכט עקאָנאָמיע ווי ווייט מעגליך, און שניידט דעם בודזשעט פאַר אָנגעשטעלטע וואו נאָר מען קאָן.

איך בין אריינגעגאַנגען אין דעם ציוניסטישען „אָפיס" וועגען אינפאָרמאַציע און האָב אויסגעפונען, אַז דער בודזשעט פאַר דעם גאַנצען אָפיס איז 15,000 פונט אַ יאָהר. דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער בודזשעט, אַלץ וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויסצוגעבען היינטיגס יאָהר אויף דעם אויפבוי פון לאַנד, איז אַ האַלב מיליאָן פונט. אויף לאַנדווירטשאַפט, למשל, הונדערט און פינף און צוואַנציג טויזענט פונט. אויף מסחר און אינדוסטריע — צעהן טויזענט, אויף ארבייטס־דעפּאַרטמענט — דרייסיג טויזענט, אויף אימיגראַציע — דרייסיג טויזענט, אויף ערציהונג (שולען) — אַכט־און־פערציג טויזענט, א. אַז. וו. — צוזאַמען אַ האַלב מיליאָן. איז פון דעם האַלבען מיליאָן גיט די אָרגאַניזאַציע אוים אויף אויסצוהאַלטען דעם אָפיס מיט אַט די אַלע דעפּאַרטמענטען אינגאַנצען פופצעהן טויזענט פונט. וואָלט די אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ מיליאָן פונט בודזשעט, אָדער אַ צוויי מיליאָן פונטיגען בודזשעט, וואָלטען דאַן אויך די אויסגאַבען פון אָפיס ניט געווען מעהר פון פופצעהן טויזענט פונט. די געהאַלטען פון די „פּקידים" זיינען דורכשניט־

ליך פון צוואַנציג ביז דרייסיג פונט אַ חודש. דאָס הייסט, אומגע־פעהר, אַז אַן אַנגעשטעלטער אין דעם ציוניסטישען אָפיס באַקומט אַרום פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך. בלויז איינינגע קריגען העכערע געהאַלטען. מעהר ווי פופציג פונט אַ חודש קריגט איצט קיינער ניט. סיידען אומאָפיציעל. דער פּאָליטישער פאַרטרעטער, קוירנעל קיש, למשל, קריגט זיין געהאַלט פון לאָנדאָן, וויס דאַרום קיינער ניט וויפיעל ער קריגט. אַזעלכע געהאַלטען ווי אוסישקין האָט פריהער געקראָגען, נעמליך: הונדערט פונט אַ חודש, קריגט איצט קיינער ניט אין ציוניסטישען אָפיס.

אַלזאָ, די געהאַלטען זיינען ניט גרויס און מען טוט אויף אַר־בייט; דאָך פאַרגינט זיי דער עולם ניט זייער לאַנגע און ניט זייער געהאַלט. מען רעדט וועגען זיי מיט כעס, מען רופט זיי אָן מיט אַלע סאָרטען נעמען, מען איז קעגען זיי אויפגערעגט. עס דוכט זיך אַלעמען, אַז זיי טוען אויף ווענינ און אַז דאָס גאַנצע געלט וואָס קומט פון אַמעריקע, אַלע מילי־מיליאָסען, עסען־אויף אָט די דאָזיגע פקידים.

מען פאַרלאַנגט גרעסערע מעשים, מען פאַרלאַנגט פון זיי, אַז אין ארץ־ישראל זאָלען אויפגעטאָן ווערען וואונדער, אָפּגעקויפט זאָל ווערען דער גאַנצער באָדען, אויסגעטריקענט אַלע בלאָטעס, אויפגעריכט אַלע אַנשטאַלטען, פאַרלייכטערט זאָל ווערען קרעדיט, אריינשטראָמען זאָלען אַהערצו טויזענטער חלוצים מאַנאַטליך, וועכענטליך, און מען זעהט ניט אַז קיין מעגליכקייטען דערצו זיינען ניטאָ. און אין דעם אייפער פון קריטיק פאַרקלענערט מען אפילו דאָס וואָס ווערט יאָ געמאַכט. יעדען איינעם ווייזט זיך אויס, אַז פאַר איהם האָט מען גאָרנישט געטאָן. סוביעקטיוו איז דער איינ־דרוק, אַז אין ארץ־ישראל איז גאָרנישט געמאַכט; אָביעקטיוו אָבער קוקט זעלטען ווער. וואָלט מען אָבער אָביעקטיוו אָפּגעמאָס־טען דאָס געשאַפענע, וואָלט מען דערזעהן דעם גרויסען שפּרונג פאָראויס, וואָס דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט גע־מאַכט, און אויף די פקידים וואָלט מען געקוקט מיט מילדערע אויגען.

ניט נאָר קוקט מען קרום אויף די פקידים פון ציוניסטישען אָפיס, פון אַנשטאַלטען, באַנקען, געשעפטען און רעגירונג, נאָר ניט ווענינער בייז קוקען די אַרבייטער אויף זייערע אייגענע אַרביי־טער־פקידים. די אַרבייטער פון ארץ־ישראל, מוזט איהר וויסען,

זיינען גוט און פיעל פארצווייגט ארגאניזירט. האבען קראנקען־קאסעס, לייה־קאסעס, קאנסום־געזעלשאפטען און וויפיעל איהר ווילט אנדערע ארגאניזאציעס. יעדע ארגאניזאציע האט זיך אנגע־שטעלטע, וואס פיהרען די ארגאניזאציאנס־ארבייט. זיינען זיי דאס די „פקידים“, און די באציהונג איז צו זיי ניט קיין צוקערדיגע. אמת, זייערע געהאלטען זיינען פיעל קלענער ווי די געהאלטען פון די ציוניסטישע אדער אנדערע פקידים. אין דער צייט וואס א פקיד אין ציוניסטישען אפיס קריגט דעם מינימום לוין פון 20 פונט א חודש, איז דאס געהאלט פון אן ארבייטער־פקיד א כ ט פונט א חודש. און אויך דאס קריגט ער ניט אימער. איז אפילו די קליינע סומע רעגט אויף דעם ארבייטער, וואס פארדיענט אפט אפילו א העלפט ניט און געהט אמאל ארום חדשים און פארדיענט קיין פונט ניט. איז דער חבר ארבייטער אויפגערעגט אויף דעם חבר „פקיד“ און פארגינט איהם ניט זיין פריוויליגירטע פאזיציע. רופט איהם אן פאראזיט און באגריסט איהם מיט שפאט.

עס איז קלאר, אז שולדיג אין דער גאנצער באציהונג צווישען דעם עולם און די פקידים איז ניט די פאראזיטישע נאטור אדער אזוי עפעס א שלעכטע זייט אין דעם פקידים־קלאס, נאר שולדיג איז די ארימקייט און די נויט, די שטענדיגע דאגות־פרנסה, וואס הערשען אין ארץ־ישראל. אט דאס איז שולדיג אין דער פארבי־טערטער באציהונג צו דעם קלאס, וואס האבען יעדען חודש זייער זיכערען איינקונפט און קאנען זיך לעבען און געניסען דעם גאנצען זיסען חן פון ארץ־ישראל׳ער לופט און זונשיין.

אין דער צייט וואס מען בייזערט זיך און מען שפאט איבער די „פקידים“, פעהלען „פקידים“. איך מיין גוטע פקידים אין לאנד. גוטע פאבלייט, גוטע געשעפטס־קענער, גוטע פארוואלטער ספע־ציאליסטען, און ספעציעל פעהלען זיי ביי די ארבייטער. אין די קראנקען־קאסעס און די קבוצות, און ספעציעל אין דעם „המשביר“, פעהלען מענשען מיט פראקטישען שכל און קענטענישען פון קא־מערץ.

אפט איז מיר אויסגעקומען צו הערען, אז דער אומגליק צווי־שען ארבייטער איז, וואס עס פעהלען חברים טוער, ארגאניזאטא־רען און אינסטרוקטארען. פון צווישען די חלוצים, ווי אינטעליגענט די לעצטע זיינען ניט, ענטוויקלען זיך ניט קיין פיהרער. און איך האב געהערט זאגענדיג, אז זיי ווילען זיך ניט ענטוויקלען אין פיה־

רער, זיי ווילען בלייבען אין די רייהען און ווילען זיך ניט ארויס־רוקען אין פאָדערגרונט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס מען דאַרף זיי דאַרטען האָבען.

אָט אַזוי געהט עס אין ארץ־ישראל מיט דעם זונדערבאַרען קלאַס, וואָס מען רופט „פקידים“. זיי האַלטען זיך באַזונדער, בעסער געזאָגט: מען האַלט ז י י באַזונדער, האָבען זיך אַן אייגענעם פּאַראיין, אָבער ניט קלוב. זייערע ווייבער שיידען זיך אָפּ געזעלשאַפטליך פון אַלע אַנדערע ווייבער, הגם, זיי זיינען ניט די „דאַמען“ פון דער געזעלשאַפט, פּונקט ווי די מענער זיינען ניט די „העברעע געזעלשאַפט“. די העברעע געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל בילדען אונזערע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען, און זיי האָבען מיר פיל מעהר ווי עס קומט אונז. אַדוואָקאַטען, באַנקירען, העברעע כלל־טוער, דיפּלאָמאַטען, גרויסע סוחרים און אַזוי נגידים און אַנגעזעהענע — זיי זיינען דאָס די אַריסטאָקראַטיע פון ארץ־ישראל. און זיי גראָד קריגען דעם גאַנצען כבוד, און כבוד אומפּאַרדיענט. און פּונקט אַזוי קריגען אומ׳כבוד די „פקידים׳לעך“.

לעבט אַזוי דער פקידים־קלאַס פון דער מאַסע אָפּגעריסען, צו דער הויכער געזעלשאַפט ניט צוגעשטאַנען. קריגט פון אַכט ביז פופציג פונט אַ חודש און פאַרמירט זיך בּיסלעכוויז אין טיפען פאַר דעם קומענדיגען „שלום־עליכם“ וואָס ארץ־ישראל וועט ארויס־ברענגען.

# אַ צימערל אין ועד הצירים

איינמאָל קום איך אריין אין דער געביידע פון דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דרעה זיך אַרום איבער דעם לאַנגען קאָרידאָר מיט צוגעמאַכטע טירען. אויף יעדער טיר איז צוגעשלאָגען אַ קאַרטע מיט דעם נאָמען פון דעם דעפּאַרטמענט און די פּערזאָן, וואָס פיהרט איהם. איך בלייב שטעהן ביי אַ טיר און לעז: קאַלוואַריסקי. דעם נאָמען האָב איך דאָ אָפט געהערט, נישט איינמאָל מיט גרוים התפּעלות און אַמאָל אויך מיט אַ שמייכעל אַרויסגערעדט. מען רופט איהם „דער ספּעציאַליסט איבער־אַראַביש־אידישע ענינים", „דער אַראַבער־פריינד", „דער פריעדענס ענגעל". איך האָב געבעטען אַ פריינד מיינעם ער זאָל מיך אַריינפיהרען און באַקענען מיט דעם דאָזיגען זאָנדערבאַרען ספּעציאַליסט.

שטעלט אייך פאָר אַ זעלטערען איד, מיט אַ צוגעשוירען ווייסגרוי בערדעל, נאַקעטען קאָפּ, און אַן איידעל, אַריסטאָקראַטיש פּנים, אָנגעטאָן טאַדעללאָז, רעדט פראַנצויזיש, אַראַביש, העברעאיש, דייטש, אידיש און רוסיש און אפשר נאָך עטליכע שפּראַכען. הערט אויס רוהיג, ענטפערט אָבער אָביסעל אויפגערעגט, מיט אַ לעבהאַפטער זשעסטיקולאַציע. אַקעגען איהם איז געזעסען אַן אַראַבישער עפענדי און האָט צו איהם גערעדט אויף אַראַביש, קענטיג, וועגען אַ זעהר וויכטיגער זאַך.

„ערלויבט מיר צו זעצען זיך אין אַ ווינקעלע און קוקען". בעט איך זיך, „איך פאַרשטעה דאָך ניט וועגען וואָס עס רעדט זיך דאָ, אָבער איך וואָלט גערן געוואָלט קוקען."

„זיכער, זיכער, אַט האָט איהר אַ שטול, זעצט זיך און קוקט אייך געזונטערהייט."

איך זעה צוויי פּראָפילען איינער אַקעגען דעם צווייטען; איינער אַ שוואַרצער, דער צווייטער אַ גרוי־ווייסער; איינער מיט אַ רויטער פעסקע, דיקע, שוואַרצע וואָנצעס און אַ שמייכעל אויף דעם קלוגען, וואָלפּען־פּנים. דער צווייטער, אויפמערקזאַם, איינגעהאַלטען־אויפגערעגט. איינער רעדט מיט אַן אָפּגעהאַקטען וואונדער־

בארען אראביש; איך דערפיהל דאס לשון פון א גאנצער קולטור, אין איהר בעסטען אויסדרוק: עס רעדט דער גארגעל, דער האלז, די נאז, ציין און לונגען, אבער דער שמייכעל באטייליגט זיך אין זיין אראביש מעהר פאר אלץ; ניט אויף א מינוט פארשווינדט די מאסקע פון ביטרער העפליכקייט פון דעם אראבער'ס פנים. דער געשפרעך דרעהט זיך, הויבט זיך, שפרינגט; מיט אמאל דערהער איך דאס ווארט „מאסארי" (געלט), און באלד דערהער איך אויך דאס ווארט „מאפיש" (נימא) און דער אראבער שטעהט אויף, דער שמייכעל פארשווינדט, אויפ'ן פנים איז אויסגעדריקט אנטוישונג. ער געזעגענט זיך קוים און געהט ארויס עטוואס איינגעבויגען, קענ־טיג, זעהר אומצופרידען...

איך האב זעהר געוואלט וויסען וועגען וואס דער געשפרעך איז געווען. אויף מיין פנים איז מסתמא געווען אויסגעדריקט א גרויסע נייגעריגקייט. הער קאלוואריסקי האט א שמייכעל געטאן און גע־זאגט:

„אה, ס'איז נישט קיין אומגעוועהנליכע זאך. דאס איז געווען איינער פון די גרינדער פון אן אראבישער פארטיי... איז ער געקומען נאך אביסעל קליין־געלד... נישט קיין סך, טאקע קליין־געלט האבען מיר איהם ניט געגעבען... מאפיש, ניטא. איז ער אוועקגעגאנגען, אנטוישט."

איך האב זיך צעלאכט. וואס קאן זיך אזא אראבער טראכטען וועגען די אידען? ! א פאלק א נישטיגס, מוז ער זיך טראכטען. ברענגסט איהם צוטראגען א פארטיי און בעטסט דערפאר א קליי־נעם באקשישעל, איז ניטא, מאפיש! פע!

הער קאלוואריסקי איז געווארען אויף א מינוט ערנסט. „מען האט איהם פונדעסטוועגען געדארפט עפעס געבען".

די טיר האט זיך געעפענט און אן אלטער אראבער איז אריין, באגריסט מיט דעם אראבישען שטייגער און זיך נאהענט צוגערוקט צו זיין פריינד באוואדזשי קאלוואריסקי. פון אונטער דעם קאמפ־ליצירטען קאפ־פוץ האט ארויסגעשטארצט א גרויסער, טונקעל־בראנזענער שטערן און גרויסע, גרויע ברעמען האבען פארדעקט די אויגען. דער אלטער פעלאך האט זיך איינגעבויגען און אין א שטילער שטים, אין סודות'דיגע ווערטער גערעדט צו איהם און קאלוואריסקי האט פארשריבען, דערנאך אין קורצען איהם געענט־פערט. דער אלטער איז אויפגעשטאנען, אויפגעהויבען די הענט

אין דער הויך און געזאָגט „אַללאַ, אַללאַ“, און מיט הויכען רעספּעקט און די האַנט אויפ'ן שטערען, האַרץ און מויל איז ער אַרויס.

„איהר ווילט געוויס וויסען, וואָס דער אַלטער האָט געוואָלט?“ ווענדעט זיך צו מיר דער דיפּלאָמאַט, „גאָר אַן אַנדער ענין. ער האָט אַ טאָכטער, דער בעלאַך, איז די טאָכטער פאַרקויפט פאַר אַ ווייב צו אַ רייכען שעיך. איז זי פון דעם שעיך אַנטלאָפען און וויל ניט צוריק. זי געפינט זיך ביי אַן אַנדערען. איז ער געקומען צו „כאַוואַדזשי קאַלוואַריסקי“, איך זאָל איהם אַרויסהעלפען אין דעם ענין מיט דער טאָכטער. אַט אַזוי קומען זיי צו מיר מיט אַלע זייערע צרות. זיי האַלטען מיך פאַר אַ פריינד און גלויבען מיר יעדעם וואָרט. דער אַראַבער שעצט פריינדשאַפט, פיהלט פריינדשאַפט און מיט פריינדליכקייט קאָן מען איהם נעמען, נאָר מיט פריינדשאַפט, ס'איז גאָר קיין אַנדער וועג ניטאָ ווי פריינדשאַפט.“

די אויגען פון דעם וויים־גרויען מאַן האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ יוגענטליכען פייער. איך האָב דערפיהלט, אַז ער רעדט איצט אַרויס זיינע טייערסטע אידעען. איך האָב זיך געהיט איהם ניט איבערצושלאָגען.

„לאַנג צוריק, אפשר אַ דרייסיג יאָהר, ווען איך בין נאָך געווען אַדמיניסטראַטאָר ביי „יק“א“, האָב איך געהאַלטען פון פריינדליכע באַציהונגען מיט אַראַבער. באַזונדערס אָבער איז דאָס נויטיג געוואָרען נאָכדעם ווי טערקיי האָט אין יאָהר 1909 אָנגענומען אַ קאָנסטיטוציע. די אַראַבער האָבען דאַמאָלס דערפיהלט די נייע לאַגע, די לופט איז פול געוואָרען מיט פּאָליטיק און די ערשטע נאַציאָנאַליסטישע אַראַבער זיינען אַרויס מיט זייערע פאָרלאַנגען. דאַמאָלס איז שוין געווען שווער דורכצופיהרען עפּעס אידיש־נאַציאָנאַלעס, למשל, ס'איז געווען גאָרניט גרינג צו קויפען „מרחביה“. איך האָב דאַמאָלס געזאָגט, מען מוז זיך מיט די אַראַבער פאַרשטענדיגען, נישט בלויז מיט די טערקען אָדער יונג־טערקען, נאָר מיט די אַראַבער. דער ציוניסטישער אַפּיס האָט אָבער נישט געוואָלט הערען און וויסען וועגען דעם. איז אָנגעקומען די מלחמה. האָב איך אויפגעהערט רעדען וועגען פריינדשאַפט נאָר געטאָן פריינדשאַפט. אַלס פּאַטריאָט פון טערקיי איז מיר געלונגען פיעלע אַראַבער, פאַר'משפט צום טויט, ראַטעווען און פריילאָזען. זיי געדענקען דאָס און זיינען מיר פריינד ביז'ן טויט. די אידישע לאַגע איז דאַמאָלס געוואָרען זעהר געפעהרליך, ספּעציעל נאָך דער אַנט־

דעקונג פון דער אראַנסאַן אַפּעיר, מען האָט געהאַלטען ביי חרוב מאַכען דעם גאַנצען אידישען ישוב. עס האָט געהאַלטען ביי דעם, אַז אַ שטיין אויף אַ שטיין זאָל ניט בלייבען ליגען. און דאַמאַלס ביין איך געקומען, מיט שטאָלץ קאָן איך דאָס זאָגען, אַז ווען ניט מיין איינשטעלען זיך ביי קעמאַל פּאַשאַ, דעם גרויסען און קליי־נעם, וואָלט פון אונז אין ארץ ישראל קיין שפּור ניט געבליבען. עס זיינען געוועזען געפעהרליכע מאָמענטען ווען קעמאַל פּאַשאַ האָט מיט צאָרן אויסגערופען: „אויב איהר, קאַלוואַריסקי, וועט זיך ניט אויפהערען מישען, וועל איך אייך לאָזען **אויפהענגען** אין דער קאַלאָניע ראש פּינה, אַלס טערקישען פאַררעטער"... אָבער ער האָט עס ניט געוואַגט צו טאָן. אַנשטאָט דעם איז געראַטעוועט געוואָרען דער גרעסטער טייל פון אונזער באַזיץ אין ארץ ישראל, פיעל אידישע לעבענס און פיעל אַראַבישע לעבענס.

„די מלחמה איז געענדיגט און עס ערשיינט די באַלפור דע־קלאַראַציע. האָבען פיעלע געדענקט, אַז קיין אַראַבישע פראַגע איז דאָ ניטאָ, אַז מען דאַרף זיי איגנאָרירען, אַז די ענגלענדער וועלען שוין דורכפיהרען אַלץ, וואָס זיי האָבען צוגעזאָגט. האָב איך דאַ־מאָלס געענטפערט, אַז זיי האָבען אייגענטליך גאָרנישט צוגעזאָגט, אַז בלויז דאָס וועט ווערען אַ פאַקט, וואָס מיר וועלען אַליין טאָן, און טאָן קאָנען מיר בלויז ווען מיר פיהרען זיך קלוג מיט די שכנים אַראַבער. קלוג הייסט ניט שרייען, ניט שפּיעלען די העלדען, די זיגער, די הערשער, נאָר שטיל, רוהיג, פריינדליך אַרבייטען צו־זאַמען. מיין געדאַנק איז (און דאָ איז דער פּנים פון דעם גרוי־וויסען מאַן געוואָרען שטרענג און טיף ערנסט), אַז פּאַלעסטינאַ **איז און דאַרף בלייבען אַ צוויי־נאַציאָ־נעען לאַנד**. איך וויל מען זאָל מיך פאַרשטעהן. עס איז מיין קאַרדינאַלער פונקט. פּאַלעסטינע איז און דאַרף זיין אַ **צוויי־נאַציאָנען** לאַנד. איך וועל אייך דערקלערען, וואָס איך מיין דערמיט. מיר דאַרפען ניט זאָגען, אַז מאַיאָריטעט אָדער מינאָריטעט באַדייט עפּעס. ניין, מיר ביידע, אידען און אַראַ־בער, זיינען גלייכבאַרעכטיגטע. קיינער פון אונז דאַרף ניט הער־שען דורך מאַיאָריטעט, נישט איצטער, ווען די אַראַבער זיינען אין דער מערהייט און ניט שפּעטער, ווען מיר וועלען ווערען אין דער מערהייט. בלויז אויף דעם שטאַנדפּונקט פון גלייכבאַרעכטיגטע צוויי נאַציאָנאַליטעטען קאָן עטאַבלירט ווערען אַ פרידליך לעבען

אין ארץ ישראל. מיר דארפֿען אויפֿהערען רעדען וועגען מאַיאָרי־זירען דאָס לאַנד און אויפֿהערען בויען און מאַכען אַלע אונזערע חשבונות אויף מאַיאָריטעט. ערשטענס, איז דאָס ניט קלוג, ווייל אַז מיר שרייען: מיר ווילען מאַיאָריזירען דאָס לאַנד, וועלען דאָך די אַראַבער נאַטירליכערווייזע, ניט וועלען דערלאָזען אַ זאַך, וואָס איז פֿאַר זיי געפֿעהרליך, און עס קאָן דורך דעם פּאַסירען, אַז מיר וועלען די מאַיאָריטעט ניט דערגרייכען. צווייטענס, קאָן דאָך טאַקע, חלילה, פּאַסירען, אַז מיר זאָלען ניט ווערען אין דער מערהייט, וואָרום זאָלען מיר דאַן פֿאַרלירען אונזער פּאָזיציע? ! מיר טאָרען ניט רעדען און בויען אויף אַזאַ זאַך ווי מאַיאָריטעט, אַפּילו ווען מיר האָבען זי. די אַראַבישע וועלט אַרום אין דעם גאַנצען מזרח, דורך איהרע גרויסע צאָלען און איינפֿלוס, וועט אונז פֿאַרפֿליכטען נישט צו באַהאַנדלען די אַראַבער אַלס מינאָריטעט. אַ צוויי־נאַציאָנען־סיסטעם מוז גענומען ווערען אַלס גרונד פֿאַר אונזער פּאָליטיש לעבען אין פּאַלעסטינע און בלויז דאָס וועט אונז פֿיהרען צו פֿרידען און פֿריינדשאַפֿט.“

דער געשפּרעך איז איבערגעריסען געוואָרען דורכדעם, וואָס די טיר האָט זיך געעפֿענט און אַ ברייטער אַראַבער, אָנגעטאָן אייראָפּעאיש, מיט בלויז אַ רויטער פֿעסקע אויפֿ׳ן קאָפּ, האָט אָנגעדייט, אַז ער איז אַ מאַכמעדאַנער. מיט ברייט צעעפֿענטע הענט האָבען זיי זיך באַגריסט, דער עפֿענדי מיט דעם אידישען פֿריינד, און אַ געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבען אויף אַ זעהר שלעכטען אַראַבישען־פֿראַנצויזיש. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען „יקא“, טעלעגראַמע, בריף, און מען איז זיך צעגאַנגען מיט האַנט־דרוקען, האַרץ, קאָפּ און מויל באַריהרונגען.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען לאַנד־קויף.

„אָבער ניט דורך לאַנד־קויף וועלען מיר זיך באַפֿריינדען מיט די אַראַבער. נייין, די וואָס מיינען, אַז דורך אָפּקויפֿען לאַנד און באַצאָהלען, מאַכען מיר זיי פֿאַר פֿריינד, האָבען אַ טעות. דער אַראַבער, אמת, ווייל פֿאַרקויפֿען, געלט איז ביי איהם דאָס העכסטע, אָבער נאָך דעם פֿאַרקויף בלייבט ביי איהם אין האַרץ אַ ביטערניש.“

„ווי אַזוי־זשע ווילט איהר, איך מיין, דורך וועלכע מעשים און וועגען קאָן מען קומען צו פֿריינדשאַפֿטען מיט די אַראַבער?“ פֿרעג איך.

„דורך מעשים פריינדליכע. אַט, למשל, קומט אויס צו אָרגאַ־ניזירען אַ קיד פאַר אָרימע, דאַרף עס אויך זיין פאַר אָרימע אַראַ־בער צוגלייך מיט אָרימע אידען. דאָסזעלביגע מיט שפּיטאָלען. שו־לען דאַרף מען גרינדען פאַר לערנען אַראַבער העברעאיש. יאָ, יאָ. מיר האָבען אַזאַ שול געהאַט אין טבריה און מיר האָבען איצט אין ראש פּינה. איהר קאָנט זיך קוים פאָרשטעלען ווי נאָהענט עס ברענגט זיי צו אונז. שטעלט אייך פאָר: אַן אַראַביש קינד דעקלאַ־מירט אַ שיר פון ביאַליק... איך האָב עס געהערט. און דאָן — דאָס גרינדען פון פּאָליטישע פּאַרטייען"...

דער אַלטער פּאָליטיקער איז פאַרזיכטיגער געוואָרען אין זיין רעדען.

„נישט אַלעם קאָן איך אייך זאָגען, דען נישט אַלעם דאַרף פאַר־עפענטליכט ווערען. דער פּאָליטישער שפּיעל דאָ אין לאַנד איז אפשר איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אין דער וועלט. די אַראַ־בער פאַרשטעהען דעם שפּיעל; זיי זיינען גאַנץ רייף פּאָליטיש. דאָך געשיקטער פון אונז זיינען זיי דערוויייל ניט. ווען זיי האָבען געגרינדעט דעם קריסטליך מוסולמאַנישען קאָמיטעט האָב איך באַלד אָנגעהויבען אַרבייטען אויף אַן איסלאַמיש־יהודעאישער פּאַרטיי. וואָס זיינען איצט די נייע פעלאַכען פאַרמער פּאַרטייען. אויב ניט זאַכען אינספּירירט פון אונזער פּאָליטישען שפּיעל?! דאָס זיינען מיינע אידעען, מיין אַרבייט אויף אַזוי ווייט, אַז מאַנ־כע אַראַבישע אָרגאַניזאַציעס רופט מען מיט אַ צונאָמען איסלאַמאַ־יהודעאַ־קאַלוואַריסקאַ פּאַרטיי"...

דער אַלטער מאַן האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען שפּאַ־נען איבער'ן צימער...

„די גאַנצע אַראַבישע עקזעקוטיווע איז דעמאָראַליזירט, פאַר־פּלאָנטערט, מאַכטלאָז, פּרעסטיזשלאָז... און ווי אַזוי איז דאָס געקומען? — דורך מיין פּאָליטישען גאַנג.

„און פיעל מעהר וואָלט געקאָנט אויפגעטאָן ווערען, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע לאָזט מיר האַנדלען. אַסיגנירט אַ בו־דזשעט."

„באַקשיש"? פרעג איך.

„ניין, רופט עס ניט „באַקשיש", יעדעס לאַנד האָט פּאָליטישע אויסגאַבען. איך פּראָטעסטיר געגען דעם וואָרט „באַקשיש".

און ווידער איז דער געשפּרעך אונטערבראָכען געוואָרען. אַ גאַנ־

צע קאמפאניע בעדואינער, אנגעטאן אין זייערע מאהלערישע קליידער, האבען זיך ארייגעשטופּט. איך האב דערזעהן, אז דא האנדעלט זיך וועגען א לאנגען ענין און אז מען וועט לאנג און אויפגערעגט טענה'ן, האב איך זיך אויפגעהויבען און פארלאזען דעם גרוי־ווייסען אידעל פון סואזואלקער גובערניע, מיט די טונקעלברוינע בעדואינער פון גליל.

זיי וועלען שוין דורכקומען.

.1924



# אַ באַזוך ביי סער הערבערט סעמיועל

איין פּערזאָן האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט זעהן פון דער נאָענט, זעהן זיינע געזיכטס־שטריכען און באַוועגונג, הערען זיין שטים... איבערהויפּט *דערפיהלען* איהם פון דער נאָענט, דעם היי־קאָמישאָנער סער הערבערט סעמועל. און דאָס איז גאָרנישט שווער דורכצופיהרען. ער האַלט זיך זעהר דעמאָקראַטיש, ערשיינט איבעראַל. און לעזט איהר אין די היגע בלעטער די באַריכטען וועגען דער „הויכער געזעלשאַפט“, זעהט איהר, אַז כמעט יעדען טאָג נעהמט דער „היי קאָמישאָנער“ אויף באַזוכער פון יעדען סאָרט, און פון יעדען לאַנד.

עס איז ניט שווער פאַר אַ געוועהנליכען מענשען, אָבער שווער פאַר אַ צייטונגס־מאַן — דען ער היט זיך פאַר זיי און *גיט ניט קיינע אינטערוויוס*. חבר אַגראַנסקי, וועלכער האָט מיר געהאָלפען קריגען די „האַלבע שעה“ מיט זיין „עקסעלענץ“, האָט מיך דאַרום פאָרגעשטעלט אַלס אַ מאָהלער פון אַמעריקע, און האָט מיר דערנאָך אין אויער איינגערוימט, איך זאָל איהם קיין פּאָליטישע פראַגען ניט שטעלען.

„צוועלף אַ זייגער, איז גאָווערנאָראַט, וועט זיין „עקסעלענץ“ וואַרטען אויף אייך“ — האָט מיר געלאָזט וויסען זיין סעקרעטערין מיס מילשטיין.

איך האָב מיט זיך מיטגענומען צייכען־פּאַפּיר און פּענסיל, גרייט אויף אַלע מעגליכקייטען, און פּונקט צו דער מינוט בין איך געשטאַנען אין דער רעגירונגס־געביידע, וואָס שטעהט הויך, ברייט און אימפּאָזאַנט, דירעקט ביים שכם'ער טויער.

שטיינערנע טרעפּ, לאַנגע קאָרידאָרען מיט שעהנע פּליטען אויסגעלעגט; עס איז קיהל און דערקוויקענד. צוגעמאַכטע טירען פון ביידע זייטען, און ביי די טירען אויף די טרעפּ שטעהען אַדער זיצען אַראַבער אין זייערע מאַלערישע, פּרעכטיג דעקאָראַטיווע קאָסטיומען, ברויז־פּנימ'דיגע, שוואַרץ־האָריגע, ווייס־ציינהניגע. איך געה דורך דעם לאַנגען קאָרידאָר און בלייב שטעהן ביי דער

טיר פון דעם היי־קאָמישאַנער׳ס אָפּיס. עס איז אומגעוועהנליך שטיל. איך קלאַפּ אָן, איך טרעט אריין. די סעקרעטעריז, מיס מיל־שטיין, א קליין, בלאָנד געשטאַלט, מיט אַן אויסגעשפּראָכען אידיש פּנים, באַגעגענט מיך און זאָגט מיר, אַז גלייך גערהט זי מעלדען. אין א מינוט אַרום עפענט זי די טיר און בעט מיך איהר נאָכגעהן. מיר געהען דורך אַ צימער, מיר געהען פאַרביי א בלאָנדען מאַן, מיר באַגריסען זיך שוויינענדיג. אַ צווייטע טיר עפענט זיך, מיס מיל־שטיין רעדט אַרוים מיין נאָמען אין דער הויך און פאַרשווינדט, צומאַכענדיג הינטער מיר די טיר.

אַ ברייטער טיש, צוויי קאַלאָנעס ביי די זייטען. איך דערזעה אַ פיגור אויפהויבענדיג זיך פון פּאַפּירען מיר אַנטקעגען, אויס־שטרעקענדיג די האַנט פאַר אַ באַגריסונג. איך קוק זיך איין — ברוין־פּנים׳דיג, שוואַרץ־האָריג און ווייס־צייהניג. איך זוך דעם דע־קאָראַטיווען אַראַבישען קאָסטיום און דערהער אַ כאַראַקטעריסטי־שען לאָנדאָנער ענגליש:

„פון וואַנען קומט איהר?" האָט ער געפרעגט. און ווען ער דערהערט מיין ענטפער אין ענגליש, האָט ער זיך מיט פרייד אָפּ־גערופען: „אָה, איהר רעדט דאָך ענגליש!"

אין דעם אויסרופען איז געלעגען פרייד און דערלייכטערונג. קענטיג, אַז איהם קומט אויס טעגליך צו שטעהן פּנים אל פּנים מיט מענשען פון אַלע עקען וועלט און הערען זייערע פרעמדע שפּראַכען און מאַטערען זיך צונויפצורעדען זיך מיט זיי דורך אי־בערזעצער.

„איך האָב געזעהן", האָט ער געזאָגט, „אייערע צייכענונגען, זיי געפעלען מיר... זענט איהר געקומען אַלס מאַהלער, אָדער זשורנאַליסט, אָדער אפשר ביידע צוזאַמען?"

„מעהר, אַלס מאַהלער, ווי זשורנאַליסט", האָט איך זיך גע־איילט איהם צו באַרוהיגען. „מיך אינטערעסירען זאַכען ווי זיי זעהען אויס, און אַזוי דאַרף מען זיי אויך אורטיילען."

ער האָט מיך נישט דערלאָזט ענדיגען.

„זיכער, זיכער, צו וואָס פיעל חכמות, זאַכען דאַרף מען אור־טיילען ווי זיי זעהען אויס. זענט איהר דאָס ערשטע מאָל אין ארץ־ישראל?"

„ניין, איך בין שוין דאָס צווייטע מאָל; צוריק מיט דריי יאָהר האָב איך באַזוכט דאָס לאַנד. אַ גרויסער פּראָגרעס".

און ווידער האָט דער „נציב“ נישט געלאָזט מיר ענדיגען.ביים וואָרט „פּראָגרעס“ האָבען זיינע שוואַרצע אויגען אויפגעבליצט.

„ווי דען אַנדערש ? עס מוז ווערען בעסער. עס בויט זיך דאָס לאַנד, עס באַרוהיגט זיך דאָס לאַנד. דאָס ז ע ה ט זיך דאָך“.

איך האָב דערפיהלט אין איהם אַ א י י ג ע נ ע ם מ ע נ ש. און האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט אַזאַ זעלטענער קאָמבינאַציע פון אימפּרעסיאָניזם מיט דיפּלאָמאַטיע און פּאָליטיק. ער איז מיר געוואָרען זעהר סימפּאַטיש און ביי מיר האָבען זיך אַרויסגעריסען נישט קיין פאַרזיכטיגע ווערטער.

איך האָב געזאָגט :

„פּאָר די דריי יאָהר, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, האָב איך געטראָפען גרויסע ענדערונגען. עס האָבען זיך שטעדט און קאָלאָניעס אויפגעבויט. תל־אביב, דער עמק יזרעאל. אָבער איך האָב אויך געפונען אַ ענדערונג אין די הערצער געגען זייער היי־קאָמישאָנער, מען האָט אייך איצט פיעל מעהר ליעב ווי פאַר־דריי־יאָהרען“.

איך האָב געזעהן זיין רויט־טונקעל פּנים נאָך רויטער ווערענדיג. ער האָט אַ קוק געטהון פון דער זייט אויף מיר און האָט דערפיהלט די געפאַהר פון אַ פּאָליטישען אינטערוויו. ער איז אַנשוויגען געוואָרען. איך האָב דערזעהן מיין פעהלער. נישט געדאַרפט מיט איינמאָל אַנריהרען אַזאַ איידעלע סטרונע. איך האָב געוואָלט איהם ווידער באַרוהיגען און געבעטען ערלויבעניש צו מאַכען פון איהם אַ קליינע צייכענונג.

„אַה, מיט פאַרגעניגען ! אייך וועט ניט שטערען, ווען איך וועל אין דער זעלביגער צייט דורכקוקען די דעפּעשען, וואָס זיינען אַנגעקומען ?“

איך האָב איהם פאַרזיכערט, אַז מיך וועט ניט ארען, ער מעג טאָן וואָס ער וויל. איך האָב אָבער געזעהן, אַז ער קאָן פּאָזירען אויסגעצייכענט, אַז דאָס איז איינער פון זיינע טאַלאַנטען. ער איז געזעסען רוהיג, האָט אין זיין לעזען און בלעטערען און אונטערשרייבען ניט אויף אַ רגע ניט פאַרגעסען, אַז ער ווערט געצייכענט. ער האָט פּאָזירט ווי אַ גרויסער פּאָליטיקער דאַרף פּאָזירען, בלויז איין זאַך האָט איהם באַאונרוהיגט — זיינע ברילען. געוועהנליך טראָגט ער ניט קיין ברילען. זעצט ער זיך אַרבייטען, טוט ער אָן אַ פּענסנע. און אַזוי אויך איצט.

„צי קענט איהר ניט אויסמיידען די ברילען?" בעט ער זיך ביי מיר, „מען קען מיך געוועהנליך אהן ברילען, און מען וועט זיין פארוואונדערט ווען מען וועט דערזעהן אזא זאך אויף מיין פנים."
ס'זיינען פארגאנגען עטליכע מינוטען. מיר האבען ביידע געאר־בייט, איך האב זיך איינגעקוקט אין דעם פראפיל פון דעם מענשען, אין וועמעס הענט די געשיכטע האט ארייגעלעגט אונזער שיקזאל. א זאנדערבארער פראפיל! נישט קיין הויכער שטערען, א לענגליכע נאז, שווארצע וואנצעס, וואס זעהען אמאל אויס דיק, אמאל דין. א מויל זעהר אן עמפינדליכס און א שוואך ענטוויקעלטער קין. איג־גאנצען א פראפיל פון א ווייכען מענשען, אן עסטעט, א ליטע־ראט... ספעציעל נאך אין דעם מאמענט, ווען ער האט אנגעטאן די ברילען און געהאלטען א ווייסען גרויסען בויגען פאפיר אין האנט האט ער מיר דערמאנט א דיכטער, וואס לעזט די קארעק־טור פון זיין אויפגעזעצטער פאעמע. אין דער ווירקליכקייט איז טא־קע דער נציב א ליעבהאבער פון קונסט. ער האט א שעהנע קאלעק־ציע בילדער, קויפט נייע פון צייט צו צייט און האלט אפט לעק־ציעס איבער ליטעראטור. אט האט ער נישט לאנג געהאלטען א רעפעראט איבער דער פאעזיע פון בייראן, און שעללי. ער האט בלויז די מאדערניסטען ניט שטארק ליעב... האט אביסעל מורא פאר זיי. און איידער ער האט באשטימט אויפצונעמען מיך האט ער זיך שטארק פאנאנדערגעפרעגט צי בין איך ניט א מאדערניסט. מען האט איהם געמוזט ווייזען א פאר פון מיינע צייכענונגען כדי די מורא צו פארטרייבען.

איך קוק זיך איין אין זיין פראפיל, אן איידעל געזיכט אבער קיין קרעפטיגס. זיינען טאקע גערעכט די, וואס באשולדיגען איהם אין שוואכער פאליטיק?! זעהר אפט קומט מיר דא, אין ארץ־ישראל, אויס צו הערען שארפע ווערטער געגען דעם ווי ער פיהרט די פאליטיק פון לאנד. די דאזיגע קריטיקער האבען, ווי עס שיינט, בלויז זיין פראפיל געזעהן, בלויז א י י ן ז י י ט פון זיין פער־זענליכקייט; ער האט אבער אן אמפאס, און א צווייטען פראפיל. און דארט ליגט שוין פיעל מעהר קראפט, א באשטימט אויסגע־שפראכענער כאראקטער, אן איינגעשפארטער ווילען, וואס וועט ניט וואקלען און ניט אפלאזען פון זיין גרונד אידעע. ער איז די ערשטע צייט געשטאנען צו די אראבער מיט זיין פראפיל, האט זיי נאכגעגעבען אין פיעלע זאכען און מיט אמאל האט ער זיך א קעהר

געטאָן צו זיי מיט זיין פולען פּנים און געזאָגט „לא“. און ווי האַלט עס איצט אין לאַנד? ! די אַראַבישע באַוועגונג איז דעמאָראַליזירט. זיי האָבן זיך ניט צו באַקלאָגן אויף גאָרניט, ווייל מען האָט זיי אויף אַ האָר ניט געקריוודעט. עס איז ניטאָ איין פּונקט וועגן וועלכען זיי קאָנען קומען און זאָגן, אַז דאָ איז דער היי־קאָמישאָנער באַגאַנגען אַן אומרעכט געגען זיי. און צום סוף האָבן זיי גאָרניט און צו דעם אַלעמען דעם באַוואוסטזיין פון זייער אוממאַכט. די אידעע פון אַן אַראַבישער פעדעראַציע איז אַ טויטע, דער קעניג הוסעין איז איצט אַ געלעבטער, ערד זיינען זיי איצט גרייט צו פאַרקויפען צו די אידען פאַר אַ דריטעל פון דעם פּרייז, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט דריי־פיער יאָהר צוריק. דאָס פאָלק וויל און מאַכט שלום מיט די אידען, אַנטקעגען דעם ווילען פון זייערע פיהרער.

איך האָב געענדיגט מיינע סקיצען און איהם באַדאַנקט. ער האָט זיי געוואָלט אָנקוקען און איך האָב איהם דאָס פּאַפּיר דערלאַנגט. מיך האָט אינטערעסירט צו זעהן, ווי אַזוי ער וועט קוקען. נישט אַלע מענשען קוקען אויף דעם זעלבען שטייגער ווען מען ווייזט זיי אַ צייכענונג פון זייער פּנים. אייניגע קוקען מיט געמאַכטער גלייכגילטיגקייט, אַנדערע — מיט מורא, און נאָך אַנדערע — מיט סקעפּטיציזם און אַ טייל מיט קוריאָזיטעט. אויף אַ פאָטאָגראַפיע קוקט מען ניט מיט אַזוינע געפיהלען. דער אונטערשייד איז דער, וואָס אין דער צייכענונג דריקט זיך אויס נישט נאָר די עהנליכקייט פון דעם געצייכענטען, נאָר די מיינונג וועגען איהם פון דעם צייכנער און דאָס איז שוין אַ וויכטיגע זאַך.

דאָס, וואָס אַן אַנדער מענש דענקט וועגען אייך, דאָס איז שוין נישט קיין גלייכגילטיגער ענין. איך האָב נאָכגעפאָלגט: ווי באַציהט זיך אונזער נציב צו דער מיינונג פון אַ צייכענער וועגען זיין פּערזאָן. ער האָט מיט טיפען ערנסט געקוקט, מיט אַ געשפּאַנטען ערנסט. ער האָט אַ לייכטען שמייכעל געטאָן. „ס'איז עהנליך, אָבער די ברילען, קיינער האָט מיך אין ברילען נישט געזעהן, נעהמט כאָטש אויף איין צייכענונג אָהן די ברילען. און דאָן די וואָנצעס זיינען מיר נישט אַזוי דיק.“ איך האָב איהם צוגעזאָגט דאָס צו טאָן. ער איז אויפגעשטאַנען צופרידען מיט דער מיינונג וועגען איהם. עס שיינט, אַז דאָס איז איהם איצט זעהר וויכטיג.

„איך וואָלט וועלען זעהן אייער אַרבייט“, זאָגט ער, „ליידער פאָהר איך אָפּ אויף מיין וואַקיישאַן און איך בין אַזוי פאַרנומען.

אז איך קען מיר קיין מינוט ניט נעמען. איך פאַר אָפּ נעכסטען מיט־וואָך.״

דער היינטיגער אָפּפאָהר איז פאַר איהם דער וויכטיגסטער פון אַלע פריהערדיגע יעהרליכע אָפּפאָהרען אויף זומער קיין לאָנדאָן. אויף דעם היינטיגען אָפּפאָהר וועט באַשלאָסען ווערען צי ער בלייבט אויף נאָך פינף יאָהר דער פיהרער פון אונזער לאַנד. עס טראָגען זיך ארום קלאַנגען, אַז ער וועט רעזיגנירען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די ענגלישע רעגירונג איז צופרידען מיט די רעזולטאַטען פון זיין אַדמיניסטראַציע און נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס ער אַליין איז מיט הארץ און נשמה פאַר דער אַרבייט. אפשר העננט זיין באַשלוס אָפּ פון דעם פאַרלאַנג פון פאָלק, אפשר ווען ער דער־הערט אַ שטאַרק אויסגעדריקטען וואונש, אַן אויסדרוק פון ליעבע, אָנערקענונג און צוטרוי וואָלט ער קיין צווייפעל ניט געהאַט. עס קאָן זיין, אַז דערפאַר האָט איהם מיין צייכענונג אַזוי ערנסט אינ־טערעסירט: וואָס דענקט איינער וועגען איהם און ווי וועט ער ערשיינען פאַר די פיעלע וואָס וועלען קוקען אויף איהם?!



# באָרים שאַץ

געטראָפֿן האָב איך איהם אין זיין קליינעם גערטענדעל פֿון שמעקעדיגע בלומען; ער האָט זיך געפּאָרעט אַרום אַ בוימעלע. און ווען איך בין צוגעגאַנגען און זיך פֿאָרגעשטעלט, האָט ער מיך באַגריסט מיט אַזוי פיעל וואַרימקייט און ברייטקייט, אַקוראַט ווי איך וואָלט געווען דער מענש, אויף וועלכען ער האָט לאַנג און אומגעדולדיג געוואַרט. ער האָט מיך באַשאָטען גלייך מיט פראַגען, גלייך אַנגעהויבען דערצעהלען, און פיעל וויכטיגעס דערצעהלען און אַלץ מיט אַזוי פיעל פייער און אימפּעט, אַז איך האָב מיך געמוזט זאָגען, אַז גרויע האָר און באָרד איז ווייט ניט אַ סימן פון אַלטקייט. יאָ, דער שוואַרצער ראָם אַרום זיין קאָפּ און פּנים פֿאַרשווינדט זעהר שטאַרק. דער אונטערשטער טייל באָרד איז אין גאַנצען וויס, און די לאַנגע האָר אויפ'ן קאָפּ ווערען שטאַרק שיטער. אָבער דער פּנים און די אויגען זיינען פריש, די פיגור ריהרעוודיג און קרעפטיג. אויפגיך האָט ער מיר געהייסען ווייזען מיינע סקיצען־ביכלעך, אויפגיך זיי איבערגעבלעטערט, אויפגיך זיי אָפּגעלויבט און מיר געהייסען אַרויסשלאָגען זיך פון קאָפּ יעדען געדאַנק, יעדען שאָטען פון אַ געדאַנק, וואָס קען זיך אַריינכאַפּען פון וועלען פאָהרען צוריק קיין אַמעריקאַ. ס'וועט זיין אַרבייט, ס'וועט זיין גוט — איך דאַרף זיין מיט און לעבען דעם „בצלאל“. און האָט ער אויסגערעדט דאָס וואָרט „בצלאל“, האָט ער שוין עס נישט אָפּגעלאָזט. דאָ האָב איך פּאַר זיך דערזעהן אַ מענשען פון איין גרויסער אידעע — ניין, ניט אַזוי, פון טויזענדער אידעען און איינפעלע, פּלענער און אַרבייטען, וואָס דרעהען זיך אַרום אין זיין לעבענסווערק. בצלאל איז זיין ליידענשאַפט, זיין רעליגיע, זיין פּאַטהאָס. עס ליגט דער שטעמפּעל פון באָרים שאַץ אויף יעדער זאַך, וואָס עס ווערט אין בצלאל געטאָן, זיין אַרבייט קוקט דורך יעדען ווינקעל. און פּלענער האָט ער אַרום דעם „בצלאל“ גרויסע. עס מוזען געבויט ווערען אַטעליע־הייזער פאַר קינסטלער אַרום דעם „בצלאל“, וואו קינסטלער זאָלען פאַר אַ קליינעם פּרייז קריגען אַ סטודיאָ און אַ וואוינונג. מען זאָל לעבען צוזאַמען, און כדי צו פֿאַרלייכטערען דאָס לעבען זאָלען זיין געמיינזאַמע קיכען, וועלכע ווע־

רען געפיהרט הײנט פון אײן „מיטגלידערין" און אַז אַנדערש מאָל פון אַן אַנדער „מיטגלידערין". און אַ קונסט־ביבליאָטעק מוז גע־גרינדעט װערען אַרום דעם בצלאל". ער האָט אַ פּלאַן, װי דאָס דורכצופיהרען. ער באַזיצט נעמליך זעלטענע מאַנוסקריפּטען פון באַריהמטע מענער, װעט ער דיזע מאַנוסקריפּטען פאַרשלאָגען דער היגער ביבליאָטעק מיט דעם באַדינג, אַז אַלע ק ו נ ס ט ־ביכער זאָלען אַריבערגעפיהרט װערען אין דער „בצלאל" קונסט־ביבליאָ־טעק, און אַ מוזעאום מוז געשאַפען װערען לעבען דעם „בצלאל", אַ גרויסע אידישע אינסטיטוציע פאַר קונסט. און ער האָט שוין אַ רייכען פונדאַמענט פאַר דעם. ער װעט מיר עס װייזען: אָה, ער װעט מיר גלייך אַלץ װייזען: װי זי אַרבייט, װאָס זי שאַפט... די גאַנצע שולע פון ערשטען קלאַס ביז'ן לעצטען.

און מיר געהען אַריין אין צימער, און ער װייזט מיר מיט שטאָלץ און ליעבע יעדע קלייניגקייט. אין דיזען צימער מוז יע־דער שילער פון „בצלאל" פאַרברענגען טעגליך צװיי שעה אין דער־פריה. דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, די קונסט־לאַבאָראַטאָריע. דאָ לי־גען אויף די טישען אָנגעװאָרפען בלומען, גראָזען, בלעטער, גע־שטאָפּטע פויגעל, חיות, אַלץ פון היגע מקומות, און די שילער שטודירען דיזע זאַכען, צייכענען זיי, און דערנאָך סטיליזירען זיי פון דעם אָרנאַמענטען און צייכנונגען. אָט דאָ אַנטװיקעלט זיך ביי די יונגע לייט אַ זין פאַר קאָמפּאָזיציע, פאַר סטיל. עס װערט דער־װעקט דאָס שאַפענדע פייערעל גלייך דאָ, צייכענענדיג פון דער נאַטור. און ער עפענט פאַר מיר די טישקעסטלעך פון די שילער און װייזט מיר, װי זיי גריבלען זיך אין אַ בלומען־בלעטעל, װי זיי פאַרװאַנדלען אַ פליגעל פון אַ פויגעל אין אַ שמוקפּולע צירונג פון אַ לאָמפּ, טעלער, װאַנד־פּאַפּיר, טעפּיך, א. אז. װ. אויף קליינע שטיקלאַך פּאַפּיר, אָפּגעריסענע און אָפּגעריבענע, װייל, — און דאָ ענדיגט דער פּראָפעסאָר דעם געשפּרעך, װי ער ענדיגט פיעלע אַנ־דערע געשפּרעכען מיט די װערטער: „ס'איז קיין געלט ניטאָ"...

נאָך מעהר שטודירט דער „בצלאל"־שילער די נאַטור אויף די שפּאַ־ציער־גייענג, װאָס װערען געמאַכט צוזאַמען מיט די לעהרער. אָך, די שפּאַציער־גייענג אין די לבנה־נעכט, אָדער די עקסקורסיעס אויף אייזלען. װי באַגייסטערט די שילער קומען צוריק, װי זיי הויבען אַן נאָך שטאַרקער צו ליעבען דאָס לאַנד, דעם הימעל, די ערד נאָך אַזעלכע עקסקורסיעס אויף די אייזעלעך. און דער פּראָפעסאָר גיט



פראָפעסאָר באָריס שאַץ.

צו מיט א שמייכעל: „דיזע אייזעלעך האָבען מעהר אויפגעטהאָן פאַר „בצלאל“ ווי פיעלע אידען“. נאָך אַזעלכע דירעקטע נאַטור־שטודיען קריגען די שילער פּראָבלעמען צו מאַכען קאָמפּאָזיציעס, למשל, אין די פאַרבען פון זונען אונטערגאַנג... א. ד. גל· וויי־טער ווייזט ער מיר דאָס מאָדעליר־צימער, דערנאָך דאָס מעטאַל־קונסטצימער, וואו עס ווערען אויסגעקלאַפּט שעהנינקע צאַצקעלאַך פון מעטאַל. ער ווייזט מיר זיין פּאָרצעלאַין און עלפאַנט־ביין מאַ־לעריי צימער, וואָס ווערט געפיהרט פונ׳ם לעהרער הער שור; און דאָס צימער, וואו גאָר קליינינקע אָנפאַנגער ארבייטען. דעם לע־בענס־קלאַס, וואו מען צייכענט פון נאַטור־שציקעס, און צולעצט זיין לעצטען ליבלינגס־קלאַס, די קבוצה פון קמיעות־שניצער. וועגען דעם מוז ער מיר אַליין דערצעהלען יעדע איינצעלהייט· קמיעות זיינען א וואונדערבאַר אינטערעסאַנטע אינדוסטריע. עס ווערען אויסגעשניטען פון טשערעפּאַכען־מאַטעריאַל מיניאַטוריסטישע צירליכע פיגורעלעך פאַר מעדאַליאָנען, בראָשקעס, שפּילקעס, א. אז. וו. ביז איצט האָט איטאַליען באַהערשט דיזע פּראָדוקציאָן, אי־טאַליען מאַכט קמיעות פאַר דער גאַנצער וועלט, אין מיליאָנען שטייגט דיזע אינדוסטריע אין איטאַליען. אָבער וואָרום זאָלען מיר נישט איינפיהרען דיזע זאַך דורכ׳ן בצלאל? מיר האָבען שוין יונגע קינסטלער, וואָס זיינען אויסגעצייכענט אין דעם פאַך, און זיי האָ־בען זיך אָרגאַניזירט אין א קבוצה פון זעקס מענשען, „אָט האָב איך דאָס פאַרגעניגען אייך צו באַקענען מיט משה מורו, דעם אָר־גאַניזאַטאָר און לייטענדען גייסט“. און ער שטעלט מיר פאָר א גאָר יונגיטשקען מאַן מיט א קלוגען, ענערגישען פּנים, און ער ווייזט מיר זיינע מיניאַטורע צירליכע צאַרט־איידעלע פיגורעלעך, רות, יהודית, בעטהאָווען, קובעליק, זשאַבאָטינסקי, און נאָך און נאָך. און ביליג אויך. קליינטשינקע קמיעות פאַר קליינטשינקע ציערונג צו 30־32 סענט א שטיק, גרעסערע צו פופציג סענט, צו דאָלאַרס און העכער. עס קענען באַשטעלט ווערען אַזעלכע צאַצקעלעך, אויך וועלכע טעמאָס מען וויל, זיי וועלען דיזע באַשטעלונגען אויספיהרען גיך און גוט. זאָלען זיך די אַמעריקאַנער דזשוּלערי־מאַנופעקטשו־רערס פאַראינטערעסירען, זיי וועלען צופרידען בלייבען. דען אַזוי ביליג ווי זיי מאַכען, קענען קיינער ניט. און וואָרום קענען זיי ביליג ליפערען? ווייל זיי ווילען קיין גרויסע פאַרדינסטען ניט און זיי האָבען אויך א סיסטעם א גוטע פון פאַרטיילען די ארבייט. איי־

נער שניצט אויס דעם פּאָן, דער צווייטער די אַלגעמיינע קאַנטור־
רען, דער דריטער גערהט אין דעטאַלען, דער פערטער פאַרענדיקט.
און אַזוי גערהט'ס געשווינד, לוסטיק און פיין.

עס זיצען אין יעדען צימער יונגעלייט, מען אַרבייט פלייסיג,
און אויף די ווענט העגגען זייערע אַרבייטען. פיינע שטיקלעך
קונסט, פרישע און לעבעדיגע שפּורען פון טאַלאַנט, עס וואַרעמט
דאָס האַרץ, עס פרעהט און ערמוטיגט. און אויף אַלץ ליגט אַ
ערענסטער פאַרזוך צו שאַפען עפּעס נייעס, אייגענס. אין דיזען
זין זיינען זעהר אינטערעסאַנט די גרופּע פון אַרום דרייסיג בלעטער
צייכנונגען אין אידישער אָרנאַמענטיק, די אָרנאַמענטען זיינען גע־
פלאַכטען פון אידישע בוכשטאַבען, נקודות, פלאַנצען, מנורות און
אַנדערע עלעמענטען פון אידישער טראַדיציע. זיי זיינען מערק־
ווירדיגע זאַכען לויט געשמאַק און פאַכמאַנשאַפט און ווען זיי זאָ־
לען אַרויסגעגעבען ווערען אין דער פאָרם פון אַן אַלבום, דערקאָראַ־
טיווע פאַרבילדער, וואָלטען זיי באַלעבט אונזער גאַנצע גראַפיק.
וואָס לעבצט אַזוי נאָך עפּעס אַ נייעם שטיקעל אָרנאַמענט, אַ נייע
אידישע צאַצקעלע, צו באַצירען אַ בוך, אויסצושניידען אַן ארון
קודש, מאַכען אַ לעמפּעל, אויסשניצען אַ שטול, א. ד. גל. דיזע בלע־
טער מוזען אַרויסגעגעבען ווערען, אָבער זינגט דער פּראָפּע־
סאָר זיין ליעדעל: „ס'איז קיין געלט ניטאָ“... וואָרום זשע גע־
פינט זיך קיין פאַרלעגער? ! ס'וואָלט געווען אייגפאַך אַ גוט גע־
שעפט, דיזע צייכענונגען באַגלייט מיט ערקלערונגען און באַלעה־
רענדען טעקסט פון באָרים שאַץ, וואָלטען געקויפט געוואָרען פון
יעדען, וואָס האָט אַ שייכות צו גראַפיק.

אַ פאַרלעגער מוז קומען פון אַמעריקא, פיעלעס, וואָס האָט אַ
פאַרבינדונג מיט געלט, מוז קומען פון אַמעריקא, אָבער אַמעריקא
איז קאַלט, אַמעריקא מוז אויפגעוועקט ווערען, אַמעריקא מוז פאַר־
אינטערעסירט ווערען מיט אַלץ, וואָס ס'ווערט געטאָן אין ארץ־
ישראל און אויך מיט אַלץ וואָס „בצלאל“ וויל און טהוט. דאַרום
מוז „בצלאל“ ווידער האָבען אַן אויסשטעלונג אין אַמעריקא. אַן
אויסשטעלונג אַ גרויסע, אַן אימפּאָזאַנטע. עס איז דאָ גענוג מאַ־
טעריאַל, מען וועט זיך ניט שעהמען פאַר דער וועלט צו ווייזען...
דרייסיג צווייגען פון קונסט און קונסט־געווערבען האָט בצלאל גע־
האַלפען געבוירען ווערען און אויף יעדען צווייג שעהנע פרוכט גע־
בראַכט. פון יעדען צווייג וועט די אויסשטעלונג ווייזען עפּעס

שעהנעס און עס וועט ארויסרופען באגייסטערונג און אנטייל. דער ביודזשעט וואס דער ועד הצירים האט פאר דעם „בצלאל" באשטימט, איז קליין, ס'קלעקט קוים אויף געהאלט פאר לעהרערס, אבער די שוהלע האט טויזענטער אנדערע נויטען. פון וואנען זאל מען דאס נעהמען? מען שטיקט זיך, מען ענגט זיך, מען קאן גאר ניט טאן... די שולע, די שילערס און די לעהרערס זיינען דורך די צייטען פון מלחמה זעהר פארארימט געווארען. יעדער האט חובות אויסצוצאהלען און דארום מוז מען אנקומען צו אן אויסשטעלונג אין אמעריקא. אן אויסשטעלונג פון די שילערס און די לעהרערס ווערק, ווייל זיי אלע צוזאמען זיינען „ב צ ל א ל".

„האט איהר אליין עפעס נייער געשאפען, פראפעסאר? מען זאגט, אז איהר האט קיין צייט נישט פאר אייער קונסט"?

„ווער, איך האב קיין צייט נישט!?" רופט לעבהאפט אויס בארים שאץ. ער שמייכעלט און זאגט: „דער מענש, וואס ארבייט א סך, האט אימער פיעל צייט", און ער נעהמט מיך פאר דער האנט און ברענגט מיך צו זיך אין אטעליע. און דא ערשט האט איך דערזעהן, וואס פאר א וואונדערבארער ארבייטס־מענש ב. שאץ איז. איינפאך א הערקולעס אין ארבייט. די ווענט זיינען באדעקט מיט מאנאכראמען, איינפארביגע מאלערייען פון אידישע קעפ, וואונדערבארע עקספרעסיעס, פאטעטישע נשמות, ארום שטעהן סקולפטור־ארבייטען אין רונדען רעליעף און פלאכען, מייסטענס אין פלאכען, נידעריגען רעליעף. בארעליעף איז זיין ליידענשאפט, ס'איז זיין ספעריע און ער איז ווירקליך א מייסטער אין דעם פעלד. ער זוכט צו פאראייניגען אין בארעליעף סקולפטור מיט מאלעריי. רונדע סקולפטור גיט קיין אטמאספערע, ס'איז טרוקען, ס'איז ניטא קיין ווייטקייט, קיין סביבה. דער בארעליעף אבער מיט אלע קאמפליצירטע קאמפאזיציעס, מיט פיעלע מענשען און זאכען, מאכען מעגליך לופט און שטימונג. און ער ווייזט מיר א גרויסען בארעליעף „ביי כותל מערבי", „על חטא שחטאנו" א. ז. וו... זעהר פיעל נייע ארבייטען, גרויסע און קליינע פראיעקטען פאר קאלאסאלע ארבייטען, איינפאך גיגאנטישע אונטערנעהמונגען. אבער ער קען זיך צו דעם נישט נעהמען. ער האט זארגען אויפ'ן קאפ און איינע פון די גרעסטע זארגען איז: „ס'איז קיין געלט ניטא"...

„קומט, איך וועל אייך אונזער מוזעאום ווייזען". און דער פראפעסאר הויבט זיך געשווינט אויף און לאזט ארויס א שמערצליכען

קרעכץ. עס טוט איהם וועה א פוס... רעוומאטיזם... א ירושה פון געפענגנים, וואו ער איז געזעסען אין צייט פון מלחמה...

„וואס, געפענגנים? ווען און פאר וואס?“

און דער פראפעסאר שמייכעלט... טערקען האבען איהם אפ־געטאן אויף טערקיש, האבען איהם ארעסטירט און פארזעצט. אבער ער האט זיי אפגעטאן אויף „שאצ׳יש“... אונטער די שרעקליכסטע באדינגונגען האט ער זיצענדיג דארט אנגעשריבען א בוך... טרעפט אויף וואס פאר א טעמע: „ירושלים אין הונדערט יאהר ארום“. א צוקונפטס־בילד, א פארזוך צו פארענטפערן פראבלע־מען פון עקאנאמישען, קינסטלערישען, סאציאלען און מאראלען כאראקטער האט זיך דער פראפעסאר דארט געשטעלט און פארענט־פערט... דאס בוך איז געשריבען געווארען אין אידיש, איבערזעצט אין העברעאיש און אין דייטש...

געהען מיר אנקוקען דעם מוזעאום. דאס איז א וואונדער פון אויפטו. קאלעקציעס פון אידישע זעלטענע זאכען, שטיינער, ציר־רונג, בילדער, סטאטועו און סטאטועטען. און דאס אלץ איז דער אויפטו פון איין מענשען. די גאנצע מאסע גרויסע זאכען, וואס איז א ווערק פון הונדערטער מענשליכע כחות איז פון איהם אליין געטאן געווארען. דער מוזעאום וועט נאך פיעל גרעסער ווערען. ער וואלט שוין גרעסער געווארען, בילדער זיינען איהם שוין געשענקט געווארען, מען דארף בלויז זיי אין ראמען ארייננשטעלען, מען דארף מאנכע רעפעראטורען אין דער געביידע מאכען. דער ד א ך, למשל, זאל ניט רינען, דער אריינגאנג געעפענט ווערען ברייט און שעהן, איז אויף דעם אלץ דערזעלבער ניגון: „ס׳איז קיין געלט ניטא“.

געהען מיר ארוים דרויסען, דערזעה איך פלוצלונג גליצשטיין׳ס הערלאישע פיגור פון „משיח“, א גיפסאוועראפגוס, וואס שטעהט דרויסען ביים אריינגאנג צום מוזעאום. שטעהט ער אין ש ט י ־ ק ע ר צובראכען. איך פרעג שאץ׳ן מיט שטוינען: „ווארום צו־בראכען?“ ענטפערט ער, אז גיפס האלט ניט לאנג, מען האט גע־דארפט אן אפגוס פון בראנז, איז אבער דער אלטער תירוץ: „ס׳איז קיין געלט ניטא“.

„גאט מיינער, ווארום זשע זאל קיין געלט ניט זיין?“

„עס וועט זיין, עס וועט זיין געלט,“ טרייסט מיך שאץ מיט זיין אפטימיסטישען שמייכעל, „אט וועל איך זיך א נעהם טאן“...

# אידישע געשיכטע אונטער דער ערד

קינסטלער האבען דערזעהן דאס שעהנע פנים פון ארץ ישראל און האבען זיך א לאז געטאן צייכענען און מאלען אהינצו. וויסענשאפטסלייט האבען דערפיהלט, אז וואונדערבאר־אינטערעסאנטע בלעטער פון אלטע געשיכטליכע צייטען ליגען פארשאטען אונטער דער ארץ־ישראל׳דיגער ערד, און זיי האבען זיך גענומען גראבען און אויסגראבען. ארכעאלאגיע — הייסט די וויסענשאפט פון אלטע שטיינער, שטויב, מיסט און ראמאנטיק. ס׳איז איינע פון די ראמאנטישסטע וויסענשאפטען און איינע פון די פארטייאישסטע. יעדער ארכעאלאג גראבט און געפינט דאס, וואס איהם ווילט זיך צו געפינען, אדער ער טייטשט עס אויס אויף א שטייגער ווי עס פאסט איהם. דארום איז ניט גוט צו לאזען די ארכעאלאגישע ארבייטען אין ארץ־ישראל ליגען אין אידען־פיינדליכע הענט.

אנומעלט, דערצעהלט מיר פראפעסאר נ. סלושץ, האבען א גרופע גערמאנער טעאלאגען, וואס האבען אויף א וואונדערליכען וועג דערגאנגען, אז קריסטוס האט געווים געהאט בלויע אויגען און בלאנדע האר, געקומען דורך אויסגראבונגען באשטעטיגען, אז זיינע עלטערען זיינען געווען ס ק י ט ע ן , אינדאגערמאנען.

איבערהויפט זיינען די גוי׳שע ארכעאלאגען גענויגט צו זוכען נישט־אידישע זאכען און אינטערעסען. זיי האבען זיך א טעאריע, אז אלץ וואס איז געשאפען געווארען אין דעם אלטען ארץ־ישראל איז פון כנענים, רוימער און פלשתים, און גאט ווייסט פון וועמען נאך, בלויז ניט פון אידען.

אייך וועלען אפשר דיזע מיינונגען פון די פארשטויבטע מיסט־גראבער וועניג ארען, ניט אזוי אבער ווירקט עס אויף אונזער אידישען ארכעאלאג פראפעסאר נחום סלושץ. ער ווערט אויפגערעגט ביז גאר, ווען ער רעדט וועגען דיזע וויסענשאפטליכע אנטיסעמיטען.

ער האט זיך גאר א פארקערטען גלויבען: אז די דאזיגע אלע פעלקער זיינען געווען פארבייציהענדע באוואוינער פון דער אמא־

ליגער פאַלעסטינע; אַז אין דער אמת'ען איז אַלץ געשאַפען געוואָרען פון די העברעער, ווייל די העברעער האָבען דאָ געוואוינט לאַנג־לאַנג בעפאָר יציאת מצרים. אַט האָט מען אויסגעגראָבען, טאַקע דאָרטען וואו מען האָט געזוכט די דייטשע עלטערען פון יעזוס קריסטוס, דריי עגיפּטישע קאַלאָנען מיט אויפשריפטען פון ראַמזיס דעם צווייטען, אַז ער שיקט אידען קיין מצרים, זיי זאָלען אים בויען אַ פעסטונג.

אויב עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ אידישער וויסענשאַפטסמאַן, לײדענשאַפטליך נאַציאָנאַל־אידישער, איז דאָס אונזער פּראָפעסאָר. גיט איהם בלויז עטליכע הונדערט פונט סטערלינג און לאָזט איהם גראָבען, און איהר וועט דערזעהן וואָס פאַר סורפּריזען ער וועט אויסגראָבען פאַר דעם אידישען כבוד, אידישע קונסט, אינדוסטריע, געשיכטע און ליטעראַטור.

און קיינער קען עס ביליגער נישט מאַכען ווי ער! די אויסגראָבונגען פון יד־אבשלום־מאָנומענט האָט אַפּגעקאָסט קליינגעלט און איז פון גרויסען אינטערעס. ערשט אַ יאָהר אָנדערהאַלבען צוריק איז דער יד־אבשלום געווען אַ קליין שטיקעל ארכיטעקטור פון אַלטע צייטען; איצט, נאָך די ארומגראָבונגען פון דעם פּראָפעסאָר, איז ער אויסגעוואַקסען פון אונטער דער ערד מיט נאָך אַן אומגעוועהנליך שעהנעם שטאָק מיט קאַלאָנען און אַ גרויסען זאַל, מיט אַ גאַנצען לאַבירינט פון קלענערע חדרים. פריהער איז יד־אבשלום געווען הפקר, ווער האָט עס איהם גערעכענט פאַר עפּעס וויכטיג? איצט איז עס מיט אייזערנע גראַטעס ארומגערינגעלט און עס הענגט אַ פעסטער שלאָס און דער צוטריט איז שוין אַ פּריווילעגיע. עס איז אַ טיפּ פון אידישער אַרכיטעקטור אין די צייטען פון צווייטען בית־המקדש.

די אַרבייט ביי די אויסגראָבונגען אַרום יד־אבשלום איז ניט אָפּגעגאַנגען אָהן קאַמף. ערשטענס איז שווער געווען ארויסצוקריגען אַן ערלויבניש ביי דער שטאָדט־רעגירונג און צווייטענס, ווען די ערלויבניש איז שוין געגעבען געוואָרען, האָבען די „פרומאַקעס" צווישען אידען אָנגעהויבען שטערען. איהר פאַרשטעהט: דער יד־אבשלום געפינט זיך אויף דעם „הר הזיתים" ארומגערינגעלט מיט קברים. מען האָט זיכער געמוזט שטערען די רוה פון אַ קבר, נו, האָבען די „פרומאַקעס" דאָס ניט געוואָלט דערלאָזען. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז ווען משיח וועט קומען און אַלע טויטע וועלען אויפ־

שטעהן פון זייערע קברים, דאן וועט איהר זיך גראבען וויפיעל אייער הארץ גלוסט. און זיי פלעגען קומען און שטערען די ארבייט.

איינמאל האט גאר אן אומגליק געטראפען. א גרויסער רעגען האט איינגעווארפען די וואנט ביי די אויסגראבונגען און מיטגעריסען עטליכע קברים פון בית עולם. די „פרומאקעס" האבען אויפגעהויבען א „ויצעקו" ביז'ן הימעל, האבען געשאלטען די חלוצים וואס האבען געארבייט מיט דעם פראפעסאר, געשריען אויף זיי: „שקצים, מערדער!..." עס האט געהאלטען שלעכט, די „פרומאקעס" האבען זיך געקליבען שלעפען אונזער ארכעאלאגיע צו א בית־דין. נעהמען די חברים חלוצים און קומען ביינאכט און רייניגען אלץ אפ, ברענגען אלץ אין ארדנונג און דער פראפעסאר נעהמט אויף מארגען און טראגט אריין א קלאגע אין „בית־דין" אויף די „פרומאקעס" אזוי צו זאגען:

„אויף וואס פאר א גרונד באשולדיגען צעהן אידען אן עלפטען אין צעשטערען אידישע קברים?

האבען זיי דעם גרונד ניט געקענט באווייזען און זיינען אנטשוויגען געווארען.

דער „יד־אבשלום" איז דער צווייטער ארכעאלאגישער פארזוך וואס דער פראפעסאר האט געמאכט. דער ערשטער איז געווען די אויסגראבונגען ביי טבריה מיט דריי יאהר צוריק. דארט איז אויסגעגראבען געווארען א גאנצער פאלאץ און א וואונדערבאר אינטערעסאנטע שטיינערנע מנורה. די מנורה איז נאך דער טיעפער איבערצייגונג פון דעם פראפעסאר א גענויע קאפיע פון דער ערשטער מנורה וואס איז געשטאנען אין בית המקדש. עס האבען נישט געטארט געמאכט ווערען קיין קאפיעס אין גאלד, איז דאס געטאן געווארען אין שטיין. אויסגעגראבען זיינען דאן אויך געווארען פארשיידענע חפצים, צוואנציג סארטען גלאז, גלעזערנע כלים, וואס דאס האט קלאר באוויזען, אז מען האט זיך דעמאלט שטארק אינטערעסירט מיט פארם, פארב און פאסאן. עס האט אויך קלאר באוויזען, אז די אלטע העברעער האבען געקענט און טאקע געארבייט און זיינען נישט געווען בלויז בטלנים.

די דאזיגע אויסגראבונגען האבען שוין געפונען א פלאץ און א „בעדעקער", אזוי דאס טוריסטען מיט „וועג־ווייזער" אין די הענט, בלאנדזשען ארום זוכענדיג די אלטערטימליכקייטען. זייער ארבייט איז אבער אומזיסט, זיי געפינען עס ניט, ווייל נאך דעם

ווי מען האט אלץ אפגעפאטאגראפירט און די וויכטיגסטע זאכען אפגעפיהרט אין „בצלאל“, האט מען פארשאטען די געביידעס ביז עס וועט זיין א מעגליכקייט זיי ווידער צו עפענען פאר דער וועלט. די מעגליכקייט שיינט איצט צו זיין נאהענט. א אידישע גע־זעלשאפט האט איצט איבערגענומען די הייסע בעדער פון „חמי טבריה“ און אויב זיי זיינען באמת געשעפטסלייט, איוב זיי פאר־שטעהען זייערע אינטערעסען, וועלען זיי העלפען מיט די נויטיגע פאר פונט צו עפענען די אויפגעגראבענע און ווידער פארשאטענע אלטע אידישע געשיכטע. זיי וועלען פארשטעהן, אז אלטערטימליכ־קייטען איז דער בעסטער מיטעל צו ציהען טוריסטען און דאס וועט זיי ברענגען געשעפט, ווייל די אויסגראבונגען זיינען טאקע דירעקט לעבען די הייסע קוואלען.

ניט ווייט פון דעם געפינט זיך אויף דער ארט וואו, אז מען זאל אנהויבען גראבען, וועט מען ארויסברענגען צום ליכט פון היינ־טיגען טאג דעם פאלאץ פון „ו ו ע ר א נ י ק א א ג ר י פ א“. און גאט ווייסט וואס נאך פאר אלטע וועלטען קענען פלוצלינג אויפ־שטעהן פון זייערע קברים א דאנק דער לאפעטע פון אונזער אר־כעאלאג. די לאפעטע אבער מיט וועלכער דער פראפעסאר גראבט, איז איצט טעמפ, איהם פעהלט דער מעטאל, מיט וועלכען מען שארפט זי אן, כדי זי זאל קענען גראבען, — דאס איז געלט. עטליכע הונדערט פונט און א פאר צעהנדליג אידישע יונגעלייט און צווי־שען זיי דער פראפעסאר אין א ווייסען קיטעל מיט א ווייסען קיי־לעכדיגען קאפעליוש, וואלטען זיך אנגעהויבען ווי מילבען גראבען אונטער דער ערד, שטויב און שטיינער. מיינט איהר, אז די סומען וואס פאדערען זיך זיינען געוואלדיג גרויסע, האט איהר א טעות. סער אלפרעד מאנד האט צוגעשיקט צוויי הונדערט פונט שטער־לינג, וואלט נאך עמעס א ליעבהאבער געשיקט א דריי הונדערט פונט, וואלט מען געקענט אנהויבען וועקען פון דעם טויזענדיעה־ריגען שלאף דעם פאלאץ פון דער זונדערבארער „ווערא ניקא“.

אבער די פאנטאזיע פון אונזער פראפעסאר ווארט ניט אויף זיין לאפעטע. ער זעהט אונטער דער ערד, און גאר ניט טיעף, פאר־שאטען אוצרות פון אלטערטימליכקייטען, א סך וויכטיגערע פאר די וואס מצרים פארמאגט. גאנץ ירושלים איז דאך בלויז א פערטער אדער א פינפטער ירושלים איבער דריי אדער פיער שוין פארשא־טענע ירושלים׳ס, און דער פראפעסאר שטרעבט ניט צו דעם ירו־

שלים „של מעלה״, נאָר צו דעם ירושלים „של מטה״, צום ירושלים פון אונטער דערד ערד. דאָרט וואַרטען אויף אונז אַזעלעכ איבעררא־שונגען וואָס זייער ווערט איז גאָר ניט אָפּצושאַצען. גאַנץ ירושלים שטעהט דאָך אויף אַרקעס, אויף בריקען, אויף דעכער, אויף טונע־לען פון אַמאָליגע בנינים און שטעדט... עס איז בלויז אַ וואונדער, וואָס ביז איצט האָט דער וויסענשאַפטסמאַן פאַרנאַכלעסיגט דעם מאַטעריאַל. ווער ווייס, אפשר וואָלטען די רעזולטאַטען געווען צו געפעהרליך פאַר די אָנגענומענע גלויבענס און טעאָריעס?! ווער ווייס צי די הערשענדע רעליגיעס האָבען דעם מוט אָנצוהויבען אויסגראָבונגען?!

פּראָפעסאָר סלושץ אָבער האָט מוט, וואָס איהם פעהלט איז אַ דריי־פיער הונדערט פונט.

און זיי וועלען ניט אויספעהלען.

1924.



# רוים און ירושלים

ווער קען זיך דען אפהאלטען פון צו פיהרען א פארגלייך צווי־שען רוים און ירושלים? ! פאר מיר איז עס איינפאך געווען אומ־מעגליך. ערשט פון ארץ ישראל, מיט פרישע איינדריקע, ירושלים זעה איך ליכטיג און לעבעדיג פאר מיינע אויגען און מיט דיזע פרישע איינדריקע שטעל איך זיך אפ מיט מיין שיף אין נעאפאל, און פון דארט נעהם איך א באהן און אין פינף שעה ארום דערזעה איך רוים. ווי קען איך ניט פארגלייכען דיזע צוויי אלטע וועלט שטעדט, ווען דער פארגלייך בעט זיך די גאנצע צייט? ! שוין דער וועג פון נעאפאל, איטאליענ'ס האפען שטאדט, קיין רוים דערמאנט די רייזע פון דער ארץ ישראל'דיגער האפען־שטאדט יפו קיין ירושלים. דער וועג דא און דארט איז א בערגיגער. אבער אנדערש זיינען די בערג דא און דארט. די בערג אויפ'ן וועג קיין ירושלים זיינען ווילדער און וויסטער און זיי שטייגען אין זייער גרויס און אין זייער ערנסטקייט, וואס נעהענטער מען קומט צו ירושלים. זיי שטייגען ווי עס שטייגט די שטימונג אין א גרויסער טראגעדיע, און ווען עס דערגרייכט נאהענט צו דער אייביגער שטאדט, האט עס דערגרייכט דעם קלימאקס. בערג מיט א וואונדערבארען שוואונג, בערג מיט מעכטיגע פאעטישע זשעסטען און גרימאסען... א האל־בע שטונדע גאנג פון ירושלים איז די בערגיגע לאנדשאפט איינע פון די גראנדיעזע און פארכאפענדע, וואס מיר איז ווען אויס־געקומען צו זעהן.

ווידער די בערג אויפ'ן וועג קיין רוים זיינען אלע כמעט פון איין שניט: — גרינע' מיט קיילעכדיגע רוקענס, זעהר גוט אראנ־זשירטע, זעהר מאלעריש אויסגעשטעלטע, זעהר, וואלט איך געזאגט, אויסגערעכענטע. עס זעהט אויס אקוראט ווי דער אלמעכטיגער האט דא די לאנדשאפט געשאפען לויט אלע געזעצען פון בילדער קאמפאזיציעס. אויבען אויף א רוקען פון א קיילעכדיגען בארג שטעהט א שטעדטעל, די שטעדטעל האט הויכע מויערען, גאל שטיי־ניג, מיט א קירכען טורעם אין דער מיט, זעהר דעקאראטיוו, ווי

אויף טעאטער דעקאראציעס. מען פרעגט זיך אפט ווי און צוליעב וואס זיינען מענשען געקראכען ארויף צו אויף א הויכען בארג און דארט אויסגעבויט א הויכע שטעדטעל. ס'איז דאך עפעס אן אפקומעניש! ? איז דער ענטפער: די קאמפאזיציע פארלאנגט עס, דאס אלגעמיינע בילד מיט די קיילעכדיגע רוקען־בערג פארלאנגען דא און דארט א שטעדטעל מיט א קירכע שפיץ. האט דער אלער־העכסטער מאלער באשטעלט א שטעדטעל און מענשען האבען זי פאר איהם אויסגעבויט, כדי זיין בילד זאל זיין פערפעקט.

אבער דערזעלבער עפעקט ווידערהאלט זיך נאכאמאל און ווי־דעראמאל; אויף יעדע עטליכע מייל זעהט איהר א הויכען קיי־לעכדיגען בארג מיט א הויכע געלשטיינינגע שטעדטעל אויבען, אזוי, אז נאך דער צווייטער שטונדע רייזע, ווערט אייך שוין לאנגווייליג פון דער גאנצער געטליכער קונסט און איהר פארשטעלט, אויס העפליכקייט צום ג ר ו י ס ע ן  א ל ט ע ן, א מידען גענעץ מיט דער האנט.

קומט מען אן נאהענט צו רוים דערזעהט מען ווענט מיט טויע־רען וואס רינגלען די שטאדט ארום אקוראט ווי די ווענט און טויערען וואס רינגלען ארום ירושלים. די ווענט ציהען זיך לאנג, לאנג, ווערען אונטערבראכען דורך טורעמס אדער שטאדט. אבער די ווענט ארום רוים זיינען ווייט ניט אזעלכע שעהנע ווי ארום ירושלים. זיי זיינען זעהר איינארטיגע, דיזעלבע זאך ווידערהאלט זיך אונענדליך. שטעלט אייך פאר א געוועלבטע ארקע, א קיילעכ־דיגע ארקע און לעבען איהר נאך איינע און נאך טויזענדע אר־קעס איינע נעבען דער אנדערער אויף מיילען דער לענג, דאס זיינען די ווענט ארום רוים. פארקעהרט, די ווענט ארום ירושלים זיינען דאך יעדער אינטש א ניי שטיקעל ארכיטעקטור, א נייער איינפאל. יעדער טויער און יעדער טורעם איז א קונסט ווערק, א פאנטאסטישער פלאנטער פון געוועלבען, מויערען, נישען, דיק און טיעף שאטענדיג. און איבער דער גאנצער שטאדט רוים הערשט א קופאל, א גרויסער, קיילעכדיגער קופאל פון א געביידע, פונקט ווי איבער ירושלים. איבער רוים הערשט דער גיגאנטישער קופאל פון דער סענט פעטערס קירכע, דאס ווערק פון מיקעל אנזשעלא. איבער ירושלים הערשט דער קופאל פון דעם מעטשעט אמאר. אבער פון דער ווייטען זעהעןביידע קופאלען אויס ווי ברידער, בלויז איין ברודער האט אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, דער



אַלט ירושלים, די געגענד אַרום דעם „וואַנד“, דער קופּאַל פון דעם מאָסק אָמאַר.

צוויטער — דעם מאַכמעדאַנער גלויבען. ווער פון זיי ביידען איז שענער וועל איך זיך ניט נעהמען אורטיילען, אָבער אַז דער פּלאַץ פאַר דעם מעטשעט אין ירושלים איז שענער פאַר דעם באַריהמ־טען סעינט פּעטער פּלאַץ, דאָס איז פאַר מיר זיכער. דער פּלאַץ פאַר דער קירכע וואָס איז אויך דער פּלאַץ פאַר דעם וואַטיקאַן, איז גראַנדיעז, גוואַלדיג מיט זיינע קאָלאָנאַדעס און דעם גאַנצען פּאַרמעסט, דאָס איז געוויס. אָבער אין גאַנצען גענומען איז ער גרוי און קאַלט און אומערפרעהליך. עס ווערט דאָרט אוימעטיג און עס ווילט זיך אוועקגעהן נאָך אַ ווייל פון באַוואונדערונג און שטוינען. קיין בלימעלע, קיין גרעזעלע, קיין שמייכעל, קיין פרייד, אַלעס איז אויף דעם פּלאַץ טויט ווי אויף אַ בית עולם. עס געהען אַרום מענשען, זעהר פיעל מענשען, אָבער זייער קומען און געהן איז עהנליך ווי דער באַזוך פון אַ טויטען פּלאַץ. פאַרקעהרט, דער גרויסער פּלאַץ אַנטקעגען און אַרום דעם מעטשעט אָמאַר איז אַ העלער יובעל געזאַנג, מיט טיעף גרינע ציפּרעסען, אַליוּוען בויּ־מער, מיט קליינע אַרקעס, פּאַרטיקעס, וואַסער־קוואַלען. אָבער מערקווירדיגער פאַר אַלעס איז דאָס גאָלדיגע ליכט וואָס באַשיינט אַלע שטיינער. ביימער און מענשען אויף דעם דאָזיגען פּלאַץ. דער פּלאַץ אַרום דעם מעטשעט אָמאַר, אָדער ווי אידען רופען עם מקום קדוש, ווייל דאָ איז אַמאָל דער בית המקדש געשטאַנען, איז דער שענסטער אין דער וועלט ניט לויט דער אַרכיטעקטור, נאָר לויט דעם צוזאַמענשפּיעל פון אַלע העלדען אויף דעם פּלאַץ, לויט דעם צוזאַמענשטעל פון די ליכטער און שטיינער און וואַסער און בויּ־מער. איהר ווייסט ניט ווער עס זינגט דאָ אָדער אייך דוכט זיך, אַז די שטיינער זינגען.

אָבער מעהר פאַר אַלעס בעטען די שטיינער פון רוים און ירושלים מען זאָל זיי פאַרגלייכען. רוים און ירושלים זיינען דאָך צוויי אַלטע שטעדט פון אַלטע שטיינער. דאָ, ווי דאָרט, האָבען שטיינער געזעהן די וועלט געשיכטע, דאָ און דאָרטען ווייסען די שטיינער, וואָס צו דערצעהלען. באַזונדער יענע שטיינער, וואָס מען רופט אַז רואינען. די רואינען פון רוים און ירושלים זיינען ביידע אַלטע און אַריסטאָקראַטישע, אָבער די רואינען פון ירושלים לעבען זיך אַ נאַטירליכען לעבען, קיינער פּעש־צעט זיי ניט, קיינער צערטעלט זיי ניט, קיינער באַליעט זיי ניט, פּוצט זיי ניט, פאַרשפּאַרט זיי ניט אין גראַטעס און רויבט ביי זיי

ניט אוועק זייער פרייהייט, ווי ביי א זינג פויגעל, וועלכע מען כאפט און פארשפארט זי אין א שטייג. די רואינען אין ירושלים זיינען גלייכבארעכטיגטע בירגער, זיי ליגען זיך אין מיטען שטאדט, ארום דער שטאדט, קלויבען זיך אויס וועלכע גאס און פלאץ זיי ווילען און ליגען זיך דארט, און טרעפט איהר זיי, איז די באגעגעניש א נאטירליכע, זי איז קיין איבערראשונג. די רואינען זיינען דארט אזוי אין סטיל מיט די בערג, מיט די גאסען, מיט די אראבער, זיי זיינען א טייל פון לעבען, די רואינען אין ארץ ישראל און ספעציעל אין ירושלים. פארקעהרט, די רואינען אין רוים זיינען אין גלות. מען האט זיי צונויפגעקליבען אין איין פלאץ, דעם „פארום ראמאנא“, ארומגערינגעלט מיט אן אייזערנע פארענצע, און מען לאזט באזוכער אריין פון אזא און אזא שטונדע נאכמיטאג. דערנאך פארשליסט מען דעם טויער און אוים, די רואינען בלייבען אליין מיט זיך. דארטען אין דעם אפגעשלאסענעם פלאץ וואס איז פאר די רואינען ווי א שטייג אדער א תפיסה, געפינען זיך אלע באריהמטע אלטווארג, דער קאלאסעאום, די דריי זיילען, די טיטוס־ארקע און נאך גרויסע און באריהמטע מאנומענטען פון אלטערטום, געהיט און געפוצט און געבאלעט, מיט ספעציעלע גרויפ געפיטערט ווי מען פיטערט א קאנאריק אין א שטייגעל. און די רואינען פיהלען זיך אומגליקליך, זיי נעהמען קיין אנטייל ניט אין לעבען, זיי זיינען פרעמדע און זעהען אויס ווי געשפענסטער, אדער מתים וועלכע מען האט פארגעסען צו באגראבען.

די אלטע רואינען און די גאסען־פרויען פון רוים האבען אויף מיר געמאכט דעמזעלבען קימערליכען איינדרוק. אנגעטאן אין שווארצען זעהען דיזע שוועסטער פון פרייד אויס טרויעריג און שאטענדיג. די אלטע רואינען, און די יונגע מענשליכע רואינען ביידע זיינען אין רוים איבעריג, ביידע קוקען מיט קאלטע מידע אויגען און פרעגען שטומע פראגען.

דיזע יונגע מענשליכע רואינען פעהלען אין ירושלים אין גאנצען. ניטא קיין גאסען פרויען אין ארץ־ישראל, אם װעניגסטען ניט אפיציעל, און אפשר טאקע ניטא אין גאנצען אזא זאך.

אבער אין איין זאך זיינען עהנליך רוים און ירושלים, דאס איז אין ארימקייט. אין רוים האב איך איבערגענעכטיגט און ווען איך בין גאנץ פריה אויפגעשטאנען און ארויס פון מיין האטעל איז נאך רוים געלעגען אין א האלב פרימארגען דרימעל. האב איך די גא־

סען דערזעהן באַדעקט מיט שלאָפענדע מענשען. היימלאָזע, אָרימע, שלאָפט מען אויף טראָטואַרען, בענקלאַך, פּאַרקס, אומעטום האָ־בען זיך געוואַלגערט מענשען... און מענשען אַזעלכע מאַגערע, דריבנע, קליינע. איך האָב זעלטען געטראָפען אַ שעהנעם, גרויסען מענשען אין רוים. און קימערליכער פאַר אַלע האָבען מיר אויס־געזעהן צו זיין די סאָלדאַטלעך זייערע. אינגלעך, אויסגעמוטשע־טע, שלעכט אָנגעטאָנענע און נישט אויסגערוטע געהען אַרום די סאָלדאַטיקלעך איבער די גאַסען, ווי פאַרגעסענע און איבעריגע און שטעלען זיך אָפּ יעדע ווײַלע ביי אַ רויטע פּראָקלאַמאַציע און לייענען פלאַמיגע ווערטער וועגען זייער לעבען און שיקזאַל.

אָבער אויך די אָרימקייט אין ירושלים איז שעהנער, איך מיין, ניט אַזאַ מיזעראַבלע, דערשלאָגענע. די אָרימע אַראַבער זיינען אין זייער אויסזעהן, אין זייער האַלטען זיך, פּנים און פיגור, ניט גלאַט אַזוי ווי אָרימע בעטלער, נאָר אָרימע בעטלער ווי זיי ווערען אין אַ אָפּעראַ געוויזען, עפּעס סטיליזירט, דעקאָראַטיוו, מיט אַ גרויסען שטעקען, גרויסע, פאַרביגע לומפּען, ברוינע באָרוויסע פיס, האַלב גרוי פון שטויב פון די וועגען. זיצט אַזאַ אָרימער ביי אַ וואַנט אין שאָטען, איז עס אַ בילד צום מאָלען.

איבערהויפּט איז ירושלים נישט צו באַדויערען פאַר איהר אָרימקייט. און זי זעהט גאָר ניט אויס אָרים. אַלץ וואָס ירושלים האָט טראָגט זי אויף זיך, ווייזט עס. ירושלים איז אין גאַנצען אָפען, אָט דאָס בין איך און מעהר גאָר ניט. בלויז עטליכע אַלטע העהלען, עטליכע קברים און קירכען וואָס דאַרפען געזעהן ווערען פון איני־ווייניג, אָבער אַזוי ליגט ירושלים אָפען מיט אַלע איהרע רייצען, באַזיץ און אינהאַלט. איהרע אויגען זיינען אָפענע, קלאָרע און זי קוקט ליכטיג און היים. רוים, פאַרקערט איז אין גאַנצען אינוועניג, אין זיך. אויסערליך אַלטע, אָפּגעריסענע, זעהר נישט אויפפאַלענדע הייזער פאַרמאָגען זיי אינעווייניג אוצרות פון קונסט, מאָנומענטען און בלעטער וועלט געשיכטע. איך געה פאַרביי אַ הויז און זעה אַ קליין ברעטעל מיט אַן אויפשריפט: דאָס איז דאָס הויז וואו ראַפאַעל האָט געלעבט און געאַרבייט. דרויסען אַ גאַנץ געוועהנ־ליך פיערעקיג הייזעל, וועלכע מען טרעפט דאָוז־טאָוזן אין די הונ־דערטע — אינעווייניג אָבער, אַ וועלט פון אינטערעס. און אַזוי אויף יעדען טריט. דרויסען אָרדינער, זעהר ניט צוציהענד. אינע־ווייניג — מוזעאומס און קאָלעקציעס. מען קען זאָגען, אַז גאַנץ

רוים איז א גרויסער מוזעאום, און איהר דארפט געהן פון טיר צו טיר, פון הויז צו הויז. פארקעהרט, ווען איהר זייט אין ירושלים און איהר ווילט זי זעהן, געהט פון גאס צו גאס, פון היגעל צו הי־געל, קריכט אויף די טויערען ארויף, אויף די דעכער ארויף, אי־בער די מויערען קלעטערט און קוקט זי אן די וואונדערבארע שעה־נע שטאדט.

רוים איז פארדעכענט פאר דעם צענטער פון קונסט, און ירושלים פאר רעליגאן און גייסט. ס'איז דא א מיספארשטענדניס וועלכע די מענשליכע געשיכטע וועט מוזען קארעגירען וואס גיכער. ירושלים איז גאנץ אויסערליך, אומגעהויער דעקאראטיוו און פאנ־טאסטיש, אפעלירט טויזענדפאך צום אויג און קונסט אינסטינקט, בעט זיך צו ווערען אין קונסט איבערגעזונגען, איז אליין שוין א פארטיג קונסטווערק. רוים, פארקעהרט, איז אין זיך פארטאן. אין איהרע אינטעריערס, אזוי צו זאגען, איז גאר ניט דעקאראטיוו. אויסער אפאר פלעצער, ווי דער בריק און שלאס ס. אנזשעלא, א. אז. וו. און אויך דיזע דעקאראטיווע פלעצער זיינען עפעס אזוי קאנ־ווענציאנעל דעקאראטיוו. קיין ברעקעל פון יענעם פאנטאסטישען עלעמענט, וואס ירושלים פארמאגט!

ניין, גיט מיר ירושלים און נעהמט אייך רוים!

1921

# דאָס לאַנד

## טבריה, די שטאָט פון קברים

טבריה איז זעהר אן אלטע שטאדט. דאס דארף מען אפילו ניט נאכקוקען אין איהרע מעטריקעס, כדי דאס אויסצוגעפינען. די עלטער ליגט צושפרייט ווייט און ברייט איבער גאנץ טבריה, איבער די קרומע, פארדרעהטע צובראכענע געסעלעד, טרעפלעד און לאבירינטען: זי ליגט אויף די עקען שטאדט מיט איהרע אלטע טונקעלע, זעהר ראמאנטיש אויסזעהענדע רואינען פון אן אלטער פעסטונג, וואס האט זיך געצויגען ארום דער גאנצער שטאדט און אין דער לענג פון דעם ים. אומעטום ליגען גרויסע גרופען שטיינער פון א מעכטיגער, דיקער, און דראהענדער וואנט. און נאך מעהר זעהט זיך די עלטער אין די קברים און בית עולם. אזא אלטען בית עולם קען נאר א גרוי־אלטע שטאדט פארמאגען: קברים זעהען דארטען אויס ווי אלטע קנאכען, וואס סטארטשען פון דער ערד, שוין האלב פארזונקען, און פיעלע פון זיי טאקע שוין טיעף אין דער ערד, באדעקט מיט שיכטען שטיינער און לעהם. מען דארף בלויז א ביסעל אנהויבען גראבען, א קראץ טאן די ערד און שוין שטויסט מען זיך אן אן עפעס, וואס האט אמאל דא געלעבט. די קברים האבען זיך געצויגען פון בארג ארונטער ביז'ן סאמען ים כנרת. אז מען האט באשלאסען צו בויען א וועג ביים ים, האט מען געמוזט אראפטראגען א שטיק בית עולם. האבען די אידען אויפגעהויבען א גרויסען געשריי און אפגעשריען א שטיק. דאך א וועג איז דורכגעלעגט געווארען, און די עלטערע אידען, געהענדיג און פאהרענדיג איבער דעם וועג, פארגעסען ניט צו שאקלען מיט'ן קאפ און צוקרעכצען, אז מען געהט און מען פאהרט איבער אידישע קברים.

געוועזן בין איך אויף דעם טבריה'ער בית עולם ערב ראש השנה, ווען אידען קומען אהין אויסבעטען דורך די טויטע א גוטען, מזל'־דיגען חודש. עס קומען אהין זעהר פיעל פרומע, ספּעציעל די ספרד־ישע, און ברענגען מיט זיך עמערלעך מיט ווייסען קאלך און בערשטלעך און פרישען־אָפּ מיט ווייס זייערע קברים. זיצענדיג און שמירענדיג מיט'ן בערשטעל, וויינט די פרוי און קלאָגט און טענה'ט אזוי הויך און אזוי יאָמערליך, און אזוי טרערענרייך, אז אויב די שטיינער צוגעהען ניט, זיינען די שטיינער פון אייזען. און איך האָב זיך דערמאָנט וועגען דעם פּרעזידענט ווילסאָנ'ס א ווערטעל, ווען מען איז זיך צו איהם איינמאל געקומען באַקלאָגען אויף אונזער ביטערער אידישער לאָגע, האָט ער אומגעדולדיג גע־ענטפערט: „אך, דיזע אָריענטאַלישע לאַמענטאַציאָנען!" אזוי קלאָגען ווי מען קען דאָ, קען מען ערגעץ ניט. איהר דאַרפט הערען א בעטלער, ווי ער הויבט אָן אויסצוקלאָגען פאַר אייך זיין „האַרד לאַק סטאָרי". ס'איז איינפאך טאלאנטפול. איך האָב איינמאל ביים כותל מערבי געזעהן א דועל צווישען אַן אַלטער פּראָפּעסיאָנעלער בעטלערקע און א פּוילישען אידען. זי האָט ביי איהם געבעטען וויי־נענדיג א נדבה, און ער איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און האָט ניט געוואָלט געבען. זי האָט געקלאָגט, און ער האָט זיך געשאָקעלט. עס האָט געדויערט א שעה צייט, ביז זיי האָבען „גע־סעטעלט" מיט א שמעק טאַבאַק: ער האָט איהר אויסגעשאָטען אין האַנט א ביסעל פון זיין שמעק־טאַבאַק. אָבער איך האָב זיי ביידע באַוואונדערט. — אזוי קלאָגען און „מאַנען" האָט געקאָנט בלויז דער אָריענט, און אזוי פאַר'עקשנ'ט ניט־געבען קען בלויז א פּוי־לישער.

אין טבריה זיינען דאָ נישט בלויז גלאַט קברים פון ב ר י י־ט ע מ א ס ע ן , נאָר עס זיינען אויך דאָ קברים פון איינצעלנע, באַדייטענדע פּערזענליכקייטען. צווישען דיזע הויבט זיך מאָנו־מענטאַל אַרויס דער קבר פון רב מאיר בעל נס. דאָס איז ווירקליך אַן אימפּאָזאַנטע געביידע, נייַן, א גאַנצע גרופּע געביידעס, עהנליך פון דער ווייטען צו א גאַנצען מאָנאַסטיר, להבדיל. איבער דעם קבר פון רב מאיר איז אויפגעבויט א שעהן געוועלבטע געביידע, צו וועלכער מען געהט אַרויף דורך ברייטע טרעפּ. ביים קבר אליין צינדט מען אַן ליכטלאך פון יענע, וואָס קומען באַזוכען דעם קבר און בעטען. דאָס קאָסט א קליינע נדבה און די גאַנצע זאַך געפינט

זיך אין די הענט פון די ספרד'ישע אידען. זיי זיינען דא די בעלי הבתים, געהען זיך ברייטלאך ארום מיט זייערע לאנגע אריענטאלי־שע מלבושים און כאראקטערנע פנים'ער. אבער די אשכנזים האָ־בען אויך דא א פאזיציע. באלד דא אויף דער אנדער זייט וואנט איז דא א ישיבה, וואו אשכנזים זיצען און לערנען; זייער זינגענדיג ליארמענדיג לערנען צוטראגט זיך איבער'ן גאנצען הויף, דערגרייכט דעם קבר און באוועגט די פלאמעלעך פון די ליכטלאך. אנטקעגען דעם אשכנזישען הויכען לערנען קומט ארויס א שטילער, צוריקגע־האלטענער, אבער איינגעשפארטער ספרד'ישער כאר. ער איז גע־ווים ניט אזוי מוזיקאליש און ניט אזוי א י מ פ ע ט ד י ג, אבער ער באזיצט אן אנדערע בכבוד'יגקייט, און א באוואוסטזיין, אז דא, ביים קבר, זיינען זיי, די ספרדישע, די זיגער. דאך איז נישט שווער צו מערקען א געריצטען, עטוואס שפאטישען בליק, וואס די ספרדישע אידען מיט די ווייסע אריסטאקראטישע בערד, ווארפען אין דער זייט פון די אשכנזים, ווען יענע צובאמקען זיך שוין צו הויך. מיר האט זיך שטענדיג געפיהלט, זייענדיג דארט, אז דער פלאץ וועט נאך זעהן און שמעקען פולווער, אז עס וועט זיך נאך אמאל צופלאקערען א גרויסער קריעג, און אז זיגען וועלען די „ליטוואקעס". דער הויף פון דעם קבר און די גאנצע גרופע הייזער זיינען שטארק רואינירט און פארנאכלעסיגט. מען האט מיר ער־קלערט, אז דאס קומט פון די מלחמה־צייטען, ווען פארשיידענע מיליטער איז דא איינגעשטאנען און האבען געבראכען און גערויבט, וואס מען האט געקענט.

ניט ווייט פון דעם דאזיגען קבר געפינט זיך א הויל אין א בארג און א טירעל מיט א שלאס הענגט אויף איהר. האט מיר א באקאנטער אידישער געלערנטער דערקלערט, אז דאס איז דער קבר פון אלחנן. אז מען איז איינמאל געקומען איהם ארויסנעמען, האט מען דערזעהן ארום דעם צדיק'ס קערפער א גרויסע שלאנג ארומגערינגעלט און זי האט קיינעם ניט צוגעלאזען. איז געבליבען דער צדיק דא ליגען עד היום. דער שליסעל פון דער הויל געפינט זיך ביי דער היגער געמיינדע, ערקלערט מיר דער חשוב'ער געלע־רענטער, און די געמיינדע קומט אהער דאווענען ביי געוויסע גע־לעגענהייטען.

מאך איך א צייכענונג פון דיזער מערקווירדיגקייט, און ווייז זי א גרופע ארבייטער ביים טבריה כביש. און דערצעהל זיי אויך

די לעגענדע. לאכען זיי זיך פאנאנדער און זאגען מיר, אז זיי האל־טען דארט זייער דינאמיט, מיט וועלכען זיי רייסען אויף שטיינער און אז דער שליסעל איז גאר ביי זיי און ניט ביי דער געמיינדע. ווייז איך די צייכענונג אן אנדער מין חברה, וואס האבען זיך נאך שטארקער צולאכט, ווען איך האב זיי דערצעהלט ביידע זאכען וועגען דער הויל. זיי האבען מיר ערקלערט, אז אין דיזער הויל שטיפען פרעהליכע מיידלאך ארום. און זיי ווייסען, זאגען זיי, וואס זיי ריידען.

איך האב דיזע צייכענונג מעהר קיינעם ניט געוויזען. פאר מיר זיינען דריי מעשות געווען גענוג.

עס זיינען דא פאראנען נאך בארימטע קברים, רמב"ן'ס קבר און נאך אנדערע, מיט וועלכע טבריה, די אלטיטשקע, פוצט זיך. ס'איז א טויטער פוץ און גיט איהר צו וועניג חן. די אלטע טבריה מיט איהרע אלטע אידען און אלט־פארמען לעבען, האבען גארניט געשאפען; אפילו קיין שול קיין שעהנע נישט אויסגעבויט פאר זיך. מען דאווענט אין אזעלכע קאנורקעס, אז ס'איז פאר די אראבער א שאנד. אינסטיטוציעס קיינע, פארוויילונגען קיינע. ס'איז אמאל געווען איין סינעמא (מואווינג פיקטשור), איז זי אויך איצט צוגעמאכט און דינט איצט אלס שטאל פאר עזלען. ס'איז לאנגווייליג אין טבריה. ס'איז היים און שטויביג, און די גאסען ליגען אזוי צונויפגעקנורעט ווי הינט, דרעמלענדיג אונטער דער הייסער זון. איבער דער שטאדט שטעהען עטליכע לאנגע פאלמען און ניקען צו מיט די קעפ צו די מינארעטען פון די אראבישע קירכען. פון דיזע מינארעטען הערט מען עטליכע מאל א טאג די צוצויגענע תפילות פון די דערווישען. ס'איז די איינציגע שטאדט־מוזיק און שטאדט־אונטערהאלטונג. א לאנגער נאז־קול, אויף די העכסטע טענער געשריען, מיט'ן קאפ פארריסען אין דער הויך, מיט די הענט צום פנים צוגעדריקט, דרעהט זיך דער בעל תפילה ארום און צוגיסט זיך אין מעלאנכאליע.

אידען לעבען דארט אנגעצויגען מיט אראבער. זיי לעבען ניט אין א באזונדערען קווארטאל, ווי אין יפו אדער ירושלים, נאר אויסגעמישט מיט די אראבער. אזוי לעבט מען אין טבריה — אלט און אומעטיג. בלויז דער פרישער, נייער, יונגער שטראם אידישע ארבייטער, וואס געהען ארום איבער די טבריה'ער גאסען, פילען אן די לופט מיט זייערע געשפרעכען, מונטערע באוועגונגען און גע־

זונטען אויסזעהן, עס איז גאר אן אנדער סארט מענשען די שאסע־ארבייטער, די חלוצים. זיי פיהרען זיך אנדערש, זיי מאכען א גאנצע רעוואלוציע. עס ציהט זיך די לאנגע, דינע שאסע־שנור מיילען פאר טבריה, שניידט איבער טבריה, און לויפט ווייטער. און אומעטום זיינען זיי ארום דער ווייסער שנור, די קרעפטיגע יונגע מענער און מיידלעך, און לעגען זייער שטעמפעל ארויף אויפן לעבען. אפילו דער ים פיהלט זיי. קיינמאל האט מען זיך אין איהם אזוי פיעל און אזוי לוסטיג ניט געבאדען ווי איצט. אין דער פריה, מיטאג צייט, און אוונט טוען זיך אויס א דריי פיער הונדערט יונגע מענער נאקעט, אוןווארפען אריין זייערע בראנזיגע לייבער אין דאס בלוי־גרינינקע וואסער פון דעם כנרת. זעלטען ווען א פרויען־געשטאלט געהט פארביי, און ווען עס טרעפט אזא זאך, זשענירט עס קיינעם ניט. און עס קלאפען די וואגאנעטקעס מיט שטיינער, און עס שלאגט דער האמער און עס הערען זיך דרייסטע רייד אין דער אלטער טבריה'ער לופט, און עס ציטערען די קברים — אט באלד וועט מען זיך מיט זיי אינגאנצען ניט מעהר אפגעבען.

די קברים זיינען געגען דער אידישער יוגענד; דערפאר זיינען די בערג און די טאלען און דער ים מיט זיי.

און שעהן זיינען די זאכען דא אונענדליך! דער ים איז דא ווי דער פנים פון א גייסטרייכען מענשען. ער בייט זיין אויסדרוק יעדע ווייל'ע, שטענדיג באלעבט דורך א וועלכע ניט איז מינע, וואס לאזט אויף זיך קוקען און פארלירט קיינמאל דעם אינטערעס ניט צו זיך. עס פיהרט דער ים מיט'ן הימעל און די בערג ארום א זעהר לעבהאפטען געשפרעך, און עס בייט דער ים זיין פנים יעדע רגע.

דער ים כנרת איז רייצענד. איך קען דא אן ארבייטער אין „מגדל", וואס ליגט ביים כנרת, וועלכער איז פארליבט אין דעם ים. ער האט איבער איהם שוין פיער חדשים געפיבערט און מען האט איהם געהייסען בייטען די געגענד אויף א געזונטערע, ער קען אבער זיין געליעבטען ניט פארלאזען, ער קען אהן דעם ים ניט אויסקומען. און די בערג זיינען ניט ווניגער שעהן, אזעלכע ווייכע און גאלדיגע! אין פריהלינג, זאגט מען, זיינען זיי גרין געווען און נאך שעהנער. איצט האט די זון געל און גאלדיג אפגעברענט דאס גרין; און איך דענק, אז ס'איז איצט נאך שענער. פון דער ווייטען זעהט מען קייטען בערג, מיט דעם גרויען חרמון אלס קרוין. איבער זיי שטענדיג וואויל געפארעמטע וואלקענס, אזעלכע רוהיגע און

סטאַטעטשנע, און זיי אַלע צוזאַמען שפּיגלען זיך אָפּ אין כנרת און נאָך מעהר אין די געמיטער פון דער נייער יוגענד.

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט באַגעגענט אַזוי פיעל יונגע לייט, וואָס זאָלען אַזוי באַגייסטערט רעדען וועגען נאַטורשעהנקייטען. זאָלען קענען אַזוי באַשרייבען אַלע איהרע אינטימע רייצען ווי דאָ. פּאָעטען און קינסטלער טרעף איך אויף יעדען טריט. עס האָבען זיך דאָ אויסגעבילדעט אויסער אַלגעמיינע פּאַטריאָטען פון ארץ ישראל'ער נאַטור, אויך ל אָ ק אַ ל ע פּ אַ ט ר י אָ ט ע ן, וועלכע האַלטען, אַז ז י י ע ר פּלאַץ איז דער שעהנסטער אין ארץ־ישראל.

אָבער וועגען די טבריה'ער הייסע בעדער האָבען אַלע איין און דיזעלבע מיינונג. וועגען „חמי טבריה" שמייכלען אַלע. אָבער דאָס וועל איך איבערלאָזען פאַר'ן נעכסטען בריעף.

.1921

# די הייסע בעדער פון טבריה

די הייסע בעדער פון טבריה איז דער שטאָלץ פון דער שטאָדט, איר האָפנונג און פאַרצווייפלונג. גראָד ביים ים שלאָגט פון דער ערד אַ שטראָם פון הייסע זודיגע וואַסער. לאָזט איהר אַריין אַ פינ־גער אין דעם קוואַל אַריין מוזט איהר עס גלייך אַרויסנעהמען אַזוי היים איז דאָס וואַסער. און פּרוּאווט איהר דאָס וואַסער אויפ׳ן צונג איז עס ביטער, געזאַלציג, זויער און נאָך פיעלע טעמים, וואָס זיינען ווייט פון צו זיין געשמאַק אָבער וואָס ווייזען, אַז אין דעם וואַסער זיינען דאָ געדיכטע צולאָזען מינעראַלען. אַט דיזע טעמפּע־ראַטור און די מינעראַלען זיינען פון גרויסען ווערט אַלס היילענ־דע זאַכען, אַזוי האָט די מעדיצין באַשטימט און אַזוי גלויבען אַלע אין טבריה און אַלע וואָס האָבען פאַרזוכט דאָס וואַסער. די וואַ־סער האָט נאָך אַן אייגענשאַפט וואָס די גאַז וויים דערפון צו דער־צעהלען נישט גאָר שמייכעלהאַפטע זאַכען. ס׳איז נאָך נישט באַ־שטימט פון וואַנען דאָס קומט, צי פון וואַסער טאַקע אַליין, צי פון דער סביבה. דער וואָס קומט קיין טבריה האַלט עס פאַר זיין פליכט צו נעהמען אַ באָד, כאָטש איין באָד. פון דער שטאָדט טבריה צו חמי טבריה, צו דער הייסער טבריה, דאָרט וואו די בעדער געפי־נען זיך, פאָהרט מען מיט דעליזשאַנסען. אַ פיאַסטער אַ וועג קאָסט עס, אויב מען וויל נים שפאַנען צו פוס, אַ וועג פון אַ צוואַנציג מינוט, אַ זעהר הייסען. קומט מען אַן אַהינצו טרעט מען צו דער קאַסע, ביי וועלכער עס זיצט אַ אידעל, אַ שמייכלענדער, מיט חנ׳־עוודיגע פּאַה׳לעך און ווייכע אויגן און פאַנטאָפלען. ער פרעגט אייך, וואָס פאַר אַ קלאַס באָד? וויל עס זיינען דאָ דריי קלאַסען. די ערשטע פאַר צוויי פיאַסטער: די אַלגעמיינע, די צווייטע, פאַר אַכט פיאַסטער און די דריטע פאַר 12 פיאַסטער. איך האָב באַ־שלאָסען די צוועלף פיאַסטערדיגע און אַן אַראַבער האָט מיך אוועק־געפיהרט אין איינע פון די דריי באַזונדערע געביידעס. דאָרט זיינען געשטאַנען וואַנעס אין קליינינקע פאַנאַנדערגעטיילטע קלעט־

קעם און בענק מיט ראַגאַזשקעס און עס איז געדיכט געשטאַנען אַ געדרענג. די ווענט אָפּגעריסענע און מוראַשקעס זיינען שנעל אַרומגעקראָכען פאַרטאָג אין דאגת פּרנסה. מיר האָט די האַרץ פאַרקלעמט פאַר שאַנד און וועהטאָג. אָט דאָס איז אַ קוראָרט ?! אָט אַזוי האַלט מען אַז אַ פּלאַץ וואָס וואָלט געקאָנט ווערען אַ וועלט־באַריהמטער באָדע פּלאַץ ווי קאַרלסבאַד, אָדער אַן אַנדער אייראָפּעאישער קוראָרט ?! און דאָס איז דער טייערסטער קלאַס פון אַלע דריי! היינט וואָס זיינען שוין די אַנדערע צוויי? און איך האָב אויך דעם ביליגסטען קלאַס באַזוכט. עס איז אַ גרויסער באַסיין, אין אַ צימליך האַלב טונקעלע געביידע. דער דאַך ווערט געטראָגען פון דינע שטיינערנע קאָלאָנעס, באַלויכטען פון קליינע קיילעכדיגע גלעזלעך אין דעם קופּאָל. ס'איז דאָ עפּעס אַ שטיקעל סטיל, אָבער שמוציג, און דער געווויסער געדרוד איז שטאַרק. דאָ טאָקע טוט מען זיך אויס און מען קריכט אין דעם אַלגעמיינעם באַסיין אריין נישט אָפּוואַשענדיג פריהער דעם שמוץ. די צייט איז פאַרטיילט צווישען מענער און פרויען. אין דער פריה באָדען זיך מענער, נאָך מיטאָג פרויען.

דער פּלאַץ זעהט אויס ניט אַפּעטיטנע, דאָך קומען קראַנקע און געזונטע, ספּעציעל אידישע פרויען און מען קורירט זיך מיט די בעדער. מען באַצווינגט אין זיך דעם אָפּשטוים פאַר די אומאָרדענונג און מען באָדט זיך, ווייל עס פיהלט זיך ממש די גוטע ווירקונג פון דעם וואַסער. דאָס איז דער שטאָלץ פון טבריה, איהר רייכקייט און איהר האָפענונג, אָבער אויך איהר פאַרצווייפלונג, ווייל די בעדער ברענגען דעפיציט. צוערשט האָבען דעם דעפיציט געהאָט אַ אידישע קאָמפּאַניע, האָבען צוגעלעגט 1,500 פונט פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר, האָבען עס אָבער ווייטער געוואָלט אָנהאַלטען כדי ניט ארויסצולאָזען די בעדער פון אידישע הענט, האָט אָבער די שטאָדט באַשלאָסען אליין די בעדער צו פיהרען, נו, לעגט זי איצט אליין צו די פונטען.

איך האָב אין אַ פריה מאָרגען, ווען איך בין געקומען צו די בעדער, געטראָפען דעם מעיאָר פון טבריה אַכטונג געבענדיג, ווי עס פיהרט זיך דאָס געשעפט. אַן אַראַבער איז ער, אַ קריסטליכער אַראַבער, איז אָנגעטאָן אייראָפּעאיש. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער צייכענונג, וואָס איך האָב געמאַכט פון די בעדער, און ער האָט זיך צורעדט. ער האָט גערעדט ענגליש, אַ זאַך, וואָס

איז א זעלטענהייט צווישען אראבער. ער האט צוגעגעבען, אז די בעדער זעהען ניט אויס ווי זיי וואלטען געדארפט, אבער די שטאדט האט אין זינען די אלטע געביידעס אראפצוטראגען און נייע מאדער־נע איינצוריכטען. ווען ? איז גיכען. און אפגענומען די בעדער האט די שטאדט פון פריוואטע הענט, ווייל ... ווייל ... זיי פארנאכ־לעסיגען און רואינירען די געביידעס (!) און וואס אנבאלאנגט דע־פיציטען איז דאס א צופעליגע זאך. אין אנהויב האט די שטאדט אריינגעקראגען טעגליך פופציג פונט פון די בעדער. פלוצלונג, זאגט ער, האט געטראפען די יפו'ער געשיכטע און דאס געשעפט איז מיט אמאל אפגעהאקט געווארען. מען האט מורא ארומצופאה־רען ... פלוצלונג האט ער זיך אויפגעכאפט פון ארט און געכאפט א דיליזשאנס און איז אפגעפאהרען. אפשר האט זיך איהם אויס־געדוכט, אז ער האט זיך צופיעל צורעדט פאר אן אומבאקאנטען מענשען ? ! אפשר איז דער אומבאקאנטער מענש גאר א שפיאן, א זאך, פאר וועלכע מען האט זיך אנגעהויבען היטען דא אין לאנד. יעדענפאלס איז קלאהר, אז די בעדער ווי זיי זיינען איצט וועלען אזוי לאנג נישט בלייבען ... עס וועט אויף דעם פלאץ פון דעם אלטען, פארשטויבטען און צונויפגעווארפענעם כאאס פון שטיי־נער אויפגעשטעלט ווערען א מאדערנע אנשטאלט וואוהין עס ווע־לען קומען נאך הילף ליידענדע מענשען פון אלע עקען וועלט. עס וועלען קומען אהערצו די וואס ווילען שוויצען, דען טבריה איז דער פלאץ, וואו מען קען שוויצען אויף אלע גראדען און וועגען. שוין געהענדיג אין גאס שוויצט דער מענש. וויל ער א גראד מעהר שוויצען, זאל ער בעטען דער פראפעסאר סלושץ ער זאל איהם ווייזען זיינע אויסגראבונגען, וועלכע געפינען זיך טאקע ניט ווייט פון די בעדער אין חמי טבריה. אבער דער ריטכיגער שוויצען הויבט זיך ערשט אן אין די בעדער גופא, גלייך ביים אריינגאנג, ס'איז שטיקענד הייס און אין די בעדער גופא איז דא א ספעציעלער שוויץ צימער, דארט ווערט דערגרייכט דער העכסטער גראד פון שוויצען. דארט רוהט דאס אבסאלוטע שוויצען אליין אין איהר גאנצען ברען אזוי, אז ווען מען געהט פון דארטען ארויס אין דעם הייסען טבריה'ער דרויסען ארויס, דוכט זיך איינעם, אז ער איז אריינגע־פאלען קיין סיביר און ער וועט באלד כאפען א שרעקליכע פאר־קיהלונג פון די קאלטע ווינטען, וואס בלאזען ארום.

עס איז דא נאך א סארט שוויצען, אפשר דער סאמע העכסטער

גראד, וועלכע מען דערגרייכט אין טבריה, ווען מען וויל עפעס פארדינען. אידען, ארום פינף טויזענט נפשות, לעבען דא ארים. די געשעפטען קליין, קבצנ׳יש, אין די קראמען און ווערקשטאטען, די שניידער און שוסטער-ביידלעך, דערמאהנען זעהר שטארק די אלטע שטאדט ירושלים. דאך זאגט מען מיר, אז צווישען די ספרד׳ישע אידען זיינען דא גאנץ פארמעגליכע אידען אבער זיי זיינען קארג און דער ישוב האט פון זייער פארמעגליכקייט גאר נישט. למשל, א העברעאישע שולע פאר קינדער. אזא שטאדט ווי טבריה וואלט געדארפט האבען אויסער די עלעמענטארישע שולע אויך א גימנאזיע. קינדערלעך זיינען דא גראד פאראן א היבש ביסעל, און זינט די חלוקה איז אפגעשאפט געווארען זיינען אפילו די פרומע אידען גענויגט צו לאזען זייערע קינדער לערנען וועלט־ליכע וויסענשאפטען, אזוי לאנג ווי תורה איז שוין מעהר ניט קיין סחורה. א גימנאזיע איז א באדערפעניש אין טבריה, איז אבער די ארימע באפעלקערונג ארים און די רייכע קארג.

געהט מען ארום און מען טרוימט, אז אפשר וועט פראפעסאר סלושץ אויסגראבען עפעס אן אלטע גימנאזיע.

טרוימער און פארוואגעלטע נשמות האב איך אין טבריה גע־טראפען ניט ווייניג. זיץ איך אמאל אזוי ביים ים און סקיציר ארונ־טער דאס שלאכטהייזעל, וואס שטעהט ביים סאמע וואסער. ס׳איז א פיער־עקיג שטיינערנע קעסטעל און דארט שחט מען יעדען פריה־מארגען אפ אלע שעפעלעך און הענער, וואס די טבריה׳ער אידען פארברויכען פאר דעם טאג. ס׳איז באמת ניט זעהר פיעל, דאך איז אין דער פריה דארט טומעלדיג; אין מיטען פון דעם טומעל שטעהט דער שוחט, א שעהנער איד מיט א ווייסען פנים און שווארצע בארד. זעה איך ווי דער שוחט געהט ארויס פון דער שלאכט-הייזעל און לאזט זיך לאנגזאם צו מיר. מיין איך, אז אפשר האט ער עפעס געגען מיין סקיצירען דעם פלאץ. גרייט איך מיך זיך שוין צו צו א פאלעמיקע. ער איז צוגעגאנגען, באגריסט זעהר העפליך, געבעטען ערלויבניש א קוק צו טאן, זיך איינגעגעסען מיט די אויגען, זשעדנע און האסטיג אין מיין צייכענונג, געבעטען וויי־זען נאך עפעס און האט זיך ניט געקענט אפרייסען. איך זעה, אז ס׳איז נישט גלאט נייגעריגקייט. פרעג איך איהם צו האט ער עפעס א שטיקעל ידיעה אין דעם... ווערט דער איד רויט און פאר־לעגען און איז זיך ענדליך מודה, אז ער צייכענט אליין אויך, אז

עם ציהט איהם צו דעם פון קינדהייט אָן, אַז ער וואָלט זעהר גע־וואָלט. אָבער, וואָס קען מען טאָן... פאַמיליע... ער איז שוין געוועזן אין „בצלאל" און גערעדט מיט פּראָפּעסאָר שאַץ און גע־וויזען, און פּראָפּעסאָר שאַץ האָט געלויבט... און וואָס איך דענק וועגען פּראָפּעסאָר שאַץ און צי האָלט איך פון בצלאל ?... און וואָס איז קונסט ? און ווי לעבען קינסטלער ? און פון שלאָבט הויז הע־רען זיך שטימען, מען רופט ער זאָל געהן קוילענען די ניט דער־קוילעטע לעמעלאַך...

ווען איך פלעג ארויסגעהן אין חמי־טבריה מיט מיין סקיצען־ביכעל און זיך אנידערזעצען ערגעץ אויף אַ שטיינדעל גרייט צו ארבייטען, פלעג איך ניט־ווילענדיג צוערשט זיך ארומקוקען צו זעה און ניט דעם בלאָסען אינגעלע מיט די קליינע בלאָנדע פּאה׳לאַך הינטער מיין רוקען.

דאָס קינד איז געווען מיין שאָטען. אַ בלאָסינקער, שטומער, ציטערדיגער שאָטענדיל. וואוהין איך פלעג ניט געהן, און וואוהין איך זאָל זיך נישט פארקלייבען, ער איז אויך דאָ, שטעהט הינטער מיר שטונדען לאַנג, און טרעט נישט אָפּ ביז איך פארמאַך נישט מיין סקיצען־ביכעל. צוערשט האָט דאָס מיר געשטערט דערנאָך האָב איך זיך אזוי צוגעוועהנט, אַז איך האָב געוואַרט, ווען וועל איך איהם שוין הינטער זיך דערפיהלען. איינמאָל האָבען מיר זיך צורעדט און ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע עטליכע שטי־קעלעך פּאַפּיער מיט מענשעלעך בוימעלעך און פויגעלעך... דאָס קינד האָט געפלאָטערט און געוואַרט אויף מיין אורטייל. איך האָב איהם געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך לערנען אַ סך, זעהר פיעל, און אַז „בצלאל" איז דער בעסטער פּלאַץ צו לערנען זיך... ווייזט זיך ארויס, אַז ער איז שוין געווען ביי פּראָפּעסאָר שאַץ און ער פרעגט צי איך האָלט טאַקע פון בצלאל ?

אַזעלכע בענקענדע קינסטלער נשמות האָב איך געטראָפען ניט נאָר אין טבריה, אין דער שטאָדט, וואו גליהענדע קרישטאָל קלאָהרע פאַרבען דרינגען אין מענשליכען געמיטה אריין און בעטען זיך איבערצוגיסען זיי אין קונסט. איך האָב אין גאַנץ ארץ ישראל וואו־הין איך בין ניט פאַרפאָהרען, אין דעם ווייטעסטען פונקט פון גליל, אין קאָלאָניעס און קבוצות, און די די ווערקשטאָטען, אומעטום האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף אַזעלכע יונגע און עלטערע מענשען, וואָס טראָגען זיך ארום מיט שטיקלעך באַמאָלטע פּאַפּיער, טרוימען,

בענקען און זיינען שוין געווען אדער קלויבען זיך צו זיין ביי פראָ־פעסאָר שאַץ און ווילען וויסען דעם אמת וועגען „בצלאל“.

איינמאָל האָב איך זיך אָוועקגעזעצט צייכענען אַ באַקאַליינע קלייטעל, אַ קליין ביידעל מיט עטליכע זעק, און אַ פּאָר קעסטלעך און עטליכע פּוסטע פּעסער. דער גאַנצער „מאַגאַזין“ איז אַ פּיטאַק געווען ווערט און דער אייגענטימער פּלעגט אָפּזיצען שטונדען צווי־שען זיינע „סחורות“ און קיין קונה פּלעגט זיך ניט ווייזען. גראָד, ווען איך האָב זיך גענומען צייכענען איז צוגעקומען אַן אַראָבערקע קויפען עפּעס. האָט ער פּאַרגעסען די אַראָבערקע און איז צוגע־לאָפען צו מיר. וואָס טו איך? איך צייכען?.... מעג ער אַ קוק טאָן? וואו וואָהין איך? און צי מעג ער צו מיר קומען אין אָוונט? ער וויל מיר עפּעס ווייזען און מיט מיר זיך דורכשמועסען. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אידעל, אַ דאַר, שוואַרץ אידעלע, מיט גרויסע ברענענדיגע אויגען, אָנגעטאָן האַלב פרום און האַלב־וועלט־ליך... און פלאַטערט און ציטערט. 8 אַ זייגער אָוונט קומט ער אַריין, בעט מיך איך זאָל איהם מוחל זיין, וואָס ער נעהמט מיין צייט אַוועק, אָבער ער מוז זיין נשמה איינמאָל כאָטש עפענען פאַר אימיצען. היינט האָט זיין ווייב איהם אַ צווייטען קינד געבוירען... ערשט היינט אַ אינגעלע, האָט ער איבערגעלאָזען די ווייב אין קינד־בעט און דאָס ערשט געבוירען קינד און איז צו מיר געקומען זיך דורכרעדען... ער צייכענט, נעמליך, ער האָט אַ בענקעניש... שוין פון לאַנג אָן . . . איך זאָל אָביסעלע צייכענען... איך זאָל איהם אַליין צייכענען. איהם ווילט זיך זעהן, ווי מען צייכענט אין דער אמת'ען... און ווי לעבען קינסטלער, און פון וואָס לעבען קינסטלער, און אַז ער איז נאָך גאָר ניט אַלט, וואָלט געקענט אָנ־הויבען אַ נייעם לעבען... אָבער ווייב און קינד און דאָס גע־שעפט (!!) . און ער כאַפּט זיך אויף, מען דאַרף געהן, דאָך קען ער זיך ניט אָפּרייסען, איהם ווילט זיך נאָך עפּעס וויסען... וואָס רענק איך וועגען פראָפעסאָר שאַץ און בצלאל?

אָרימע מענשען! וואָס וואָלטען זיי געטאָן אָהן פּראָפעסאָר שאַץ און אָהן בצלאל?!

איך האָב זיך אָנגעשטויסען אויף אַן אונגעהויערען גרויסען קינסטלער־דראַנג דאָ אין אונזער לאַנד. די אומגעוועהנליך רייכע אין פּאַרבען און פאָרמען נאַטור, דער קאָלאָסאַלער מאַטעריאַל פאַר קינסטלערישע באַאַרבייטונג, וואָס איז צושפּרייט און צוואָוואָרפען

איבער יעדען ווינקעלע לאָזט די עמפּינדליכע נשמה ניט רוהען. עס בעט זיך: „געשטאַלטע מיך... ברענג מיך צום אויסדרוק, ווייז מיר וואָס איך בין"...

דאָס גאַנצע לאַנד אונזערע ווידערהאַלט אייגענטליך דיזעלבע ווערטער איז אַלע היגזיכטען. דאָס לאַנד פאַרמאָגט אונענדליכע מעגליכקייטען. איך בין געפאָהרען שטונדען לאַנג איבער די לאַנגע, שמאַלינקע וועגען און ס'איז שטיל, קיין נשמה, קיין שטאָדט פאַר מיילען און מיילען און די בערג און די טאָלען און די וואַסערען ליגען און זיפצען: „וואָרום נעהמט איהר אונז ניט? וואָרום ברענגט איהר אונז ניט צום אויסדרוק, וואָרום לאָזט איהר אונז נישט אויסגענוצט?

און דער קליינער קוואַל נעבען דער געביידע פון דער טבריה'ר הייסער באָד שלאָגט זיין הייס־וואַסער און מורמעלט אונטער די־זעלבע ווערטער: „וואָרום פאַרשווענדעט איהר אַזוי מיינע הייסע שטראָמען? וואָרום נוצט איהר מיך ניט אוים? וואָרום ברענגט איהר מיין גאַנצען רייכטום נישט צום אויסדרוק?"...

.1921

# אויפ׳ן קבר פון רבי מאיר בעל הנס

איך האָב געזעהן אַז אמת׳ע געצענדיענסט צו אַ גאָט, וואָס זיין נאָמען איז פייער. דער דאָזיגער געטשקע האָבען געדיענט ניט קיין אַנדערע, ווי אונזערע ברידער אידען, ספּעציעל די ספרד׳ישע אידען. זיי האָבען געדיענט מיט אַלע העויות פון געצענדיענעריי, מיט געשרייען, מיט ווילדען שפּרינגען און טאַנצען אַרום דעם פייער. זיי האָבען זיך אַרויסגעצייגט פאַר יענע האַלב־ווילדע פּאַס־טוכער און קנעכט, וואָס זיינען איבערגעוואַלד אַרויסגעצויגען געוואָרען פון מצרים און וועלכע זיינען גרייט געווען יעדע ווײלע צו פאַרלאָזען יהוה און טאַנצען אַרום אַ שטיק האָלץ אָדער שטיין.

חמי טבריה, וואו דער קבר פון רב מאיר בעל־הנס געפינט זיך, איז אויך דער פּאַסענדסטער פּלאַץ פאַר אַ פייער־געצענדיענסט. ס׳איז דאָרט הייס, עס ברענט. עס לויערט עפּעס אַ מאַנכסטער אי־בער דער שטאָדט און די אויסגעגלעטע בערג און אָטעמט מיט אַ פייערדיג מויל און גלאָצט מיט ברענענדיגע אויגען. טבריה געפינט זיך צוויי הונדערט פוס אונטער דער ים־פלאַך. בלויז דער ים המלח איז נידעריגער. דערפאַר איז דער קלימאַט דאָ אַ שווערער און אַ פייערדיגער. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, דענקט מען דאָ אַנדערש וועגען דער היץ פון טבריה. די שטאָדט ענטוויקעלט זיך, בוים זיך גאַנץ היבש. נאָך תל אביב איז טבריה אפשר די צווייטע אין ניי־צוגעבויטע טיילען, אידישע טיילען. ווייל די אַלטע שטאָדט טבריה, ווי די אַלטע שטאָדט ירושלים, איז ניט איבערצומאַכען. ס׳איז יענער צוּיבערליכער לאַבירינט פון שמאָלינקע, פאַרדרעהטע, רייַ־צענד־שמוציגע געסלעך, וואָס האָבען ניט קיין אָנהויב און קיין סוף ניט; וואָס קאָנען אייך אַריינפיהרען אין אַ שטוב פון אַ ספרד׳־ישען אידען, אָדער גאָר צום ים. אידען בויען זיך אַ ניי שטעדטעל אויסער דער אַלטער טבריה; די האָטעלען האָבען זיך אויסגע־שטעלט אין אַ שורה אויף אַ בערגעל און עס פעהלען ניט קיין געסט, ווי עס פעהלען ניט קיין שטויב און קיין אַראַבער.

יא, שטויב און אראבער! ביידע האב איך זיך זאט אנגעשלונ־
גען און אנגעזעהן פאר די דריי טעג, וואס איך האב דארט פאר־
בראכט. אראבער פון גאר דער וועלט. עס איז איצט פאר דער
שניט־צייט, איז ביי זיי א טראדיציע צו קומען זיך פריהער אויס־
באדען אין די הייסע קוואלען פון חמי טבריה. קומט מען מיט ווייב־
בער, קינדער, אייזלען און קעמלען. פון פריהמארגען ביז שפעט אין
דער נאכט ציהען זיך שורות מיט שטויב־באדעקטע קאראוואנען,
אנגעלאדען מיט אראבערטום. מען קומט צו די בעדער, מען צור־
לייגט זיך מיט די משפחות ארום און ארום און מען פארברענגט א
טאג־צוויי; מען זינגט לאנגזאמע, טרויעריגע, ציקעלדיגע לידער;
מען קלאפט אפ דעם טאקט אויף טאמבורינען; מען נעמט זיך פאר
די הענט און מען שטעלט זיך געדיכט אויס אין א האלבקרייז און
מען טאנצט. אה, דער אראבישער טאנץ איז גאר שעהן! אמת
שעהן! ער איז דער היפוך פון דער הארא. דער הארא־טאנץ איז
דער אויסדרוק פון אימפעט, פון שפרודלענדען איבערפלוס פון
כוחות, ביי דער יוגענד אונזערער. דער הארא־טאנץ איז א ווילדער
ווירבעל ארום און ארום, מיט ברען מיט ערדציטער און הויכען גע־
שריי־געזאנג. הארא איז דער ראסטלאזער יוגענדליכער אימפעט,
די זארגלאזע, אויב איהר ווילט, באסיאצקע מוטוויליגקייט. „וואס
פעהלט מיר און וואס דארף איך!" א האנט אויף דעם חבר'ס אק־
סעל, א טרייסעל מיט דער שווארצער טשופרינע, א טופע מיט דעם
פוס, און אוועק איז די וועלט אין א קרייז. די הארא האט א שטאר־
קען ריטם, אן עלעמענטאר פראסטען, אבער זעהר שטארקען ריטם,
און ווען די הארא צעשפילט זיך ריטיג און די ברוסטען צעעפענען
זיך ברייט און ווייט, און עס רייסען זיך פון דארט ארויס אין טאקט
די פריידיגע געשרייען, און ארום איז אלץ ווי פארגליווערט און אין
דער שטילקייט הילכט דער אפגעשלאסענער ריטם, ווי א טיטאני־
שער האמער איבער א ריזען בארג־שטיין, דאן דערפיהלט איהר
וואס פאר אן אויסדרוק פון ברויזענדער ענערגיע די הארא איז.
די הארא איז פאר מיר אן אויסדרוק פון דעם גאנצען ארץ־ישראל,
וואס ווערט געבויט און געשאפען, און עס ווענדט זיך אן דעם ווי
און וואס עס בויט זיך — אזא הארא
טאנצט זיך דארט. לאכט ניט! אין דעם גדוד האב איך
געזעהן די בעסטע הארא. בעסער ווי אין גדוד פון תל־יוסף האב איך
ניט געזעהן די הארא געטאנצט. אין „עין חרוד" איז שוין די הארא

שוואכער. און אין „מרחביה" טאנצט מען זי גאר נים, אויך נים אין „נהלל".

גאר אנדערש איז דער אראבישער טאנץ. ער איז ווי זייערע לידער — שטיל. מען טאפטשעט זיך אויף איין ארט א ווײלע. איינער מיט א פאסטוך־פייפעל געהט מיט די טענצער און פייפט זיי צו א צארטע, אומעטיגע, אבער זעהר ריטמישע מעלאדיע. איי־נער פון די טענצער כאפט אמאל אונטער מיט ווערטער דאס געזאנג און גאר פאראויס געהט א פיהרער, מיט א שווערד, אדער א טיכעל, און טאנצט פאראויס און די אנדערע טאנצען איהם אונטער. פלוצלינג ווערט דער טאנץ מונטערער, די פיס גיבען זיך א הייב, א טאפ, די פייפעל גיט א כליפ און פון ברוסטען רייסען זיך ארויס קרעכצען, און ווידער ווערט עס שטיל, פארטראכט און זעהר צארט־איידעל. עס טאנצען בלויז יונגען. מיידלעך און ווייבלעך באטייליגען זיך נים. טאנצען שעהנע געשטאלטען, טונקעלע פנים'ער, אין ווייסע טיכער פארדראפירטע; עס גליהען שווארצע אויגען — און עס פארציהט דאס הארץ.

דאס איז שוין נים קיין טאנץ פון אימפעט. ס'איז א טאנץ פון א בענקענדען געמיט. מיר געפעלט זעהר דער אראבישער טאנץ, ווי עס געפעלט מיר דאס אראבישע ליעד — האב איך זיך אנגע־הערט און אנגעזעהן פאר די טעג ארום די בעדער פון חמי טבריה.

און א שטויב האבען זיי אויפגעהויבען א שרעקליכען. דער שטויב פון טבריה איז דין און גרוי און ליינט ער זיך אנידער אויף א בלאט פון א בוים, ווערט עס זילבער־גרין. דערפאר זעהען אלע אליוועז־ביימער אויס גרוי און די קאקטוס־ביימער האבען צוויי פארבען: גרוי זיינען די גרויסע בלעטער, וואס זיינען צוגעווענדט צום שטויב, און פריש־גרין מיט דער זייט פון בלאט, וואס איז אנטקעגען דעם שטויב. שטויביג זיינען די פיס, די ברוינע נאקעטע פיס פון דעם ברוינעם אראבער, שטויביג אויך די קאפאטע פון דעם ספרד'ישען אידען.

ספרד'ישע אידען זיינען אהער געקומען גלייכצייטיג צו באדען זיך אין די הייסע בעדער און דורכצומאכען די „הדלקה", דעם פייער־יאהרצייט הייסט עס, פון רב מאיר בעל־הנס. מען קומט פון ווייטע ערטער, אזש פון דמשק. מען קומט, ווי די אראבער קומען, מיט ווייב און קינד, מיט בעטגעוואנט, מיט גאנצע באלעבאטיש־קייטען. ווייל די רייזע איז א לאנגע און מען קומט אויף עטליכע

טעג, אמאָל אויף אַ גאַנצער וואָך. מען קומט מיט פאַרשיידענע כונות. מען גלויבט שטאַרק אין די נסים פון דעם טויטען רב מאיר, ספּעציעל אין זיין כח צו העלפען קינדלען. און נאָך קומט מען אַהער מיט פאַרשיידענע צרות, מיט קרענק, מיט וועהטאָגען, מיט ספקות, און אַרום דעם גרויסען פייער, וואָס ווערט אָנגעצונדען, ווערט אַלץ אויסגעלויטערט. דאָס איז געווען מיטוואָך, פאַר ל״ג־בעומר. די שטאָדט טבריה האָט געקאָכט מיט אָנקומענדע געסט. אַלע האָטע־לען זיינען געווען פאַרנומען, אַלע בעטען באַלייגט. אַרום דעם קבר פון דעם צדיק האָט עס געקאָכט. אינעווייניג איז ניט געווען שוין פאַר עטליכע טעג וואו אַ פוס אַנידערצושטעלען. די ספרד׳ישע אי־דען, וואָס פאַרוואַלטען דעם קבר און די גאַנצע גרופּע הייזער אין הויף, האָבען געריסען צו עטליכע פונטען פאַר יעדען שטיקעל פּלאַץ, וואָס אַ ספרד׳ישער איד האָט געבעטען פאַר זיך און זיין פאַמיליע. מען איז געלעגען אויף דער ערד, דאָ טאַקע געקאָכט און געגעסען. ס׳איז געווען ווי אַ לאַגער פון אַרויסגעטריבענע, פאַרוואָגעלטע. עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי אַ גרויס אומגליק וואָלט מיט אַ פאָלק געטראָפען, אַ שרעקליכע שרפה פּאַסירט, און ניט אַ יום־טוב. ביי־נאַכט, ניין אַזייגער, האָט דער פייער געדאַרפט אָנגעצונדען ווע־רען און אַרום דעם פייער וועט מען דערנאָך טאַנצען אַ גאַנצע נאַכט. אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג האָט מען זיך פון טבריה אַ לאָז געטאָן, אידען מיט ספרי־תורה׳ס... איבער די תורה׳ס זיי־נען געווען באַלדאַכינען און פאַראויס זיינען געגאַנגען ברוינע, זונ־דערבאַרע אידען און האָבען געטאַנצט אַן עקזאַלטירטען טאַנץ, מאַ־כענדיג מיט די מאָגערע, ברוינע הענט אין דער לופטען, אָדער ווע־הענדיג מיט רויטע טיכער, און פון אַלע זייטען האָבען זיך געצוי־גען מענשען אין גרויסע מאַסען און אַלץ אַהינצו, צום קבר, צו דעם קומענדען פייער־פעסט.

מערקווירדיג איז אויך דאָס, וואָס די אַראַבער האָבען זיך גאַנץ לעבהאַפט באַטייליגט אין דעם גאַנצען יום־טוב. זיי זיינען געווען אין דעם געדרענג, זיינען אין קבר אַריין, פלעגען צוזאַמען מיט אי־דען שטעהן ביים קבר פון צדיק. אין דרויסען, אין הויף, ווען אַ טור־צענד אידען האָבען שוין מעהר זייער התפעלות ניט געקאָנט איינ־האַלטען און האָבען זיך פאַר די הענט גענומען און טאַנצען אַוועק־געגאַנגען, זיינען אויך די אַראַבער ניט געשטאַנען פון דערווייטען און האָבען זיך אין דעם קרייז אַריינגעפלאַכטען און מיטגעהעפּקעט.

איך האָב באמת ניט געקאָנט אונטערשיידען צווישען אַ אידען און אַן אַראַבער, כ׳מיין אַ ספדר׳ישען אידען. דיזעלבע קליידער, דיזעל־בע פּנימ׳ער, דיזעלבע שפּראַך, היינט געה ווייס וואו ס׳איז אַ איד און וואו אַן אַראַבער! דאַך ווען ס׳איז געקומען צום ריכטיגען טאַנ־צען און די אַראַבער האָבען זיך פאַרזאַמעלט און אַליין אַ טאַנץ גע־עפענט, האָט מען גלייך דערזעהן ווער איז ווער. די אַראַבער זיינען אַוועק זינגען און טאַנצען יענע אייגענטימליכע לידער און טענץ, וואָס קיינער קאָן ניט נאָכמאַכען... דערנאָך זיינען געקומען אַראַ־בישע גאַסען־פרויען... ערשט איצט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז טבריה פאַרמאָגט פון דעם דאָזיגען מין. זיינען זיי געקומען אָנ־געשמירטע, אויפפּאַלענדע, האָבען צוערשט אָפּגעגעבען כבוד דעם צדיק, אָנגעצונדען אַ ליכטעל ביי זיין קבר, אַ טרעהר פאַרגאָסען אויף זייער יונג־צעבראָכען לעבען, דערנאָך האָבען זיי זיך צוזעצט אין דרויסען אין אַ שורה און געוואַרט אויף קונדען... און אַרום זיי האָט זיך פאַרזאַמעלט די אַראַבישע יונגוואַרג, כאַפּענדיג אַ זינ־דיגען בליק און שמועס.

עס ווערט שוין טונקעל... ליכטער צינדען זיך אָן. איבער דעם גאַנצען וועג פון טבריה ביז חמי־טבריה ציהען זיך פוהרען, אויטאָמאָבילען, רייטער, פוס־געהער, מ׳געהט אָהן אויפהער, און אַרום דעם פּלאַץ ווערט אַלץ געדיכטער. איך האָב זיך מיט מיין סקיצען־ביכעל דורכגעשטופּט אַזש ביז׳ן קבר און זיך אַנידערגע־שטעלט קוקען. און דאָס, וואָס איך האָב געזעהן איז ווי אַ ווילדער, וויסטער חלום געווען. מען האָט געשריען און געיאָמערט און שטראָ־מען טרעהרען געגאָסען... פרויען און מענער אַלץ איינס. פרויען אַ ביסעל העכער און יאָמערדיגער. מען האָט דעם שטיין געקושט, איהם מיט טרעהרען באַנעצט, געלע קליינע ליכטלעך געצונדען; גראַ־שען געצאָהלט, רעכטס און לינקס, דען מען האָט געריסען די פּאַ־לעס. די שמשים, די אויפזעהער און גלאָט בעטלער האָבען ניט גע־לאָזט רוהען... און די ווייבער, זיי האָבען צעטעלעך געשריבען מיט זייערע בקשות און האָבען צום שטיין פון דעם צדיק׳ס קבר געוואָרפען. איינס אַזאַ צעטעל האָט פאַרבלאָנדזשעט און איז גע־פאַלען לעבען מיר. איך האָב עס אויפגעהויבען און איבערגעלעזען. עס איז געווען אַ ביטע וועגען כאָטש איין קינדעלע... געשריבען איז דאָס געווען מיט גרויסע בוכשטאַבען, דער אַלטער צדיק זאָל עס גרינג קענען דורכלעזען... ס׳איז אָבער ניט באַשערט געווען

דער צדיק זאָל עס לעזען, נאָר איך, און ניט האַבענדיג דעם צדיק'ס כח וועל איך דער פרוי מיט גאָרנישט ניט קענען העלפען. זי וועט שוין מוזען בלייבען קינדערלאָז ביז איבער אַ יאָהר, ביז דער נעכ־סטער הדלקה...

ס'איז געוואָרען נייען אַזייגער. די נאַכט איז שוואַרץ, געדיכט. דערשטיקט צו ווערען. אינמיטען הויף שטעהט אַ שטיינערנער זייל, אויבען, אויף'ן זייל איז אַ גרויסע, שטיינערנע שיסעל, דאָר־טען לעגט מען אַן שמאַטעס. מען באַגיסט זיי מיט אויל, אויבען ווידער שמאַטעס, דורכגעווייקט מיט נאַפט און ברענענדיגען שטאָף. עס קלעטערט ארויף אַ ספרד'ישער שמש מיט אַ פייער און הויבט עס אַן אָנצינדען. דער עולם לאָזט ארויס אַ ווילדען פרייד־געשריי. דער פייער כאַפּט זיך אָן, הויך פלאַמט עס אויף און גרויסע פייער־צונגען ציהען זיך צום שוואַרצען הימעל. מען וואַרפט אין פייער ווער עס האָט נאָר וואָס, טיכער, קליידער... עס הילכט אַרום, עס הויבען זיך הענט, פיס, עס רייסען זיך ברוסטען און העלזער, מען נעמט זיך פאַר די הענט און מען לאָזט זיך אַרום דעם פייער מיט אַזעלכע זונדערבאַרע אויסגעשרייען, אַז איך קוק זיך אַרום און פרעג מיך: וואו בין איך דאָ? אין וועלכע טיילען ווילדער אַפריקע האָב איך פאַרבלאָנדזשעט? ביי וועלכע האָטענטאָטען וועט מען מיך היינט אָפּבראָטען און אויפעסען... איך האָב זיך אַרומגע־קוקט, אַלץ אויפגערעגטע, פאַרפלאַמטע פנימ'ער מיט רויטע פייע־רען אין די אויגען, מיט אַ לעכצען צו דער דאָזיגער עבודה־זרה. אַ גאָט, וואָס זיין אָטעם איז היים און זיין בליק איז ברענענד... פון דעם קבר טראָגען זיך קלאָגען און געוויינען פון די, וואָס גיסען זייער קוואָל טרעהרען אויס און בעטען הילף און געזונט ביים צדיק. אויב די'הייסע בעדער וועלען זיי דאָס ניט געבען, און דרויסען שטעהט אַ ווילדער, עקזאַלטירטער יובעל־געשריי... מישען זיך די צוויי כאָרען און ווערען אין פייער צעשמאָלצען...

איך זעה חלוצים זיינען אויך געקומען... זיי קומען איבעראַל. איבעראַל זעהט מען זייערע יונגע, נייגעריגע פנימ'ער און איבעראַל זיינען זיי גרייט אַריינצוברענגען זייער ענטוזיאַזם. אויך דאָ, אויף אַ גאָר פרעמדער, צו זייער גייסט, שמחה, האָבען זיי פאַרזוכט זיך אַריינצופלעכטען. מען האָט זיך אַריינגעמישט מיט די ספרד'ישע האָריגע, שוואַרצע, צעפלאָכטענע, נישטראַאיגע אידען... אָבער דער טאַנץ איז ניט געלונגען... ס'איז ניט זייער אַטמאָספערע

געווען, זיי האבען זיך ניט אריינגעפּאסט און איגגיכען זיינען זיי נאָר אנטשוויגען און שטיל געווארען...

און דער עולם איז אלץ נאָך געקומען פון טבריה. וואָס זאָג איך פון טבריה, פון אלע ארומיגע און וויטערע מקומות. די וואקכאַ־נאַליע ארום דעם פייער איז געוואקסען, און ווען איך האָב זיך ערשטוינט געווענדעט צו מיין שכן און געזאָגט: „וואָס טוט זיך דאָ?" ענטפערט ער מיר: „דאָס איז נאָך גאָרניט! אָט אין מירון, ביי צפת, ביי דעם קבר פון רב שמעון בן יוחאי אויף ל"ג־בעומר, אָט דאָרט וועט זיך ערשט קעהרען וועלטען".

.1924

# אויפ׳ן קבר פון שמעון בן יוחאי

צפת איז זיכער איינע פון די שעהנסטע שטעדט אין ארץ־ישראל. באַשרייבען איהר שעהנקייט איז איבער מיינע כחות. איך קאָן בלויז זאָגען, אַז צפת איז אַזוי שעהן, ווי די צפת׳ער מיידלעך, וואָס מיט זייער שעהנקייט קלינגט די גאַנצע וועלט. אָבער צפת האָט נאָך אַן אייגענשאַפט: זי איז די פרומסטע שטאָדט אין ארץ־ישראל. באַדייטען דאָך די דריי בוכשטאַבען פון דעם וואָרט „צפת": ציצית, פאות און תפילין.

צפת איז פאַרטאָן אין פרומקייט. אפשר דערפאַר זיינען איהרע געשעפטען אַזוי צרה׳דיג. זעהט איהר צוויי אידען געהען אין גאַס און רעדען, קאָנט איהר זיין זיכער, אַז זיי רעדען ניט וועגען מסחר, נאָר וועגען אַ דין, אַ פשט, אַ פסוק... זיצען אידען אויף אַ באַנק ביי דער טיר און רעדען, איז דאָס וועגען אַ חסידישע מעשה, אָדער אַ מופת, וואָס האָט פאַסירט, אָדער אַזוי אַ טשיקאַווע זאַך פון אַ הייליגען מין, אָבער ניט קיין וואָכעדיגע פּלוידערייען. צפת איז דורך און דורך גייסטיג... איבער דער שטאָדט שוועבט אַ מיסטי־שע שטימונג; גייסטער טראָגען זיך איבער איהרע בערג, און זייער ליעבלינגס־פּלאַץ איז מירון, — דאָרט וואו ס׳געפינט זיך דער קבר פון רב שמעון בן יוחאי. פון צפת אויס זעהט זיך מירון גאַנץ דייטליך. אין אַ משך פון צוויי־דריי שעה קומט מען פון צפת קיין מירון רייטענדיג. אויף דעם הויכען באַרג פון מירון געפינט זיך ניט בלויז דער קבר פון רב שמעון בן יוחאי, נאָר נאָך אַ גאַנצע גרופּע קברים, אַלץ פון גרויסע מענשען.

דאָנערשטאָג איז געווען ל״ג־בעומר. גאַנץ פריה ביז איך אויפ־געשטאַנען, געדונגען אַן אַראַבער מיט זיין פערד פאַר צעהן פּיאַס־טער און מיט נאָך הונדערטער אַנדערע רייטער און פוסגעהער זיי־נען מיר אַוועק אַלץ אַרויף און אַרויף. דאָס וואָס מיין שטילינקער בעה־דעל איז אינמיטען וועג צווישען שטיינער און גריבער מיט אַמאָל ווילד געוואָרען, האָט אָנגעהויבען שפּרינגען אין אַ ווילדען

נאַלאַפּ, מיט'ן פּעסטען באַשלוס מיך אַראָפּצואוואַרפן, — דאָס איז נאָר אַ זייטיגע באַמערקונג. איך וויל נאָר זאָגן, אַז ווען מיר זיינען געקומען אויפ'ן אָרט זיינען מיינע גלידער געווען שטאַרק פאַנאַנדערגעשרויפט. איך האָב זיך געוואָלט ערגיץ צוזעצן, אָפּרוהען, ניטאָ וואו. מענשען, פערד, אייזלען, ווייבער, קינדער... געדיכט... אַראָבער שרייען, שטופּען זיך, באָטען אַז עסען, טרינקען, שלעפן, טראָגען... פון וואַנען האָבען זיך גענומען אַזוי פיעל פערד און אייזלען? ! ענדליך האָב איך אין הויף פון'ם קבר געפונען אַ הויכען שטיין, זיך אַנידערגעזעצט, אַרויסגענומען מיין סקיצען־ביכעל גרייט עפּעס צו צייכענען. ווי איך זיץ אַזוי, הער איך אַ שטים:

„פע, ניט שעהן... ס'איז אַן אומכבוד... געהט אַרונטער, זייט מוחל..."

ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין געזעסען אויף אַ קבר פון עפּעס אַ צדיק... איך פאַלג גלייך און קריך אַרונטער און ענטשולדיג זיך. פון וואַנען זאָל איך וויסען? דער איך דערזעהט מיין אומשולדיג פּנים, ווערט ער פריינדליך צו מיר און פרעגט: „פון וואַנען איז אַ איד?" — „פון אַמעריקע". באַלד אַז פון אַמעריקע איז — אַ שלום־עליכם... ס'איז אַ קאַמישע זאַך: ערשט ווען נאָר מען דערהערט, אַז אַ איד קומט פון אַמעריקע דערלאַנגט מען איהם שלום־עליכם. פריהער ניט... און דער איד האָט זיך צערעדט וועגען די וואונדער פון דעם פּלאַץ, וואו מיר געפינען זיך איצט...

„ווייסט איהר וואָס פאַר אַ גרויסער און זעלטענער טאָג היינט איז? היינט האָבען זיך צוליעב דעם כבוד פון דעם גרויסען רב שמעון צונויפגעקליבען אַרום זיין קבר די נשמות פון אַלע צדיקים. זיי זיינען אַלע דאָ, איהר הערט? דאַרום האָבען אידען היינט אַ געלעגענהייט נאָהענט צו קומען צו יעדען פון זיין באַליעבטען צדיק... וואָס ווייסט איהר די ניסים, וואָס קומען דאָ פאָר! אַנומעלט איז אַהער געקומען אַ פּאָרטוגעזישער איד מיט זיין ווייב בעטען ביי רב שמעון וועגען קינדער. רייך איז ער געווען, געזונט אויך, אָבער קינדער האָט איהם גאָט ניט געגעבען. איז ער געקומען אַהער און אַ נדר געטאָן, אַז אויב גאָט וועט זיין ווייב בענשען מיט אַ זוהן, וועט ער איהם צו דריי יאָהר קומען אָפּשערען די האָר אין מירון, ביים קבר פון דעם הייליגען רב שמעון. און אַזוי איז געווען. זיין ווייב האָט איהם אַ זוהן געבוירען און אין דריי יאָהר

ארום איז ער געקומען מיט ווייב און קינד און פריינד און מען האָט דאָ אַ הוליע געטאָן כיד־המלך. ווי מען איז געזעסען און געטרונקען און גערעדט, האָט זיך דערווייל דאָס קינד פאַרשפּילט, איז צוגע־גאַנגען צום שטיין הינטער'ן קבר און איז אַראָפּגעפאַלען. איהר דאַרפט וויסען, אַז פון אַזאַ פאַל בלייבט מען ניט לעבען. מען האָט דערהערט דעם פאַל און מען האָט זיך געכאַפּט: וואו איז דאָס קינד? אהין, אהער, מען האָט דאָס קינד אַ טויטען אַרויסגעטראָגען. אַ געוויין, אַ קלאָג האָט זיך אויפגעהויבען, סטייטש, אַזאַ בושה! ווי וועלען די עלטערען זיך אומקעהרען אהיים אליין? געקומען מיט אַ לעבעדיג קינד, נעמט גאָט און טויטעט עס... זיי וועלען זיך דאָס לעבען נעהמען... דער צדיק מוז זיי דאָס קינד צוריק לעבע־דיג מאַכען... נעמט מען דאָס קינד און מען לייגט עס אַנידער אויף דער שוועל פון'ם קבר. מען הייסט דעם עולם זיך צוגעהן און די אידען פון דער ישיבה מיט'ן רב האָבען זיך אַנידערגעזעצט תהלים זאָגען. איין מאָל, צוויי מאָל, און אַז מען איז געקומען אָנ־קוקען דאָס קינד נאָכ'ן דריטען תהלים־זאָגען, האָט מען איהם גע־פונען רופענדיג דעם פאָטער... און אַז מען האָט זיי געוויזען זייער לעבעדיג קינד, איז די פרייד געווען גאַרניט צו באַשרייבען. ערשט דאַן האָט מען זיך צוהוליעט! וואָס ווייסט איהר, די ניסים, וואָס דאָ קומט פאָר!"

ביינאַכט, ווען די פייערען האָבען געברענט און די גאַנצע מענ־גע מענשען זיינען געווען אַרומגעכאַפּט פון יענעם ווילדען עקסטאַז פון טאַנץ אַרום פייער, האָב איך דערהערט זאָגענדיג, אַז אין דער נאַכט, אויב אַ פרוי פאַרגעהט אין טראָגען, האָט זי געראָטענע קינ־דער.

און ווער וויל זיך דאָס פון געראָטענע קינדער אָפּזאָגען?...

איך בין די נאַכט דאָ געבליבען, כדי אויף מאָרגען צו זעהן ווי מען שעהרט אָפּ דריי־יעהריגע קינדערלאַך צום ערשטען מאָל. פרומע אידען שעהרען ניט זייערע אינגעלעך ביז דריי יאָהר, און גאָר פרומע ברענגען זיי אהער פון די וויטסטע שטעדט, און אויף מאָרגען פריה, זעקס אזייגער, שעהרט מען די קליינינקע אידעלעך און מען שניידט צו פּאות'לעך צום ערשטען מאָל. און ניט־האָבענ־דיג וואו צו שלאָפען, האָב איך אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער דעם גאַנצען פּלאַץ, אַריינקריכען אין אַלע לעכער, באַזוכען אַלע קברים, וואַרימען זיך ביי יעדען קרייז. ענדליך האָב איך זיך אַריינגע־

שטופּט איז אַ קרייז עקזאַלטירטע בערד. מען האָט געשריען:
„אשריכם, אשריכם, אשריכם ישראל!" נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל:
„אשריכם, אשריכם!" און פאַר די הענט און אַרום און אַרום:
„אדוננו בר יוחאי! אדוננו בר יוחאי!" און ניט מערקענדיג אַליין
ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, האָב איך זיך געכאַפּט אַרומגענומען מיט
אַ לאַנגער, ברוינער באָרד פון איין זייט און אַ קורץ, שוואַרץ אי־
דעל פון דער צווייטער זייט, און מיר אַלע דריי האָבן געטאַפּעט
און געשפּרונגען און געזונגען: „אשריכם ישראל, אשריכם!" ס'איז
שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, אַרום דריי אַזייגער... די
פייערן פון דער „הדלקה" האָבן שוין אָנגעהויבן אויסגעלאָשען
צו ווערן און אויך די פייערן אין די בלוטען זיינען שטילער גע־
וואָרן. מען איז מיעד געוואָרן און מען איז צעפאַלען שלאָפן.
ווער אויף אַ שטיין, ווער אויף דער הוילער ערד. עס האָט אויסגע־
זעהן אַזוי ווילד און פאַנטאַסטיש! אַ שוואַרץ טונקעלע נאַכט, פייע־
רען און פייערלאַך מישען זיך מיט פינקעלדיגע שטערן... אַ
שטיינערנע פעלד, בערג איבער די שטיינער... סילועטען פון
דרימלענדע פערד און אייזלען, און צווישען שטיינער איינציגווייז,
פּאַרווייז, צעהנדלינגערווייז, צונויפגעפּלאַכטען, צונויפגעקאָרטשעט
ליגען מענשען און מען שלאָפט. צייטענווייז האָט זיך מיר אויס־
געוויזען, אַז איך געה אַרום צווישען טויטע... די אילוזיע איז גע־
וואָרן נאָך שטאַרקער, ווען איך בין אַריין אין קבר פון רב שמעון
בן יוחאי און דערזעהן די שלאָפענדיגע איבער דער ערד באַלויכטעט
מיט האַלב אויסגעלאָשענע געלע ליכט. דער קבר איז צעטיילט אין
צוויי צימערען. אין איין צימער ליגט דער צדיק, אָבער בלויז מיט'ן
קאָפּ, די פיס קומען אַרויס איז אַ צווייטען צימער. אין דעם צימער,
וואו די פיס ליגען, געפינט זיך אויך דער קבר פון זיין זוהן אליעזר.

עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע זיינען געשלאָפען. אָבער
אין אמת'ען זיינען די איינגעבויגענע זיצענדע און צוגעשפּאַרטע
פיגורען פון מענער און פרויען בלויז געווען פאַרגליווערט, אָבער
וואַכעדיג און פון זייערע מיילער האָט זיך געצויגען אַ שטילער, די־
נינקער געוויין, ווי אַ געוויין פון מידע קינדער... עס איז געווען
ווי אַ שטיל ווינטעל צווישע דינע צווייגען. דער דינער יאָמער האָט
זיך געצויגען און געדרעהט, און עס האָט אויסגעזעהן, ווי דאָס
וואָלט געוויינט די שכינה אָדער די נשמה פון דעם צדיק...

עס האָט אָנגעהויבען ליכטיגער צו ווערען. דער מזרח האָט זיך

אנגעהויבענע רויטלען... די „טויטע" האָבן אָנגעהויבן לעבעדיג ווערן... . די זון איז אויפגעגאַנגען און צוזאַמען מיט דער זון האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט דער גאַנצער געפילדער און וואַק־כאַנאַליע. ווידער געזאַנג און ווידער טענץ... מענשען האָבן גע־זוכט וואַסער צום וואַשען. מענשען האָבן געזוכט עפּעס צו עסען. מענשען האָבן געזוכט אַ פּלאַץ פאַר נאַטירליכע באַדערפענישען... גיטאַ! אַזוי ניט צו זאָרגען פאַר די נויטען פון פינף־זעקס טויזענט מענשען, וואָס זיינען געקומען, איז איינפאַך פאַרברעכע־ריש...

רבי שמעון בן יוחאי האָט אָפּגעלעבט דרייצעהן יאָהר אין אַ הייל. פּאַרטיפט אין קבלה. ווען ער איז אַרויס, גרייט אויסצופּרובען דעם פּראַקטישען כח פון דער קבלה, האָט ער דער־הערט אַ בת־קול פון הימעל, אַז ער זאָל זיך אומקעהרען... איז ער צוריק אַוועק אין זיין הייל און דאָרט געלעבט ביז'ן סוף פון זיינע טעג. וואָס־זשע האָט ער געגעסען און געטרונקען זיצענדיג אין הייל? שטעהט דאָ אַ באָקסער־בוים, פון וועלכען ער האָט גענו־מען באָקסערען, און אונטען לויפט אַ וואַסערל, דאָרט האָט ער געטרונקען. ביידע זאַכען ביז איך געגאַנגען אָנקוקען... אין וואַ־סערל האָב איך זיך אָפּגעוואַשען. אַ פריש, ריין וואַסערל און דער טאָל איז וואונדערשעהן. אויבען אויף דער אַנדער זייט געפינט זיך דער קבר פון שמאי און זיינע תלמידים און אַנטקעגען דער קבר פון הלל מיט זיינע תלמידים. איינער אַנטקעגען אַנדערען זיינען זיי געשטאַנען אין לעבען, איינער אַנטקעגען צווייטען ליגען זיי אויך טויט... אָבער הלל האָט אַ גרעסערען און שעהנערען קבר. און צו איהם שטראָמען קינדער פון ישראל אין פיעל גרעסערע מאָסען, ווי צו שמאי. ס'שיינט, אַז הלל איז מעהר באַליעבט... אַ ווייבע־רער... אַ מענשליכערער...

מיט אַמאָל דערזעה איך פּראָפעסאָר ס'... „ליעבער פּראָפע־סאָר — שריי איך אויס — ערלויבט מיר זיך אַנצואוואָרימען אין דעם ליכט און פייער פון אייער אַרכעאָלאָגישען וויסען. ערקלערט מיר, ווי קומען אַהער אַזוי פיעל קברים?"

אויף דעם פּנים פון דעם פּראָפעסאָר האָט זיך באַוויזען אַ דינער שמייכעל:

„איך האָב מורא — זאָגט ער — אַז אייך וועט אָנהויבען פרי־רען ביים ליכט פון מיין וויסענשאַפט — ווייל אייך וועט קלאָר

ווערען, אז ס'איז אן אבסורד אנצוזנעהמען, אז הלל און שמאי האָ־
בען דאָ זייערע קברים..."

און בכלל...

„מען שעהרט, מען שעהרט!" — האָב איך דערהערט רופענ־
דיג. איך בין אַוועק צום הויף פון רב שמעונ'ס קבר און דערזעהן
א טאַנצענדען קאַראַהאַד. עלטערען האבען אויף די אַקסלען געטראַ־
גען זייערע דריי־יעהריגע אינגעלעך מיט לאָקען שווארצע און בלאָנ־
דע, נאָך פון קיין שעהר ניט באַריהרטע, געטאַנצט און געשפּרונגען
און געשריען און הערנאָך אין קבר אַריין. דאָרט זיינען אידען שעה־
רער מיט שעהרען געשטאַנען און פריזירט די קליינע לעמעלעך...
דאָס איז באמת געווען ריהרענד. איך בין געשטאַנען און געקוקט
ווי פּאה'לאַך ווערען געבוירען... און דאָס ניי־געבוירען פּאה'לע
האָט געהאַט דעם זיבעטען חן... דער טאַטע האָט געקוואַלען פאַר
פרייד און מיט'ן קינד אויף די אַקסלען זיך אַוועקגעלאָזט א טענ־
צעל... און ווידער האָט זיך אויפגעהויבען א וואַקכאַנאַליע...
„לפני מי אתם מטהרים... ומי מטהר אתכם?" שרייען אידען,
און עס טרייסלען זיך בערד און עס ציטערען די ליפּען און עס טור־
פּען די פּיס... „השם יתברך מטהר אתכם..." ענטפערען אידען
און נאָך העכער שרייען אידען און נאָך שטאַרקער טרייסלען זיך
בערד.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אויפ'ס ניי...

1924.

# חברון

פון חברון בין איך אוועקגעפאהרען מיט אן אומעטיגע שטי־מונג. עס האט מיר דאס הארץ וועה געטאן אויף דעם קליינעם צאנ־קענדען און אויסגעהענדען אידישען ישוב. און דעם ישוב ווילט זיך אזוי ניט אפשטארבען און ער בעט זיך, און ער שטרעקט אויס די הענט צו יעדען פארבייגעהענדען: העלפט, ראטעוועט, זעהט עפעס צו טאן פאר אונז, אז ניט געהען מיר אויס, נאך א יאהר, נאך א טאג און חברון וועט אין גאנצען זיין אהן א איד און מיר וועלען איינגאנצען פארלירען צו די אראבער איינע פון די מערקווירדיג־סטע שטעדט אין דער וועלט. און קענען מיר זיך דען ערלויבען צו ווארפען מיט שטעדט? האבען מיר דען איבערהויפט אזוי פיעל שטעדט אין ארץ ישראל, אז מיר זאלען זיך קענען פארגינען פאר־לאזען א שטאדט?

אידען פארלאזען חברון איינציגווייז אדער גאנצע פאמיליעס. פריהער זיינען געווען טויזענט, אפשר גאר צוויי טויזענט נפשות, היינט־צו־טאג זיינען קוים דא פינף הונדערט נפשות. ניטא פון וואס צו לעבען. די אראבער, פון וועלכע מען האט אמאל געקענט עפעס פארדינען, עפענען זיך היינט אליין קלייטלאך און גיבען דעם אידען א גראשען ניט צו לייזען. מען קויפט און מען פארקויפט צו זיך אליין. און אז אידען זאלען לעבען פון צווישען זיך, איז דער ישוב צו קליין. צולויפען זיך אידען ווער אין ירושלים, ווער אין יפו און ווער קיין אמעריקא. און זיי טוען דאס נישט גערן, ווייל זיי האבען ליעב חברון און וואלטען איהר געטריי געבליבען ביז'ן לעצטען טאג, ווי עס וועלען אויך טאן מאנכע חברונ'ער: ביז עס וועט נאר זיין די קלענסטע מעגליכקייט וועלען זיי דעם ישוב ניט פארלאזען.

וואס־זשע הייסט ביי מאנכע די לעצטע מעגליכקייט?

אט, למשל, קלאגט זיך פאר מיר דער איינענטימער פון דעם האטעל „אשל אברהם", א קלוגער איד, אן איבערגעבענער חברונ'־

יסט, אז ס'איז שווער צו לעבען פון זיין האטעל. די ארטיגע אידי־שע באפעלקערונג איז ארים און קומט קיינמאל ניט אריין עסען א מאלצייט אין א האטעל, און רייזענדע זיינען ווייניג. דאך וועט ער אויסהאלטען אזוי לאנג א איך קען אויסהאלטען. „אבער לאזען נאך פינף פאמיליען פארלאזען חברון, זאגט ער, וועט די פרומע אידי־שע געמיינדע ניט קענען אויסהאלטען איהר שוחט, און אז אין חברון איז ניטא קיין שוחט, איז נישטא קיין ישוב, ווייל דער קליי־נער ישוב באשטעהט פון גרויסע פרומאקעס. דאסזעלבע איז אויך מיט די שוהלען. זאלען נאך עטליכע פאמיליעס אוועק פון חברון וועט זיין אוממעגליך אויפצוהאלטען לעהרערס, איז אויס שוהלען — אויס ישוב. אט פון אזעלכע זאכען העננט אפ די עקזיסטענץ פון חברון".

חברון געהט פאר דעם אידישען ארץ ישראל פארלוירען אויב עס וועט עטוואס ניט געטאן ווערען. וואס־זשע קען געטאן ווערען? אט וואס.

חברון ליגט צימליך הויך, די לופט איז דארט פריש און זיס, ס'איז איינער פון די בעסטע קלימאטען פון לאנד. פון מאלאריע און אנדערע קראנקהייטען, ווייס מען דארט נישט. וואסער איז דא א סך און גוטע וואסער אויך. ווארום נישט אוועקשטעלען דארט א סאניטאריום פאר קראנקע? א זאך וואס די הדסה וואלט געקענט און געזאלט טאן, אויב קיין אנדער ארגאניזאציע פיהלט זיך ניט בכוח דאס צו טאן. עס וואלט קיין חברון געקענט אוועקגעשיקט ווערען די פיעלע הונדערטע אידישע יתומים פון אויסלאנד און גרינדען דארט אן אנשטאלט פאר זיי. דאס וואלט אריינגעבראכט כאטש א קליינעם אבער פרישען שטראם לעבען. אבער די הויפט־זאך וואס עס וואלט געדארפט געטאן ווערען איז גרינדען א פאר קאלאניעס אדער קבוצות לעבען חברון און טאקע אויף מזרח זייט חברון, כדי זיי זאלען טאקע נישט קענען אויסמיידען חברון. דאס וואלט געראטעוועט דעם אידישען ישוב. ווייל דארט וואו א קבוצה גרינדעט זיך, הויבט זי באלד אויף דאס לעבען פון די נאהענטע מקומות.

טבריה, למשל, איז אויפגעלעבט, א דאנק די אלטע קבוצות וואס געפינען זיך ארום איהר. חברון האט זעהר גוטען באדען ארום. אמת, ער ליגט אין אראבישע הענט און עס איז אפשר שווער ארויס־צוקריגען, אבער אז מען וויל קען מען אלעס. דער באדען איז גע־

זונט און פעט, קיינע זומפּען, וואָס פאַרלאַנגען מענשליכע קרבנות ביז מען טריקענט זיי אויס און מען מאַכט זיי פריי פון קדחת. קורץ, מען וואָלט געקענט ראַטעווען חברון אויב מען זאָל וועלען. נויל מען אָבער ניט, אָדער מען האָט גרעסערע זאָרגען. און מען קומט אָפּ מיט צוזאָגען און חברון געהט אויס, עס צאַנקט ווי אַ ליכטעל, אַט, אַט, און עס לעשט זיך אויס.

אָט אַזוי איז עס מיט חברון: אומעטיג!

אָבער אינטערעסאַנט איז חברון זעהר. דאָס איז די ב י ב ־ ל י ש ס ט ע פון אַלע פלעצער וואָס איך האָב געזעהן. זי איז גע־בליבען אין איהר גאַנצער אַלטער אומשולד כמעט פריי פון מאָדער־נע צובויאונגען. זי איז אין גאַנצען שטיין־געל, לייכט ברוין און די בערג וואָס ליגען איבער דער שטאָדט זיינען אויך געל און ברוין אַזוי, אַז די בערג און די שטאָדט זעהען אויס ווי פון איין עלע־מענט געגאָסען, אַקוראַט ווי אַ געוואַלדיג גרויסער מייסטער וואָלט מיט שניצמעסער אויסגעשניטען פון אַ געוואַלדיגען שטיין בערג און הייזער. הייזער, פלאַכע, פאַרפלאָנטערטע, קאַפּריזנע און וואונ־דערבאַר מאַלערישע ליגען איינע אויף די אַנדערע ספּעציעל אַזוי, אַז עס זאָל אינטערעסאַנט זיין זיי צו מאָלען. מאָלען און צייכענען איז דאָ פאַראַן אַ וועלט. אַ לעבען קען מען דאָ אָפּלעבען און נישט פאַרטיג ווערען. אויסער הייזער און די בערג זיינען דאָ פאַראַן אָלי־ווען־בוימער די עלטעסטע, די קנאָכעדיגסטע און פאַרדרעהטסטע בוימער, וואָס איך האָב ווען געזעהן. איך וואָלט אָנגערופען חברון אַ מושב זקנים פון אַלטע אָליווען בוימער. און איבער אַלע אַלטע בוימער הערשט דער מאַיעסטעטישער זקן, דער אשל אברהם, דער בוים פון אברהם אבינו, וועמעס יאָהרען צעהלען זיך נישט אין די הונדערטער נאָר אין די טויזענטער. ס'איז אַ מעכטיגער ריעז, אָבער ער קען שוין ניט שטעהן, די פיס זיינען האַלטען איהם שוין ניט, איז אַרום איהם איינגעמויערט אַ זעסעל און אייזערנע שטאַנגען שטיצען זיינע אַלטע שווערע צווייגען ווי קוליעס. און דאָ איז ער פאַרפלאַסטערט און מיט אייזערנע רינגען צונויפגעשרויפט, אָר־מעטום אונטערשטיצט און אונטערגעשפּאַרט, און אַזוי שטעהט ער, דער טויזענט יעהריגער גיגאַנט, און בליהט מיט קליינצינקע גרי־נינקע בלעטעלאַך.

מערקווירדיג איז דער קאָנטראַסט צווישען דעם גיגאַנטישען אַלטען שטאַם און געבראָכענע צונויפגעפלאָכטענע אַלטע צווייגען

מיט די קליינצינקע צירליכע פרישע גרינינקע בלעטעלעך. ס'איז באמת א סימבאל פונ'ם אידישען פאלק. אלט און איינגעבויגען און פרישע בלעטעלעך ארום און ארום... פרישע יוגענד, נייעס לעבען אויף אן אלטען שטאם און ווארצעל.

נעפינען געפינט זיך דער בוים א האלבע שעה גאנג פון דער שטאדט, אין דעם הויף וואו די רוסישע גלחים האלטען אפ מאלעב־נעס. אזוי האט מען מיר דערצעהלט, אדער אפשר איז דאס פאר פרומע פילגרימער. יעדענפאלס ס'איז אונטער דער ממשלה פון דער פראוואסלאוויע און פון אונזערע אויגען אפגעריסען.

די צווייטע הייליגטום, די מערת המכפלה, וואס חברון פאר־מאגט, געפינט זיך אין מאהאמעדאנישע הענט, און די אראבער האבען עס אויף אזוי פיל פארכאפט, אז א איד טאר זיין פוס ניט אריינשטעלען אין דער געביידע. דריי טרעפלעך מעג ער ארויפגעהן און ניט ווייטער, און וויל מען אריינגעהן אינעווענינג, דארף מען דערצו אן ערלויבניש פון גוברנאטאר, און ביים גוברנאטאר מוז מען זיך פארשטעלען פאר א קריסט אויב מען קען, א איד קריגט קיין ערלויבניש.

איך בין זיי מוחל געוועזן דעם גאנצען אינטערעס יון ביז אפילו די דריי טרעפלעך אויך ניט באשטיגען. פון דרויסען איז ווייניג דא וואס צו זעהן. אויסער די הויכע מינארעטען וואס זיינען אויפגע־בויט איבער די קברים פון די אבות.

די אראבער פיהלען זיך אלס בעלי־הבתים פון חברון פול און ברייט. און פונקט ווי די שטאדט איז די ביבלישסטע, אזוי זיינען אויך די אראבער די עכטעסטע וואס איך האב געזעהען. ברייט און בונט געקליידעט, ברוין און בראנזיג אין פנים און לייב זעהן זיי דא אוים זעהר מאלעריש און פאסען זיך זעלטען שעהן אין דער אל־טער שטאדט אריין. געהען אזוי עטליכע אראבער מיט זייערע ברייט־פאלדיגע מלבושים און ווייסען קאפ־באדעקי געהען זייט ביי זייט און שמועסען, איז עס ווי א בלעטעל פון דער ביבעל וואלט זיך גע־עפענט און זיך אליין אין דער הויך געלעזען. און געהט פארביי אן אראבקע מיט א קרוג וואסער אויף די אקסלען, איז אקארשט ווי א צווייטע בלעטעל וואלט זיך אויפגעמישט.

זיי פיהלען זיך אין חברון אין גאנצען ביי זיך און האבען פאר אידען גאר קיין מורא ניט. קיין החלוץ האבען זיי קיינמאל אין די אויגען ניט געזעהן אוז די אלטע אידען, די שרעקען זיי גאר ניט,

די אַלטע, שוואַכינקע, בלייכינקע, דינינקע, שרעקעדיגע. דיזע אַל־טע אידען רופען זיי, „די טויטע מענשען", אַזוי האָט מען מיר גע־זאָגט, און פאַר טויטע איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. דאַרום קוקט מען אין חברון אויף אידען גלייכגילטיג. מען גריסט זיך העפ־ליך, קאַלט. און אויב אַראַבישע אַנטיסעמיטען עפענען אַמאָל אין חברון אַ מויל, איז דאָס בלויז פון מאָדע ווענען. די קליינע שקצים, אָבער, טוען אַ צרות די קליינע אידישע קינדער, שלאָגען זיי, רייצען זיי, זינגען געגען זיי לידעלעך, ווי, למשל, אַז „אידישע ימים טובים זיינען שמוץ, אַראַבישע זיינען הייליג"...

אויף אַן אסיפה פון אַלע חברון'ער לעהרער, אַראַבישע און אידישע, קלייבט זיך אַ אידישער לעהרער צו האַלטען אַ רעדע און בעטען די אַראַבישע לעהרער זעהן אויסצואיבען זייער איינפלוס אויף דיזע שקצים.

אומעטיג איז אין חברון! ניטאָ וואוהין צו געהן פאַרברענגען אַן אָוועגט, ניטאָ קיין וועלכע עס איז אָרגאַניזאַציע, לעזע צימער, קלוב, עפּעס וואוהין מען זאָל קענען אַריינגעהן. פון אַ סינעמאַ איז אָפּגערעדט. אַזאַ זאַך איז דאָ אפילו אין חלום קיינעם ניט געקומען. זיצען אידען און פאַר לאַנגווייל רעדט מען פּאָליטיק. אַך, די פּאָ־ליטיק פון ארץ ישראל וועלען מיר פאַר דער צייט אַלט מאַכען, די גערעדטע און געמאַכטע פּאָליטיק. יעדער איז דאָ אַ פּאָליטיקער. אין חברון איז דאָס, דאַכט זיך, אַ קרענק, די איינציגע קרענק פון דער זאָנסט זעהר געזונטער געגענד.

איך האָב מעהר ווי צוויי טעג ניט געקענט אויסהאַלטען דעם אומעט און האָב באַשלאָסען אומצוקעהרען זיך קיין ירושלים מיט די פּאָר צייכנונגען וואָס איך האָב געמאַכט.

לויפט אַ איך און ברענגט מיר אַ וואַגען וואָס האָט, לויט זיינע ווערטער, נעדאַרפט אָפּפאָהרען אַ זייגער זעקס אין אָוועגט און אָנ־קומען אין ירושלים אַ זייגער צעהן. און אַז דער וואַגען איז אַ גוטער, און מיר וועט זיין פרעהליך און באַקוועם. דער וואַגען איז אָנגע־קומען אָפּצופאָהרען פון חברון אַנשטאָט זעקס — ניין, און אין דער פינסטער האָב איך ניט געזעהן ווער עס זיצט און וואָס פאַר אַ וואַגען דאָס איז. אַז איך בין שוין געווען אינעווענינ, האָב איך דערזעהן, אַז איך זיץ צווישען זעק ווייץ און אַז דער בעל־עגלה איז אַן אַראַבער, די פּאַסאַזשירען אַראַבער, און אַז איך בין דער איינ־ציגער איד צווישען אַראַבער. און אַזוי וועט עס זיין אַ האַלבע נאַכט

אין א וויסטער געגענד. מיר איז געוואָרן אַביסעל קאַלאַמוטנע אויפ׳ן האַרצן, ־דאַך האָט זיך עס מיר ניט געפּאַסט פאַר זיך אַליין אָראָפּצוגעהן פון וואָגן. איך האָב פאַרביסן די ציינער און באַשלאָסן צו פאָהרען, און זאָל זיין וואָס עס וועט זיין. אָפּגעפאָהרען. מען שווייגט. פערדלעך לויפען. פּלוצלונג דער וואָגן פאַרהאַקט זיך, מען קען נישט פון אָרט. פינסטער ארום. עס קומען אָן קאַמעלען קאַראַוואַנען מיט בעדואינער. עס איז אַ גאַנצער געטומעל, מען שרייט, מען כאַרכעלט. איך זיץ און טראַכט מיר, אַז איך וועל בשלום אַ לעבעדיגער קומען אַהיים, ווען איך פּרואוון זיין אַביסעל פאַרזיכטיגער אין מיינע האַנדלונגען.

מען פאָהרט ווייטער... עס שטעלען אונזער וואָגן אָפּ פינסטערע געשטאַלטען. מען שרייט זיך איבער... איך פאַרשטעה קיין וואָרט. מען קוקט אריין אין וואָגן. שלאָפען קען איך שוין ניט. אָבער מיין שכן, אַ פעטער אַראַבער, איז זיך איינגעשלאָפען ביי מיין זייט. אַרויפלעגענדיג זיין טיורבאַן־קאָפּ צו מיר אויף מיין אַקסעל. עס איז זיכער געווען אַ ריהרענדע אידיליע, אָבער מיך האָט זי װעניג וואָס אַמוזירט.

אָנגעקומען זיינען מיר אין ירושלים צוויי אַ זייגער ביינאַכט. ירושלים איז געווען שטיל און כמעט ווי פינסטער. עס האָבען אונז ווידער אָפּגעשטעלט מענשען, שיינבאַר, שומרים, דאַכט זיך אידישע. מען האָט די שטאָדט געהיט, ווייל מען האָט זיך דערוואוסט, אַז יפו׳ער אַראַבער קלייבען זיך קיין ירושלים צו באַפרייען דעם אָנפיהרער פון פּתח־תקוה׳ר אַנפאַל, זייער ליעבלינג, דעם שעיק אַבאַקושיק.

מען האָט די שטאָדט פאַרהיט. און ווען איך האָב ענדליך דערגרייכט מיין צימער און זיך דערפיהלט ביי זיך אין בעטעל, האָב איך זיך אין צוויי זאַכען אַ נדר געטאָן — זיין פאַרזיכטיג, ערשטענס, און צווייטענס, מיט וועמען איך וועל רעדען, און וועמען איך וועל באַגעגענען זאָל איך דערצעהלען וועגען חברון׳ס לאַגע און אויסשרייען אַ זעהר פאַרצווייפעלט געשריי:

„ראַטעוועט דעם אידישען ישוב פון חברון, העלפט, לאָזט עס ניט אונטערגעהן!“

# יריחו, די פאַרשאָלטענע

דער וועג פון ירושלים צום טויטען־ים דויערט אַנדערטהאַלבען שעה. דער וועג איז געווען ניט קיין שלעכטער, די שטימונג אַ גוטע, אַזוי, אַז ווען מיר זיינען אין אַ האַלב שעה אַרום צוגעפאָהרען צו דער ערשטער סטאַנציע, וואָס אַן אַראַבער האַלט, זיינען מיר מיט ענטוזיאַזם אַראָפּגעשפּרונגען, באַגריסט דעם אַראַבער אויף אַלע שפּראַכען פון דער וועלט און זיך געהייסען געבען טיי. ביז טיי ווערט פאַרטיג איז דאָ צייט גענוג פאַר אַ סקיצע צו מאַכען און אַרומקוקען די געגענד. ווילד, בערגיג, נאַקעט, טרוקען, ברוין־געל, אומעטיג. זעהר טרויעריג איז די לאַנדשאַפט, וואָס ליגט צווישען ירושלים און דעם ים. הויך ווי די בערג זיינען, אַזוי נאַקעט זיינען זיי. קליינינקע, געלע, פאַרטריקענטע גרעזלעך וואַקסען נאָך אַמאָל ביי די פיס פון אַ ברוינעם גיגאַנט, אָבער באַלד ווערט יעדעס שטי־קעל גרינע פאַרב פאַרשווינדען און בלייבען ווערט ברוין און געל. מערקווירדיג, ווי דער קעמעל מיט זיין פאַרב פּאַסט זיך אַריין אין בילד, און דער זון־פאַרברענטער אַראַבער אויף דעם רוקען פון קע־מעל, איז ווי אַ שפּראַצונג פון דער געגענד. קאַראַוואַנען פון קעמ־לען זיינען אונז די גאַנצע צייט אַנטקעגענגעקומען און עס איז גע־ווען אַ רחמנות, און צו דערזעלבער צייט שפּאַסיג, צו זעהן ווי דאָס אומגעלומפּערטע באַשעפעניש דערשרעקט זיך פאַר דער מאַשין און איהר גרילץ און הויבט זיך אָן וויגען און לויפען און דער אַראַ־בער מיט די ברייטע פאַנטאַפּעל און צופּאַטעלטען בגד נאָך איהם.

טרויעריג איז די לאַנדשאַפט, טיעף די טאָלען, הויך די פעל־זען, וועגען דרעהען זיך ווי ווייסע שלאַנגען, לויפען אַט רעכטס און אַט לינקס, און דער שאָסיי, וואָס פאַרבינדט ירושלים מיט דעם ים, איז דער פאַרדרעהטסטער שאָסיי, וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן.

איך שטעה און קוק און טראַכט: צי קאָן אַמאָל אַט דער ברוי־נער טרויער ווערען אַ גרינע פרייד? און מיט אַמאָל ווערט מיין

בליק שאַרפֿער, איך דערזעה אויף דעם רוקן פֿון אַ ווייט־ווייטער קייט בערג דעם טורעם מלכה פֿון ירושלים און דערנאָך דעם פּאַ־לאַץ פֿון העבערט סעמיועל, און ביסלעכווייז די גאַנצע קאָנטורען פֿון ירושלים. יאָ, דאָס איז ירושלים! אַזוי הויך שטעהט זי, די אייביגע שטאָדט! און פֿון אַזוי ווייט זעהט זי זיך, די וואונדערבאַרע! דאָס איז נאָך גאָרנית, זאָגט מען מיר, איהר וועט זי נאָך דערזעהן פֿון לעבען יריחו.

פֿון צווישען די ברוינע מאַסען ווייזט זיך פּלוצלינג אַ בלויער שימער. דאָס איז דער טויטער ים. פֿאַרשווינדט באַלד און ווייזט זיך ווידער. מיר הויבען אָן זיך אַראָפּצולאָזען. אָט איז ניט ווייט אַ גרינער אָאַזיס, אינמיטען שטעהען הייזער. דאָס איז יריחו. מיר טראָגען זיך פֿאַרביי. יריחו וועלען מיר באַזוכען שפּעטער. איצט קייקלען מיר זיך אַראָפּ אַלץ נידעריגער. עס ווערט הייס. מיר געפֿינען זיך שוין זעהר נידעריג, פֿיעל הונדערט פֿוס נידעריגער פֿאַר דעם געוועהנליכען ים־פֿלאַך, געל, זאַמדיג, וויסט, דושנע.

אָנגעקומען! אַ שטילינקער, צאַרטפֿאַרביגער וואַסער פּליעס־קעט זיך אַרום קליינינקע, שטילינקע שטיינדעלעך. פֿון אַלע זייטען פּיאָלעטע בערג. איבער די בערג און וואַסער אַ גרינליכער הימעל. דאָס איז דאָס פּנים פֿון דעם טויטען ים. איך טונק איין מיינע פֿינגער אין ים און פֿאַרזוך זיין געשמאַק און דערשפּיר אויף מיין צונג אַ שאַרפֿען, ביטער־געזאַלצענעם, זויער־שוועבעלדיגען טעם. עס האָט מיר אַ ברען געטאָן אין מויל; עס האָט מיר אַ שניט געטאָן ווי מיט אַ מעסער. אָט פֿאַרוואָס מען רופֿט איהם דער „טויטער“, דען קיין פֿיש קאָן ניט לעבען אין אַזאַ וואַסער. דאָך אומזיסט רופֿט מען איהם „טויטער“. זעהען דען טויטע אויס אַזוי פֿאַרביג ווי ער? און קאָן דען אַ טויטער אַזוי שטורמען ווי ער? און אין דען אַ טויטער אַזוי ווייך און אַזוי פֿעט און אַזוי וואַרים ווי ער?

איך האָב זיך שנעל אויסגעטאָן — שעמען זיך איז ניט געוועזן פֿאַר וועמען, קיין פֿיש אין וואַסער, קיין פֿויגעל איבער'ן וואַסער און כמעט קיין מענש לעבען וואַסער. אויסגעטאָן זיך און — אין וואַסער אַריין. און מיך האָט אַרומגענומען אַ וואַסערעל, וואָס האָט זיך געפֿיהלט ווי סאַמעט, געדיכט, שווער און פֿעט ווי אויל. און עס האָט מיך געהויבען אין דער הויך. איך בין צו גרינג געוועזן פֿאַר'ן וואַסער. איך האָב מיט דעם וואַסער זיך דאָס לייב געריבען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך רייב מיך אָן מיט גוט־שמעקענ־

דיגען אויל. עס איז געווען אזוי אומערוואַרטעט גוט, אזוי גוט האָט עס מיר געטאָן, אַז עס האָט זיך ניט געוואָלט שיידען מיט'ן ים, וואָס האָט אַזאַ שרעקליכען נאָמען.

עס ווערט אַלץ הייסער. די זון שטייגט. און טרינקען ווילט זיך — אַה, ווי עס דורשט ביים ים המלח! מען וואָלט געקאָנט אויסטרינקען דעם גאַנצען ירדן. די אַראַבער, זאָגט מען מיר, טרינקען אויס יעדער אַ בלעך וואַסער אַ טאָג. איך געה צו דעם שטרויענעם שטיבעל און טרעף דאָרט אַ קרעמעל מיט גאַזאַז. אַן אַראַבער האַלט עס. מיט אַמאָל דערהער איך אידיש רעדען. ווער רעדט דאָ אידיש? צוויי אידען. איינער אַ חבר קופער, אַ ברוינער אַלטער חבר. געווען זאָגט ער, דער ערשטער לעגיאָנער. וואָס, איהר קענט איהם ניט?! ווער קען עס ניט דעם אַלט-יונגען חבר קופער? אַ קרעפטיגער איין-און-זעכציג-יעהריגער. אין אַמעריקע קען מען איהם גוט און מען וועט איהם נאָך קענען, ווייל ער קלייבט זיך אַהין אין אַ האַלב יאָהר אַרום. ער האָט עפּעס דורכצוקעמפען, עפּעס האָט מען ניט ריכטיג געהאַנדעלט, עמיצען דאַרף מען אַנלערנען, אויפוואַרפען, אַנזידלען. קורץ, אין אַ האַלב יאָהר אַרום וועט איהם איסט-בראָדוויי זעהן אויף אַלע „קאָרנערס". ער קאָן און ער וועט „ספּיטשען".

„און ווער זענט איהר?" פרעג איך דעם צווייטען, דעם אינגערען. אויף זיין ברוינעם, מאָגערען פּנים האָט זיך געוויזען אַ שמייכעל: „משה גאַרב איז מיין נאָמען. איך וויל אייך עפּעס בעטען, גיט איבער אַ גרוס מיין זיידען, הירש לאַנדוי, פון 105 איסט בראָדוויי. אַן אַלטער איד איז מיין זיידע. דערצעהלט איהם, אַז איהר האָט מיך באַגעגענט ביים ים המלח, דעם איינציגען אידישען צווישען אַ פּאַרטיע פון אַראַבישע אַרבייטער. איך בין דאָ דער איינציגער; דער חבר, וואָס איהר זעהט, קופער, איז בלויז געקומען מיך באַזוכען. איך שטעל מיין לעבען איין. ס'איז נישט גרינג אויסצוקומען מיט די ווילדע. איך בין זייער פאַרמאַן. מיר בויען דאָ אַן עקספּעריםענט-גרוב אויף אויסצואַרבייטען פּאַטאַש. פריהר איך אַן די אַרבייט. איך בין פון „גדוד", געווען אַ לעגיאָנער און געבליבען". ער האָט אַ זיפץ געטאָן: „ס'איז שווער, איינער אַליין צווישען זאַלץ, שוועבעל, זאַמד, היץ און אַ צענדליגג ווילדע אַראַבער".

אויף דעם מאָגערען, ברוינעם פּנים האָט זיך באַוויזען אַ שטי־

לער שמייכעל און מיך האט דער שמייכעל פאר'ן הארץ אנגענומען.

אונזער גרופע מאלער זיינען פארטיג געווארען מיט זייערע עטיודען, אויסגעטרונקען דעם גאנצען גאזאז, וואס דאס קלייטעל האט געהאט, אריינגעזעצט זיך אין דער מאשין. מען פאהרט ווייטער. וואוהין? צום ירדן. דער כנרת האט דעם ירדן און דער טויטער ים האט אויך, דעם צווייטען עק ירדן. דארף מען איהם זעהן. דרעהען מיר זיך צווישען די געלע, ווייסע בערג, וואס זעהען אויס אזוי פאנטאסטיש, ווילד, אזוי אויסגעטראכט ווי א שווערער חלום. מיר דרעהען זיך צווישען ריזיגע, ליימענע טעפ, גרויסע הינטישע קעפ, ריזיגע שטיינערנע זשאבעס, פארשטיינערטע פארזעהענישען, ביז מיר קומען צו א גרינינקען, שעהנינקען ווינקעלע, און מיר דערזעהען צווישען די בוימער א געל וואסערעל און ביים ברעג א לאדקע. און דאס איז דער ירדן. עס רוישט ניט, עס קאכט ניט און זעהט ניט אויס ירדנ'דיג, ניט אויף א האר, ביז איך האב זיך ניט גענומען מאלען א בילדעל פון דעם היסטארישען טייכעל. ערשט דאן האב איך דערזעהן די צארטע, זיידענע איידעלקייט פון דעם גאנצען קאלאריט, און איך האב דערפיהלט דעם צויבער פון דעם קליינעם וואסערעל.

אבער, אז ער באזיצט דעם „רבינ'ס" כח, דאס האב איך זיך דערוואוסט א ווייל שפעטער, ווען א גרופע רוסישע „באגאמאלקעס" זיינען אנגעקומען מיט זייערע פלאכע רוסישע פנימ'ער, קורצע נעזלעך און די ווייסע פאטשיילקעס ארום די קעפ און פנימ'ער. זיי זיינען אנגעקומען אנצוקוקען דעם ירדן און באזוכען אז אלטען גריכישען מאנאסטיר, ניט ווייט פון דאנען. זיי האבען זיך צוזעצט אין א האלב-קרייז, די הענט צונויפגעלייגט און אין א שטילען, צוצויגענעם רוסישען רעדענס-שטייגער האבען זיי אנגעהויבען צו דערצעהלען וואונדער וועגען דעם ירדן. און איך הער אזא געשיכטע:

עס איז געווען א הייליגער גריכישער מאנאך, א גרויסער גאט-דינער און א זעלבסטפייניגער. אבער איינמאל האט איהם דער טייוועל פארפיהרט צו א זינדיגען געדאנק וועגען א פרוי און מיט דעם זינדיגען געדאנק אין הארצען איז ער געגאנגען זיך באדען אין ירדן. וואס-זשע דענקט איהר, שוועסטערלעך, א פיש האט איהם פאר א אידען געמאכט, יא, פאר א אידען... דער מאנאך האט

אנגעהויבעז איינדארעז און אין א יאהר ארום האט ער זיין נשמה אויסגעהויכט...

שפעטער האבען „שוועסטער“ זיך אויפגעהויבען און זיך צוגעגרייט צו געהן צום מאנאסטיר. עס איז שוין געווען געגען אווענט און מיר האבען געדארפט א טראכט טאן וועגען א נאכטלעגער. דער מאנאסטיר געפינט זיך אויפ׳ן וועג קיין יריחו. פרעגט זיך, ווארום זאלען מיר ניט פארפאהרען אין מאנאסטיר? און טאקע באלד האבען מיר זיך צונויפגעקליבען און מארש אהינצו, און ווידער האט זיך אונזער מאשין געדרעהט צווישען די אומגלויבליכסטע געלשוועבעלדיגע, גרוי־קאלכיגע בערג פון די משונה׳דיגסטע פארמאציעס. פאר אונזערע אויגען איז פלוצים אויסגעוואקסען א שלאס אויף איינעם פון אזא קאלכבארג. און ווען מיר זיינען מיט פיעל מיה אנגעקומען צום טויער און א קודלאטער מאנאך האט אונז געעפענט און אריינגעלאזט, האט דער „איגומען“ אונז באגעגענט מיט א טיפער פארבויגונג און אין רוסיש אונז באגריסט, געבעטען זיך פיהלען ווי ביי זיך אין מאנאסטיר, מיר זאלען באפעהלען וואס מיר ווינשען... דערהערענדיג אזא שפראך, האט זיך אונז שטארק פארוואלט עסען. קוים ארויסגערעדט, — שוין א באפעהל, א דינסט איז ערשינען, א מאנאך האט א וואונק געטאן און א קאכעדיגע טעטיגקייט האט זיך אויפגעהויבען... באלד איז א טיש געגרייט געווארען ווי פאר קעניגען... און וואס אויף דעם טיש איז אנגעשטעלט געווארען לאזט זיך ניט באשרייבען... געבראטענע הינדעלעך, געבראטענע טייבעלעך, פארשיעדענע עדליקאטעסען, סורפען, קאמפאטען. קורץ, ס׳איז געווען א טיש פון אלדאסגוטס... און ארום רעדט מען רוסיש אין א שטילען גאטספארכטיגען טאן... און דער „פאטער איגומען“ זיצט אויבענאן, א גרויסער קודלאטער שווארץ־אויגיגער מאנאך און מיט געדולדיגע אויגען קוקט ער צו, ווי אונזער שאופער האט זיך גענומען פאר די געבראטענע טייבעלעך און האט זיך ניט אפגעריסען פון זיי ביז זיי זיינען אלע פארשוואונדען. פרעגען מיר דעם „איגומען“: זאגט אונז, פאטערל, וואס פאר א געבענשטער פלאץ איז דאס? וואס רעדט נישט די וועלט פון אזא מאנאסטיר? ענטפערט ער, אז מען ו ו י י ס ט און מען ר ע ד ט. ווי־זשע הייסט דער מאנאסטיר? ער הייסט „דער מאנאסטיר פון „יאהאן דער טויפער“. ווייל דא, אין דעם טייל ירדן האט יאהאן געטויפט קריסטוס׳ן. אבער דער פלאץ הייסט

אויך אויף אראביש: „קאסטעל־יאהוד", „די אידישע פעסטונג". פארוואס? און דער מאנאך האט אונז צוגעפיהרט צום פענסטער און אנגעוויזען צום ירדן. דארט האבען מיר דערזעהען א קליין שטיבעל. „אט זעהט איהר דאס שטיבעל, דארט האט „יהושע בן נון" צום ערשטען מאל דורכגעשניטען דעם ירדן, איז אריין אין לאנד און אויפגעשטעלט א פעסטונג. דערפאר הייסט דאס ארט „די אידישע פעסטונג".

גאנץ פריה האט מיך אויפגעוועקט א דריי גלאקען־געקלאנג און א ווילע שפעטער האב איך דערהערט א שעהנעם כאר־געזאנג. דאס האבען די „שוועסטער" געזונגען אין קלויסטער וועגען דעם ירדן. מאדנע האט דאס געקלונגען. אין מיטען פון א וויסטען קאל־כיגען בערגיגען טרויער, קלינגען וויכע גלעקער און קיין מענשליך אויער ארום און ארום הערט דעם געקלאנג ניט, עס זינגט א שעה־נער כאר און ס'איז ניטא ווער עס זאל איהם הערען... איינזאם, שרעקליך איינזאם לעבט א מאנאסטיר פון צוועלף מענשען...

מיר האבען איבערגעלאזען א „פונט" דעם איגומען און קליינ־געלט פאר דער דינסט, און מיט ברכות און פארבויגונגען זיינען מיר אפגעפאהרען קיין יריחו.

יריחו די פארשלאטענע. קיין איינציגער איד וואוינט ניט דארט. ארום הענגען גרויסע, געלע, וויסטע בערג, אבער יריחו אליין אין איינגעטונקען אין גרין. ווי קומען גרינס, בוימער, בלו־מען, גערטנער אין אזא קאלכיגען שוועבעלדיגען געגענד? דער ענטפער איז: וואסער. יריחו האט א קוואל פון וואסער, וואס הייסט „מעין אלישע" און דערפון שטאמט די גאנצע רייכקייט פון יריחו און די גאנצע גרינע פראכט. אט וואס וואסער קען אויפטאן. און איך האב דאן מיט אנדערע אויגען א קוק געטאן אויף דעם געלען און ברוינעם טרויער ארום און ארום. מיר האט זיך אויסגע־דוכט, אז א שטילער געבעט שוועבט אין דער לופט, אז בערג און טאל שעפטשען מיט בענקעניש: וואסער, גיט אונז, וואסער!...

איז דען דאס אן אוממעגליכע זאך? אט האט דאך דער מא־נאסטיר מיילען און מיילען זיך אויפגעבויט אקוואדאקטען, וואסער־לייטונגען... לויפען אזעלכע שטיינערנע רינעס און ברענגען וואַ־סער פון די בערג... מען קען אלץ... מען מוז אלץ קענען. די גע־גענד איז אן אוצר פאר'ן לאנד. מען האט מיר געוויזען שטיקער שטיין, וואס האבען אייזען און שוועבעל געמישט אין זיך. מען

האָט מיר געזאָגט, אַז נאַפּט, סמאָלע, אַספּאַלט — אַלץ וואָס מענ־שען דאַרפֿען האָבען באַזיצט די געגענד... אַז דער טויטער ים איז דער קוואַל פֿון לעבען און אַז דער גאַנצער ברוינער וויסטער אָר־מעט וואָס ליגט אַרום קען זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ העלען, קלינ־גענדען געלעכטער און קען ווערען אַ פּלאַץ פֿון יובעל און פֿרייד — ווען מען זאָל זיך נאָר נעהמען...

# ראש פינה

א שעהנע קאָלאָניע איז ראש־פינה, אפשר די שעהנסטע אין ארץ־ישראל לויט איהר לאַגע. זי ליגט אויף בערגלעך, באַדעקט מיט בוימער ווי אַ גאַרטען, און איבער איהר הויבען זיך הויך די „הרי כנען", וואָס זיינען אַ טייל פון די נפתלי־בערג. מ'דערצעהלט מיר, אַז ווען מ'האָט אָפּגעקויפט די גאַנצע גרופּע בערג פון באַראָן ראָטשילד, און דאָס האָט געטאָן זיין אַדמיניסטראַטאָר יאַסעוועצקי אַ יאָהר דרייסיג, פינף און דרייסיג צוריק, האָבען אים די אַראַבער פון צפת באַפאַלען און געוואָלט שלאָגען, טענה'ענדיג צו איהם: „וואָס הייסט, אונזער יעקב אבינו האָט זיינע שאָף געפּאַשעט אויף די דאָזיגע בערג און דו ווילסט זיי גאָר אָפּקויפען פאַר אידען?!". געראַטעוועט האָט איהם בלויז דאָס וואָס ער איז געווען אַ כוואַטסקער אָנדעל און האָט זיך מיט זיינע רייטער אַרויסגעדרעהט. איבערהויפּט וועבען זיך דאָ אין ראש־פינה לעגענדען וועגען דעם דאָזיגען יאַסעוועצקי, וועגען דעם ווי ער פלעגט דאָס „אָרודעווען" מיט די טערקען, דרוזען און גלאַט אַראַבער, און מ'לייגט צום סוף צו, אַז ווען ער געפינט זיך איצט דאָ, וואָלט ער גאַנץ ארץ־ישראל'ער לאַנד שוין לאַנג אָפּגעקויפט פאַר די אידען...

זיצט זיך אַז אַלטער קאָלאָניסט ביי דער טיר פון'ם קרעמעל, דאָרט וואו די אויטאָמאָבילען שטעלען זיך אָפּ אויפ'ן וועג קיין צפת, אָדער צוריק קיין טבריה, זיצט ער זיך אַזוי און דערצעהלט מעשות פון אַמאָליגע צייטען. אַמאָליגע צייטען הייסען די צייטען פון דרייסיג־פערציג יאָהר צוריק, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען בויען דער דאָזיגער ישוב, ווען עס זיינען געקומען די ערשטע אונגאַרישע אידען מיט זייערע זעקס הונדערט לירעס אין אַ שרעקליך ווילדען פּלאַץ און ווי זיי האָבען גלייך זייערע פאַר גראָשען אויפגעגעסען און זיינען געבליבען איינע אַליין, אָהן מיטלען און אָהן הילף, ווי זיי האָבען דאָן אַ רעטונגס־געשריי אַרויסגעלאָזען אין

דער ווייטער וועלט אריין, און די וועלט האט דעם געשריי דער־הערט, ספּעציעל די צוויי באראנען — באראן הירש און באראן ראטשילד. ווייטער דערצעהלט דער אלטיטשקער, ווי די צוויי באראנען האבען זיך דערנאך צוטיילט אין זייערע אנזיכטען. איינער האט געזאגט, אז פון ארץ־ישראל וועט גארניט ווערען, די טערקען וועלען ניט דערלאזען און איז אוועק מיט זיינע מיליאנען קיין ארגענטינע. באראן ראטשילד, פארקערט, איז געבליבען פעסט אין זיין גלויבען אין ארץ־ישראל און א דאנק איהם איז ראש־פּינה גע־ווארען דאס, וואס איהר זעהט מיט אייערע אויגען.

אין ראש־פּינה בין איך אנגעקומען מיט א וואגען פון כפר גלעדי. געפאהרען זיינען מיר מיט דעם וואגען גאנצע 12 שעה, א נסיעה וואס געדויערט מיט אן אויטאמאביל ניט מעהר ווי שעה צייט און מיט א גוטע פאר פערדלאך ניט מעהר ווי א דריי־פיער שעה. די פאר פרעידעס פון כפר־גלעדי האבען אפשר אנדערש די זאך גענומען. זיי האבען איינפאך ניט געוואלט געהן. דער חבר קאז־לאווסקי האט מיט זיי געקנעלט, גערעדט מיט זיי העברעאיש, גע־מאכט פון צייט צו צייט א מי־שברך אויף רוסיש, זיין בייטש צעריסען, דעם שטעקען צובראכען אויף זייערע רוקענס און ס'האט ניט געהאלפען, עס האט אויף זיי קיין ווירקונג ניט געמאכט, זיי זיינען פעסט געווען איבערצייגט אין דער גערעכטיגקייט פון זייער שטעלונג, אז „אין האבער — אין שלעפען". און ווען דער חבר קאזלאווסקי פלעגט בלייבען מיט מיר אליין, פלעגט ער צוגעבען, אז די פרעידעס זיינען גערעכט, אז פאר דעם עסען וואס זיי קריגען. שלעפען זיי גענוג. פארוואס־זשע גיט מען זיי ניט עסען? ניטא. ברודערקע! היינטיגס יאהר האבען די פעלדער שלעכט געטראגען און ווייניג געבוירען. רעגענס זיינען געווען גענוג, אבער שלעכט פארטיילט. גראד ווען מ'האט זיי באדארפט האבען, זיינען זיי ניט געגאנגען, און דער רעזולטאט איז זעהר א מאגערער פאר'ן גאנצען גליל. קיין גראז, קיין היי, קיין האבער. מיט איין ווארט, עס איז א שלעכט יאהר פאר מענש און בהמה. מענשען ווייסען דערפון און מ'זעהט אויסצוקומען, מ'פארבויגט פיעלעס, מען עסט קארג און מען ארבייט ווייטער, האפענדיג אויף בעסערע צייטען. די פרעידעס אבער פון כפר־גלעדי האבען ניט געוואלט וויסען פון קיין ארגו־מענטען און זיי האבען זיך גאנצע צוועלף שעה געשלעפט. געמאכט צוויי טריט, זיך אפגעשטעלט, אנגעהויבען פארהאנדלונגען, גע־

קראַגען אַביסעל היי, אַביסעל שטרוי, אָפּגעשלעפּט דערפאַר וויפיעל עס האָט געקומט און ווייטער זיך אָפּגעשמועסט. מיר זיינען אָנגע־קומען אין ראש־פּינה גאַנץ אויסגעמאַטערט און מיר האָבען באַשלאָסען צו נעכטיגען אין דעם איינציגען מלון פעלדמאַן, וואָס די קאָלאָניע פאַרמאָגט.

אריינגעגאַנגען, זיך באַשטעלט אַ בעטעל. צימערען גיט מען אין די האָטעלען פון ארץ־ישראל ניט גערן, ווייל אין יעדען צימער שטעהען עטליכע בעטלעך און עס קענען דאָרט שלאָפען עטליכע מענשען. נעמט מען אַ בעטעל. געבעטען אַ גלאָז וואַרימע מילך — ניטאָ, וואָס הייסט; ניטאָ קיין גלאָז מילך אין אַ אידישען האָטעל וואָס שטעהט אין מיטען פון אַ אידישער קאָלאָניע? דער ענטפער איז געווען, אַז נאָך פיעל זאַכען זיינען ניטאָ אין אַ אידישען האָטעל און אין אַ אידישער קאָלאָניע! מיר האָט זיך עפּעס ניט געגלוסט אַנצוהויבען אַן אונטערזוכונג פון דעם, וואָס איז יאָ פאַראַן אין אַ אידישען האָטעל אין מיטען פון אַ אידישער קאָלאָניע, און איך בין זיך אַוועקגעגאַנגען זעהן די דובראַווינס.

דער נאָמען דובראַוויין איז באַקאַנט איבער גאַנץ ארץ ישראל. דאָס איז אַ פאַמיליע פון רוסישע גרים, וואָס זיינען שוין לאַנג אין לאַנד, פון די קרעפטיגסטע און רייכסטע קאָלאָניסטען. דער אַלטער דובראַוויין איז אַ ריזיגע געשטאַלט, זיין פרוי אַ גוטע באַריידעוודיגע אַלטיטשקע, זיינע זיהן — גרויסע ברייטפּלייציגע יונגען, זיינע אייניקלאַך געל־האָריגע, בלוי־גרוי־אויגיקע, קורצנעזעלדיגע אידישע שיקסלאַך, רעדען שלעכט רוסיש און גוט העבּרעאיש. אַ טייל פון זיי לעבען אין „יסוד המעלה", אַ טייל אין מטולה. אָבער דער אַלטער דובראַוויין מיט זיין הויז און עלטערען זון לעבען אין ראש־פּינה, מוז מען געהן זעהן דובראַווינ'ען. אַזוי איז דאָס געווען פאַר דריי־יאָהרען און נאָך מעהר האָט זיך מיר געוואָלט זעהן דעם אַלטען איצט. געפונען האָב איך איהם שטאַרק פאַרענדערט. זיין גרויסע שוואַרצע באָרד איז גאַנץ וויס געוואָרען. זיין הויכע גלייכע געשטאַלט איז איינגעבויגען, ער געהט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקען, און קענטיג גרויסע זאָרגען דריקען איהם צו דער ערד. ער האָט מיך דערקענט. „אַה, דאָס איז דאָך יענער, דער כּוראַזשניק, אַה, שלום בראַטיעץ, נו, זעץ זיך" — איז ער אַריבער גלייך אויף „דו". גערעדט האָט ער יענעם רוסיש פון טיעף „ראַסיעיאַ" און איז קענטיג געווען שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט גלייך

אנגעהויבען וועגען זיך און זיינע קריוודעס. „וואס, זאג, שטארק פארעלטערט געפינסטו מיך? שווערע צייטען, ברודער. אי ווי שווער! געבראכט אהערצו א גרויס פארמעגען, צוקראכען איז עס... און איצט א שלעכט גערעטעניש, פוסטע פעלדער, ניטא וואס אראפצונעמען. און ווילסטו עפעס באַרגען אין א באנק, זאגט מען דיר „רוטשאטעלסטווא". אמאל איז געווען אנדערש. איך פלעג בלויז דארפען א ווארט זאגען, איז פון אלע זייטען: „וויפיעל דארפסטו, אדון דובראווין?" און איצט, אז די געשעפטען זיינען ניט גוט, איז „רוטשאטעלסטווא". ווייסען זיי דען ניט, אז דובראַווין'ס א ווארט איז די בעסטע „רוטשאטעלסטווא". זעהסט מיין גרויע באָרד און מיין איינגעבויגענעם רוקען? עס קומט אבער ניט פון מיינע שלעכטע געשעפטען... מיין זון, מיין זון... האסט אפשר געהערט? מען האט ביי איהם א ביקס געפונען. נו, איז וואס, אז מען געפינט א ביקס ביי א קאלאניסט? און דער ביקס איז אויך ניט זיינער. נו, האט מען איהם ארעסטירט, א האלב יאהר אפגעזעסען, קוים איהם ארויסגעראטעוועט. און מיינסטו, אז דאס איז אלעס. צרות קומען ניט איינציגווייז! זיין ווייב האט זיך פון איהם אפגעזאגט. זי זאגט, די קינדער זיינען ניט פון איהם. האט ער זי אפגעג'גט. מיין גוטער יונג, וויפיעל ער האט זיך דאס אנגעליטען, און מיר קוקענדיג אויף איהם... מיר האבען געמיינט, אז ער וועט פאר צער פון זינען אראפ"... די אלטיטשקע איז געזעסען און האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. „חתונה מאכען וואלט מען איהם באדארפט, וואו געפינט מען אבער א ווייב פאר איהם? מען דארף א ווייב וואס זאל זיין גוט אין דער ווירטשאפט, און די היינטיגע מיידלאך טויגען ניט".

— וואס הייסט די היינטיגע מיידלאך טויגען ניט? — רוף איך זיך אפ, — גיט נאר א קוק ווי זיי ארבייטען אין די קבוצות!

די אלטיטשקע האט א קורצען לאך געטאן:

— אויך מיר ארבייט, עד זונעניו, דאס איז קיין ארבייט ניט. ס'איז א געלעכטער. ארבייטען הייסט גאר אן אנדער זאך.

אויך דער אלטער דובראווין האט ניט פיעל געהאלטען פון דעם סארט ארבייט, וואס אונזערע חלוצים און חלוצות טוען אויף. זיי האבען גערעדט וועגען זיי מיט גרינגשעצונג. און איך האב דערזעהן אין זייערע רייד ניט קיין גערעכטע קריטיק, נאר א געגנערשאפט פון דער „אלטער גווארדיע" געגען די נייע, די יונגע. דער-

ווייל איז אריין א הויכער, ברייטפלייציגער ריז, מיט א קליין רוסע בערדעל און אין א ווייכער שטימע אונז באגריסט.

— דאס איז מיין זון, — האט דער אלטער אויסגערופען.

דער יונגער דובראווין האט א שטילען, פארשעהמטען שמייכעל געטהאן, זיך שווער אנידערגעזעצט און אין א פיינערען רוסיש ווי זיין פאטער אנגעהויבען דערצעהלען וועגען דער ווירטשאפט.

— מיר ווערען דא דערשטיקט, ווייט פון א צענטער, ניטא וועמען און וואו צו פארקויפען. איהר זענט דאך פון אמעריקע. זאגט זיי דארט, אז מיר דארפען האבען א צוקער־פאבריק. נויטיג ווי דאס לעבען. עד, א צוקער פאבריק!

און ער האט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאנצער גרויס, די הענט צושפרייט, די אויגען גוטע און ווייכע קוקען עהרליך און ענטוזיאסטיש... און איך האב צו מיר אליין געזאגט: „א פרוי וואס איז ניט טריי צו אזא מאן, איז ניט ווערט וואס די ערד טראגט זיי“...

איך האב זיי צוגעזאגט, אז איך וועל זיי דארט אין אמעריקע זאגען וועגען דער צוקער־פאבריק. זיי האבען מיך אלע אויף א גוטהארציגען רוסישען שטייגער באדאנקט, מיר האבען זיך געזעגענט אין דער האפנונג צו זעהן גוטע צייטען פאר דעם אידישען פאלק און פאר ראש־פינה, און איך בין אוועק אין מיין האטעל שלאפען.

איך האב לאנג ניט געקענט איינשלאפען. דער שיקזאל פון אט די אידען־געווארענע גוים האבען מיינע געדאנקען פארנומען. איך האב זיי אפט באגעגענט דא אין לאנד. העברעאיש לערנען זיי זיך קיינמאל ניט אויס, פרום זיינען זיי און ווייסען ניט ווי די פרומקייט אפצוהיטען, ווילען זיך שטארק דערנעהענטערען צו אידען און עס געהט ניט, אזוי אז פון אייגענע אפגעריסען, צו די אידען ניט צוגעשטאנען. מ'רופט זיי גרים און זיי ליידען פון דעם נאמען. וואלטען וועלען גערופען ווערען אידען, ווייסען אבער, אז וואס פאר אידען זיינען זיי?! קוק איך אויף אזא מענשען, וואס האט אויף זיך פרייוויליג גענומען אזא גוואלדיג גרויס פעקעל אידישע צרות און איך טראכט מיר: צו וואס האסטו עס באדארפט? ערשט דער דריטער דור, די אייניקלאך, ווערען שוין אויף אזוי פיעל פאראידישט, אז זיי קענען שוין פריי זיך צונויפגיסען מיט דער אידישער סביבה. אין „עין חרוד“ האב איך געטראפען אן אלטען ארבייטער.

מאַיסעי יעוודאַקימאָוו. שוין איין און צוואַנציג יאָהר אין ארץ־ישראל, געקומען פון הינטער־קאַווקאַז, רעדט נאָך אַלץ רוסיש, קיין וואָרט העברעאיש, ער לעבט צווישען אידישע ארבייטער איינזאַם... די לעצטע דריי יאָהר אין עין־חרוד, קרעכצט צו, שוין אַלט און אויסגעאַרבייט. שאַנעווען איהם די חברים, גיבען איהם לייכטע אַרבייט און זעהן, אַז ער זאָל זיך פיהלען היימיש.

גאַנץ פריה בין איך אויפגעשטאַנען און אַרום דרויסען. די קאָלאָניע איז נאָך פריהער פאַר מיר אויפגעשטאַנען. נאָך פריהער פאַר דער קאָלאָניע איז אויפגעשטאַנען דאַס אַראַבישע דאָרף, וואָס געפינט זיך איבער ראש־פינה. אַראַבישע מענער און פרויען זיינען געגאַנגען צו דער אידישער אַרבייט. איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ שטיין בײם וועג און גענומען קוקען אויף די פאַרבייגעהענדע אַראַבער, אונזערע שכנים, אונזערע געגנער און אונזערע „שוועס־טערקינדער“. ראש־פינה און פתח־תקוה זיינען די צוויי קאָלאָניעס, וואָס באַשעפטיגען די גרעסטע צאָהל אַראַבער. אין פתח־תקוה איז דאָ אַפילו אַ שולע פאַר אַראַבער און זייערע קינדער לערנען זיי העברעאיש, און פיעל אַראַבער פון ראש פינה רעדען אָדער פאַר־שטעהען העברעאיש. אונז ווידער דוכט זיך, אַז אַראַביש איז שעה־נער פון העברעאיש. אַז וואָס נעהענטער העברעאיש קלינגט צו אַראַבישער אויסשפּראַך, אַלץ חנ׳עוודיגער איז העברעאיש. אויך שטיקער אַראַבישע קליידונג ווערען אָנגענומען און פיעל היימען ווערען מעבלירט אויף אַראַבישען שטייגער. קוקענדיג איצט אויף די פאַרבייגעהענדע אַראַבער, האָב איך צו מיר געזאָגט, אַז ס׳איז באַגרייפליך וואָרום מיר פיהלען זיך צוגעצויגען צו זייערע פאַרבען און פאָרמען. זיי זיינען פּלאַסטיש אין זייערע באַוועגונגען און פּאָעטיש אין זייערע אויסערונגען. און דערהויפּט פיהלט זיך פריד־ליכקייט. ס׳איז אַ פרידליבענדיג פאָלק. צייכענס פון גוטען ווילען און פרידליכקייט האָב איך געזעהן אויף אַלע וועגען און גאַסען און אויך דאָ, גראַד אין אַ סצענע, ווען אַ איד מיט אַן אַראַבער האָבען זיך צוקריגט. מען האָט זיך צוקריגט צוליעב אַ זאַק און אַ שטריק, ביידע האָבען געשריען, מיט די הענט געמאַכט און מיט פייער גע־שפּריצט, אַלץ אויף אַראַביש. אָבער עס איז געווען אַ קריעג פול מיט שלום, אַ גוט־ברודערליכער קריג. מען האָט באַלד אַ פּשרה געמאַכט; מיר דעם שטריק, דיר דעם זאַק, און מ׳איז געבליבען גוטע פריינד.

דערווייל איז שוין גאַר ראַשיג און לעבעדיג געוואָרען אויף דער הויפּט גאַס פון דער קאָלאָניע: פוהרען, אייזלען, אויטאָמאָבילען מיט רייזענדע זיינען געפלויגען הין און צוריק. מען שטעלט אָפּ, מען שמועסט... מען גיט צו לייזען עטליכע פּיאַסטער און מען פאָהרט ווייטער. ס'איז צוגעקומען צו מיר אַן אַלטיטשקער, זיך אַנידערגעזעצט און מיר האָבען זיך צורעדט וועגען אַלטע און נייע צייטען. פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעהויבען און ווי אַ נביא גרויס און פּאַטעטיש אויסגערופען:

— איצטער איז די בעסטע און ליכטיגסטע צייט פאַר אַלע יאָהרען, וואָס איך קען ארץ ישראל. איצטער, ברודער, לעבען מיר איבער אונזער פריידיגסטע און פרידליכסטע צייט. איצטער קענען מיר דאָס לאַנד פריי באַזעצען און באַבויען. איצטער! יאָ... קיינמאָל האָבען מיר נאָך ניט געלעבט אַזאַ שעהנעם, פרייען אידישען לעבען ווי מיר לעבען היינט! טאָ גיט־זשע זיך, ברידער, אַ נעם, זאָלען מיליאָנען געלט אריינשטראָמען, זאָלען הונדערטער און טויזענטער מענשען אריינקומען... זאָל טאַקע ארץ ישראל ווערען אונזער היים... איצטער איז די צייט...

1924.

# אַ טאָג אין רחובות

קיין רחובות בין איך געפאָהרען צוזאַמען מיט אַ אידישען אַר־בייטער פון ארץ ישראל. ס'איז געווען אַ גרויס געוואַקסענער בלאָנ־דער בחור מיט בלויע אויגען, אַ פרעהליכער און זאָרגלאָזער. מיר האָבען זיך געטראָפען אין תל־אביב.

ווען ער האָט דערהערט, אַז איך קלויב זיך באַזוכען רחובות האָט ער זיך דערפרעהט, ער פאָהרט אויך אַהין, ער דאַרף אויפ־מאַהנען עפּעס אַ חוב ביי אַן אָרגאַניזאַציע. מען איז איהם שולדיג אַ פונט מיט אַ האַלב, (אַן ערך אַ זעקס דאָלאַר). אַי וואָס די רייזע הין און צוריק און אַזוי אויסגאַבען וועלען איהם קאָסטען בייי־נאָהע די סומע וואָס ער געהט אויפמאַהנען, דאָס איז נישט וויכ־טיג, דערוויייל פאָהרט מען זיך דורך. דאָס איז אייגענטליך דער הערשענדער גייסט אין ארץ ישראל צווישען די אַרבייטער, און אפשר אויך צווישען אַנדערע קלאַסען, מען רעכענט ניט שטאַרק. אפשר דערפאַר וואָס מען האָט ניט געהאַט קיין סך פּראַקטיקע אין רעכענען, אָבער פיעל מעהר דערפאַר וואָס דאָס רעכענען איז נישט אין דער לופט. גבירים וועט מען סיי ווי ניט ווערען, צוליעב רייכ־קייט איז מען דאָך אַהער נישט געקומען, היינט וואָס איז דאַ פאַראַן צו רעכענען ! ? האָט מען עפּעס אין קעשענע גיט מען דאָס לייכט אויס. איך פלעג מיך אָפט וואונדערען צוקוקענדיג ווי אַ בחור, וואָס פאַרדיענט דורך שווערע אַרבייט, קוים 25־30 פּיאַסטער אַ טאָג, גיט אויס לייכטמוטיג, אַהן פיעל טראַכטען, זיין ביסעל געלט אויף זאַ־כען וואָס זיינען נישט אַבסאָלוט נויטיג. אַ חוץ דעם איז דער ארץ־ישראל'ער אַרבייטער פריייגיביג. פון דאָס ביסעל וואָס ער פאַרדינט צאָהלט ער אין אַ גאַנצע רייהע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, קאַסען, פאָנדען, אימער גרייט דאָס לעצטע אָפּצוגעבען און אויסצוגעבען.

אָנגעקומען זיינען מיר צו דער אייזענבאַהן סטאַנציע רחובות אַרום מיטאָג. די זון האָט געשמאַק געבּרענט אַזוי, אַז דאָס שטיקעל

וועג וואס מען דארף צוגעהן פון דער סטאנציע ביז דער קאלאניע האט אונז געקאסט עטליכע היפשע טראפענס שווייס. דער וועג א זאמדיגער און ס'איז שווער צו פאהרען און צו געהן, דערפאר טאקע לעגט מען יעצט דורך א שמאלען אייזענבאהן וועג פון דער סטאנציע ביז רחובות, דאס וועט פארבינדען די קאלאניע און איהרע פראדוקטען מיט דעם איבעריגען לאנד און וועט פארשפארען פיעל מיה און געלד. א גרופע אראבישע ארבייטער האבען מיר געטראפען באשעפטיגט דערביי, יונגע און עלטערע, אנגעטאן שווער־און־טונ־קעל מיט פנימ'ער ערנסטע און אנגעכמורעטע, „נאך ניט פארגע־סען", האט זיך מיר געטראכט, „די מפלה וואס זיי האבען ניט לאנג צוריק געהאט ביים אנפאל אויף דער קאלאניע".

בוימער און בוימער און צווישען זיי הייזלאך, הייזלאך ווייסינ־קע, ציכטיגע אין דריי לאנגע גאסען אויסגעשטעלט. דאס איז רחובות, איינע פון די שעהנסטע און גרעסטע קאלאניעס אין יהודה. די מיטעלסטע איז די הויפטגאס. זי ציהט זיך פון דעם „ליע־בעס בארג" ווייט־ווייט, דורך וויינגערטנער צו דעם בית עולם. פון איין זייט דער בארג פון ליעבע און לעבען, פון דער צווייטער זייט די קליינינקע בערגלעך, דער סוף פון ליעבע און לעבען. דער וועג אבער צווישען די צוויי סטאנציעס איז אין רחובות א גאנץ לאנגער און ס'איז ניטא, וואס צו פארצווייפלען. און א חוץ דעם, וואס דער וועג איז א לאנגער איז ער נאך א וואונדערשעהנער. וויין־גערטנער, גרינע זאנפטיגע לאבעדיגע היגלען, בוימער, ווייטע פעל־דער, בלויער הימעל, זיסע לופט, גליק און פריעדען זיינען צוגא־סען איבער יעדען ווינקעלע... אט דאס איז דער וועג אין רחובות פון דעם ליעבעס בערגעל ביז דעם נומער 69. אזוי הייסט דער בית־עולם אין רחובות. עס שטאמט דערפון, וואס אז מען האט אנגעהוי־בען בויען דעם ישוב האט מען געצייגען צעטעלעך, וועלכער פלאץ זאל וועמען געהערען און וואו עס זאל געבויט ווערען. איז צע־טעלע נומער 69 אויסגעפאלען פאר א בית עולם. אזוי האט מען מיר דערצעהלט. דאס בערגעל פון ליעבע אבער איז פון זיך אליין געשא־פען געווארען, די אינסטיטוציע איז געבוירען געווארען ווי די ווע־נוס פון דעם ים־שוים. די יוגענד געהט אהין שפאצירען פרייטאג צו נאכט, שבת און יום־טוב, געהט אהין. ווייל פון דארט זעהט מען די גאנצע קאלאניע און די געגענד ארום, און א חוץ דעם מוז דאך די יוגענד ערגעץ וואוהין געהן, איז דאס בערגעל געווארען דער

„וועגנוס בארג“ פון רחובות. שעהן איז דער בערגעל אבער טרוקען, וויסט, ניט מאלעריש און גלאט אזוי ניט ראמאנטיש. פיעל שעהנער איז שוין די צווייטע ענד פון וועג, דער נומער 69, דאס איז דער שעהנסטער בית עולם וואס איך האב אין מיין לעבען ער־געץ וואו געזעהן. די הויכע ווייכע בויגיגע אקאליפטוס בוימער נע־מען ארום די וויסע קברים מיט אזוי פיעל ליעבע און איידעלער גראציע, די זון שפיעלט דורך די בלעטער און צווייגען אזוי ריי־צענד ליעבענסווירדיג און די לאנגע און שמאלע בלעטער ווי צאר־טע פינגער לויפען איבער די פלאכע שטיינער ווי הענד איבער די קלאווישען פון א שפיעל אינסטרומענט. שטונדען לאנג קען מען אפזיצען דארט ביי א וויסען שטיין פון א קבר, קוקען און הערען מיט די אויגען דעם אונענדליכען פארוויגענדען שפיעל פון ליכטער און שאטענס איבער די ריינע שטיל שוויגענדיגע פליטעס און זיס טרוימען וועגען לעבען, ליעבע און גליק!

אויפ'ן וועג צוריק האבען מיר צווישען די גרינסען פון די וויינ־שטעק דערזעהן א אידישען שומר פון די גערטנער און מיר האבען ביי איהם געפרעגט צו די וויינטרויבען זייענן שוין רייף. אנשטאט אן ענטפער איז ער אריין טיעפער אין גארטען און א ווײלע ארום איז ער צוריק געקומען מיט גרויסע בינטלעך וויינטרויבען, געל־יאנטארנע און דופטענדע. איך האב געוואלט באצאהלען האט ער מיר מיט א שמייכעל געענטפערט, אז אין ארץ ישראל נעהמט מען נישט באצאהלט פאר וויינטרויבען, ווען מען איז א גאסט אין א וויינגארטען. מיר האבען זיך באדאנקט און פארזוכט די פרוכט. ניט גרויס אין פארם איז אבער דער וויינטרויב געווען צוקער זיס און עס האט געשמעקט געטליך. רינגס ארום, אזוי ווייט ווי דאס אויג האט געקענט זעהן זיינען וויינגערטנער געלעגען און פון צווי־שען די גרינסען האט מען אפט געזעהן אויפטויכען א ווייס פאר־וויקעלטען פרויען קאפ אדער א גרופע ארבייטער...

פאהרענדיג אין ארץ ישראל האב איך מיטגענומען מיט זיך א סך אדרעסען, רעקאמענדאציאנס בריעף צו פיעלע „פראמינענטע פערזענליכקייטען“. וועלכע איך האב געהאלטען פאר מיין חוב צו באזוכען. אנקומענדיג אבער אין לאנד האב איך אז דיזע אלע בריעף, אדרעסען און „עמפפעלונגען“ פארגעסען. איך האב קיין פארלאנג נישט געפיהלט נאך „פערזענליכקייטען“. פאר מיר איז דאס לעבען, די בערג, די טאלען, די בוימער און שטיינער און דאן



דער נומער 69 אין רחובות

די יונגע בויער פון לאנד, די שאסעען און די חלוצים געווען אזא גרויסער קוואל פון אינטערעס, אז מיר איז גאר אין קאפ נישט גע־קומען אז איך וואלט באדארפט באזוכען די „פני“, די „לייטענדע גייסטער“, שוין פון ריין זשורנאליסטישען שטאנדפונקט. זייענדיג דא אין רחובות האט זיך מיר אבער פארוואלט אריין אין א הויז, זיך באקענען מיט די מענשען און איך האב זיך דערמאנט, אז איך האט א גרוס איבערצוגעבען פון אונזער חבר יהואש צו זיין פריינד משה סמיליאנסקי און מיר זיינען צו איהם אוועק. טאקע אויף דער זעלבער לאנגער גאס געפינט זיך זיין הויז. מען געהט דורך א לאנ־גען הויף, פארביי בלומען בעטען, און מען טרעט אריין דורך א גאנעק אין הויז אריין, געטראפען זיין פאמיליע און אביסעל שפע־טער איז ער אליין אנגעקומען. א ברייט־פלייציגער, שוין אביסעל שווערליך אין זיינע באוועגונגען, ערשט פון דער ארבייט אין פעלד האט ער אויסגעזעהן ווי א אידישער קאלאניסט אין זיד־רוסלאנד.

מען האט זיך באקאנט. אויפ'ן טיש זיינען באלד געשטאנען שווארצע גלאנציגע וויינטרויבען מיט ברויט און א געשפרעך האט זיך צושפיעלט. ווענען פאליטיק פארשטעהט זיך, ווענען אראבער און אזוי ווי איך האב געוואוסט. אז ער איז א קענער פון די אראַ־בער, אז ער האט ווענען זייער לעבען אנגעשריבען א רייהע באקאנט געווארענע נאוועלען האב איך איהם א פרעג געטהאן, וואס ער דענקט ווענען זיי. האט ער מיר אנגעוויזען מיט די אויגען אויף א געשטאלט, וואס איז ווי א שאטען געשטאנען אין א ווינקעל, אן אלטער פעלאך, א טונקעל פנים'דיגער ווייס האריגער אראבער, אנ־געטהאן ווי די פאסטוכער אין דער ביבעל צייט.

„אט דער פעלאך איז געקומען צו מיר, ווי ער רופט מיך, צו דעם „חאואדזשי“, איך זאל איהם העלפען ברענגען שלום אין זיין משפחה. זיין זוהן, נעמליך, שלאגט די מוטער, איז די מוטער אנטלאפען פון הויז. פרוב איך איהם ערקלעהרען, אז דער זוהן איז אומגע־רעכט, אז שלאגען א מוטער איז א זינד, אז דער זוהן מוז איבער־בעטען די מוטער. פארשטעהט מיך ניט דער אלטער אראבער. פאר־וואס איבערבעטען ? פרעג איך איהם, ווי וואלט געווען, ווען דער דאזיגער זוהן שלאגט ניט די מוטער, נאר טאקע איהם, דעם פא־טער ? איז דער פעלאך אויפגעשפרונגען. וואס הייסט דער זוהן וועט וואגען א האנד אויפצוהויבען אויף א פאטער ! !“

די מוטער, הייסט עס, מעג מען שלאגען ווייל זי איז א פרוי.

אט דאס איז דער אראבער. אפאלק מיט אזא מאראל, מיט אזא באציהונג צו דער פרוי קען קיין קיום ניט האבען.

מיר זיינען דאן אריבערגעגאנגען צו זיין שרייבען, צו זיינע שריפטשטעלערישע ארבייטען און דא האב איך דערזעהן פאר זיך א ריינע נשמה, א צניעות'דיגע פארהעלטנים צו זיין קונסט. די באשיידענקייט, דאס רויט ווערען פון אן עלטערען מענשען, די האלבע ווערטער, די איינגעהאלטענקייט מיט וועלבע ער האט זיך ארויסגעזאגט וועגען דעם, אז ווי קען מען יעצט טראכטען וועגען שרייבען, און ווי קען מען דרוקען, און וואו דרוקען!!...

איך בין ארויסגעגאנגען אביסעל אנקוקען די קאלאניע. איך האב געוואלט א קוק טהאן אויף דאס הייזעל וואו אונזער יהואש האט דא געלעבט און געשפונען זיינע ליעדער פון די ארץ־ישראל'ער זונען שטראלען. ס'איז א קליין איינשטאקיג הייזעל, צימליך אפ־געלאזען, שטעהט עס אין גארטען, אימיצער וואוינט דארט, אבער מיר און לאדען זיינען געוועז צוגעמאכט און עס האט אויסגעוויזען ווי עס דרימעלט אונטער דעם ווייסען צודעק פון דעם הייסען זונ־ליכט. איך האב די שוהל געזעהן וואס שטעהט הויך איבער דעם גאנצען ישוב, זעהר אימפאזאנט. כ'האב געזעהן דאס „פאלקס הויז" א זעהר פיינע געביידע, עפעס גאר מיט א פיינעם פארנעהם, וואס ווערט, ליידער, ניט געהעריג אויסגענוצט. עס וואלט דארט געקענט זיין א ביבליאטעק, א שטיקעל טעאטער, א קולטור און רוה פלאץ. ס'איז אבער דערווייל ניט, א שאד!

---

ס'איז דער טאג שנעל אריבער, און איך האב נאך רחובות ניט געזעהן, איבערנעכטיגען האב איך ניט געקענט, געמוזט דעמזעלבען אבענד מיט דער באהן צוריק פאהרען. און דער אבענד מיט דער בלויער טונקעלהייט און מיריאדען שטערען אויפ'ן הימעל קומט גיך אן, מען דארף זיך צואיילען. איינגעפאקט מיינע פאפירלאך, לאז איך זיך מיט דעם באגלייטער מיינעם, וועלכער האט זיין חוב נישט אויפגעמאנט, הא דוכט זיך מיר, אפילו נישט פארזוכט אויפצי־מאהנען. מיר שפאנען. די געדיכטע מאסען בוימער ארום דער קא־לאניע ווערען נאך געדיכטער, און באלד ווערען זיי שווארץ, עפעס טשירקעט און טרילט און ארום איז וואונדער שטיל און טיעף בלוי. פון ווייט־ווייט דערהערט זיך א צוציגען אראביש ליעד און אבי־סעל נעהנטער א סקריפ פון א שווער באלאדען וואגען. פלוצלונג

האט זיך דער סקריפ אפגעשטעלט און א ווײלע ארום האבן זיך א פינף־זעקס שטימען מיט ווילדע געשרייען ארויפגעוואָרפן אויף די פערד, אָדער עזלען וואָס האבן דעם וואָגן געשלעפּט. דער וואָגן האָט זיך, ווי עס שיינט אין א זאמדיגען גרוב פארהאקט און מען וויל פון גרוב ארויסקריכן. געשרייען, פלוכטען, שטעקן גע־קלאפּ... ביז עס ווערט ווידער שטיל און נאָך א ווײלע שטילען סקריפּען ווערט ווידער אלעס אונענדליך רוהיג און בלוי. אויף דער סטאנציע איז געווען פינסטער. עטליכע קאָלאָניסטען אין זומער קליידער אנגעטהאָן, עטליכע אראבער מיט לאנטערנען, א בלויער פרויען סילועט, מען וואַרט אויף דעם צוג קיין יפו...

דער לאנגזאמער צוג, שטערענדער הימעל, גרינע ליכטער, בלויע שאָטענס, און ברענענדע שווארצע אויגען...

ארץ ישראל, ווי שעהן דו ביסט!



דאָס קליינע הויז וואו יהואש האָט געלעבט

# דגניה,ביים ירדן

די קאָלאָניע אָדער די קבוצה דגניה רופט מען, האָב איך געהערט, די כ ל ה, פאַר איהר שעהנקייט און פאַר איהם יום־טוב׳דיגקייט. און זי איז ווירקליך שעהן. ליגט גראָד דאָרט וואו דער ירדן פליסט אַרויס פון דעם ים כנרת. פון דעם זייד־בלויען וואַסער, שטראָמט אַרויס אַ וואַסערדיגע האַרפּע מיט וואַסערדיגע סטרונעס אַנגעצויגען און יעדע סטרונע האָט אַן אַנדער פאַרב, אַ בלויע, אַ גרינע, אַ פיאָלעטע, אַ ראָזיגע און אַ געלע. אויסצוקלייבען זיך דעם פּלאַץ פאַר אַ קאָלאָניע איז געווען אַ געניאַלער איינפאַל. קען דען זיין אַ פּלאַץ אויף דער ערד, וואָס זאָל זיין ראָמאַנטישער, אינטערעסאַנטער, זאָל זיין רייכער מיט אַססאָציאַציע, פון בילדער און לעגענדען ווי דער פּלאַץ וואו דער ירדן פליסט אַרויס פון כנרת ? דאָס מיידעל וואָס האָט מיר דעם פּלאַץ געוויזען האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און מיר געזאָגט, אָט דאָ, זאָגט זי, מיט זיכערהייט, האָט יאָהאַן געטויפט קריסטוס. זי איז גאַנץ גענוי אינפאָרמירט. און איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט ערנסט און זי האָט מיך געפרעגט צי וויל איך ניט זעהען זייער ביהנען הויף און דעם פּיה שטאָל און איהרע שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט נאָך ערנסטער. זי איז געגאַנגען פאָראויס, אַ ווייסע יונגע געשטאַלט, האָב איך מיר געטראַכט : אפשר איז זי דאָס די כלה — דגניה ? !

פּיעלע שעהנע זאַכען פאַרמאָגט דגניה, אָבער די אַלע בוימער וואָס פיהרט צום ירדן איז די מערקווירדיגסטע ! אַ דינער, אַ שמאָלער וועג, פון ביידע זייטען טונקעלע הויכע טענענבוימער, לויפט פון די הייזער צו דעם טייך און געהט אַ ווייס געקליידעטע פרויען געשטאַלט אָדער קינדערלאַך איבער דעם וועג, ווייזט זיך אויס, אַז דאָס זיינען עפּעס וועזענס פון אַ ראָמאַנטישער דיכטונג. פיהרט מיך דאָס מיידעל דורך די אַלעע צו ווייזען מיר דעם ירדן.

ווי וואונדערליך דאס קלינגט! איך וועל באלד נאהענט דערזעהן דעם ירדן, מיין האנט איינטונקען. אין יענעם ירדן וועגען וועלכען טויזענדע יאהרען רעדען, קלאגען און זינגען! און ווען איך האב דערזעהן א וואסערעל, וועלכען אן אראבער געהט אריבער צופוס, פארקאטשענדיג די פאלעס פון זיין כאלאט, האט מיר פארקלעמט דאס הארץ, און איך האב דעם צארטען וואסערעל נאך ליעבער געקראגען. ווען איך האב זיך שפעטער אין ירדן געבאדען, גראד דארט וואו ער פליסט פון ים ארויס, פליסט ארויס אייליג, קרים־טאל קלאהר, פריש און דופטיג האב איך מיט די הענד זיינע לווי־פענדע פעדעמלעך געכאפט און צו די אויגען און צו די ליפען זיי געטוליעט. ס׳איז געווען גאנץ פריה מארגען, איבער׳ן ירדן איז נאך געלעגען א שאטען, בלויז הויך, הויך איבער א וואלקענדעל האט א זונען־שטראל אנגעזאגט, אז א הייסער טאג קומט אן אין זיין פייערדיגען רייטוואגען. דאס פרישע זיסע וואסערעל איז ארום מיר געלאפען און איך האב געפיהלט א גליק פאר וועלכען איך קען קיין ווערטער ניט געפינען.

נאך א זאך פארמאגט דגניה: א רייהע וואונדערבארע קברים. אונטער אקאליפטוס בוימער ביים סאמע ירדן שטעהען א רייהע קברים פון געפאלענע ביי דגניה און פאר דגניה. ווער אלס שומר, ווער פון געלען פיבער, און ווער אין כנרת דערטרונקען. עס בויגען זיך און ווארפען בלויע אוזארען איבער די שטיינער די שלאנקע אקאליפטוס בוימער, הינטער זיי קוקען דורך די בלעטער און צוויי־גען געלע גאלדיגע בערג, און צווישען זייביידע גרינט זיך און שפיעלט זיך דער ירדן. און די העלדען ליגען מיט די קעפ צום ירדן און רוהען זייער אייביגען שלאף. ס׳איז א דרעמעל, זיי מוזען אלץ הערען, זיי מוזען פיהלען און מיטלעבען מיט דעם וואס עס טוט זיך איצט אין זייער לאנד און אין זייער שעהנער דגניה.

אין דגניה אליין ארבייט מען. ס׳איז א קבוצה, איינע פון די ערפאלגרייכסטע. עס האבען זיך צונויפגעקליבען מענער און פרויען שעהנע, געזונטע און איידעלע און מ׳האט זיך געטריי א נעהם גע־טהאן צו דער ארבייט, פארטיילט צווישען זיך די ארבייט, פאר־טיילט די אחריות, פארטיילט די זארג און פרייד און עס איז אוועק דער וואגען, עס וועט אפשר קיין דעפיציט ניט זיין, א זאך, וואס איז א זעלטענע ערשיינונג. אין דגניה איז דא א הינער הויף, א לאנגע פעדערדיגע מלוכה, און עס איז אויך דא א פיה הויף —

דגניה׳ס שטאָלץ און פרייד. בהמות האָבען זיי עטליכע פון א זעהר מאָדנעם כמעט קאָמישען פאַסאָן. הויכע פיס ווי ביי א פערד און די הינטערשטע פיס זיינען לענגער פאַר די פאָדערשטע אזוי אז די בהמה שטעהט שטענדיג מיט׳ן קאָפּ בארג אראָפּ. אָבער, זאָגט מען, זיי גיבען א סך מילך און זיינען גוטע בהמות.

און אראנזשעווע גערטנער האָבען זיי, און א גאָרטען־שוהלע האָבען זיי, וואו זיי פאַרפלאַנצען קליינינקע בוימעלעך און פון דאָרט איבערפיהרען זיי אין וועלדער אריין. און ווער קען דאָס אַלעס איבערדערצעהלען וואָס זיי האָבען? זיי האָבען פיעל מוטה און פיעל יוגענד און אַלס שעהנעם קאָנטראַסט צו דער יוגענד האָבען זיי דער מערקווירדיגען גרייז, דעם אַלטען גאָרדאָן.

א סוטלעוואַטער מיט א גרויסע גרויסע באָרד און א פלאַטשיק היטעל מיט אַקאַשקעט אביסעל אָן א זייט מיט א העמדעל און אַפּטמאָל באָרפיס מאַכט ער וואונדערבאַר דעם איינדרוק פון גראף טאָלסטאָי. און ווען מען זעהט איהם נאָך ביי דער ארבייט אין פעלד מיט דעם פיאַש, און ער ארבייט שטענדיג, איז דער איינדרוק אומפאַרגעסליך. אָפּגעאַרבייט קומט דער עהרווירדיגער גרייז אריין אין אַלגעמיינעם עס־צימער און זעצט זיך אַוועק אין רייה מיט אַלעמען ביי איינעם פון די לאַנגע טישען צווישען יונגע ארבייטער און אַרבייטערינס. אַלע גיבען איהם אָפּ גרוים כבוד. ער איז דער האַרציגגעליעבטעסטער אַלטער חבר גאָרדאָן, און זעצט ער זיך אַוועק טיעף דעם קאָפּ אריינגעצויגען אין די אַקסלען מיט די לאַנגע מאַגערע הענד אויסגעצויגען איבער׳ן טיש און הויבט אָן שטיל און רוהיג רעדען ווערט מען ארום אַנטשוויגען און מען הערט זיך איין צו יעדען וואָרט זיינעם.

ער רעדט איבער פּאָליטיק און שרייבט איבער פּאָליטיק, און שרייבט, זאָגט מען, זעהר שעהנע „מאמרים“. און מען איז שטאָלץ מיט איהם און מען ליעבט איהם. די ליעבע צו איהם איז אפשר גאָר אָן אָפּשפּיגלונג פון דער ליעבע וואָס ער האָט צום לאַנד און צו אַלע וואָס ארבייטען אויפ׳ן לאַנד און פאַר׳ן לאַנד. איך האָב געזעהן ווי ליעבע־פול ער האָט א קלאָפּ געטאָן איינעם פון זיינע יונגע חברים איבער דער ברייטער פּלייצע, קוקענדיג איהם אין די אויגען מיט פּאַטערליכע ליעבע און פרייד. פּאָטאָגראַפירען אָדער צייכענען זיך לאָזט ער ניט פאַר קיין פאַל ניט. ער זאָגט, אז ער איז נאָך נישט געשטאָרבען, און א לעבעדיגער מענש דאַרף פון זיך קיין קאָפּיעס



די אַלעע איז דגניה וואָס פיהרט צום ירדן

ניט האבען. איך האב איהם דאך אומבאמערקטערהייט אראפגע־ סקיצירט. אלע ארומיגע זיינען געווען אין דער קאנספיראציע מיט מיר קעגען איהם, האבען מיר פארשטעלט ער זאל ניט זעהן מיין אר־ בייט און איהם פארערדט ער זאל ניט אוועקגעהן בעת איך האב גע־ ארבייט. די פרייד וואס יעדער איינער האט געהאט דערנאך פון דער צייכענונג איז געווען ריהרענד. און דערהויפט איבער'ן גאנצען לאנד קען מען איהם און יעדער איינער דערזעהענדיג די צייכענונג רופט אויס מיט פרייד און אכטונג: „אי, דאס איז דאך דער אלטער גארדאן!! און ער האט זיך געלאזען פון זיך צייכענען?!"

אבער מען פיבערט אונטער צו ביסלעכווייז אין דגניה. דאס מייד־ דעל וואס האט מיר דעם ירדן געוויזען האט נאר וואס דורכגעמאכט די ערשטע באקאנטשאפט מיט דעם פיבער אין שפורען זיינען נאך געלעגען ארום איהרע אויגען. ווען איך האב אויסגעדריקט מיין בא־ דויערען האט זי א שמייכעל געטהאן, דעם ערשטען שמייכעל פאר דער צייט פון אונזער שפאציר און האט זיך אפגערופען: ווי טרא־ גיש איהר נעהמט דאס די זאך, איהר אלע ערשט אנגעקומענע! יעדער פון הויז האט שוין געקענט דעם פעטער פיבער און מען מאכט זיך פון איהם א צימעס. מען פיבערט אפ אביסעלע און פארטיג. און דאס אויך אלץ ווייניגער און ווייניגער. די געגענד ווערט מיט יעדען טאג אויך געזונטער, מען רייניגט, מען טריקענט אויס, מען גיסט נאפט, מען היילט די קראנקע, און עס וועט נישט אוועק פיעל צייט ווי מיר וועלען אין גאנצען אין ארץ ישראל פארגעסען וואס פיבער הייסט... דערווייל, נו, דערווייל וואלט מיך אינטערעסירט צו וויסען, וואס מאכען די נייע ריכטונגען אין דער קונסט, ספּעציעל די עקספּרעסיאניסטישע?... זי איז זעהר פאראינטערעסירט אין דער שוהלע, איז א פארעהרערין פון מאנכע טאלאנטען־עקספּרעסיא־ ניסטען, נישט אזוי די אימפּרעסיאניסטען אדער פאסט אימפּרע־ סיאניסטען ווי גראד די עקספּרעסיאניסטען, און זי וויל איך זאל זעהען דעם נייעם גרויסען האהן און די קליינינקע נאר וואס אויס־ געפּיקטע הינדעלאך, אין הינער הויף. און מיר האבען איבערגעלאזט דעם פיבער און די עקספּרעסיאניסטען און אוועק זעהן די קליינינקע געלע הינדעלאך.

אין עס־צימער און צווישען די חברים האב איך באגעגענט די זעלבע גאסט־פריינדליכקייט ווי איבעראל אין ארץ ישראל און עט־ ליכע באקאנטע, אלע רעדען א גוטען העברעאיש און נישט קיין

ערגערען רוסיש און ווען עס פאַרבענקט זיך — אַ זאַפטיגען אידיש. געגעבטיגט האָב איך אין אַ ביידעל. צופוסענס איז מיט מיר געשלאָפען אַ ביקס, צו קאָפּענס נאָך איינער, אין די קאָלאָניעס איז מען באַוואָפענט זעהר גוט. אויסער דעם וואָס יעדער האָט אַ ביקס און אַ רעוואָלווער און אפשר נאָך עפּעס: ווי למשל האַנדגראַנאַטקעס, איז מען נאָך באַפעסטיגט. עס זיינען דאָ טראַנשעען אַרומגעגראָבען אויפ'ן עכט מיליטערישען שטייגער. עס ליגען אויף באַלקאָנען און פענסטער זעק ערד, פון הינטער וועלכע מען קען זיך פאַרטיידיגען און שיסען. עס זיינען אויך דאָ גאַנץ שפּיציגע שטעכעלקעס דורך וועלכע דורכצוגעהן איז זעהר שווער. קורץ, חברה נעהמען אָן מיטלען, אַז דעם אַראַבער זאָל פאַרגעהן דער חשק אָנצוהויבען זיך מיט אַ אידישען קאָלאָניסט.

די שעהנע דגניה מיט די פּיעלע ביקסען און רעוואָלווערען וואָס ליגען אַרום, מאַנכמאָל שוין אַביסעל צו נאַכלעסיג, מאָהל איך מיר אין דער געשטאַלט פון די לעגענדאַרע אַמאַזאָנקעס. אַ שעהן יונגפרוי רייט אויף אַ פערד און מיט אַ שפּיז און שילד אין דער האַנד פיהרט דיעזע מיידעל אַ העלדישען קאַמף, און דער קאַמף גיט צו אַ זאַנדערבאַרען רייץ צו איהר שעהנקייט און די שעהנקייט איהרע גיט צו אַ גראַציע צו איהרע קעמפע.

גאַנץ פריה מאָרגען, ווען דגניה איז נאָך געשלאָפען, האָב איך פאַרפאַקט מיין פּעקעל און בין אוועק. דגניה די וואַכעדיגע לאָזט אַ גאַסט אַזוי לייכט ניט אַרויס...

.1921

# אין מטולה

די אידישע קאָלאָניע מטולה איז געגליכען צו יענער לעגענ־דאַרער פּרינצעסין, וואָס וואַרט, אַז דער העלדישער פּרינץ זאָל קומען און, האָבענדיג באַזיגט אַלע שטערונגען אויפ׳ן וועג צו איהר, זאָל ער זי אויפוועקען מיט אַ קוש אויף די ליפּען.

די געגענד פון מטולה שטערט אויך ניט איהר שלאָף. פאַר־קעהרט, ס׳איז ווייט, דער ווייטסטער פונקט אין צפון פון ארץ־ישראל, ס׳איז שטיל, וואונדערבאַר שטיל... בלויז אַן איבערפאַל פון אַראַבער שטערט אַמאָל די שטילקייט. דאָס איז די איינציגע אונטערהאַלטונג וואָס מטולה האָט. און מען מוז צוגעבען, אַז די שכני׳שע אַראַבער, די דרוזען, קאַרגען איהר ניט אַזאַ אונטער־האַלטונג. קיין אידישער ישוב האָט ניט דורכגעמאַכט אַזוי פיעל איבערפאַלען ווי מטולה. דערפאַר אפשר זיינען די דעכער פון איהרע הייזער אַזוי בלוט־רויט, גליהענדיגער ווי וועלכע עס איז אנדערע דעכער פון אַ אידישער קאָלאָניע.

מיט וואָס־זשע איז די פּרינצעסין מטולה שעהן? עס איז שווער אויסצורעכענען אַלע איהרע חנ׳ען. מיט זיי קלינגט דאָך ארץ־ישראל! ווער ווייסט ניט, אַז דער באַרג חרמון מיט דעם שניי אויף זיין שפּיץ; דער אַלטער גרויער באַרג, דער זיידע מיט דער ווייסער יאַרמולקע, נעמט זיינע אויגען ניט אַראָפּ פון מטולה. און די לבנון־בערג פון סיריע און אַזוי דער גאַנצער גליל מיט זיינע בערג און טאָלען שפּילען אַן אויגען־שפּיל די גאַנצע צייט מיט מטולה. זי אַליין געפינט זיך אויף אַ באַרג, שטאָלץ און רייצענד. און ביי איהר זייט שפּילט אויף זיינע וואַסערדיגע סטרונעס דער תנור — דער שעהנסטער וואַסער־פאַל פון ארץ ישראל. אַז מען איז אין מטולה, פאַרפעהלט מען ניט אָפּצושטאַטען אַ וויזיט דעם „ניאַגאַראַ“ פון ארץ־ישראל. עס איז פופצעהן מינוט גאַנג און איך בין אַוועק צו איהם גאַנץ פריה. קום איך, איך זוך איהם, וואו איז

ער? ניטאָ... דאָס הייסט, אַלץ איז דאָ, די מוראדיקע פעלזן, דאָס טיפע בעט וואוהין דאָס וואַסער פאַלט מיט גערויש אַרונטער. אָבער דאָס וואַסער איז ניטאָ, בלויז אַ דינינק פּאָסיקעל וואַסער קאַפּעט מיעד אַרונטער. — עס האָט מיר אַזש ביים האַרצן פאַרקלעמט.

איך זע זיך אַנידער צייכענען, און עס צייכענט זיך שלעכט. אַ וועהטאָג, וואָס עס ווערט מיט אַ העלד אויף דער עלטער . און מערקווירדיג, ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין מיין קאָפּ די ווערטער: „אַל תשליכנו לעת זקנה! זעה איך אָבער אַז דאָס דינינק פּאָסיקעל הויבט אָן אָנצושוואָלן, פּלוצלונג האָט זיך אַרונטערגעריסן אַ צוווייטער פּאַס, שוין גאָר אַ גראָבער, און מיט אַמאָל האָט געגעבן אַ פליוך און אַ שפּרונג וואַסער מיט איהר גאַנצער אַמאָליגער שעהנקייט.

איך פרעג אַ לעהרער, וואָס איז געקומען מיט אַ גרופּע תלמידים ווייזן זיי דעם וואַסערפאַל, וועגן דער דאָזיגער ערשיי־נונג. ענטפערט ער מיר גאַנץ פשוט: די אַראַבער פון דער גע־גענד כאַפּן איבער דעם וואַסער־פאַל און באַגיסן מיט איהם די פעלדער. זיי האַלטען אָפּ זיין לויף פאַר אַ ווייל. נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרטיג — לאָזן זיי דעם אַלטען אָפּ און דערפון קומט דער גאַנצער אינצידענט.

דער חרמון און דער תבור זיינען ניט די איינציגע זעהענס־ווירדיגקייטען פון מטולה. זי האָט אַ דריטע, דאָס איז די ג ר ע־נ י ץ . די גרעניץ צווישען ארץ ישראל און סיריע געפינט זיך אַ פערטעל שעה גאַנג פון מטולה און אַזוי ווי די געגענד איז דאָרט באַזונדערס שעהן, לאָזט מען זיך געהן, אָדער פאָהרען אַהינצו־אַנצוקוקען די דאָזיגע ליניע וואָס טיילט אָפּ די ענגלישע פּאָליציי פון דער פראַנצויזישער.

און דאָס איז איצט נאָך גאָר אַ נייע זאַך. איך מיין די ענג־לישע זשאַנדאַרמעריע אין מטולה. מטולה איז דאָך געווען פראַנ־צויזיש, דערנאָך האָט מען זי צוגעטיילט צו פּאַלעסטינאַ, אָבער „אינסטאַלירט“, אַזוי צו זאָגען האָט מען זי ערשט אַ פּאָר וואָכען צוריק דערמיט, וואָס די פראַנצויזישע פּאָליציי, וואָס האָט די גע־גענד באַוואַכט, האָט זיך צוריקגעצויגען און פּלוצים ענגלישע פּאָ־ליציסטען האָבען פאַרנומען זייער פּלאַץ. די פּאָליציי איז אַ גע־מישטע: אַראַבער, אידען און אירלענדער; זיי אַלע שטעהען

אונטער דער קאמאנדע פון א לאנגען, דינעם סקאטלאנדישען מעידזשאר, א דזשענטעלמאן, אבער אן אומגעדולדיגער — אזוי האט זיך מיר אויסגעוויזען פון עטליכע באמערקונגען, וואס ער האט געמאכט ווענגען די שטאלען וואס די חלוצים בויען פאר זייערע פערד.

די זאך איז די אז צוזאמען מיט די פופציג מאן איז צוגעקומען א ביסעל לעבען אין דער קאלאניע. געווען זיינען פריהער צוויי „גראסערי"־קלייטלעך, איינע איז שוין געווען איבעריג. אזוי גיך ווי די פאליציי האט זיך באוויזען, האבען זיך באלד געעפענט צוויי נייע. אזוי דאס מטולה האט שוין פיער „גראסערי"־קראמען. ווען איך האב געפרעגט א קאלאניסט. צו וואס דארף מטולה האבען פיער קלייטלאך? זאגט ער מיר, אז ס'איז גוט אזוי. ווען עס עפענען זיך זעקס, וואלט געווען נאך בעסער. ווייל אז איינער הערט אויף צו בארגען — קען מען אנהויבען בארגען אין א צווייטער, און א נייע סטארקע בארגט בארגט גיכער. הערט איהר, אזא פאליטישע עקאנאמיע! ?

זשאנדארמען האבען פערד און די פערד דארפען עסען און דארפען האבען שטאלען. דארף מען די שטאלען בויען, האט מען דעם קאנטראקט זיי צו בויען איבערגעגעבען דעם „גדוד", וועלכער האט א בוי־אפטיילונג. בויט דער „גדוד", האקט שטיינער, שלעפט פעלזען, מישט צעמענט, קלאפט, זעגט, שמירט, — קורץ, עס וואקסען שטאלען פאר די פערד און הייזער פאר די מענשען. נו, קומט דער „סקאטשמאן" קוקט און קרימט זיך: די ווענטלאך, וואס טיילען אפ איין פערד פון צווייטען, זיינען ניט הויך גענוג, פערד ווע־לען בייסען איינער דעם אנדערען. א חוץ דעם, געפעלט איהם ניט וואס די בחורים טראגען לאנגע האר, ווי סטויגען היי און די מיידלאך, פארקעהרט, שעהרען אפ זייערע האר קורץ און נידעריג, ווי מענער... און דאס עסען איז איהם שוין אין דעם אידישען „מלון" דערעסען. ער איז שוין פינף יאהר אין ארץ ישראל און קענטיג, אז ער בענקט שטארק נאך זיין היים, געפעלען איהם ניט די קורץ־געשוירענע מיידלאך. דעם אמת געזאגט, זיינען טאקע אט די גאר קורץ, ווי ביי ארעסטאנטען, געשווירענע מיידעלשע קעפ ניט שטארק חנ'עוודיג... אבער אזעלכע זיינען אין מטולה ווייניג: אזוי, דאס דער מיידזשאר בייזערט זיך אומזיסט.

בויען די חברים פון „גדוד העבודה" שטאלען ביי־טאג און אין

אוועגד זינגען זיי לידער. און אז ס׳איז נאָך דאָ כחות — טאַנצט מען א הורא. אבער שטיל זיצט מען ניט, און אין דער קאָלאָניע ווייסט מען, אז עס געפינען זיך לעבעדיגע מענשען. פון זייער שטי־בעל טראָגט זיך יונג לעבען און די קאָלאָניסטען שאָקלען מיט די קעפּ, קוועטשען מיט די אַקסעל און קענען ניט פאַרשטעהן: וואָס זינגט זיך זיי דאָרט? דאכט זיך געגעסען א שטיקעל טרוקען ברויט מיט מאַגערען קעז און פּאַרטרונקען מיט א ביסעל וואַרים וואַסער און גאָר ניט, עס זינגט זיך זיי! קריכט מען אַרויס פון די אומע־טיגע הייזער און מען געהט א קוק טאָן. מען שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר, דערנאָך רוקט מען זיך אריין, מען זעצט זיך צו, מען גיט א שמייכעל צו א לידעל, מען פּאַטשט צו מיט די הענט צו א טענ־צעל און מען געהט צוריק אהיים קראַצענדיג זיך די פּאַטילניצע: מאָדנע חברה די יונגוואַרג׳ די חלוצים׳ און מען פאַרטראַכט זיך שטאַרק וועגען זייער אייגען לעבען, די קאָלאָניע, וואָס זי איז גע־ווען, וואָס זי איז איצט און וואָס פון איהר וועט זיין...

אַלט איז די קאָלאָניע שוין איבער דרייסיג יאָהר. דער באָדען איז „יקא׳ס,“ געלט „יקא׳ס“, אַלץ „יקא׳ס“ און גאָרניט, מען קומט ניט צו קיין טאָלק. אמת, איבערפאַלען, אבער דאָך... און דעם קאָלאָניסט ווערט אומעטיג. מען איז פאַרוואָרפען ווייט, א מאָרק וואו עפּעס צו פאַרקויפען איז ניטאָ, עפּעס קויפען איז אויך ווייט. צפת, טבריה זיינען היבש ווייט. טוריסטען קומען אויך ניט פיעל. דער איינציגער „מלון“ פּוסטעוועט גאַנץ געהעריג. עס וואָלט גע־קאָנט ווערען א גוטער פּלאַץ פאַר זומער־געסט, ווייל דער קלימאַט איז דאָ אַ אויסגעצייכענטער, א פרישער ווינטעל בלאָזט דאָ שטענ־דיג, ברענגט דערקוויקונג און פאַרטרייבט א ל ץ ו ו אָ ס ב י י ס ט... מאַנכע זאָגען, אז דאָס בייסען מאָסקיטאָס, אַנדערע זאָגען, אז דאָס זיינען אַזעלכע קליינע פליגעלאַך וואָס מ׳זעהט זיי ניט און מ׳קען זיי ניט כאַפּען. ווידער אַנדערע רופען אָן די נעמען פון אַנדערע גאָט׳ס באַשעפענישען. אבער אויף זיכער ווייסט קיי־נער ניט ווער און וואָס עס בייסט. איינס איז אבער זיכער, אז עס בלאָזט א שטאַרקער ווינט — בייסט ניט. דאָס הייסט, אז דער ווינט טראָגט אַוועק די אומבאַקאַנטע בייסערס. און אין מטולה בלאָזט כמעט שטענדיג א ווינט, ניט אזא ענערגישער, ווי אין כפר גלעדי, אבער שטאַרק גענוג פאַר דעם אומזיכטבאַרען חיל.

און מטולה וואָלט זומער געקענט ווערען א פּלאַץ פאַר שוואַכע

און פון דער היץ מיעדע מענשען, דערווייל אָבער פאַרען די מיעדע מענשען קיין צפת, און מטולה קוקט און קוקט און ווערט שלעפעריג קוקענדיג און עס שלאָפט איין די שעהנע פרינצעסין מטולה.

וואָס־זשע איז איצט אין מטולה? — גאָר ניט. די קאָלאָניס־טען, די עלטערע און די אינגערע טוען דאָס, וואָס אַלע קאָלאָניס־טען טוען, מען אקערט צוביסלאַד, מען האַלט אַ בהמה, אַ היהנ־דעל מיט אַ האָן, אָבער עס קלעקט ניט. איז מען געצוואונגען אָנ־צוקומען צו דעם רייכען פעטער „יקא“ נאָך סובסידיעס. דער אַד־מיניסטראַטאָר, אַ געזונטער זעלבסטצופרידענער איד, איז זעהר ניט צופרידען מיט די קאָלאָניסטען; די קאָלאָניסטען זיינען אומ־צופרידען מיט דעם אַדמיניסטראַטאָר און נאָך מעהר מיט זיך אַליין און טראַכטען וועגען מאַכען אַ סוף. און די „יקא“ טראַכט אויך וועג־גען מאַכען אַ סוף... שפירען דאָס די אַרבייטער פון גליל און טראַכטען זיך, אַז ניט דער סוף פון מטולה וועט דאָס זיין, נאָר דער אָנהויב. וועלען די קאָלאָניסטען אויפגעבען מטולה, וועלען זיי די קאָלאָניע איבערנעמען, איבערמאַכען אין אַ קבוצה און מטולה וועט לעבעדיג ווערען.

איך האָב גערעדט מיט מאַנכע אַרבייטער, „גדוד'ניקעס“ און קאָלאָניסטען און זיי אַלע גלויבען און האָפען, אַז אַזוי וועט עס זיין. אייגענטליך האָט זיך דער פּראָצעס שוין אָנגעהויבען. אַ טייל פון דעם באָדען איז איבערגעגאַנגען צו דער קבוצה „כפר גלעדי“, וואָס געפינט זיך נאָהענט פון מטולה. און אין מטולה אַליין האָט זיך אריינגעקליבען אַ שכנ'דעל אַ קליינע אַרבייטער־קבוצה'לע אינגאַנ־צען דרייצעהן יונגעלייט און מיידלאַך, זיי האָבען ביי אַכט הונדערט דונאַם לאַנד, אַ גאַנצע ווירטשאַפט אין מיניאַטור, בהמות, שאָף, מילך־ווירטשאַפט, אַ גאָרטען, גרינס, קורץ — אַ קליינינקע אָבער זעהר ענערגישע קבוצה'לע... זיי זיינען געוועזענע שילער פון דער אַגריקולטורעלער שול אין מקוה ישראל און דאָס איז זייער ערשטע זעלבסטשטענדיגע אַרבייט. אַרבייטען זיי מיט'ן גאַנצען ברען און ענטוזיאַזם און רופען אַרויס אינטערעס און באַוואונדע־רונג צו זיך און שטערען דעם רוהיגען שלאָף פון דער קאָלאָניע.

די אַרבייטער פון ארץ ישראל האָבען שוין לאַנג געוואָרפען אַן אויג אויף מטולה. איך געדענק נאָך פאַר דריי יאָהרען, ווען איך בין דאָ געווען, האָב איך געהערט אַרבייטער רעדען, אַז עס וואָלט געראַטעוועט מטולה, ווען זי ווערט אונזערע אַ קבוצה. ווייל אַרביי־

טער האָבען ליעב מטולה. שטענדיג זעהט מען וואַנדערענדע אַרביי־טער, איינצעלנע און אין גרופּען, דורכציהענדיג מטולה, מען קומט אַהער. עס ציהט זיי עפּעס דער רייץ פון דער געגענד, איהר ראָמאַנ־טיק. איינער האָט מיר געזאָגט: „עה, זאָגט ער, זינט דעם לעצטען איבערפאַל איבער מטולה איז זי מיר טיעף אין האַרצען אריין!“



# כפר גלעדי

קומט איהר אַן אין כפר גלעדי, נאָך מטולה דער צווייטער ווייטסטער אידישער ישוב אין גליל, באַגעגענען אייך צוויי זאַכען: ברייטע גאַסטפריינדליכקייט און אַ שטאַרקער ווינט. עס שטורעמט דער ווינט, רייסט פון אייך דאָס היטעל, וואַרפט אייך פון די פיס, און אַזוי בלאָזט ער אָפּ פון עלף אַ זייגער אינדערפריה ביז שפּעט אינדערנאַכט, ווערט אַנטשוויגען אויף עטליכע שעה, כדי ווידער דעם נעכסטען מאָרגען אָנצוהויבען זיין ווינטיגען שפּיעל. די חברים אָבער פון כפר גלעדי מערקען איהם שוין ניט, זיי האָבען זיך מיט דעם ווינט צוגויפּגעלעבט, קענען אַלע זיינע חכמות און קאַפּריזען און ווייסען ווי זיך צו האַלטען אויף די פיס און ווי זיך צו באַפּעס־טיגען געגען זיינע אַטאַקעס. און מיר דאַכט זיך, אַז אויב איהר ווילט אויסדריקען די אידעע פון דער דאָזיגער קבוצה, איז דאָס בעסטע וואָרט דאָס אויסצודריקען, וועט זיין: כפר גלעדי באַפּעס־טיגט זיך. אומבאַוואוסטערהייט האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין זייערע הערצער דער באַשטרעבען זיך פעסט אָנצונעמען אַן אַ שטאַרקען, זיכערען באָדען און זיין אימשטאַנד אויסצוהאַלטען אַלע אַטאַקעס פון נאַטור און מענש. און וואָס איז דער שטאַרקסטער פונדאַמענט פון אַ מענשליכער עקזיסטענץ? אַ קרעפטיגער, צאָל־רייכער יונגער דור, און כפר גלעדי קינדעלט און ערציהט קינדער, זאָרגט פאַר קינדער מעהר און בעסער ווי וועלכער ניט איז אַנדע־ער ישוב אין ארץ ישראל. עס לעבען דאָרטען ביי אַ זיבעציג דער־וואַקסענע מענשען און 36 קינדער, קינדערלעך פון אַלע גרויסען און קאַלירען. ספּעציעל פּראָדוצירט כפר גלעדי בלאָנדע, ווייסינקע. מען האָלט זיי אין ספּעציעלע הייזער, ניט צוזאַמען מיט די על־טערען. קינדער ווערען בלויז געבוירען און געזויגען פון די מו־טערס; די אמת'ע זאָרג, ערציהונג און פאַר אַ מענשען מאַכען ליגט שוין אויף ספּעציעלע חברים, דערצו באַרופענע און באַשטימטע.

אַלץ אין כּפר גלעדי דינט דער דאָזיגער קינדער־וועלט. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע גיט מען זיי. אַליין קומט מען אויס ווי ניט איז, די קינדער פעהלט אָבער פון גאָר ניט. אַליין עסט מען ווי ניט איז, די קינדערלעך אָבער האָבען מילך, אייער, פּוטער און אַלץ וואָס אַ יונג קערפּערל דאַרף האָבען, זיך צו באַפעסטיגען אויף דער וועלט קעגען אַלע סאָרטען ווינטען. עס וואָלט אָבער גאָר ניט געשאַדט, אַז די דערוואַקסענע אין כּפר גלעדי זאָלען אַביסעלע בעסער עסען. מען עסט דאָ זעהר שלעכט, ווי אין די מייסטע אַר־בייטער־קבוצות און ישובים. מען עסט שלעכט און מען שלאָפט שלעכט און די ביידע זאַכען זיינען זעהר שלעכט אָרגאַניזירט. עס איז בלויז אַ וואונדער, פון וואַנען ס'נעמט זיך קראַפט ביי די מענ־שען צו אַרבייטען אַזוי שווער און איינגעשפּאַרט, ווי זיי אַרביי־טען? ! מען פאַרגינט זיך ניט אַ שטיקעל פּוטער, מען פאַרגינט זיך ניט אַ גלאָז מילך, פון פלייש איז שוין אָפּגערעדט. ווידער אַמאָל אַ שטיק רעטאַך און אַ טאָמייטאָ, ווידער אַמאָל אַ ציבעלע און אַ שטיקעל וויסען, טרוקענעס, מאַגערען קעז מיט ברויט, און אַ גלעזעל ברוינע, זיסליכע און אַמאָל אָהן־צוקערדיגע טיי. און דער פריהשטיק איז פאַרטיג ! געענדיגט דער מיטאָג, און געשלאָסען דער אָוונט־ברויט.

שולדיג אין דעם, פאַרשטעהט זיך, איז דער בודזשעט. ניטאָ קיין מיטלען. דאַרף מען פאַריכטען אַ דאַך, וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעריסען ; דאַרף מען קויפען אַ נייע מאַשין, אַנידערשטעלען אַ מאַראַק פאַר די קעלבלעך — פון וואַנען נעמט מען דאָס ביסעל געלט דערויף ? שפּאָרט מען דאָס אָפּ פון עסען. נישקשה, מען וועט שוין ווי ניט איז אויסקומען. דערווייל ווערט דער קרופּניק נאָך שיטערער ; דערווייל קומט מען אַ פּאָר וואָכען אויס אָהן צוקער : דערווייל פאַרקויפט מען דאָס ביסעל פּוטער און מען קומט אויס אָהן דעם פאַר דעם נעקסטען האַלבען יאָהר. מען פאַרנאַכלעסיגט זיך פאַרברעכעריש. צוערשט קומט דער הויף, די בהמה, די ווירט־שאַפט, דערנאָך ערשט דער מענש. און אַזוי געהט עס יאָהר־איין, יאָהר־אויס. געזונטע, קרעפטיגע מענשען ווערען ביסלעכווייז גרוי און מאָגער, מען קרענקעלט צו, מען פיבערט צו, אַלץ ניט אַזוי פון דעם, וואָס איז דאָ פיבער און קראַנקהייט אין דער געגענט, נאָר דערפאַר, וואָס דער קערפּער איז ניט פעהיג צו קעמפען קעגען דעם. דאָס איז דער איינציגער פּונקט פון באַפעסטיגונג, וועלכען כּפר

גלעדי פארנאכלעסיגט, ווי עס פארנאכלעסיגען דאס כמעט אלע ארבייטער ישובים.

נאך ערגער ווי אין כפר גלעדי עסט מען אין „גדוד" און אין „עין חרוד". אביסעל בעסער האט מען אנגעהויבען עסען אין „מרחביה" און אין „דגניה".

יא, אבער די קינדער האבען אלעס. און זיי בליהען טאקע. עס לויכטען דעם קינד'ס אויגען, עס שטראלט זיין פנים'ל. און די ערציהונג איז אויך א נייע. מען לערענט זיי אלע וויסענשאפטען און אלע געגענשטאנדען דורך ארבייט. זיי האבען זיך זייער קליינע ווירטשאפט, זייערע בהמות, זייער גארטען, זייערע הינדעלעך און זיי פיהרען זייער ווירטשאפט סיסטעמאטיש און ווערען דורך ארבייט געלערנט און אויפגעצויגען אין געזונטע, עהרליכע מענשען. מען לערענט זיי ניט נאר די נויטיגע לאנדווירטשאפטליכע און עלעמענטארע געגענשטאנדען נאר אפילו צייכענען, מאלען און מוזיק.

קינדערלעך איז ניט דאס איינציגע לעבען, וואס וואקסט און באפעסטיגט זיך אין כפר גלעדי. דא איז איבערהויפט א לעבעדיגע וועלט. קעלבלעך, פערדלעך, הינט א גאנצע סווארע, פון קליינע און גרויסע הינט. די הינט פון כפר גלעדי האבען א שם איבער דעם גאנצען לאנד, ספעציעל איינער וואס מען האלט איהם אויף א קייט. זיין בילען קלינגט איבער'ן גאנצען גליל און פון זיינעם א בים קאן קיין געזונט ניט צוקומען. קען און קעצלעך א גאנצע קאלעקציע פיהרען זיך אין כפר גלעדי. לעבען פון אלע מינים I ניט צופעליג איז דאס, וואס דער צענטער פון דער ווירטשאפט ענטוויקעלט צו פיהצוכט. זיי האבען שוין אן אייגענעם טיפ בהמות, און קעלבלעך, פערדלעך, הויבען זיי שוין אן צו פארקויפען און איינגיבען וועלען שעפסען און פיה ווערען דער קרן פון כפר גלעדי'ס באלעבאטישקייט.

חברה האבען מיר באוויזען זייער גרעסטען „בוהאי", דעם שטאלצען טאטע פון א גאנצען דור קעלבלעך. איהר דארפט איהם אנקוקען, דעם ריעזן! ער ליגט אינמיטען הויף מיט אן אייזערנעם רינג אין נאז און באטראכט די וועלט מיט יענעם רוהיגען בליק פון איינעם, וואס טוט זיין פליכט.

אט אזוי באפעסטיגט זיך כפר גלעדי, צוערשט מיט א פונדאמענט פון לעבען, די ווירטשאפט איז שטארק געוואקסען פאר די

דריי יאָהר, וואָס איך האָב די קבוצה ניט געזעהן. עס איז געווען דעמאָלט בלויז איין הויז, די איבעריגע — בלויזביידלעך. איצט איז פאַרקערט. און ס׳איינציגעביידעל האַלט אויך אין פאַרשווינדען. עס איז אַ גרויסע און שעהנע, פיעל פאַרצווייגטע ווירטשאַפט. מען בויט, מען פלאַנצט, מען לאָזט טיעפע וואָרצלען אַריין אין באָדען, אַזוי אַז קיין ווינט און קיין שונא זאָל ניט קאָנען שאַדען. מען טראַכט בלויז ווי אַזוי קאָן מען דעם האַזיגען ווינט איינשפּאַנען, ער זאָל דרעהען עפּעס אַ ראָד און ניט גלאַט אַזוי הוליען פּוסט און־פּאַס. מען טראַכט וועגען אַ ווינט־מיהל, איז אָבער די צרה, וואָס קיין פליגעל פון אַ ווינט־מיהל וועט ניט אויסהאַלטען זיין אימפּעט. פרעגען מיך די חברים, צי קען איך ניט עפּעס אַ געניאַלען אינזשעניר, וואָס זאָל אויסטראַכטען עפּעס אַ מאַשין, אָדער אַזוי אַ פּלאַן, וואָס זאָל קאָנען איינשפּאַנען דעם דאַזיגען ווילדען יונגאַטש ? !

גראַד ווען איך בין דאָרט געווען, האָט זיך דער ווינט אַזוי צעהוליעט, אַקוראַט ווי ער וואָלט זיך ווען אויספּיינען פאַר אַ גאַסט. ער האָט געוואָיעט און געוועוועט און אַנגעטאָן מיט די מיידלעך די פאַרשייטסטע שטיק. דער ווינט ווערט געבוירען פון אַ באַרג, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דער קבוצה, און הייסט „די מוטער פון דעם ווינט". דאָס האָבען די אַראַבער אַזוי אָנגערופען דעם געהיימניספולען באַרג. די חברה אָבער פון כפר גלעדי וועלען זיכער אָנהויבען וועבען אַרום דעם ווינט זייערע אייגענע מעשיות; דער ווינט וועט געוויס ווערען אַ העלד פון אַ לעגענדע, דען ער נעמט אַ צו טעטיגען אָנטייל אין זייער טעגליכען לעבען.

נישט נאָר פאַר מיר האָט זיך דער ווינט געוואָלט אויספּיינען. נאָר פאַר די אַנדערע געסט, וואָס זיינען גראַד אָנגעקומען. דאָס זיינען געווען גאָר מאָדנע געסט. זעכצעהן דרוזען זיינען אָנגעקומען אויף פערד רייטענדיג און מען האָט זיי אויפגענומען מיט יענער גאַסטפריינדליכקייט, וואָס איז דער מנהג אין מזרח. ווער די דרוזען זיינען ווייסט איהר געוויס ניט, און נישט פיעלע מענשען אויף דער וועלט ווייסען עס. אַ קליינע צאָהל ווילדע אַראַבער, די ווילדסטע און די פאַנאַטישסטע קאָמפּאַניע וואָס די געגענד פאַרמאָגט. זיי און דער ווינט זיינען די צוויי פיינדליכע קרעפטען געווען געגען וועלכע כפר גלעדי האָט זיך געדאַרפט באַפעסטיגען. און מיט ביידען איז מען פאַרטיג געוואָרען. מיט די דרוזען לעבט מען איצט

בשלום. אַט קומען זיי צו־גאַסט, נעמט מען זיי אויף שעהן און פיין. מען האָט זיי צוזעצט אַרום דעם גרויסען הילצערנעם טיש פון בית־אכל און מען האָט זיי דערלאַנגט וואָס ס׳איז אין קיך געווען. גראָד איז קיין באַזונדערס רייכע מאכלים נישט געווען, אָבער זיי זיינען געווען צופרידען, און ווען זיי האָבען זיך פון טיש אויפגעהויבען און אוועק צום הויז, וואָס מען האָט זיי פאַר אַ נאַכטלעגער אָפּגעגעבען, האָט עס אויסגעזעהן ווי זעכצעהן פרינצעזן זיינען פון זייערע קעניגשלעסער אַראָפּגעקומען אַ וויזיט אָפּצושטאַטען אַן אַנדער קעניג. אַזוי מאַיעסטעטיש, אַזוי גראַנדיעז, אַזוי אַריסטאָקראַטיש איז געווען זייער האַלטען זיך. אַ וואונדער־שעהנער מענשען־טיפּ — באַזונדערס זייער שייך, אַ יונגער, מיט דינע שוואַרצע וואָנ־צעס און אַ זיידענע אַבאַיע. מיר זיינען אַלע געשטאַנען אַרום זיי און געקוקט אויף זיי און זיך זאַט נישט געקענט אָנקוקען. מאַנכע פון אונז זיינען דערנאָך געקומען צו זיי אין צימער. זיי זיינען אַלע אויף דער ערד געזעסען און די עלטסטע האָבען מעשיות דערצעהלט ביז שפּעט־שפּעט אין דער נאַכט. און ביז נאָך שפּעטער האָט דער ווינט דעם דאַך געריסען, גראָד דעם דאַך, און דאַכט זיך מיר אַז אַ טייל פון דעם דאַך איז איהם טאַקע געלונגען אַראָפּצורייסען.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה, זיינען די דרוזען אָפּגעפאָהרען, פאַר־בעטען די כפר גלעדי׳ער זיי צו באַזוכען ווי גוטע שכנים. מען האָט מיר דערצעהלט, אַז ווען מען קומט צו די דרוזען צו־גאַסט, איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס מען זאָל ניט דערלאַנגען. ערשטענס, קוילעט מען אַ פּאָר שעפּסען, און מען גרייט צו אַ וועטשערע, אַז די געגענד קאַכט דערמיט, קורץ — „מען נעמט אונז אויף אַ ביסעלע בעסער ווי מיר האָבען זיי אויפגענומען...“

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, עס הערשט שלום צווישען כפר גלעדי מיט די אַראַבער אַרום. מען גריסט זיך ווען מען באַגעגענט זיך אויף די וועגען; אַ זאַך וואָס דריי יאָהר צוריק האָט מען נישט גע־טאָן... עס מערקט זיך אַן אויפריכטיגער פאַרלאַנג ווידער צו לע־בען ווי גוטע שכנים. ווען איך בין אויף מאָרגען מיט אַ קבוצה־וואָ־גען געפאָהרען פון כפר גלעדי קיין ראש־פנה און מיר זיינען פאַר־ביינגעפאָהרען פעלדער וואו אַראַבער האָבען געשניטען תבואה, האָט מען אונז מיט זאַנגען באַגריסט און מיר האָבען זיי דערפאַר געגע־בען ווער אַ סיגאַרעטעל, ווער אַ פּיאַסטער...

אָפּגעפאָהרען זיינען די געסט, געקומען זיינען אַנדערע. געסט.

ברוך־השם, פעהלען נים. קאַלאַנעל קיש, פון דער ציונ. אָרגאַני־זאַציע, אַ מאַהלעריז פון מאָסקווע, אַ רעדאַקטאָר פון אונגארן און אַ גרופּע ארבייטער פון פאַרשיעדענע קאָלאָניעס און קבוצות. שטענדיג זיינען דאַ געסט און דערפון לײַדעט שוין דאָס שלאָפען פון די חברים און חברות. מען טרעט אָפּ די געסט די בעטען און אַליין שלאָפט מען צו צווייען אין אַ בעט, אָדער גאָר אויף דער ערד. און אַזוי ווי געסט זיינען אימער דאָ, לײַדעט דער שלאָף גאַנץ געהעריג. וואָלט מען דאָך געקענט מיינען, אַז מען איז מיעד פון דעם שטענדיגען שטראָם געסט, הויבט זיך גאָר ניט אָן! נאָכדעם ווי איהר זייט אָפּ ביי זיי עטליכע טעג און קלייבט זיך אָפּצופאָהרען — לאָזט מען אייך ניט... וואָס הייסט — איהר פאָהרט ש ו י ן אַוועק?! איך האָב זיך קוים איינגעבעטען, זיי זאָלען מיר ערלויבען ארויפצוקריכען אויף דעם וואָגען, וואָס איז געפאָהרען קיין צפת איבער ראש פינה... דאָס פאָהרט מען איינקויפען פּראָדוקטען און דערמיט באַשעפטיגט זיך חבר קאָזלאָווסקי. מאָלט אייך, אַז דער וואָגען איז ניט קיין „עקיפּאַזש“ און די צוויי „פערי־דעס“ זיינען ניט קיין „אָדלערס“. זיי הערען נישט קיין בייטש, קיין שטעקען און אודאי נישט אַ פאַרנינפטיג וואָרט... ווי אַזוי דער חבר מאַכט זיי שלעפּען דעם וואָגען פון כפר גלעדי ביז צפת און צוריק, דאָס איז זיין סעקרעט. „עס קומט, זאָגט ער, ביי זיי ניט פון שלעכטען כאַראַקטער און נידעריגער מאָראַל, נאָר איינפאַך זיי זיינען, נעבעך ניט דערעסען...“ און ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַזאַ צאַרטקייט אַקוראַט ווי דאָס וואָלטען געווען ברידער זיי־נע און ניט צוויי פוילע פערידעס.

פאָהרען מיר.

ליעבע פריינד! ווער פון אייך איז אַמאָל געפאָהרען אין גליל מיט אַזאַ וואָגען! עס איז שטיל און פאַרביג אַרום אייך... בערג בלויע, פיאָלעטע, פעלדער גרינע, געלע... ס'איז שטיל און הייס און אַ סאַמעטענער ווינטעל קומט פון צייט צו צייט און פרישט אייך אָפּ דאָס פנים. דער וועג געהט זיך לאַנגזאַם אַרויף און אַראָפּ. דער וואָגען טרייסעלט זיך, שאָקעלט זיך, דער בעל־עגלה פאַרציהט אַ ליעדעל, דאָס מיידעל וואָס זיצט אין וואָגען אויף אַ שטרוי־זאַק כאַפּט דאָס ליעדעל אונטער... עס קומט אַנטקעגען אַ גרופּע אַר־בייטער, מען שטעלט דעם וואָגען אָפּ. מען דאַרף איהם ניט אָפּ־שטעלען... מען גריסט זיך, מען צורעדט זיך, איינער באַשליסט

מיטצופאָהרען, קריכט ער ארויף... מען פאָהרט ווייטער... חברים שניידען היי... העי, חבר מענדעל! שלום מענדעל! ווער קען נישט חבר מענדעל פון כפר גלעדי? ! מען לייגט אָן היי אַ הויכען וואָגען, מען צעזעצט זיך אויפ'ן היי... עס איז דופטיג, היים און גוט... אויפ'ן הארצען גוט, אין דער נשמה פרידען, דער מיידעל'ם באַקען גליהען אונטער דעם ווייסען טיכעל! זי איז שעהן... יעדע מיידעל איז שעהן אין אזא וואָגען היי אויף די וועגען פון גליל...



# די הינט פון כפר גלעדי

„איהר מוזט עס באשרייבען“. — זאגט צו מיר חברה מאניע שאחאט, נאכדעם ווי זי האט אויסגעהערט די געשיכטעלע.

פאלג איך זי.

געקומען בין איך קיין כפר גלעדי צופוס, מארשירענדיג פון דער קאלאניע מטולה. געווען בין איך דאן היבש טונקעל צוגעברוינט פון דער זון, די שיך זיינען ביי מיר געווען נישט אין א גאר עלעגאנטען צושטאנד און אויף מיין רעקעל און הויזען זיינען געלעגען צימליך פיעל מאלערישע און ניט מאלערישע פלעקען. דער ווינט האט מיינע האר צושויבערט, אזוי, אז ווען איך בין צוגעקומען צו דער ארבייטער־קבוצה זיינען מיר ארויסגעלאפען אנטקעגען עטליכע קליינע שווארצע הינט און זיינען גרייט געווען אבצוגעבען מיר א קבלת־פנים לויט מיין אויסזעהן. זיי האבען אנגעהויבען בילען, אבער אין זייער בילען איז געלעגען עפעס א גוטמוטיגקייט, ווי איינער זאגט: „פליכט, ס׳איז אונזער פליכט, וואס קענען מיר זיך העלפען? אזוי האבען מיר צו דיר גאר ניט, פארקעהרט“...

איך האב מיך אויך געפיהלט גוט אויפגעלייגט, גרייט אויף א גוטמוטיגען שפאס, און האב דער שווארצער קליינוואַרג געענטפערט אויף זייער בילען מיט מיינעם א האווקען.

איך מוז אייך זאגען, אז איך קען נאכמאכען מאנכע חיות גאנץ ניש־קשה. הינער, הענער, קעץ. הינט קוקען זיך אויף מיר אום, ווען זיי דערהערען מיין אימיטאציע. אין מרחביה׳ער הינער־הויף האב איך דערמיט איינמאל אנגעמאכט א גאנצען פוראר. דארט אין הינער־הויף איז פאראן א האן א קראסאווער, גרויס, העלדיש, פייער־דיג און ריטערליך. חברה סאפיא העלער׳ס שטאלץ. און זי איז באַ־שטאנען, אז איך זאל פון איהם מאכען א צייכענונג. איך האב מיט פארגעניגען זיין פארטרעט ארונטערגענומען און נאך דעם האב איך זיך אוועקגעשטעלט ביי א זייט פלויט און ארויסגעלאזט א קרעה, איינעם פון מיינע געלונגענסטע מיט אלע נויטיגע טרעלען און ניר־

אנסען. ס'איז געווען א קרעה, וואס א שאנטעקלער וואלט זיך ניט געשעמט מיט איהם. די עטליכע חברות וואס זיינען דערביי געווען, האבען זיך צולאכט, אבער ניט אזוי דער האן. אויף איהם האט דאס געמאכט א זאנדערבארען איינדרוק. ער האט אנגעהויבען אומרוהיג ארומלויפען איבער'ן הויף, קלאפען מיט די פליגלען, ווי איינער פרעגט: וואס טוט זיך דא אזוינס? ס'איז דאך ניט די צייט פון קרעהען, ס'איז דאך ערשט מיטאג פארביי. און איבערהויפט, ווער דערוועגט זיך דא צו קרעהען פאר מיר. אבער מיין קרעה איז געווען צו באגייסטערענד, דער קינסטלער האט זיך אין איהם דערוועקט. ער איז ארויפגעשפרונגען אויף א פלויט, צעשפרייט די פליגלען, אויס־געגלייכט דעם האלז און ארויסגעלאזט א געזאנג, אז זייט ער האלט אן זיין פאזיציע, זאגט מען, האט ער נאך אזוי ניט געזונגען. און באלד האבען זיך פון אלע זייטען קבוצה דערהערט הענער קרעהען. עס איז געווארען א זינגעריי, גאר אויסער צייט. חברים זיינען געקור־מען צו לויפען און האבען שטארק געלאכט. ווען זיי האבען זיך דער־וואוסט, וואס דא איז פארגעקומען. דער האן האט, ווי עס שיינט, דערפיהלט זיין טעות און איז עפעס ווי פארשעמט אוועק און זיך באהאלטען אין א ווינקעל.

ווען די עטליכע שווארצע כלבים האבען דערהערט פון מיר אזעלכע קלאנגען, זיינען זיי אויף א מינוט ערשטוינט אנשוויגען גע־ווארען, אנקוקענדיג מיך מיט אויגען, פארוואונדערט, פרעגענדיג: וואס איז דאס פאר א מין ערשיינונג? ידים ידי מענש, והקול קול הונט?! און דא האב איך דערפיהלט די באדייטונג פון דעם אויס־דרוק „פסיכאלאגישער אנטיסעמיטיזם", אז אנטיסעמיטיזם, וואס שטאמט פון ניט פארשטעהן די ערשיינונג, וו א ס ה יי ס ט א י ד. די קליינע הינט האבען ניט געקאנט באגרייפען, וואס אזוינס איך ביז, און האבען מיך תיכף פיינט געקראגען מיט א ביטערע שנאה. זיי האבען זיך ארויפגעווארפען אויף מיר מיט אזא שווין גאר ניט גוטמוטיגען געביל, אז איך האב מיך געמוזט ארומזעהן וועגען פאר־טיידיגונג. מיט זיי וואלט איך שוין אויסגעקומען, איז אבער דא אין דעם הויף פון דער קבוצה א גרויסער וואלפענהונט, א גרויסע חיה, א פראכטפולער עקזעמפליאר. די חברים קענען זיך ניט אנלויבען פון זיין גבורה און זיין בייזקייט און באזונדערס זיין חכמה. אז אראבער, זאגען זיי, דערקענט ער גלייך און וועט איהם אזוי גלאטיג ניט פארביילאזען.

איך בין איינפארשטאנדען מיט זיי וועגן דעם הונט'ס גבורה און בייזקייט. אבער פאר קיין פאל ניט מיט זיין חכמה. ער איז, נאך מיין מיינונג, א גרויסער נאר א הונט. ער פאלגט, וואס די קליינע שווארצע טוען. ער בילט קיינמאל ניט דער ערשטער אוןווארט, וואס די קליינווארג טוט. בילען די קליינע, דאן כאפט ער זיך אויף און פאלגט זיי נאך. אבער דאמאלסט איז שוין קיין אפהאלט ניטא פאר זיין דרייסטקייט. ער גערט אין קאמף אהן אפהאלט. הערען ווידער די קליינע שווארצע צוציקעס אויף צו בילען, הערט ער אויך באלד אויף. אליין, אן אייגענע איניציאטיווע האט ער ניט. אזוי גיך, ווי ער האט דערהערט, אז די שווארצע באנדע בילט מיט אזא אימפעט, איז ער באלד געקומען צו זייער הילף, נאך א מאמענט און ער וואלט שוין געווען א נאהנטער צו מיינע הויזען אדער רעקעל. גראד זיינען צוגע־לאפען עטליכע קינדער פון דער קבוצה און האבען מיך געראטעוועט פון דעם קאנפליקט, אוועקטרייבענדיג די הינט.

צוויי טעג האב איך פארבראכט אין כפר גלעדי, אפט זיך גע־טראפען מיט די כלבים. די קליינע שווארצע באנדע האט שטענדיג געקנורעט ביי יעדען טרעפען זיך, אבער אזוי ווי יעדעס מאל זיינען געווען ביי דערביי מענשען פון דער קבוצה, פלעגען זיי זיך אפהאל־טען פון פארפיהרען געגען מיר א קאמף, שטיקענדיג אין זיך די שנאה און ווארטענדיג אויף א געלעגענהייט אפצורעכענען זיך מיט דער פסיכאלאגיש אומפארשטענדליכער און דארום אויך פארהאס־טער ערשיינונג, וואס איך בין פאר זיי געווען.

און די געלעגענהייט האבען זיי אין גיכען געקראגען.

איך האב באשלאסען א נאכמיטאג צו פארברייגגען אין תל־חי. א קבוצה, וואס געפינט זיך א האלבע שטונדע גאנג פון כפר גלעדי. און אויף ביי נאכט צוריק צו קומען. א חבר האט מיר באגלייט קיין תל־חי, אנגעוויזען מיר אויף די קברים פון חיים שער און שאפאטש־ניק, געפאלענע חברים אין דעם איבערפאל אויף די קאלאניעס פון פאר־א־יארען. איינזאמע, נידעריג ליגענדע, מיט קליינע שטיינער באלעגטע קברים, פון אלע זייטען באוואקסענע מיט גראז און בא־וועהט פון די בערגיגע ווינטען. אין תל־חי האב איך פארבראכט דעם נאכמיטאג, געהערט דעם נארוואס ערהאלטענעם גראמאפאן, דעם קאנצערט־מייסטער פון דער גאנצער געגענד. א גרויסע וויקטראלא מיט א סך רעקארדס, עטליכע טאנץ־מאטיוון, נאך וועלכע חברה קלייבט זיך געשמאק א טאנץ צו טאן פרייטאג אוועט און שבת א

גאנצען טאג. דערווייל איז אנגעקומען חבר גוטבעטער, מען האט זיך געזעצט שמועסען און טאקע גאר באלד איז דער אווענט אנגעקומען און גלייך נאך איהם די פינסטערניש. איך האב זיך אויפגעהויבען, גענומען מיינע פאפירלעך, געזעגענט זיך מיט די חברים. גוטבעטער באגלייט מיך א שטיקעל וועג. איך לאז איהם ווייטער ניט געהן. ער ווארענט מיך געגען דעם גרויסען הונט, רופט מיר אן זיין נאמען, איך זאל איהם אנרופען, וועט ער מיך ניט טשעפען. איך הער קוים זיך איין, פארגעס גלייך דעם נאמען און די גאנצע געפאהר און געה מיר ארויף בארג צו דער קבוצה. די שטילע נאכט ארום מיר, בלי־שצענדיגע שטערענדלאך, דופטיגע לופט, יונגער, פרישער געלעכ־טער אין מיינע אויערען. איך געה און טראכט וועגען דעם, ווי גוט עס איז, ווי גליקליך איך בין, וואס מיר איז באשערט אונזער לאנד צו באטרעטען. מיט אמאל דערהער איך זיי, די שווארצע. זיי האבען מיך דערשמעקט, אין דער פינסטערניש דערזעהן, נאך א שטרעקע פון הויף, און מיט זייער גאנצען אנגעקליבענעם האס אויף מיר, הא־בען זיי זיך ארויפגעווארפען מיט א געביל און געברום. און נאך זיי דער גרויסער וואלף־הונט און אויף מיר, אויף מיר. איך האב באלד דערפילט, אז די זאך וועט טראגיש ערנסט און טאקע גלייך וועט ביי מיר אפגעריסען א פאלע פון מיין רעקעל און בלייבט אין די ציין פון דעם גרויסען כלב. די יונגע קומען צו נעהענטער, אבער מעהר ווי בילען קאנען זיי ניט, דעם אמת'ן קאמף איז בלוט פיהרט דער גרויסער. א בים מיר אין אונטערשטען טייל פון פוס, טיעף די ציין אין פלייש אריין. איך דערפיהל א ווייטאג. איך קוק זיך ארום: קיין שטעקען, קיין שטיין זעה איך ניט אין דער פינסטער. איך גיב א זעץ דעם הונט מיט מיין סקיצען־ביכעל איבער דער מארדע, עס מאכט אויף איהם קיין איינדרוק נישט. איך דערלאנג איהם מיט מיין פויסט א זעץ איבער דעם מאכנאטען קאפ. איך דערפיהל די ווייכע האר פון זיינע אויערען און באלד א צווייטען בים אין פוס. דא האב איך דערזעהן, אז מיט מיין אייגענעם קעמפען וועל איך ווייט ניט קומען. האב אי דדערלאנגט א געשריי: „חברים!“ אין מיין געשריי איז מסתמא געלעגען אויסגעדריקט דער גאנצער ערענסט פון דער סיטואציע, ווייל באלד זיינען צוגעלאפען עטליכע חברים און מען האט מיך באפרייט פון דער אטאקע.

חברים האבען באדויערט מיין פוס, באדויערט מיין רעקעל, אבער דעם הונט האבען זיי געלויבט און געריהמט: „א גוטער הונט,

א פיעל בעסערער ווי זיי האבען געגלויבט, א הונט. אויף וועלכען מען קען זיך פארלאזען"... איך האב ניט געקענט גראד איינשטימען מיט זייערע מיינונגען וועגען דעם הונט. דאך ווען זיי האבען גע־בראכט צופיהרען צו מיר דעם הונט, מיר איהם פארגעשטעלט און דערלאנגט מיר זיין לאפע, האב איך דעם הונט'ס לאפע אנגענומען, זיך מיט איהם פארמעל באקענט און איהם אנגעזאגט, אז ער זאל מיך געדענקען און אויפהערען געגען מיר זיינע הינטישע שטיק.

דעם פוס האט מען מיר פארבאנדאזשירט. א חברה האט עס געטאן גאנץ געשיקט. אנטיסעפטיק, וואטע און אנדערע נויטיגע זאכען האבען זיך באלד געפונען. אויך מיין רעקעל האט מען ווי ניט איז פאררירכט. ווייל מארגען פריה האב איך זיך געקליבען אפצור־פארען.

כ'האב זיך געלייגט שלאפען אין א ביידעל מיט א חבר. מיין פוס האט מיר געשמערצט, איינשלאפען האב איך לאנג ניט געקענט. ס'איז געווען א ביסעל ווינטיג און אומרוהיג און ארום דעם ביידעל האבען זיך א גאנצע נאכט ארומגעטראגען ווי בייזע רוחות די הינט. און מיר האט זיך געדוכט, אז זייער האס איז נאך ניט געשטילט און זיי זוכען מיך, כדי צו פארענדיגען זייער רעכענונג מיט דער פסי־כאלאגיש־אומפארשטענדליכער ערשיינונג. און ווירקליך, אזוי גיך ווי איך בין ארויס פון ביידעל אין דערפריה, זיינען זיי ווידער אנ־געלאפען אנקעגען מיר. דא האב איך אבער געהאט א שטעקען אין דער האנט און א שטיין האט באלד געטראפען איינעם פון זיי אין זייט.

דאס האבען זיי גלייך פארשטאנען. דער שטעקען און שטיין האבען גלייך אוועקגענומען די גאנצע אומפארשטענדליכקייט. זיי האבען באלד דערזעהן פאר זיך א מענש, און פאר א מענש דארף מען האבען דרך ארץ.

א הונט בלייבט א הונט אפילו ווען ער געפינט זיך אין ארץ ישראל!

# נהלל

שטעלט איהר זיך אוועק ערגעץ־וואו אויף א הויכען פלאץ, ניט גראד אויף א בארג, נאר, למשל, אויף א דאך אין „מרחביה“, זעהט איהר פאר זיך דעם גאנצען טאל רייך אין גרינע, געלע, פיאלעטע, בלויע און אנדערע פארבען; עס בינדען זיך און שלענגלען זיך ניט קיין הויכע בערג און היגלען צווישען די פעלדער. ס'איז א גאנצער אוצר פון ליינען און א גאנצע פאליטרע פון פארבען. און אזוי זיינען אויך אונזערע מענשען, וואס באוואוינען דעם עמק. איהר האט דארט אלע סארטען, אלע טיפען, אלע טעמפעראמענטען, אלע אנזיכטען איבער ווירטשאפטען, איבער צוזאמענלעבען, איבער פליכט צו זיך, צום לאנד — קורץ, עס איז א וואונדערליכער אוצר פון מענשליכע געשטאלטען, א גאנצע פאליטרע פון הערצער און נשמות.

אט הויבט איהר אן מיט נהלל, א נייער ארבייטער־פונקט, איינער פון די גרעסטע, יעדענפאלס דער גרעסטער פונקט פון יענער גרופע ארבייטער, וואס רופען זיך „פועלי הצעיר'ניקעס“.

אנגעקומען בין איך קיין „נהלל“ מיט א טראק־אויטאמאביל, וואס א חבר טרייבט יעדען טאג פון חיפה. ער אליין איז א „נהלל'ניק“, אן אמעריקאנער חבר פון די געוועזענע לעגיאנערען. די רייזע איז געווען א גיכע און א גלאטע. קיין ראד ניט פארלוירען, אין קיין גרוב זיך ניט איבערגעקעהרט. אין צוויי שעה ארום נאך דעם אפפאהרען האבען מיר דערזעהן א גרויסען רויט־דאכיגען דארף, אפשר דעם גרעסטען ארבייטער־פונקט אין לאנד. עס האט אויסגעזעהן שעהן. שטעלט אייך פאר א גרויסען קרייז פון בערג, די הרי כרמל ענדיגען זיך און גלייך שליסען זיך אן די בערג פון אפרים. אין דעם גלאטען טאל, וואס די בערג בילדען געפינט זיך נאך א קרייז, א רויט־דאכיגער, דאס איז „נהלל“, וואס איז געבויט נאך דעם פלאן פון א פערפעקטען צירקעל. אלע הייזער פון די אכציג פאמיליען, מיט אומגעפעהר 500 נפשות, זיינען געבויט ארום אויף דער ליניע

פון קרייז. אין צענטער געפינען זיך דערוווייל בלויז די אלגעמיינע געביידעס, ווי דער „בית העם", סקלאדען און דאסגלייכען. דער גע־דאנק צו בויען א ישוב אין א קרייז איז א נייער. ביז איצט איז דער טיפ געווען א לאנגער פיער־עק, איין אדער צוויי לאנגע גאסען און פארטיג. דער ארכיטעקט פון „נהלל" האט אבער דעם קרייז פארגעשלאגען צוליעב לאגישע גרונדען. ערשטענס, פאלט אוועק די פראגע פון ערשטע און לעצטע הייזער. אין א קרייז איז יעדעס הויז די ערשטע; צווייטענס, ווען עס פאסירט אן איבערפאל, הויבט עס זיך געוועהנליך אן מיט די הייזער, וואס געפינען זיך ביים ענד פון דער קאלאניע, ווען אבער אלץ איז אין א קרייז, איז קיין ענד ניטא, און דער אנגרייפער וועקט באלד אלעמען אויף; דריטענס, זיינען אלע הייזער גלייך נאהענט צום צענטער, וואו אלע אינסטי־טוציעס וועלען זיך געפינען. אלע וועלען זיין גלייך נאהענט צו דער שוהלע, צום האספיטאל, צום „משרד", און אז. וו. ס'איז א גוטע אידעע, און ווי איך הער האבען שוין אנדערע קאפירט דעם פלאן. בלויז דער „גדוד", וואס האט זיך באזעצט אין „תל יוסף", טאקע אין דעמזעלבען „עמק" און איז דער היפוך אין פיעל ענינים צו דעם „הפועל הצעיר", דער „גדוד", זאג איך, הא זיך אפגעזאגט פון דעם פערפעקטען צירקעל, האט געמאכט א קאמבינאציע; עס הויבט זיך אן „תל יוסף" מיט א פיערעק, געהט אריבער אין א קרייז און ענדיגט זיך ווייטער מיט א פיערעק. דער שכל איז געווען ניט נאכ־צומאכען „נהלל", מעהר ניט, קיין אנדער מאטיוו איז ניט געווען. לויט די ענטפערס, וואס איך האב געקראגען. מען וויל זיין אנדערש ווי „נהלל", ניט נאר לויט דעם פלאן, נאר אויך לויט דעם צוזאמענ־לעבען און סיסטעם פון באלעבאטישקייט.

וואס־זשע איז „נהלל"? יעדע פאמיליע אין „נהלל" מעג זי באשטעהן פון איין מענש אדער זיבען מענשען האט 100 דונאם לאנד. פופצעהן דונאם פון די הונדערט געהערען דער שטוב, זיי בילדען דעם הויף, דעם גארטען, פאר גרינס, טאבאק, בלומען, צוכט און דאסגלייכען. 85 דונאם לאנד איז פעלד. א חוץ דעם האבען זיי אויך פארפלאנצט אלע צוזאמען אן אקאליפטוס וואלד. יעדער איי־נער האט אין דעם וואלד זיינע 500 ביימער. אלע צוזא־מען האבען פארפלאנצט, אבער יעדער האט זיינע ביי־מער... אט דאס איז די אידעע פון „נהלל". זי איז אן אינדיווי־דואליסטישע. צוזאמען לעבען און באזונדער ארבייטען. יעדער איי־

נער באזיצט ניט מעהר ווי דער אנדערער, 100 דונאם לאנד; יעדער איינער האט געקראגען א געלד־סומסידיע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פון 400 פונט, אבער יעדער איינער קאן טאן מיט זיינע הונדערט דונאם לאנד, וואס ער וויל — א ל י י ן. מערקט אייך, א ל י י ן. ער האט קיין רעכט צו דינגען ארויסהעלפער, ער אליין, זיין ווייב, זיין קינד, אבער קיין גדונגענע ארבייטער. די אידעע איז — א ר ב י י ט. ארץ־ישראל קאן ווערען אונזער לאנד בלויז דורך ארבייט, ניט דורך גדונגענער ארבייט, נאר דורך יעדען איינעמס ארבייט. אלע אנדערע זאכען, ווי פאליטיק, דיפ־לאמאטיע, סטראטעגיקע איז נארישקייט; קלאסענקאמף איז אן אומגליק און אן אומנויטיגע זאך. קלאסענקאמף וועט אויך אויפ־הערען, אויב יעדער איינער וועט אליין ארבייטען און קיינעם ניט דינגען פאר זיך צו ארבייטען. באארבייט די ערד און רעד העב־רעאיש — אט דאס איז דער „פועל־הצעיר" אין „נהלל". און ווייל זיי דענקען, אז די ארבייט וועט זיין א גרינדליכערע און א בע־סערע, ווען זי וועט האבען א פערזענליכען טרייב־קראפט, זיינען זיי פאר אינדיווידואליסטישער ווירטשאפט. זיי זיינען פאנאטיקער פון ערד־ארבייט. איך האב זיך עגטראפען מיט א יונגערמאן, א זעהר אינטעליגענטען, א בחור, לעבט אליין אין א הויז, האט די הונדערט דונאם לאנד, ארבייט זעהר פלייסיג, איז פארטאן מיט אלע זיינע געדאנקען און כחות אין דעם, אז זיינע קארטאפעל אדער גערשטען אדער בוריקעס זאלען זיין די בעסטע, דאס וואס ער וועט טאן מיט די קארטאפעל, אדער גערשטען, אדער בוריקעס, ווייס ער אליין ניט. ער וועט זיי ניט פארקויפען, ער וועט זיי אפשר אפגעבען. אויב עס וועט ניט זיין וועמען אפצוגעבען, וועט ער זיי ארויסווארפען און ווייטער ארבייטען, גוט ארבייטען, געשיקט ארבייטען, מיט התפעלות ארבייטען, ווייל ארבייט איז דער גרונד פון א אידיש לאנד.

און מען ארבייט אין „נהלל"! יא, דאס זאגט עדות דער ישוב. ערשט דריי יאהר, וואס מען איז אהין געקומען, ערשט א יאהר און א האלב, וואס די אמת'ע ארבייט האט זיך אנגעהויבען, ווייל דער ערשטער יאהר און א האלב איז אוועק אויף אויסמעסטען, אויס־פלאנעווען, אויסרייניגען דעם באדען, וואסער איינשטראמען, הייז־זער צוגרייטען. קורץ, די ריכטיגע ערד־ארבייט האט זיך אנגעהויבען בלויז א יאהר און א האלב צוריק. און עס זעהט שוין אויס לייטיש.

אבער פרעהליך איז דארט ניט. מען האט די הונדערט דונאם לאנד אויף די פלייצעם ארויפגעלייגט און ס'איז שווער געווארן. עס איז ניט קיין קלייניגקייט פון הונדערט דונאם לאנד א לעבען פאר זיך און דער פאמיליע ארויסצוציהען! און דארום זיינען די שטערענס פארקנייטשט און די געדאנקען שווערע פאר'עקשנ'טע. עס איז געווען ביז איצט אנגענומען, אז אפילו פון פינף הונדערט דונאם איז שווער צו לעבען, קומט זייער טעארעטיקער, אליעזר יפה, און באווייזט זיי מיט פאקטען, ציפערען און ארגומענטען, אז הונדערט איז גענוג, און זיי האבען זיין פלאן אויפגענומען און מיט דעם פלאן אויך די זארג. די ווירטשאפט דארף זיין א געמישטע. מען פארזייעט ווייץ, גערשטען, דורא פאר הינער, באב פאר די בהמות, האבער און גרינס. מען האלט אויך קיה, הינער, מען פארנעמט זיך מיט וויין און טאבאק און מען ארבייט אזוי ווי ביהנען, ווי מוראשקעס. אבער ניט גלאט מוראשקעס, נאר זעהר אינטעליגענטע מוראשקעס. עס האבען זיך דארט באזעצט די פני פון דעם „פועל הצעיר“, אלטע, אויסגעפרובטע און פארהארטעוועטע ארבייטער. איינער פון זיי איז צבי יהודה, נאך א יונגער אין זיין געשטאלט, מיט זיין שארפען בליק און א וויציג און גאליג ווארט. איראניש און פאר'עקשנ'ט איז זיין בליק, בויט ער זיך א הויז פון עטליכע געראומע צימערען, זאל עס זיין פלאץ פאר געסט אין זאל זיין פלאץ וואו זיך דורכצורעדען... דען אויסער ארבייט האט מען ליעב רעדען... שטיל, מעטאדיש, צוגעזאלצען און געשמאק רעדען... דאס הויז האלט זיך ערשט אין בויען, דערווייל איז אנגעווארפען, ניט היימליך. די מוטער, אן ארבייטזאמע אלטיטשקע, זארגט פאר'ן הויף און דער זוהן איז צארט און גוט צו זיין „אמא“, און ביידע, מוטער און זוהן, ארבייטען איינגעשפארט, ווי ברוינע, אדערדיגע ביינערדיגע פויערים מיט שוויים אויפ'ן שטערען, מיט מאזאליעם אויף די דיקע פינגער און גראבע הענט, מיט א פריינדליך ווארט אויף די ליפען און אייזערנעם ווילען אין הארצען. יעקב זאסלאווסקי, נח חפשי, חיים שורער, אליעזר יפה, יודאווסקי, שחט און נאך און נאך... דער „פועל־הצעיר“ שפילט זיין גרעסטע קארט איצט, ער געהט דורך זיין גרעסטען עקספערימענט, און דער גאנצער „עמק“ קוקט אויף „נהלל“ מיט אינטערעס און מאנכע מיט — סקעפטיציזם.

אין „נהלל“ האב איך געהאט איבערצוגעבען א גרוס צו חבר

מוטשניק. איך האב דאס הויז אויפגעזוכט און געטראפען זיין פרוי. ער אליין האט געארבייט אין גארטען און האט געמוזט פארטיג מאכען א שטיקעל ארבייט, זיך ניט געקאנט אפרייסען. האט זיך מיט מיר צורעדט די חברה מוטשניק, זי איז אונזער דר. קאראלניק׳ס א מומע, איז זי ווי אלע מומעס פארליעבט אין איהר פלימעניק. אויך זי זעהט אויס ברוין און ארבייטסזאם. שווערע טאג־טעגליכע ארבייט אין הויף און אין די צוויי צימערען, אין וועלכע עס לעבען זיבען מענשען. ווי לעבען דאס זיבען מענשען אין צוויי קליינע צי־מערען? אט מען לעבט! און נאך מעהר, מען פארבעט מיך צו נעכטיגען ביי זיי, פארברענגען, ניט צו איילען זיך אוועקצוגעהן. פרעג איך:

„ווי קענט איהר מיך נאך איינלאדען נעכטיגען, אז איהר לעבט אין צוויי צימערען זאלבע זיבען?"

שמייכלען זיי:

„מיר וועלען זיך שוין אן עצה געבען."

איך האב זייער פריינדליכע איינלאדונג ניט געהאט דאס הארץ אנצונעהמען. איך האב גענעכטיגט ביי חבר צבי יהודה. דעם גאנ־צען אווענט האבען מיר ביים שיין פון א קליין לעמפעלע גערעדט שטיל און ריטמיש וועגען לאנד, פאלק און שפראך, וועגען דעם איי־זערנעם ווילען און פערזענליכען גליק, וועגען ליידען און אפפער און פרייד, וועגען אמעריקאנער חברים, וועגען אלץ און אלעמען. פון צווייטען צימער האבען מיר דערהערט א טיפען קרעכץ... מיר האבען פארשטאנען, אז ס׳איז צייט צו לאזען דער מידער אלטיטש־קער שלאפען און אליין אויך געהן שלאפען, ווייל מארגען גאנץ פריה, פיער אזייגער, דארף ער אויפשטעהן, איינשפאנען פערד און וואגען און קיין חיפה פאהרען זאכען צו קויפען און באזארגען.

אויך איך בין אויפגעשטאנען. ארויס פון שטוב, זיך ארומ־געקוקט, דער הימעל איז געווען גרינליך העל, די ערד זאפטיג טונקעל און פארשלאפען... שטיל איז געווען... העגער האבען דרוזשנע געקרעהט, זיי קרעהען אין ארץ־ישראל שטענדיג, זיי האבען דא ניט קיין באשטימטע צייט, זיי קרעהען אהן א סיסטעם, דער אינ־סטינקט פון צייט איז ביי זיי אינגאנצען אטראפירט, אפשר דער־פאר, וואס זייער מאמע איז דער אינקובאטאר... זייער קרעהען שטערט ניט מעהר די שטילקייט. אין דער שטילקייט האב איך דער־הערט ׳עטליכע מענער און פרויען רעדען וועגען דער ארבייט פון

טאג. די אויגען נאך ניט אויסגעשלאפענע, די פנים'ער נאך ניט אויסגעוואשענע...

ס'איז באלד ליכטיגער געווארען. איך האב דערזעהן די אפגע־פרישטע דורך דער נאכט־טוי גרינע גראז. די ערד געבערט נאך גרינע שפראצונגען אין גאנצען „עמק". אין דעם הינער־הויף האב איך דערזעהן קליינינקע הינדעלעך, קאטשקעלעך און גענזעלעך, אויך דארט שפראצט, פרוכפערט, באפרוכפערט זיך... די שטאלען האבען זיך געעפענט. קליינינקע קעלבעלעך זיינען ארויס, אזעלכע נא־רישע און ליעבליכע... דערנאך האבען זיך עטליכע טירען געעפענט און מאמעס מיט קליינע קינדערלעך, אזעלכע פוכקינקע און ווייס־ליכטיגע האבען זיך באוויזען. אלעס ארום געבעהרט, אלע שויסען האבען זיך געעפענט... עס וואקסט, עס גדייעט, עס שלאגט א שטארקער לעבענס־פולס, א ווילען צום לעבען, אן איינגע'עקשנ'־טער ווילען צום לעבען, צו א אידישען אייגענעם לעבען, ווייל דער „עמק" איז איצט א אידישער, אדער וועט אינגאנצען ווערען א אידישער אין גאר א קורצער צייט.

א וואגען האט זיך געגרייט מיך און א שוועסטער פון „הדסה", א שטיל, אויפמערקזאם, סימפאטיש מיידעל, אפצופיהרען צום באהן. מיר זיינען געגאנגען זוכען דעם בחור'ל, נאכאמאל דורכגע־גאנגען דעם ישוב, אריינגעגאנגען אין מאנכע הייזער. איבעראל נאך אומארדנונג, פליגען, ניט ריין. די „שוועסטער" האט דערפון זעהר געליטען... ווארום אזוי נאכלעסיג, ניט אויפגערוימט? און אליין טאקע געענטפערט: ווייל זיי האבען ניט קיין צענטראלע קיך פאר אלעמען ווי אין די קבוצות, קיין אלגעמיינע וואשעריי, בעקעריי און דאס גלייכען. יעדעם הויז קאכט, עסט, וואשט ביי זיך אין די צוויי, און אמאל גאר אין איין צימערעל, און דא לעבט אויך אמאל א קראנקע הינדעלע און א שוואך לעמעלע...

עס הערט אונזערע רייד א חברה און זאגט:

„ווארט, קומט אהער אין א יאהר־צוויי ארום, וועט איהר זעהן, וואס „נהלל" וועט זיין, איהרע גאסען וועלען זיין אויסגעפלאס־טערט, די הייזער ליכטיג און ציכטיג און די שטערענס אויסגע־גלעט... אלע וועלען זיך נעהמען ווייבער, אויב איהר וועט אונז צושיקען מיידעלעך פון אמעריקע, מיר האבען ווייניג מיידלעך... קומט אין א פאר יאהר ארום, חבר, וועט איהר „נהלל" ניט דערקע־נען, ווי איהר דערקענט ניט דעם גאנצען „עמק".

די צוויי פרעדעס מיט דעם וואגען,, מיט א שטרוי־זאק זיינען פארטיג געשטאנען. מיר האבען זיך ארויפגעזעצט, א יונגער בחור'ל מיט א ברוין געזיכט און דער קאשקעטעל אן א זייט האט א שמייץ געטאן אויף די רוקענס פון די חיות און זיי האבען א שלעפ געטאן. דער וואגען האט א שפרונג געטאן, די שוועסטער האט א געשריי געטאן און מיר האבען זיך אוועקגעלאזען איבער דעם עמק. מיר פאהרען דורך גרינע פעלדער, געלע פעלדער פון רייפע תבואות... אידישער בארען ציהט זיך און לויפט, גוטע באארבייטע אידישע פעלדער, הויכע, פעטע זאנגען שאקלען זיך, א סאמעטענער ווינטעל בלאזט, מיר פאהרען ווייטער.

.1924



# ביים גדוד אין תל יוסף

קייקעלט זיך דער קליינער באַהן־צוג איבער דעם עמק און שטעלט זיך אָפּ אויף דער סטאַנציע „שאַטאַ". פון דאָרטען איז דריי פערטעל שעה צוצוגעהן איבער די פעלדער צו דער קבוצה „תל־יוסף". ס'איז שוין זעקס אַזייגער. דער גאַנצער עמק ליגט אין בלוי־פּורפּורנע שאַטענס, די בערגלאַך אין גליהענדיגען רויט. איך נעם מיין רענצעל אויפ'ן רוקען און לאָז מיך אין וועג אַריין. אין אַ האַלבער שעה אַרום בלייב איך שטעהן פאַר אַ זומפּ. אין זומפּ שטעקט אַ וואַגען. עטליכע חלוצים און עטליכע פּרדות שלעפּען איהם אהין און אהער, אָבער דער וואַגען ריהרט זיך ניט פון אָרט. פרעג איך: „חברה, וואָס איז דאָס? און וועד זייט איהר?" ענטפערען זיי: „מיר זיינען תל־יוסף'ער און דאָס, וואָס איהר זעהט, איז אַ בלאַטע. אין דער דאָזיגער בלאַטע זיינען מיר פאַרקראָכען און מיר האַלטען שבת" . . . "פון וואַנען". פרעג איך, „די בלאַטע?" „די בלאַטע", ענטפערען זיי, „איז צוליב די געסט" . . . און זיי לאַכען. „ניין, מיר שפּאַסען, מען האָט היינט ביי טאָג די פעלדער באַוואַסערט, זיינען זיי ווייך געוואָרען. דאָ דורכ־געהן וועט איהר שוין ניט קאָנען, איהר וועט מוזען אַרומגעהן דאָס גאַנצע פעלד, וואָס מיר האָבען באַוואַסערט און אַזוי אַרום וועט איהר אָנקומען קיין תל־יוסף". וואָס איז געבליבען צו טאָן? איך האָב אויפגעהויבען מיינע, שוין גאַנץ בלאָטיגע פיס און זיך געלאָזט געהן אַרום דעם נאַסען פעלד. עס האָט שוין אָנגעהויבען צו ווערען טונ־קעל. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין געוואָרען גאַנץ שוואַרץ און איך שפּאַן נאָך אַלץ איבער ווייכען באָדען. פאַראויס זעה איך פייערלעך און איך געה צו זיי, איך געה צו תל־יוסף. די פייערלעך, ווי אין דער צויבער מעשה'לע, לייכטען, און וואָס מעהר איך דערנע־הענטער זיך צו זיי, אַלץ ווייטער אַנטלויפען זיי פון מיר. אָבער סוף כל סוף בין איך צו זיי געקומען, צו דער עלעקטרישער ליכט.

אזא קאָנטראַסט: פון אַ בלאָטיגען פעלד מיט ווילדען שטעכי־

נען גראז, פלוצים ארײנצופאלן אין דעם לעצטען װארט פון ציװי־ליזאציע — עלעקטרישע לאמפען! עס קלאפט א מאטאר, עס דרעהט זיך א גרויס ראד און איבער דעם גאנצען ישוב איז צונאסען א העל װײס־בלױ ליכט. עס איז לעבעדיג און הילכיג. איך זעה, אז אין אײן באראק, דעם גרעסטען און ליכטיגסטען, איז באזונדערס פרעהליך. פארשטעה איך: עס איז דער עס־באראק און איצט איז דאס אװענט־עסען. איך געה צו, איך געה ארײן. ארום לאנגע טישען זיצען געדיכט חברה, יונגעלײט מיט מײדלעך; אנדערע יונגעלײט און מײדלעך דערלאנגען, נעמען אװעק. די װאס האבען אפגעגעסען, פארזינגען זײער עסען; מען קערט איבער די בלעכערנע טעלער, מען נעמט די לעפעל און גאפעל, און ס'װערט א בלעכערנער ארקעסטער... װאס מעהר חברה ס'װערען פארטיג מיט'ן עסען, אלץ גרעסער װערט דער כאר און הילכיגער דער בלעך. עס גרײט זיך א הארא אויף הײנט נאכט. הער איך לעבען זיך א שטימע: „נו, װעלען מיר טאנצען!!"

באזעצט האט מען זיך דא שוין דאס דריטע יאהר. הונדערט און פופציג יונגעלײט און נײנציג מײדלעך. דיזע גרופע פון „גדוד עבודה" איז אײן דריטעל פון גאנצען גדוד. דער צװײטער טײל גע־פינט זיך אין ירושלים. דער דריטער — אין יפו. זײ זײנען אלע אײן קערפער, אזױ אז װען עס פעהלט אוים ארבײט, אדער ארבײטער אין אײנער פון די טײלען, װארפט מען אריבער מענשען און ארבײט צו דעם נויטיגען פלאץ. דא, אין תל־יוסף, איז די װירטשאפטליכע גרו־פע, אין ירושלים איז די שטײן־האקערײ און בױערײ. דא פראדוצירט מען אויף א באדען פון העבער פינף טױזענט דונאם לאנד, װאס דער קרן קימת האט זײ געגעבען צוזאמען מיט צװײ הונדערט פונט סוב־סידיע פון קרן היסוד אויף יעדען װאס באזעצט זיך. דא פראדוצירט מען אלץ, װאס איז נויטיג פאר עקזיסטענץ. דען דא האנדעלט זיך ניט װעגען מאכען פראפיטען, נאר װעגען ארבײט און עקזיסטענץ. מען װיל לעבען אין ארץ ישראל און מען װיל דאס לאנד בױען — דאס איז די הױפטזאך. געלד איז אין גדוד ניטא: קײנער קריגט ניט קײן געלט. מען קריגט אלץ װאס מען דארף צום לעבען; געלט אבער ניט. מען דארף דאך אבער האבען געלט פאר דער אויסערער װעלט. טײלט מען אפ מילך, גרינס, הײ און מען פארפלאנצט טאבאק, און אזױ ארום קריגט מען ארײן א פאר גראשען.

געה איך ארום איבער דעם גאנצען הױף און קוק ארײן אין יע־

דען ווינקעלע. דא טרעף איך א שניידעריי — מען נעהט פאר דעם געברויך פון די חברים און חברות ; דא א סטאלעריי, שוסטעריי, רימעריי, וועשעריי, בעקעריי, אפילו א קאבינעט מיט א חברה א דענטיסטקע האב איך געטראפען. אז אמת'ען „דענטיסט פאר־לאר", און די חברה פארדינט די ציהן דעם גדוד.

עלעקטריציטעט האט מען זיך אליין איינגעפיהרט, ווייל מען האט אויסגערעכענט, אז לעמפלעך רויכערען, ברענען זיך, מאכען אן פייער, און דער צייט וואס אן אייגענער מאטאר מאכט עלעקטרי־שע באלייכטונג פאר דרייסיג פיאסטער אז אוועגט פאר'ן גאנצען גדוד. אחוץ דעם ווארעמט דער מאטאר אויך וואסער פאר א ווארע־מען טוש איינמאל א וואך.

אינסטיטוציעס פון אלע סארטען טרעף איך — א ביבליאטעק, א לעזע־באראק, א צימער, באשטימט פאר'ן צוקינפטיגען מוזעאום פון דעם גדוד ; שפייכלערם פאר תבואה, פאר פראדוקטען, פאר כלים, מילכעריי, דער „מחסן הכללי", דער סקלאד פון זאכען, קליי־דער, וועש, שיך, וואס באלאנגען צו דער קאמונע און ווערען פון יע־דען געברויכט, לויט זיין באדערפעניש. איך פרעג זיך נאך אויף דער קינדערשטוב, אדער שולע. איך זעה איבערהויפט ניט קיין קינדער אין גדוד. איך פרעג פארוואונדערט, צי מען האלט ניט פון דעם אר־טיקעל אין גדוד. ענטפערט מען מיר מיט א שמייכעל, אז גראד פאר־קעהרט : דער גדוד האט זיך גענומען פרובפערען ניט ווייניגער ווי אנדערע טיילען פון אידישען פאלק. עס זיינען אויך פאראן קינדער־לעך, נאר מען האט זיי אפגעשיקט קיין ירושלים, ווייל דער קלימאט אין תל־יוסף איז ניט קיין גוטער. מיט'ן אייגענעם געזונט מעג מען ריזיקירען — צוליעב דעם איז מען דאך אהער געקומען. קינדערלעך אבער מוז מען היטען. די עלטערען, הייסט עס, זיינען געבליבען אין גדוד ביי דער ארבייט ; די קינדערלעך אבער ווערען דארט ערצויגען אין ריינקייט און ציכטיקייט, אין פולען געזונט. אבער אויך דער קלימאט פון תל־יוסף איז שוין פיעל בעסער ווי פריהער. באטראכט די ציפערען : ביז'ן לעצטען יאהר האט דער גדוד אין תל־יוסף געהאט ביז 35 פראצענט קראנקע, דאס הייסט, אז ארום 70 מענשען זיי־נען געווען קראנק ; גאנצע 90 פראצענט האבען געהאט פיעבער, לייכטע אדער שווערע. די געגענט איז א וואסערדיגע, מיט זומפען. האבען זיך חברה גענומען געזונט מאכען די געגענט, און א דאנק דעם דרענאזש זיינען יעצט כמעט פארשוואונדען פיבער און קראנקהיי־



טען. אין דעם טאג, וואס איך בין געווען, זיינען בלויז פינף קראנקע געווען אין גדוד. זיי האבען זיך געמאלדען קראנק און ניט געגאנגען צו דער ארבייט. איהר פארשטעהט דעם אונטערשייד? פון 70 קראנקע אראפ צו 5. דאך ריזיקירט מען נאך ניט די קינדער אראפצוברענגען. ערשט איבער א יאהר, אז מען וועט זיך באזעצען אט אויף יענעם בארג אנטקעגען, א שטרעקע פון צעהן טויזענט דונאם, וואס מען האלט אין אפקויפען ביי אראבער; אז מען וועט זיך דארט באזעצען, א פלאץ פון וואונדערבאר געזונטען קלימאט, וועט מען זיך שוין איינריכטען מיט אלע באקוועמליכקייטען, און אויך די קינדערלעך צוריקברייננגען.

נאך צוויי אינסטיטוציעס האב איך ניט אויסגערעכענט, איינע א מיליטערישע, די צווייטע אן עסטעטישע. די ערשטע אינסטיטוציע איז די פארטיפיקאציעס פון דער מחנה. דער העכסטער פונקט פון תל־יוסף איז אויסגעקליבען געווארען צו זיין די פעסטונג אין פאל פון אן אראבישען איבערפאל. דארטען שטעהען הויכע ווענט פון שטיינער צונויפגעלייגט און א סך זעק מיט זאמד אנגעלייגט איינע אויף די אנדערע. ס'איז גראד ניט דאס לעצטע ווארט פון מיליטערישער וויסענשאפט, אבער דערוויילע וועט דאס זיין גענוג. מיט די אראבישע שכנים לעבט מען איצט בשלום. מען באזוכט איינע די אנדערע. אונזערע שומרים געהען צו זיי און פון זיי קומען אפט צו גאסט אין גדוד. זעצט מען זיי אוועק ביי דעם אלגעמיינעם טיש, מען דערלאנגט זיי עסען, און דערנאך זיצען זיי און קוקען, ווי מ'טאנצט הארא. דאס הייסט דיפלאמאטי. ניט לאנג צוריק זיינען אבער געווען א פאר בלוטיגע צוזאמענשטויסען. דאס איז געווען פאר א יאהר אנדערהאלבען צוריק. מען איז ערשט אנגעקומען. בעדואינער האבען זיך ניט געקאנט צוגעוואוינען צו די נייע שכנים. געהט איינמאל א מיידעל פון גדוד, פאהרען איהר אנטקעגען דריי רייטער, בעדואינער, און אטאקירען זי. קעמפט זי מיט זיי, רייסט זיך ארויס און קומט צולויפען אין מחנה און דערצעהלט וואס עס האט מיט איהר פאסירט. אזא זאך פארשווייגען טאר מען ניט. נעמען זיך גלייך צונויף ארום זעכציג חברים, מיט שטעקענס בלויז, אהן געוועהר, ווייל בלוט פארגיסען היט מען זיך. פארגאסען בלוט מיינט דערנאך בלוט־ראכע — א זאך, וואס קאן זיך ציהען יאהרען און יאהרען. נעמט מען שטעקענס און מען געהט צום בעדואינישען לאגער און מען פאדערט די דריי רייטער. א ווארט פאר א ווארט, מען האט זיך אנגעהויבען

זידלען, דערנאָך שלאָגען. אָבער דער גדוד קאָן זיך שלאָגען אויך. מען מושטירט זיך פאַר פאַרטהיידיגונג. האָט מען זיך באַלד אויסגע־שטעלט אין אַ קאַמפּס־ליניע, געדיכט צוזאַמען און אַרום די בעדו־אינער, ניט צווישען זיי, און מען האָט זיך אָנגעהויבען שלאָגען — זעכציג אַנטקעגען הונדערט און פופציג. עס איז געגאַנגען גוט ביז די בעדואינער האָבען זיך גענומען וואַרפען שטיינער. אין דעם זיינען זיי אויסגעצייכענט. זיי האָבען געטראָפען מיט פיער שטיינער, און פון איין שטיין הינקט נאָך אַ חבר פון גדוד עד היום. אָבער די בע־דואינער האָבען פאַרזוכט דעם טעם פון דעם גדוד׳ס קלעפּ... נאָך דעם זיינען געוועזען ווייטערע צוזאַמענשטויסונגען און געשלעגען. מען האָט זיך שוין איבערגעבעטען. איצט פאַרט מען צו געסט איינע צו די אַנדערע. ס׳איז שלום. אָבער פאַרטיפיקאַציעס דאַרף מען אויף יעדען פאַל.

די אַנדערע זאַך איז די עסטעטישע, נעמליך: אינמיטען פון דער מחנה ליגט אַ קליין בלומען־גאָרטענדעל, מיט אַ קרייז, און אין צענטער פון קרייז שטעהט אַ פאָנטאַן, פון וועלכען עס שפּריצט וואַ־סער. דער גאַנצער פאָנטאַן מיט דעם קרייז, מיט די בלומען אַרום, איז גרויס ווי אַ גענעץ, אָבער דער אָנשטעל צו זיין גלייך מיט „מענשען", איז ריהרענד. אַן אמת׳ע „סטאַליצע" איז תל־יוסף! עלעקטרישע באַלייכטונג, אַ שפּריצענדער פאָנטאַן אינמיטען, אַ שטאָדט־גאָרטען הייסט עס... און ווען איהר הערט ווי דער חבר, וואָס האָט דעם פאָנטאַן מיט אייגענע הענט געמאַכט, רעדט דאָס מיט שטאָלץ וועגען זיין אויפטו, וואָלט עס אייך אָנגעפילט מיט די היילינסטע געפיהלען פון ליעבע און אַכטונג צו מענשען, וואָס שאַ־פען זיך אַ וועלט מיט הוילע הענט, פון גאָרניט...

.1924

# „באַלפוריע“

די נייעס, אַז די ציוניסטען האָבען ערוואָרבען נאָך 22 טויזענד דונאַם ערד אין עמק יזרעאל, צווישען מרחביה און תל־עדש און אַז אַכט טויזענט דונאַם פון׳ם באָדען וועט געהערען דער ציון קאָמענוועלט מיט איר קאָלאָניע „באַלפוריע“ אין דער מיטען, דיזע שטיקעל נייעס האָט אין מיר אַרויסגערופען אַ רייהע בילדער פון די טעג וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט.

פון מרחביה קען מען זעהן קלאָר דעם גאַנצען עמק און די קאָלאָניעס „באַלפוריע“, תל עדש און דערנאָך דער לאַגער פון דעם כביש, עפולה־נצרת, זיינען אַלע ווי אָנגעצויגען אויף אַ דינעם ווייסען לאַנגען וועג ווי עטליכע קאָראַלען אויף אַ שנירעל. די דינע, ווייסע וועגען לויפען אומעטום אין ארץ ישראל. אויב ניט וועגען זיינען דאָס סטעזשקעס, זייטען שליאַכען. אומעטום לויפען לאַנגע, ווייסע לענטעס היין־הער, באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ... די מערקווירדיקסטע ווייסע לענטע, ווי אַ שלאַנג געדרעהטע און געפלאָכטענע, איז דער אויטאָמאָביל־וועג צווישען יפו און ירושלים, באַזונדערס די צווייטע טייל, נעהענטער צו ירושלים. אַזעלכע זיגזאַגען, אַזעלכע אונערוואַרטעטע דרעהדלאַך, שפּרינג אַרויף און שפּרינג אַראָפּ רעכטס און לינקס, אַזעלכע אונערוואַרטעטע, אָפּט גאַנץ ריזיקאַלישע ווענדונגען האָט דאַכט זיך מיר קיין וועג ניט אויף דער וועלט. די ווייסע, פון דער זוהן העל־באַלויכטענע וועגלאַך און שטעגלאַך פון ארץ־ישראל זיינען איהר חן און רייץ... לויפט אַזאַ ווייסער שנור איבער אַ באַרג דערמאָהנט איהר זיך וועגען דעם ווייסען פראַבאָר פון אַ טונקעלען מיידעל־קאָפּ...

האָב איך זיך געלאָזט צופוס געהן פון „מרחביה“ קיין „באַלפוריע“.

אין קיין לאַנד אויף דער וועלט געהט זיך ניט אַזוי געשמאַק צופוס ווי אין ארץ ישראל. אַנגעטאָן ביסטו גרינג, אַ קליין, — גאָר

א קליין פעקעל זאכען — די גאר נויטיגע נעהמסטו מיט זיך מיט, פאראויס לויפט א שמאלער, ווייסער וועג און פארשפארעכט דיר טויזענדער בלויע ענטציקונגען. דו געהסט גערן אנטקעגען יענע רופענדע און זינגענדע האריזאנטען מיט די פיאלעטע היגלען. געהסט פאראויס און לאזסט פריי דעם ווינט און דער זוהן ברוינען און סמאליען דעם פנים און האלז. און ווי עס אטעמט זיך געשמאק אויף אזא גאנג! אין ערגעץ געניסט דער מענש נישט אזוי דעם אטעמען פון לופט ווי אין ארץ ישראל. אין אנדערע וועלט-טיילען אטעמט דער מענש, ווייל ער מוז עס טאן, ס'איז זיין פונקציע, ער אטעמט און מערקט עס אפילו ניט. אין ארץ-ישראל איז אטעמען א גענוס, יעדער אטעם צוג איז א מאכל, ווי א טרונק קריסטאל-קלא-רע וואסער אין א דורשטיגען טאג. איהר נעהמט אריין אין זיך די זיסע, ריינע אראמאטנע לופט, נעהמט אריין וויפיעל די לונגען קענען און לאזט די לופט גאר דערפאר צוריק ארויס, ווייל אייך ערווארט א צווייטער גענוס פון א נייעם אטעם-צוג. דער פראצעס פון אטעמען געניסט מען אין ערגעץ ניט אזוי ווי אין ארץ-ישראל! געהסט אזוי איבער דעם טאל, צווישען באזעעטע פעלדער, באראמט מיט שטעכיגע גראזען, קוקסט זיך ארום: הימלען, בערג פון אלע זייטען, שטילקייט איז צוגאסען איבער דער וועלט, בלויז אין האר-צען זינגט עס, די ליפען שעפצען: גאט מיינער, ס'איז דאך אונזער לאנד, אונזערע טאלען, אונזערע בערג, אונזערע פעלדער! און עס פארגלוסט זיך דיר פלוצלונג א געשריי צו טאן, און מאקע גלייך רייסט זיך פון דיין ברוסט ארויס א ווילדער קלאנג, גלאט אזוי, אהן װעלכען ניט איז באדייט, אהן וועלכען ניט איז אינהאלט, א געשריי פון פרייד, פון גליק, דערהערסט דיין ווילדען געשריי, זי-בען מאל אפגעענטפערט פון די בערג ארום, פארשעהמסט זיך אליין פאר דיינע אינגעלשע שטיק און טרעהרען ווייזען זיך דיר אין די אויגען. גליקליכע שטונדען לעבט מען איבער, ווען מען געהט צופוס אליין איבער ארץ ישראל.

און אט באווייזט זיך פון דער ווייטען א וואגען מיט צוויי ברוינע „פריידעס“ (פערד) און דו דערקענסט גלייך אידישע ארביי-טער. פאר מיילען דערקענט מען זיי, נאך זייער קליידען זיך און האלטען זיך. דו שטעלסט זיך ביים זייט וועג, לאזט דעם וואגען פארביי, זיבען פאר אינגעלשע און מיידעלשע אויגען באקוקען דיך. די ערשיינונג דיינע, אבער אט דערקלינגט דער „שלום חברים“ און




דער בארג „תאבאר“ וועלכען מען זעהט פון „באלפוריע“.

צו דעם העלען ליכט פון די אויגען קומט צו א ברייטער הארציגער שמייכעל!

און עס טרעפט ניט זעלטען, אז מען דערקענט דיך. פלוצלונג א חבר פון אמעריקא. דאן שטעלט מען אפ דעם וואגען, מען נעהמט זיך ארום, מען פרעגט זיך פאנאנדער, מען וואונדערט זיך איינער איבער'ן אנדערען. פון וואנעט? אזש פון אמעריקא? און וואוהין? קיין באלפוריע! „איז וועלען מיר זיך נאך היינט זעהן, מיר קומען גלייך צוריק".

צוקומענדיג צו באלפוריע האב איך ארום א שטויג אנגעלעגטע תבואה דערזעהן א גרופע מענשען און דערהערט עפעס א מאדנעם גערויש ווי פון א מאטאר. און ווירקליך, מען האט אויפגעשטעלט די ערשטע דרעש־מאשין. אן אמעריקאנער פירמע האט עס אויפגע־שטעלט, צוויי אמעריקאנער אינזשענירען האבען ביי דער אויפ־שטעלונג געארבייט. א מאטאר האט געדרעהט די גרויסע, ווי א לאקאמאטיוו, דרעש־מאשין און באלד האט עס אנגעהויבען פון איין זייט שטרוי און פלאווע צו פליהען, און פון דער צווייטער זייט קע־רענדלעך צו שיטען זיך אין צוגעשפילעטע זעק. און אויבען אויפ'ן געלען שטויג תבואה זיינען געשטאנען צוויי בחורים מיט ווילעס און האבען בינטלעך אין דעם מויל פון דער מאשין געווארפען. גע־שטאנען זיינען ארום ארבייטער, ארבייטערינס, איינע מיט א קינד אויף די ארעמס, א יונגע מוטער אין דער פרייד פון געזונטע מו־טערשאפט. יא, אויך דאס האב איך אפט געטראפען אין ארץ ישראל, געזונטע מוטערשאפט. עטליכע אזעלכע מוטערס, יונגע, מיט מילך אנגעגאסענע ראזעווע מוטערס, מיט זייערע רונדע קינדער אויף די ארעמס שטעהען קלאהר פאר מיינע אויגען. א צווייטע פון דער וואס איך האב דא, ביים שטויג תבואה, דערזעהן האב איך אין כפר גלעדי באגעגענט און א דריטע אין חברון. זיי קוקען פאר־אויס מיט גרויסע, גליקליכע אויגען, אויף די ארעמס זייערע זויג קינדער, וואס האלטען אין די מיילעכלעך ווייסע רונדע בריסט און שפילען זיך דערביי מיט די פינגער פון זייערע רונדע פיסעלעך.

ארום דער מאשין עטוואס פון דערווייטען זיינען געשטאנען עטליכע אראבישע שכנים. און האבען געקוקט אויף דעם וואונדער וואס קלאפט, הוסט, שיסט און ניסט און טוט אזוי וואונדערליך לייכט און גיך אן ארבייט, וואס זייערע קאמעלען, אדער אקסען טוען מיט אזוי פיעל מיה און לאנגזאמקייט. דער אראבער קען זיך

ניט אָפּוואונדערען אויף דעם „באַבאַר" (מאַשין). מיט דעם וואָרט „באַבאַר" האָט מען מיר געזאָגט, באַצייכענט דער אַראַבער אַלעס, וואָס אַרבייט ווי אַ מאַשין. אַ שיף מיט סטיעם איז אַ באַבאַר, אַן אייזענבאַהן־צוג איז אַ באַבאַר, און אַ דרעש־מאַשין איז אויך אַ באַבאַר. קוקען זיי אויפ'ן „באַבאַר", וואָס עסט תבואה און שפּייט שטרוי און זיי מאַכען מיט די הענט און שמאַצקען מיט די ליפּען. דער פאַרוואַלטער, אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן, זאָגט מיר אויף ענג־ליש, אַז זיי ווערען שוין קליגער אָט די „באַבאַרשציקעס", זיי, וואָס האָבען אַמאָל פאַר אַ מאַשין מורא געהאַט, ווי פאַר'ן טייוועל, הויבען שוין אָן צו קויפען אַלטע אַקער־מאַשינען, שנייד־מאַשינען און לערנען זיך אויס ביסלעכווייז פון די אידען די עקאָנאָמיע פון אַרבייט און צייט.

די דרעש מאַשין איז געווען דער העלד פון טאָג. נאַטירליך, האָב איך געמוזט מאַכען אַ צייכענונג פון דער מאַשין און די אַרבייט. דער פאַרוואַלטער איז צו מיר צוגעגאַנגען און מיט שטאָלץ זיך אָפּגערופען: „דאָס איז נאָך גאָר ניט. מיר, אין באַלפוריע, וועלען נאָך שעהנערע זאַכען ווייזען. מיר וועלען זיין די טעכנישע אָנפיהרער אין ארץ ישראל. מיר וועלען זיך ניט שרעקען פאַר קיי־נע נייע מאָדערנע עקספּערימענטען. מיר וועלען זיין אַזוי צו זאָגען דער טעכנישען אַוואַנגאַרד". שפּעטער, ווען איך האָב עס אַנדערע חברים פון קאָלאָניעס און קבוצות איבערדערצעהלט, פלעגען זיי מיט אַ שמייכעל זאָגען: „געוויס, זיי האָבען אַ רייכע מומע אין אַמעריקאַ, זיי קענען זיך אַזעלכע זאַכען ערלויבען, זאָל עס זיי וואויל באַקומען"!

דערנאָך האָבען מיר חברה אַריינגעפיהרט אין הויז, אין זייער עס־צימער. אויף די גרויסע, נאַקעטע, הילצערנע טישען זיינען גע־לעגען רעשטען פון פרישטיק, זיינען געשטאַנען שיסלען מיט גרינע און שוואַרצע זתים (מאַסלינעס), שטיקער ברויט איז געלעגען און טעפלעך שיטערע קאַפע. מען האָט מיך באַלד אַוועקגעזעצט, אָנגע־בראַקט אַ גרויסען טעלער טאַמייטאָס, אָפּגעקאָכט אַ האַלב טוץ אייער, צוגעוואַרעמט די קאַפע און איך האָב זיך מיט אמת'ן ענטו־זיאַזם גענומען צו דעם אַלעם. אָפּגעגעסען, אויפגעראַמט, האָבען זיך חברה אַ נעהם געטאָן מיך אויספרעגען, ווער איך בין, וואָס און פון וואַנעט. דערוואוסט, אַז איך בין אַ רייזענדער צייכנער און שרייבער האָט מען מיר באַלד געבעטען ווייזען וואָס איך קען.

און ס׳איז אוועק אן ארבייט. יעדן איינעם האב איך געמוזט צייכענען. אלע יונגע חברה, ביז שפעט אין דער נאכט. און צום סוף איז צוגעגאנגען צו מיר שעהמעוודיג די שווארצאויגיגע פנינה יאַלאס, „מגליציה“ און ארויסגערעדט אזוי פון א זייט: „נו, און מיך? ... איך דארף יעצט איבערוואשען די געפעס, איז אויב איהר ווילט...“

„געוויס!“ א בחור האלט א גרויסע ליכט, דאס ליכט ציטערט און ווארפט פון דער ווייס געקליידעטער שווארץ־אויגיקער פנינה, א טאנצענדען שאטען אויף דער וואנט. איך זיץ אנטקעגען איר און צייכען. דער קאראנדאש פאלט שוין ביי מיר פון די הענד אויס מיעדקייט, אבער די מאדעל איז אזא זעלטען שעהנע און די אויגען זייגען אזוי פול האפענונג, אז איך נעהם מיר אן מיט כוח און די צייכענונג געלינגט.

שלאפען שלאף איך אויבען אויף׳ן אויבערשטען שטאק. שטעהן דארטען בעטלאך און איבער זיי ווייסע נעצען אנקעגען מאסקיטעס אדער גלאט בייסערס. שלאפען האט זיך מיר זעהר געוואלט, אבער ליידער ניט געקענט. איך בין געוועזן איבערמיעד און אחוץ דעם האט מיין חארארא זיך צושפיעלט. חארארא איז א בייסענדער ארויסשיט איבער די ארעמס און פיס, רויטע פרישציקלעך. עס קריגען עס געוועהנליך די נייע אנגעקומענע, און ס׳איז מסתמא א פראצעס פון צופאסונג צו דעם קלימאט אדער אפשר אנגעביסען פון פליגען. ווי די זאך זאל ניט זיין, חארארא האלט אן עטליכע וואכען און בייסט גאנץ געהעריג, אבער נישט געפערליך. טראגיש נעהמט דאס קיינער ניט, בייסט עס, קראצט מען עס אפ און מען טהוט זיך זיין ארבייט ווייטער... בלויז אונזער ריכטער בראנדייס האט דערפון געמאכט א געשריי ביזן הימעל, ווען ער האט דאס נעקראגען, זייענדיג אין דער קאלאניע כנרת. חברה האבען מיר דערצעהלט וועגען דעם און געלאכט דערביי... שפעט נאכט ביז איך שטארק אנשלאפען געווארען, אזוי אז ווען דער טאג האט זיך אנגעצונדען, בין איך פריש אויפגעשטאנען, גרייט אויף אלע העלדענטאטען. ביז איך געגאנגען אנקוקען די שטאהל מיט די פערד, דעם גאנצען הויף מיט אלע איינריכטונגען, די פעלדער ארום און די חברה האבען מיר מיט שטאלץ אלעס געוויזען און געלויבט...

אנטקעגען „באלפוריע“ ליגט מיט זיין קיילעכדיגען רוקען ארויף דער בארג טאבאר. זעץ איך זיך אנידער אנטקעגען איהם, אויף דעם



בארג וואס הויבט זיך פון דער קאלאניע און נעהם זיך צייכענען. קלייניקע פליגעלאך קריכען מיר אין די אויערען און אין די אויגען, נעהם איך מיט א טיכעל און וויקעל מיר ארום דעם קאפ, זיץ פארטאן אין מיין ארבייט אונטערגעווארימט פון דער ליעבער זוהן. פלוצלונג וואקסט אויס פון הינטער מיין רוקען א בעדואינער טונקעל און פייערינ אויף דעם רוקען פון א שווארצען הייסען פערד, א ביקס אויף די אקסלען און א בליסץ מיט זיינע געלע ווייסלעך פון די אויגען אין מיין זייט. עס איז געוועז אין די טעג פון די אנגעצויגענע נאכ־פאגראמען שטימונג, ווען יעדער יצד האט מורא געהאט פאר'ן אנדערען.

דער בעדואינער איז פארבייגעריטען און איז פארשוואונדען, עס איז אבער אויך מיין שטימונג צו צייכענען פארשוואונדען.

איך האב מיין פעקעל צונויפגעבונדען און זיך צוזעגענט מיט „באלפוריע“.

1921

# מגדל

צוויען די פיעלע געסט, וואס ארץ אשראל האט געהאט לעצטען זומער, איז געווען דער באקאנטער קונסט פארלעגער אלעקסאנדער קאגאן, דער רעדאקטאר פון „זשאר פטיצא", „מילגרוים" און דער מאנאגראפיע איבער לעאן באקסט. ער איז געקומען צוליעב זיין נייער אונטערנעמונג, נעמליך, ארויסצוגעבען א קונסטבוך איבער ארץ ישראל, וואס זאל אין פראכט זיין איינס אין דער וועלט. ער האט מיטגעבראכט מיט זיך צוויי קינסטלער און א פאטאגראף, און רעכענענדיג אויף די מיטארבייטערשאפט פון די ארץ-ישראל'ער קינסטלער, האט ער ארגאניזירט אז עקספעדיציע. געדונגען צוויי אויטאמאבילען און זיך אוועקגעלאזען אנקוקען, סקיצירען און פאטאגראפירען אונזער לאנד. די צוויי אויטאמאבילען זיינען, פארשטעהט זיך, געווען פון א אידישער קאמפאניע און די שאופערס זיינען געווען צוויי חברים, וואס האבען גוט געקענט דאס לאנד און זיינען ניט נאר געווען אונזערע שאופערס, נאר אויך אונזערע וועג-ווייזער.

די שאופערס אין ארץ-ישראל זיינען פון א גאנץ אייגענטימליכען מין מענשען. ערשטענס, זיינען זיי מענשען, וואס האבען א שטיקעל וועלט געזעהן, און צווייטענס, וואס האבען ארץ-ישראל גוט געזעהן. חברה ניט קיין נארישע און מוטיגע. מוט דארפען זיי האבען, רייזענדיג איבער די פארוואָרפענסטע וועגען און ווינקעלעך, און צווייטענס, האנדלענדיג מיט די אראבישע קאלעגען, די אראבישע שאופערס. מוט דארפען זיי נאך האבען אין קאמף מיט דער ארץ-ישראל'ער רעגירונג. די סיטואציע איז דא גאר א מאדנע. שטעלט אייך פאר, אז די אויטאמאביל שאופערס און די רעגירונג קאנקורירען איינער מיט דעם אנדערן אויף דעם געביט פון טראנספארטאציע. די רעגירונג האלט די אייזענבאן פון לאנד און באמיהט זיך זעהר שטארק צו פארגרעסערען די צאהל רייזענדע. זי וואלט שטארק געוואלט, אז אנשטאט וואס הונדערטער און אפשר

טויזענטער דינגען אויטאָמאָבילען רייזענדיג איבער'ן לאַנד, זאָלען זיי בעסער באַנוצען די באַהן. שטעלען זיי דאַרום די אויטאָמאָביל קאָמפּאַניעס און גלאַט אַזוי שאָופערס פאַרשידענע שוועריקייטען. מען באַשטייערט זיי אַזוי שווער, אַז ס'איז אוממעגליך צו אַרבייטען. אַ חוץ דעם זיינען נאָך די וועגען שלעכט און די מאַשינען ווערען גיך רואינירט. אויסער דעם ערלויבט ניט די רעגירונג צו פאָהרען איז אַן אויטאָמאָביל מעהר ווי אַ באַשטימטע צאָהל פּאַסאַזשירען. אַזוי, אַז ווען די פּאָליציי כאַפּט אַן איבעריגען פּאַסאַזשיר, ווערט אַ גאַנצער סקאַנדאַל, אָדער באַקשיש... לעצטענס האָט די רעגירונג נאָך מעהר געהעכערט די טעקסעס אויף פּראָפעסיאָנעלע שאָופערס, אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי רואינירען די שאָסעען פון לאַנד. די לאַגע איז געוואָרען אַזוי שווער, אַז די שאָופערס זיינען אַרויס אין סטרייק קעגען דער רעגירונג. דער סטרייק האָט געדויערט עטליכע וואָכען און איז געווען מערקווירדיג דערמיט, וואָס דאָס איז געווען דער ערשטער סטרייק, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען צוזאַמען מיט די אַראַבישע שאָופעס. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. אידישע און אַראַבישע אַרבייטער סטרייקען צוזאַמען קעגען דער רעגירונג! מען האָט זיך צונויפגערעדט און טאַקע אויסגעפיהרט.

אונזערע צוויי שאָופערס זיינען געווען פון די פיהרער, און זיי האָבען אונז פיעל אינטערעסאַנטע זאַכען דערצעהלט, פליהענדיג איבער די ווייסע וועגען אַרויף און אַראָפּ.

„מיר קומען באַלד אַן אין מגדל", האָבען זיי אונז אַנגעזאָגט, ווען מיר האָבען פאַרלאָזען טבריה, כדי צו דערגרייכען צפת דעם זעלבען טאָג. אין מגדל האָבען מיר גערעכענט צו בלייבען ניט מעהר ווי אַ האַלבע שעה: אָבער דער שאָופער האָט געשמייכעלט, ווי איינער זאָגט, מיר וועלען זעהן: אַ האַלבע שעה, צי אַ האַלבען טאָג.

און באַלד טאַקע האָט זיך דער בחור צערעדט:

„וואָס ווייסט איהר וועגען מגדל! זי איז אונזער מאַגדאַלינע, די רייצענדע מאַגדאַלינקע. זי איז דאָך אויסגעפּוצט פון קאָפּ ביז די פיס. אַ האַלבע שעה, זאָגט איהר, וועט איהר דאָרט זיין און ניט מעהר, דאָס וועלען מיר שוין זעהן."

די גאַנצע עקספּעדיציע איז געוואָרען פאַראינטערעסירט מיט די דאָזיגע ווערטער. וואָס איז רייצענדעס אין מגדל?

דער וועג פון טבריה ביז מגדל געדויערט א צעהן מינוטען, אזוי, אז מיר האבען זיך טאקע באלד דערזעהן דרעהענדיג זיך ארום א בערגעל און אין א ווייל ארום זיינען מיר דורך אפען־געשטא־נענע טויערען ארייגגעפאהרען אין דעם הויף פון דער קאלאניע.

א הויף ווי אלע הויפען אין א אידישער קאלאניע. ארום דריי זייטען פון דעם פיער־עק שטעהען שטאלען, מאגאזינען, ווערק־שטאטען, ארבייטער־וואוינונגען און אויף דער זייט רעכטס פון ארייגפאהר שטעהט דאס הויז פון דער אדמיניסטראציע און די גרופע געביידעס, וואס געהערען זיך צו דעם. ס'איז געווען היים און שטיל. א הונט האט זיך פויל אויפגעהויבען און אונז באגריסט מיט א גוטמוטיגען בילען. אן ארבייטער, וואס איז געשטאנען לעבען א וואגען, איז צוגעגאנגען צו אונז און גלייך דערקענט די שאופערס. זיי האבען זיך צערעדט וועגען דעם געוועזענעם פארטיי־צוזאמען־פאהר, און ווען מיר ווערען ניט אומגעדולדיג, וואלטען זיי גלייך דא אפגעהאלטען א צווייטען.

„מיר ווילען דאך זעהן די רייצענדע מגדל, און נאך פריהער פאר דעם ווילען מיר א טרונק וואסער. מיר זיינען אלע דורשטיג".

די דעמאנסטראציע פון אומגעדולד האט אנגעפיהרט העך קאגאן מיט זיין פרוי, ביידע גרויסע מענשען־עקזעמפלארען פון רוסישען בארסקען טיפ. אומזיסט געווען אונזער אפיעל. דער שאופער און דער פועל זיינען צו טיעף געווען פארטאן אין פארטיי־פאלעמיק, און מיר האבען זיך אליין א לאז געטאן געהן צו דער הויז רעכטס. אבער אט האט זיך די טיר געעפענט און אנטקעגען איז ארויסגע־קומען מיט א גאסטפריינדליכען אויסדרוק אויפ'ן פנים, מיט א ברייטען זשעסט פון צופריעדענקייט א מאן פון מיטעלען וואוקס, מיטעלע יאהרען, א ראזירט געזיכט און א פולען קאפ געקרייזעלטע האר.

„מיט וועמען האב איך דאס פארגעניגען... מיין נאמען איז גליקין, דער פארוואלטער פון מגדל. איהר זענט אלע ווילקאמען..."

און ער עפענט די טיר און מיר טרעטען אלע אריין אין א גערוימען הויז. ס'איז שאטענדיג קיהל... טיש, בענק — עס פיהלט זיך היימ־ליך, עס ווילט זיך אנידערלאזען זיך... מיר צעזעצען זיך. באלד ערשיינט וואסער, ניט גלאט וואסער, נאר סעלצער־וואסער, גאזאז, לימאנאד, און גלייך טאקע עפעס פארבייסען. אין קיך האט א גרויסע, בלוי־אויגיגע מויד פארקאשערט די ארבעל און עס איז

געוואָרען פּרעהלאַך. עס האָט אָנגעהויבען ערשיינען פּרוכט, איינ־געמאַכטס, טיי, מילך, פּוטער, אייער, מאַנדלען מיט ראָזינקעס און גאָט ווייס נאָך וואָס, דאַכט זיך אַ גאַנצער קעניגליכער מאָהל־צייט איז אומגעריכט אַראָפּגעפאַלען פון הימעל אויף אונזער גורל. אָבער פיעל מעהר ווי דער געשמאַק־באַדעקטער טיש איז געווען איבעראַשענד אָנגענעהם די גאַסטפריינדליכקייט, וואָס האָט אונז אַרומגערינגעלט. זיינען אָנגעקומען מענשען, פריינד, מען האָט זיך דערקענט, מען האָט זיך צערעדט; מאַנכע האָבען זיך גאָר דער־קענט פון די אַלטע רוסישע צייטען; מען האָט אויסגעגראָבען אַלטע באַקאַנטע. און פרעהליכער פּאַר אַלעמען איז דער מאַהלער פּראָפעסאָר פּאַסטערנאַק געוואָרען, ווען ער האָט זיך צערעדט מיט איינעם פון זיינע מאָסקעווער פּאַרעהרער.

די אַטמאָספערע אין מגדל איז דערהויפּט אַ מאָסקעווער. די גרינדער פון דעם פּלאַץ זיינען געווען אַ גרופּע רייכע מאָסקווער אידען. דאָס איז געווען מיט פופצעהן יאָהר צוריק און איז איבער־געגעבען געוואָרען צו פּאַרוואַלטען צו מ. גליקין. הער גליקין איז אַ זעהר טיכטיגער מענש און קען ניט נאָר זיין באַלעבאַטישקייט און די באַלאַבאַטישקייטען פון גאַנצען לאַנד, נאָר ער קען אויך דער־צעהלען אינטערעסאַנט די געשיכטע ווי אַזוי מגדל איז געבוירען און גרויס געוואָרען. ער הויבט אָן די דערצעהלונג, ווי עס הויבט זיך אָן די מעשה בראשית. צוערשט איז געווען לעהר און וויסט, ווילד און אומגעזונט. און אַט איז מען געקומען און מען האָט פון דעם דאַזיגען כאָאָס אַ גן־עדן געמאַכט. און מיינט איהר, אַז עס רעדט זיך בלויז אַזוי אַ גן־עדן, וויל אייך הער גליקין ניט אַנדערש ווי איבערצייגען, אַז ער האָט פיינט מליצה. אַז ער איז אַן אַגראָנאָם און אַ פּראַקטישער מענש, ניט קיין פּאָעט, וואָס זיין געשעפט איז צו געברויכען שעהנע ווערטער. ער מוז גלייך ווייזען וואָס מגדל איז.

מיר האָבען זיך אָפּגעריסען פון דעם געשמאַקען טיש און אוועק אָנקוקען איין וואָס דער וויסטער פּלאַץ איז פּאַרוואַנדעלט געוואָרען נאָך פופצעהן יאָהר לעבען.

ערשטענס האָבען מיר דערזעהן גערטנער און גערטנער, בוי־מער אָהן אַ סוף. אַלע סאָרטען בוימער. וועלדער באַנאַנע־בוימער מיט גרויסע, אומגעלומפּערטע בלעטער, לעבען זיי צאַרטע מאַנ־דעל־בוימער: גאָלדענע אָראַנזש־גערטנער, ציטראָנען בוימער,

וויינגערטנער, פייגענבוימער, אליוועבנוימער, אפריקאסען, טייט־לען, באמבוקאווע, צוקער און קאטאן פלאנצונגען, אקאליפטוס וועלדער און וואס ניט. ס'איז דאכט זיך ניטא א בוים, וואס וואקסט אויף אונזער פלאנעט, וואס זאל ניט האבן א רעפרע־זענטאנט אין מגדל. און געהט איהר אריין אין די אלעען, וואס ציי־הען זיך העכער א מייל אין דער לענג, כאפט אייך ארום א געפיהל פון ענטציקונג. עס איז דאך טאקע א גן־עדן! און אט דא איז א מאל געווען וויסט און ווילד. „יא, איהר זעהט די אומצעהליגע בוימער, גערטנער און וועלדער: איהר זעהט די גרינסען, די וועד־דזשעטייבלס, וואס ווערען רייף א גאנצען חודש פריהער דא ווי אין די איבעריגע ערטער פון לאנד, א דאנק דעם זעהר ווארימען קלימאט. און איהר מיינט, אז דאס איז די הויפט רייכקייט פון מגדל, האט איהר א טעות. ווילט איהר זעהן אין וואס עס באַ־שטעהט דער קוואל פון ברכה אין מגדל — קומט וועל איך אייך ווייזען".

און ער האט אונז צוגעפיהרט צו א דינינקען שטראם וואסער, גאר א שמאלינקען, ווי א דינע, בלאהע לענטע, אבער א זעהר ריה־רעוודיגער און האט זיך צורעדט ווי אן אמת'ער פאעט. עס וואלט גארניט געווען, ווען ניט דאס וואסערל. ניט דער מענש וואלט געהאט צו טרינקען, ניט די בהמה, ניט דאס פעלד, ניט דער גארטען און ניט גראז און ניט בוים. זעקס טויזענט דונאם לאנד פארמאגט מגדל, און א דאנק דעם דיננקען שטראם וואסער, וואס לויפט כמעט איבער דער לענג פון דעם גאנצען באדען, איז דאס דער טייערסטער באדען אין ארץ־ישראל.

און מיר געהען ווייטער איבער דעם באפלאנצטען און באַ־זייהטען מגדל און מיר קומען צו די אקאליפטוס בוימער. הויכע, שלאנקע, און באוועגליכע, האבען דינע, לאנגע בלעטער, ווי דינע מוזיקאלישע פינגער. ביים קלענסטען ווינטעלע צעטאנצען זיך די צווייגען, צעוויגען זיך די בוימער און צעשפילען זיך די בלעטער. לוסטיגע בוימער זיינען דאס די אקאליפטוסען. אפילו דאס וואס מען האקט זיי אפ שטיקער פון זייער קערפער, יעדע ווילע אויף האלץ און הייצונג, רויבט ניט אוועק די לוסטיגקייט, עס לאזט בלויז איבער אויף זייער שטאם שטיקער מאזאליעס, אזעלכע פאר־צויגענע וואונדען, אבער זייער אומגעוועהנליכע לעבענס־קראפט טרייבט ווייטער נייע און נייע צווייגען ארויף צו די וואלקענס.

און די לאַנדשאַפֿט ווערט לעבעדיקער. גריין און געזונט. צוליעב די דאַזיקע ביימער.

דערווייל זעהען מיר ווי אונזער פּראָפעסאָר פּאַסטערנאַק און דער פֿאָטאָגראַפֿער האָבען זיך אָפּגעטיילט פֿון דער קאָמפּאַניע און האָבען זיך אוועקגעלאָזט נאָכלויפֿען עפּעס אַ פֿרויען־פיגור אין שוואַרצען אָנגעטהאָן. ווען הער גליקין האָט עס דערזעהן, האָט ער אַ שמייכעל געטאָן. „אַ, ניט אומזיסט, זיי האָבען זי דערזעהן. ס'איז דאָך די שעהנסטע אַראַבישע מיידעל פֿון דעם געגענט. זי אַרבייט ביי אונז אין מגדל און זי איז ווערט מען זאָל זי מאָלען... אויב זי וועט זיך לאָזען".

און טאַקע גלייך זעהען מיר, ווי אונזער פּראָפעסאָר לויפֿט צוריק מיט דעם סקיצען־ביכעל און דער פֿאָטאָגראַפֿער מיט דעם אַפּאַראַט; דער פּראָפעסאָר מיט אַ פֿאַרצווייפֿעלטען פּנים: „זי איז דאָך וואונדערבאַר, אויגען, דאָס פּנים... אָבער זי לאָזט זיך ניט... וואָס טוט מען? זי לאָזט זיך ניט!...

„קומט." זאָגט הער גליקין, „איך וועל איהר ערקלערען." און ער האָט בלויז אַ פּאָר ווערטער אין אַראַביש מיט איהר אויסגע־רעדט, ווי זי איז שטיל געוואָרען, אַראָפּגעלאָזט די אויגען און איז שטעהן געבליבען. האָט זיך חברה אַ כאַפּ געטאָן, ווער פֿאַר זיין פּאַפּיר און פּענסיל, ווער פֿאַר'ן פֿאַרבען־קאַסטען און ווער פֿאַר'ן פֿאָטאָגראַפֿישען אַפּאַראַט. זי איז געשטאַנען ווי אַ פּאַרגליווערטע, וואונדער־שעהן, אָבער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען... זי זאָל אויפֿ־הויבען די אויגען האָבען מיר פֿאַר קיין געלט ניט געקאָנט ביי איהר אויספֿיהרען... איז געקומען צו לויפֿען איהר שוועסטער, אַ גע'גט'ע, נאָר גאָר אַ יונגע, יענע האָט שוין פּאָזירט וויפֿיעל מיר האָבען געוואָלט... אָבער פֿיעל האָט זי קיינער ניט געוואָלט...

דערווייל זיינען זיך שטונדען געלאָפֿען. ס'איז שוין געוואָרען שפּעט נאָכמיטאָג. אונזערע שאָופֿערס האָבען זיך ברייטלעך און געמיטליך צעלייגט אין הויף מיט די פּועלים... עס זיינען אָנגע־קומען נאָך געסט, אַרבייטער, אַראַבער... און ס'איז געווען אַזוי פֿיעל צו זעהן, צו הערען און צו צייכענען, אַז ס'האָט זיך גאָרניט געוואָלט אוועקפֿאָהרען. מיר האָבען נאָך ניט געזעהן די נייע בוי־פּראָיעקטען, וואָס מגדל האָט פֿאַר זיך. ניט נאָר פּראָיעקטען, נאָר שוין פֿאַרטיגע קאָנסטרוקציעס. עס ווערען געבויט רייהען הייזער דירעקט ביים ים כנרת. עס פּליאָסקען די כוואַליעס צווישען די

שטיינער פון ברעג ים; עס ציהט זיך א פאס זאמד און העבער הויבען זיך בוימער, איז צווישען די זאמד און די בוימער בויען זיך הייזער, ווילאס. עס וועלען זיין ראמאנטישע ווילאס, וואו מענשען וועלען קומען „לעבען און טרוימען". דאס איז פון איין זייט. אבער העבער, דארט אויפ'ן בערגעל, לעבען דעם הויף בויט זיך א גאנצע גאס, גרויסע, שלאנקע שטיינערנע הייזער. עס וואקסען הייזער איינס נאכ'ן צווייטען. און אט ווייזט מיר הער גליקין אן, אז דא וועט שטעהן סער אלפרעד מאנד'ס הויז, דא פ. רוטענבערג'ס, דא פראפעסאר ווארבורג'ס און נאך אזעלכע נעמען... מען גרייט זיך צו גרויסע ארבייטען. דאס איז ערשט אן אנהויב. א גרויסען האטעל. א רייהע באארדינגהייזער פראיעקטירט מען, ווייל וויסען מוזט איהר, אז דער פלאץ מגדל איז ווי געשאפען פאר א ווינטער קוראָרט. ניט ווייט געפינען זיך די הייסע בעדער פון טבריה, חמי טבריה... אידען וועלען אנהויבען קומען אין טויזענטער. די קוואלען זיינען שוין יעצט איבערגענומען געווארען פון א אידישער קאמפאניע. זיי וועלען די בעדער מאדערניזירען, זיי וועלען זיי מאכען אנציהענד און צוציהענד. ווי די דאזיגע וואסערען פארדינען, און די וועלט וועט זיך קומען קורירען אהערצו נאך מעהר, ווי מען קומט קיין קארלסבאד. וואר־זשע וועט מען זיך אפשטעלען? אין דער אלטער שטאדט טבריה זיינען דא האטעלען, אבער ניט גענוג און ניט מאדערן. פראיעקטירט מגדל א האטעל, וואס ארץ ישראל האט נאך אזוינס ניט געזעהן. אט דאס הייסט אונטערנעהמונגס־לוסט, אט דאס הייסט בויען א לאנד. עס וועט זיין ארבייט פאר הונדערטער אידישע ארבייטער, עס וועט אויפלעבען א געגענט — ווייל דאס לעבען איז ווי א קנויל שנייע, וואס מעהר מען קייקעלט עס אלץ גרעסער ווערט עס...

די שאופערס האבען שוין פארענדיגט אלע זייערע אנגעלעגענהייטען און האבען שוין געוואלט ווייטער פאהרען, ווייל ביינאכט איבער די בערג קיין צפת איז געפעהרליך צו לאזען זיך... אבער ס'איז זיי ניט גרינג געווען אונז אפצורייסען פון מגדל, פון דער רייצענדער, אויסגעפוצטער מאגדאלינע...

1924.

# חקוצים



אַ קליין החלוץ'ל

# ביי דער שאָסעען-אַרבייט

די ערשטע גרויסע שאָסעע וואָס איך האָב דערזעהן, אַ גרויסע אַרבייט וואָס אידישע יונגע מענשען נעהמען אונטער און פיהרען דורך, איז געווען דער וועג וואָס ווערט געמאַכט צווישע עפולה און נצרת. דאָ האָב איך דערזעהן אונזערע יונגע בויער און מיין האַרץ איז ברייט געוואָרען פאַר שטאָלץ און פרייד. דיזער וועג איז גע־ווען איינמאָל געמאַכט פון עגיפּטישע אַרבייטער אַ יאָהר צוויי צו־ריק און געמאַכט געוואָרען זעהר שלעכט. ער איז אין גאַנצען רו־אינירט, קרום, מיט גריבער און לעכער און איצט מאַכען די חלוצים דערפון אַ גוט שטיקעל אַרבייט. מען רייסט דעם אַלטען וועג אויף, מען מאַכט איהם ברייטער און גלייכער. דער פּראָצעס פון מאַכען אַ שאָסע, אָדער ווי אַלע רופען עס דאָ אַ כביש איז אַזאַ, צוערשט ווערט די ערד אויסגעגלייכט, אויסגערייניגט און צוגעגרייט פאַר די שטיינערדיגע אַרבייט. דערנאָך קומט דאָס אויסבעטען. מען בעט דעם וועג אויס, דאָס הייסט, מען לעגט דעם פונדאַמענט מיט גרויסע שטיינער און ווען דאָס איז פאַרטיג שיט מען אַרויף דעם ערשטען חצץ, דאָס הייסט, די קלענערע שטיינדלעך. דיזע קלענערע אָנגעהאַקטע שטיינדלעך זיינען דאָס די נשמה פון דער גאַנצער אַר־בייט. וואַכען און חדשים זיצען יונגע לייט און יונגע מיידלעך אונ־טער די הייסע שטראַלען פון דער זון און מען קלאַפּט מיט אַ קליין האַמערעל און מען ברעכט גרעסערע שטיינער אין קליינע. די גרע־סערע שטיינער, ווידער, ברעכט מען פאַר דעם כביש פון אַ באַרג וואָס געפינט זיך ביי נאַזאַרעט, דעם הר הקפיצה, ס׳איז אַ וויל־דער שטיינערנער באַרג איבער וועלכען, ווי די מעשה קלינגט, ישוס איז געלאָפען פון זיינע פאַרפאָלגער און האָט איבערגעשפּרונגען די צוויי בערג וואָס שטעהען איינער לעבען דעם צווייטען און ביל־דען דעם טאָל קאַבזאַ. פון דעם דאָזיגען שטיינערנעם באַרג, אָדער ווי מען רופט עס דאָ: וואַדי על קאַזבאַ, ברעכט מען אָדער מ׳רייט מיט דינאַמיט אַרויס שטיינער. ס׳איז אַ שווערע און געפעהרליכע



אַ שומר

ארבייט, און עס האבן שוין געטראפן אונגליקן. איך האב אין האספיטאל געזעהן א יונגן מאן, וואס איז ניט שנעל גענוג אפגע־טראטן פון דעם אויפרייס און איז געטראפן געווארן פון א שטיין אין הארץ. ער איז איצט זעהר קראנק. די ארבייט הייסט די „מחצבה“, שטיינברעכעריי, מען באנוצט זיך מיט וואגאנעטקעס וואו מעגליך און וואו ניט שלעפט מען די שטיינער מיט פערד אדער טאטשקעס צום פלאץ פון דער שאסע ארבייט. נאך דעם ווי מען האט דעם ערשטן פלאסט חצץ אנגעשאטן, קומט דער העלד פון דעם כביש, די וויכטיגסטע פערזאן פון דער געגענד, דער ברייטער אימפאזאנטער, שווערפעליגער און קרעכצענדער טראקטאר און פאהרט זיך דורך און קוועטשט די שטיינדלאך איין. מען גיסט וואַ־סער אויף'ן וועג און מען לאזט דעם טראקטאר טאן דאס בעסטע וואס זיין געוויכט קען טאן. דאן שיט מען אן א צווייטע פארציע חצץ, די אנגעהאקטע דימענטן, און ווידער לאזט מען דעם גראב־בייכיגן הערן אריבערקאטשען זיך איבער דעם וועג. די לעצטע סטאדיע איז ווען מען פארשיט מיט א קלעפעדיגען זאמד דעם אוי־בערשטען צודעק, וואס מאכט דעם וועג גלאט און צירליך. ווידער אמאל טוט דער טראקטאר זיין פליכט, דא און דארט ווערט צוגע־לעגט א האנט פון א „פינישער“ און דער וועג איז פארטיג. עס זיינען אויך אפט דא, פארשטעהט זיך, זייטיגע ארבייטען, ווי צו־צובויען א קליין שטיינערנעם בריקעל, אדער אונטערשפאר, אבער דאס איז ניט דאס וויכטיגע. אויף דעם דאזיגן כביש ארבייטען יעצט ארום דריי הונדערט יונגעלייט און מיידלעך, ארבייטען שוין איבער 7 חדשים און וועלען נאך געוויס ארבייטען א האלב יאהר. מען וואהנט אין צעלטען, לייווענטענע ביידלעך זומער און ווינטער. פון דער ווייטענס זעהט עס אויס ווי א קליין ישוב. צוזאמען מיט די גע־ביידעס וואס שטעהען צווישען די ביידלעך מאכט עס א ישוב פון העבער הונדערט וואוינונגען. קומט איהר צוגעהן איז אזא לאגער, אדער ווי זיי רופען עס דא „מחנה“, באגעגענט אייך די הארציגסטע גאסטפריינדליכקייט. איהר זעצט זיך גלייך מיט אלעמען ביי די טישען פון דעם עס־באראק און איהר קריגט א שיסעל מיט זופ, בארשט, אדער אן אנדער זאך. דאס ברויט ווערט דא געבאקען אין אייגענע בעקערייען, איז זעהר פרימיטיוו, טונקעל און גראב, אבער עס שמעקט גוט, איבערהויפט איז דאס עסען ווייט פון צו זיין רא־פינירט, דאך עלעמענטאר געזונט. און וויפיעל איך האב עס ניט

געגעסן — דעם מאָגן האָב איך קיין מאָל ניט פֿאַרדאַרבן. לעֿ־
פֿעל, גאָפּל, מעסער, געשיר איז דאָ די איינפֿאַכסטע וואָס מען קען
זיך דענקען. פֿון טישטעכער, נעפּקינס — קיין שפּור. אָבער אָפּע־
טיט און פֿרעליכקייט — אַ וועלט. און יעדער קען עסן וויפֿיל ער
וויל, נאָך אַ פּאָרציע, נאָך צוויי פּאָרציעס, נאָך צען פּאָרציעס, ער
דאַרף בלויז זאָגן דער „חברה". וואָס דערלאַנגט און די חברה וואָס
דערלאַנגט זאָגט בלויז איין וואָרט „כן". גיט אַ טרייסל מיט די
קורץ געשאָרענע האָר, גיט אַ גליה מיט די ברוינע באַקן, לויפֿט
אַוועק מיט איהרע פֿלינקע באָרוועסע פֿיסלעך און שוין איז זי צוריק
מיט אַ גרויסן טאַץ און טיילט רעכטס און לינקס. עס איז אַ פֿרעה־
ליכער געפּילדער און צווישן דעם אַלגעמיינעם גערעד הערן זיך
אויסרופֿן: „אנכי צמחני" — איך בין אַ וועגעטאַריאַנער. און דאָס
הערט זיך זעהר אָפֿט. מאַנכע זאָגן, אַז אין דיזער געגענד באַגע־
גענט מען אַ גרעסערן פּראָצענט וועגעטאַריאַנער ווי אין דער גאַנ־
צער וועלט. קורץ „צמחני"! מען זאָל זיי קיין פֿלייש ניט געבן
נאָר עפּעס אַנדערש: אייער. פּאַרעווען באָרשט. חברה איז צופֿרי־
דען, לאַכט, שטיפֿט, דעבאַטירט און מען עסט. יאָ, עסן איז איי־
גענטליך אַלעס וואָס זיי קריגן אַרויס פֿון זייער שווערער אַרבייט.
די צוויי דריי הונדערט יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן ביים
כביש נצרת־עפולה אָפּגעאַרבייט שוין איבער אַ האַלב יאָהר האָבן
נאָך קיין פּיאַסטער געלד ניט אַרויסגעקראָגן. עס קלעקט בלויז
אויף דאָס פּראָסטע עסן, טרינקען און שלאָפֿן אין די ביידלעך. די
זאַך איז די, אַז צווישן די דריי הונדערט מענשן, וואָס אַרבייטן
אין דער דאָזיגער קבוצה זיינען דאָ גוטע שטאַרקע אַרבייטער וואָס
קענען גוט און פֿיעל אַרבייטן. פֿאַר דעם יאָהר שאַפֿע אַרבייטן
אין ארץ ישראל האָבן זיך שוין אויסגעבילדעט ספּעציאַליסטן
שטיינבּרעכערס, שטיינשלעגערס א. א. וו. וואָס וואָלטן ביי פּרי־
וואַטע אונטערנעהמער לייכט געקאָנט פֿאַרדינען 60 פּיאַסטער אַ
טאָג. ווען אַלע וואָלטן געווען אַזוינע וואָלט די קבוצה אַ חוץ עסן
פֿאַרדינט נאָך מינץ אויך, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט דעם כביש
„כנרת". איז אָבער די לאַגע דאָ אַנדערש: עס זיינען דאָ פֿאַראַן אַ
צאָהל נאָך גאָר יונגע חלוצים, עס זיינען אויך דאָ קראַנקע און אַזוי
נישט פּראָדוקטיווע און אַט דיזער טייל מאַכט די לאַגע פֿינאַנציעל
פֿאַר נישט געהויבן. אָבער אַלע זיינען גרייט אויף אָפּפֿער און פֿון
מאַנכע ווערט דער אָפּפֿער פֿאַרלאַנגט נאָך מעהר.

די אַפּפער זיינען גרויסע. די וואָס האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך עטוואָס זאַכען האָבען נאָך וואָס אַנצוטאָן. וועלען זיי אָבער ווערען אויסגענוצט איז ניטאָ פאַר וואָס צו קויפען אַ נייע פּאָר שיך אָדער הויזען. ווי ווייניג אַ חלוץ דאַרף האָבען, פעהלט איהם אפילו דאָס ביסעל אויך; מאַנכע האָבען בוכשטעבליך קיין העמד, מען געהט אין אַזעלכע טראַנטעס, אַז בלויז אויפ'ן כביש קען מען אַזאַ זאַך זעהן און ניט ווערען ערשטוינט. וועגען באָרוועס געהן איז שוין אָפּגערעדט: באָרוועס געהען דאָ מיידלעך און בחורים, קיינער זאָרגט זיך דאָ וועגען די שעהנקייט פון די פיס אָדער הענט. מיידלעך האָבען אין גאַנצען אָװעקגעוואָרפען די שטאָדטישע „פינטי־פלושקעס" און נאָר שבת צייט טוט מען זיך אָן שיכלעך, אַ ווייס קליידעל, אַ לענטעטשקע אויף די האָר און דאָס הייסט פּראַנטעווען. און נישט נאָר זאָרגט מען זיך ניט וועגען די הויט וועלכע ווערט געביסען און געריסען, אפילו בלוט זשאַלעוועט מען ניט. צוהאַקט זיך ווער אַ פינגער, אַ פוס, אַז אויער און עס רינט בלוט, נעצט מען איין אַ פּאַפּיראָסנעם פּאַפּירעל, מען קלעפּט עס אַרויף אויף דער וואונד און מען אַרבייט ווייטער. ביי אונז אין שטאָדט וואָלט מען שוין גערופען אַן אַמבולאַנס.

4. צו דער אַרבייט שטעהט מען אויף גאַנץ פריה מאָרגענס. אַ זייגער שטעלט מען זיך אַרבייטען און מען אַרבייט ביז האַלב נאָך 10 און דערנאָך רוהט מען ביז דריי נאָכמיטאָג, ביז די היץ פאַלט אַראָפּ און מען אַרבייט ביז 7 אָוונט. די אַרבייט ווערט געפיהרט און פאַרטיילט פון אַ „ועד", אַ קאָמיטע, וואָס ווערט פון דער קבוצה אויסגעקליבען. זי באַשטימט ווער עס דאַרף אַרבייטען אין קיך, ווער ביים שטיין־ברעכען, ווער ביים חציר, ווער ביים וואַסער, ווער ביים באַקען ברויט, ווער ריינינגען און אויפראַמען, ווער ביים בוכפיהרען, ווער ביים איינקויפען און אויסצאָהלען, און אַלע פּאַלגען. צו דער מינוט שיטען אַרויס די יונגעלייט און מיידלעך פון די ביידלעך און מען צושפּרייט זיך איבער'ן לאַנגען וועג, וואָס לויפט פון די נצרת בערג אַרונטער איבער דעם עמק יזרעאל ביז עפולה. שעהן איז דער עמק, אונבאַשרייבליך! און וואָס העכער איהר באַשטייגט דעם וועג צו נצרת אַלץ שעהנער ווערט דער עמק, זאַפטיג, פעט, גרין, געל און גאָלדיג און דער וועג לויפט ווייט, ווייט פאַראויס ווייסע פינטעלעך פון אונזערע מיידלעך, און געלברוינע פון אונזערע בחורים, באַקלעפּען ביידע זייטען וועג און מען טוט



די אַרבייט בײַם כביש

און מען בויט עפּעס פלייסיג און אונערמידליך ווי ביהנען. איך פלעג זיך ניט קענען אָפּרייסען פון דעם בליק אַרונטער דעם נצרת באַרג! קומט דער אָוונט הערט זיך פון דער ווייטען די קבוצה, איהר געזאַנג און פרעהליכקייט. עס קלינגט די גאַנצע געגענד פריש און יוגענדליך. די נאַכט קומט אויף גיך, אין מאַנכע געצעלטען צינדט זיך אָן אַ ליכטעל. עס הערען זיך פון מאַנכע פּאַלאַטקעס געזאַנג ביז שפּעט נאַכט. דורכ'ן שלאָף הערט זיך אַ פרעהליך אידיש לידעל און מיט אַמאָל פון גאָר דערווייטענס, פון ערגעץ אַ באַרג, אַ צוציגענע אַראַבישע מעלאָדיע. אידען און אַראַבער זינגען. עס פלעכטען און פּלאָנטערען זיך די צוויי כאָרען און ענדליך ווערען ביידע אַנשוויגען. נאָר די לבנה און דער נאַכט־ווינט שפּיעלען איבער דעם איינגעשלאָפענעם לאַגער פון די וואונדערבאַרע אידישע קינדער. גראָד ווען איך האָב דאָרט גענעכטיגט האָט זיך דער ווינט שוין צו שטאַרק צושפּיעלט, ער האָט פּיעלע ביידלעך אַרויסגעריסען און צובראָכען און פיעלע שטונדען שלאָף ביי די חברה אָוועקגערויבט. דיזע נאַכט וועל איך ניט פאַרגעסען. ס'איז געווען אַ וואונדערליכע.. איך בין געשלאָפען אין אַ וועכטער'ס ביידעל, איינער אַליין. דער וועכטער איז מיט זיין ביקס אויף די אַקסלען געווען אויף זיין פּאָסטען. עס האָט זיך שטילערהייט אָנגעהויבען דער ווינט־ספּעקטאַקעל. עס האָט געוואָיעט און געבראָכען און געפּאַטשט און פּלוצלונג דערהער איך פלאַטערען פון פליגלען און טויבען וואָרקעווען. און דאָס דיכט נעבען מיר ביי מיין קאָפּ, איבער מיין קאָפּ. ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט האָב איך דורך אַ האַלב דרעמעל געהערט דעם אַקאָרד פון ווינט און טויבען־פליגעל, ביז איך האָב דערזעהן אַז אַנגעצונדענע ליכטעל פון דעם חבר וועכטער. וועלכער איז געקומען זעהן וואָס זיין געצעלט מאַכט און וואָס זיינע צוויי טייבעלעך, וואָס וואוינען מיט איהם צוזאַמען, מאַכען. ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער געווען פון טויבען און האָט זיך אָפּגעריסען אויף אַ מינוט פון זיין פּאָסטען. פאַרהאַקט אויף גיך די פלעקלעך פון דער ביידעל, באַרוהיגט די טויבען און איז ווידער אַוועק. איך בין פעסט איינגעשלאָפען. עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט אַ זאַנדערבאַרער חלום: איבער דעם באַרג הקציפה, וואָס שטעהט הויך איבער מיין געצעלט, לויפט אַ מאַן מיט לאַנגע האָר און לויזע ווייסע קליידער. ער דערלויפט ביז'ן שפּיץ באַרג, שטעלט זיך אַ ווײַלע אָפּ, קוקט זיך אַרום אין פאַרצווייפלונג, גיט אַ שפּרונג און פאַלט

אראפ גלייך אין דעם טאהל קאבזא, אין דער „מחצבה“, וואו מען ברעכט שטיינער פאר'ן כביש. עס לויפען צו איהם צו עטליכע אידישע ארבייטער, בויגען זיך איין איבער דעם ליגענדען מאן פון נצרת און פרעגען איהם, וואס ער מאכט? ענטפערט ער: “אנכי צמחני, אנכי צמחני“... איך בין א וועגעטאריאנער..

.1921



דער כביש

## די מיידלעך ביי שאָסעון אַרבייט

נישט יעדען כביש האָט ביי זיך אין דער אַרבייטער קבוצה מיידלאַך. דער וועג פון טבריה וואָס ווערט גערעכענט פאַר דעם קאַמפּעטענטסטען האָט ביי זיך קיין מיידלאַך אויסער אַ פּאָר אין דער קיך. פאַר וואָס? האָבען זיי מיר געענטפערט, אַז די מעדיצי־נישע ראַטגעבער האָבען זיי אָפּגעראָטען צו נעהמען, זאָגענדיג, אַז די אַרבייט איז צו שווער פאַר פרויען און אַז עס איז טאַקע אין די אינטערעסען פון די מיידלאַך אַליין מען זאָל זיי צו אַזאַ שווערער אַרבייט אין אַזאַ הייסען קלימאַט ווי דער טבריה־כנרת׳ער ניט צו־לאָזען. האָט מען זיי ניט צוגעלאָזען. און די חברה בענקען נאָך די מיידלאַך גאַנץ געהעריג און זיינען שטאַרק מקנא יענע קבוצות וואָס האָבען יאָ מיידלאַך, ווייל מיט אַרבייט אַליין, ווי ערנסט אַ בחור זאָל ניט זיין, קען ער ניט אויסקומען, ער מוז אַ מיידעל כאָטש פון דערווייטענס אַנקוקען.

ניט הויך געוואַקסען אָבער פעסט געבויט, פולע אָרעמס, פולע באַקען, קורץ געשוירען, ערנסט געשטימט און פריש יוגענטליך איז די חלוצה מיידעל, איינפאַך רייצענד. זי איז די פּאָעזי פון דער קבוצה. זי טראָגט אַריין דעם עלעמענט פון היימליכקייט, פון מו־טערליכקייט און מילדערט די האַרטע, שווערע, כמעט אונערטרעג־ליכע ווירקליכקייט. אָבער אַ חוץ דעם איז זי אַ גוטע אַרבייטערין.

דאָס מוז איינמאָל פאַר אַלע פעסטגעשטעלט ווערען, אַז אויב אַ וועלכע ניט איז קבוצה מיינט, אַז מיידלאַך קענען ברענגען צו אַ דעפיציט, אַדער זיין עקאָנאָמיש צו לאַסט זאָלען זיך מערקען, אַז זיי האָבען אַ גרויסען טעות. די מיידלאַך אַרבייטען ניט אַ האָר ווייניגער ווי די מענער.

איך האָב באַאָבאַכטעט און מוז זאָגען, אַז זיי זיינען איינפאַך פּאַטעטיש אין זייער פליים צו דער שווערסטער גרעבסטער אַר־בייט, ס׳איז ביי זיי געוואָרען אַ מין רעליגיע, אַ ליידענשאַפט, אַקו־

ראט ווי זיי וואלטען וועלען אפוואשען די רעפוטאציע פון שוואכ־קייט און פארצערטליכקייט. זיי איבערטרייבען שוין אביסעל.

אויף עפולה־נצרת כביש ארבייטען צווישען אנדערע א קליינע גרופע פון 7 מיידלאך, וואס זיינען געקומען ארגאניזירט פון גאלי־ציען אין א קבוצה ביים נאמען „סרטי". דיזע 7 מיידלאך זיינען איינפאך פאנאטיקער פון ארבייט. זיי ארבייטען פאר צעהן, זיינען געזונט, זיינען קאמפעטענט און קיין ארבייט, וואס איז צוגענגליך פאר מענער איז פאר זיי ניט שווער. קומט צו קלאפען שטיינדלאך, חצץ, זיצען זיי אפ שטונדען אונטער די ווייסע שטראהלען פון דער זון און מ'קלאפט. מען נעהמט פון צייט צו צייט א שלינק וואסער און מ'קלאפט ווייטער. ווען זיי זיצען אויף א בערגעל אנגעקלאפ־טע שטיינער זעהן זיי פון דערווייטען אויס ווי קוואטשקעס וואס זיצען אויס הינדעלאך. אנגעטהאן אין העלע פראסטע קליידער מיט א גרויסען ווייסען טיכעל פארדראפירט ארום דעם קאפ זעהען זיי אויס וואונדערליך אויף דעם הויפען חצץ. זינט פאלעסטינא לעבט און זייט זי האט געזעהן זאנדערבארע און ריהרענדע זאכען האט זי אזא זאנדערבארע און ריהרענדע זאך נאך ניט געזעהן, ווי דיזע געוועזענע מאמעס טעכטערלעך, געוועזענע גימנאזיסטקעס, וואויל עצויגענע אידישע מיידלאך זיצענדיג מיט פארברוינטע, פארמא־זאליעטע הענט און קלאפענדיג שטיינער פאר די וועגען פון ארץ־ישראל. און באזונדערס נאך צייכענט זיך אויס זייער ראש הקבוצה די חברה פנינה ריינהארט. זי איז א זעהר אינטעליגענטע מיידעל, איז ניט נאר די פיהרערין פון איהר קליינע קבוצה, נאר זי איז אויך א מיטגליעד אין א גאנצע רייהע חברות. ועד מרכזי, עבדת־הציבוריות, א. ז. וו. אט די פנינה קען אפזיצען און קלאפען חצץ מיט אזא באגייסטערונג ווי יאזעף האפמאן אדער מישא לעוויצקי שפילען פיאנא. זי זיצט אפ מיט איהר ווייסען טיכעלע אויפ'ן קאפ און פענסנע אויף דער נאז און קנאקט שטיינדלאך ווי ניסלאך שטונדע נאך שטונדע. איך בין צוגעגאנגען און געבעטען איהר ער־לויבנים ארפצוסקיצירען זי, זי האט עס קוים ערלויבט און ווען איך האב זיך פארטהאן אין צייכענען און נישט באמערקט, אז מען קלינגט צום עסען האט זי קיין ווארט ניט געזאגט און אנגעקלאפט ניסלאך אן איבעריגע שטונדע.

דאס איז זעהר שעהן און פאטעטיש. דאך האב איך מורא, אז

לאנג געדויערען טאָר דאָס ניט. דיזע מיידלאַך זיינען אַ צו טייערער מענשען מאַטעריאַל מיר זאָלען זיך קענען ערלויבען אַזוי זי צו פאַרשווענדען. עס איז אַביסעל צו קאָסטבאַר. די רייכסטע פעלקער קענען זיך אַזאַ זאַך ניט ערלויבען ווי צו שיקען זייערע איידעלסטע קינדער אויף אַן אַרבייט וואָס קען געטהאָן ווערען פון אַ פּאַסיגערען עלעמענט.

אַמוועניגסטענס מוזען געשאַפען ווערען גינסטיגערע באַדינ־גונגען. דאָס לעבען אין די ביידלאַך איז זומערצייט נאָך ווי ניט איז צו דערליידען. קומט אָבער דער ווינטער מיט די רעגענס, בלאָטעס און ווינטען, דאַן איז עס זעהר שווער. מיר האָט געזאָגט אַ דאָקטאָר אין איינעם פון די כביש האָספּיטעלער, אַז אויב עס ווערען פיעלע קראַנק זומער צייט וואווינענדיג אין די ביידלאַך, וועלען ווינטער צייט אַבסאָלוט נויטיג ווערען באַראַקען, אַז ניט וועט דאָס אונז אויך אָפּקאָסטען טייערליך אין אונזער בעסטען מענשען מאַטעריאַל וואָס מיר האָבען ווען עס איז געהאַט.

דער כביש האָט פיעל נשמה, פיעל אידעאַליזם, מוטה, שעהנ־הייט, אָבער עס פעהלען די נויטיגסטע זאַכען. למשל, ס׳איז דאָ אַ לעזע־צימער אין קעמפּ און קיין צייטונגען, אַ צוויי דריי ביכלעך בלויז אין אַ הילצערנעם קעסטעל. עס פעהלט אַלעס וואָס איז נויי־טיג צו אַ ביסעל אָפּרוהע, פאַרוויילונג נאָך אַ טאָג שווערע אַרבייט. עס פעהלט אָפּט וואַסער, עס פעהלט אָפּט בעטען און צודעק און מאַטראַצען, אַביסעלע בעסער עסען וואָלט ניט געשאַדט, אַביסעלע מעהר זאָרג פאַר דעם מענשען מאַטעריאַל יועלכען מיר פאַרברויי־כען דאָ, דען אויך די מענערליכע יוגענד איז אַ צו טייערער ביסען פאַר דיזע אַרבייט . . .

איך האָב דאָ בייגעוואוינט אַ לעקציע אין קעמפּ נצות. דער לעקטאָר איז געווען דר. אליעזר ריגער. אַ לעהרער אין חיפה׳ער רעאַל שולע. די טעמאַ איז געווען: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע — איהרע כוחות און מאָטיווען.

געהערט האָט מען איהם מיט אַ געוואַלדיגען אינטערעס, דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט, דאַך ווען איינער האָט ביים סוף געוואָלט אָפּלאָדירען האָט מען איהם מיט האַסטיגקייט אָפּגעהאַל־טען. מען אַפּלאָדירט ניט אַ לעקטאָר ווי גוט ער זאָל ניט רעדען. אָבער איך האָב אַפּלאָדירט אַ געשפּרעך פון צוויי מיידלאַך, וועלכע

זיינען געגאַנגען פון „חצי“ מיעד פון דער אַרבייט און האָבען אַ טיעפע דיסקוסיע געפיהרט וועגען די מענשליכע נשמה, טיעפען זין פון לעבען, אייביגקייט און אַנדערע פּראָבלעמען. איבערהויפּט ליגט אין דעם כביש אַ מאַסע ענערגיע, פיזישע און גייסטיגע. די פיזישע האָט אַז אויסגאַנג, די גייסטיגע ניט. דערפאַר, ווען עס טרעפט זיך אַ געלעגענהייט רייסט זי זיך אַרוים מיט אַ געוואַלדיגען אימפּעט. איך האָב בייגעוואוינט אַ דעבאַטע צווישען אַ אידישיסט מיט אַ העברעאיסט. אַ קאָמוניסט מיט אַ אחדות־העבודה'ניק, אַז אידעאַליסט מיט אַ טיפען מאַטעריאַליסט, יונגע לייט, אָבער מיט אַזעלכע געשפּיצטע, פאַרשאַרפטע קעפּלאַך, אַזעלכע געניטע דע־באַטאַנטען, מיט זאַכליך וויציג און געשיקט אַריינגעשטעלטע פּונק־טען. אַז ס'איז געווען אַז אמת'ער פאַרגעניגען אויסצוהערען. אַנגע־טהאַן זיינען אַלע געווען אין טראַנטעס, האַלב נאַקעט אונטער די זאַנדערבאַרסטע באַדינגונגען. עס איז געווען נאַכט, בלויז אַ קליין צאַפּעלדיג ליכטעל האָט פון אונטען אַרויף באַלויכטען די פּנים'ער פון די דעבאַטאַנטען און די צוהערער. עס האָט מיר עפּעס דער־מאָנט די באַריהמטע בילד פון רעפּין „די זאַפּאַראָזשצעס“. ווי אַ קאָמפּאַניע בראַווע הוליאַקעס, זאַפּראָזשצעס, פּאַרחפאַסען אַ ברי־וועל דעם טערקישען סולטאַן...

ווי דאָס לעבען איז ניט רויה און עלעמענטאַר איינפאַך אויף דעם כביש, פאַרשטעהען דאָך די מיידלאַך אַריינצוברענגען עט־וואָס, וואָס מילדערט און פאַרשעהנערט. די ביידלאַך זייערע אַליין איז גאָר אַנדערש צוגערוימט און באַפּוצט ווי די מענערשע. עס איז צירליך, ווייס, ריין. עס הענגען צוגעשפּילעט צום לייוונט פּאָטאָ־גראַפיעס, אַ שפּיגעלע, אַ באַנטיקעל, אַ ווייס טישטיכעל און עס זעהט אויס ליעבליך און היימלאַך און בחורים האָבען ליעב צו קו־מען זיצען אין אַ מיידעלשע ביידעל. און טרעפט זיך נאָך, אַז אַ מיידעל פאַרליעבט זיך אין אַ בחור דאָ און ערלויבט איהם זי צו הייראַטען און זיי קריגען אַ ביידעל פאַר זיך, דאַמאָלס וואָלט איהר געדאַרפט זעהן ווי אַזאַ ביידעל ווערט דאָס אויסגעשטאַטעט. אַ גאַנצע הוים אַ קליינע. אַ אמת'ע טויבען־נעסט. מען לעבט טאַקע ווי צוויי טייבעלאַך.

געטראָפען האָט איין מאָל, אַז דער באַרג נעבען וועלכען די מחנה נצרת־עפּולה האָט איהרע פּאַלאַטקעס אויפגעשטעלט, אַז דער

דאָזיגער באַרג, באַוואַקסען פון טרוקענע גראָזען, האָט זיך אָנגע־צונדען און גענומען ברענען אין פלאַמען פייער. עס איז געווען אונ־ענדליך שעהן! אַ הויכער באַרג ברענט ווי אַ ליכטעל!... עס וואָלט געווען אַ פאַרגעניגען צו שטעהן און קוקען, איז אָבער דער פייער געגאַנגען צו די ביידלאַך און גראָד צו דער ביידעל פון די פּאָר „טייבעלעך". האָט זיך חברה אַ וואָרף געטהאָן מיט לאָפּעטעס אויפ'ן פייער און מען האָט דעם פייער פאַרטריבען אין די הויכע מקומות. די פּאָר פּאַלק האָט דערווייל אַרויסגעכאַפּט די בעבעכעס און איז געווען איבערגליקלאַך, ווען די געפאַהר איז אַריבער און זיי האָבען זייער נעסט ווידער אויפגעשטעלט.

דער באַרג האָט נאָך לאַנג געברענט און געראויכערט, און איז געוואָרען פון געל־ברוין — בלוי־שוואַרץ..., אַ מיידעל איז צו־געגאַנגען צו מיר און געפרעגט צי איך האָב ניט געמאַכט אַ בילד פון דעם ברענענדיגען באַרג, עס איז דאָך געווען אַזוי שעהן!

ניין, איך האָב קיין צייכנונג פון דעם ברענענדיגען באַרג ניט געמאַכט, אָבער פון דער מיידעל און איהרע חבר'טעס אין קיך האָב איך יאָ געמאַכט. איך בין אַריין אין קיך, אָדער ווי זיי רופען עס, „מטבח" און זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקעל און זיך גענומען צו דעם פּאַפּיר און פּענסיל. זיי האָבען עס באַמערקט און עס איז ענט־שטאַנען אַ פּאַרווירונג פּונקט אַזאַ ווי ווען איך בין אַריין מיט מיין סקיצענבוך אין דער ישיבת „עץ חיים" אין ירושלים. אַ וועלטליכער זינדיגער עלעמענט האָט זיך אַריינגעריסען אין דער אַטמאָספערע פון ערנסט און אַרבייט! די אַרבייט פון שעלען קאַרטאָפלעס, וואַ־שען און באַקען איז מיט אַמאָל קאַליע געוואָרען, ווי דאַמאָלס אין ישיבה דאָס לערנען, איז מיט אַמאָל שוואַכער געוואָרען. מאַנכע זיינען רויט געוואָרען, אַנדערע האָבען אָנגעהויבען זוכען אַ שפּיגעל, דריטע, צוגלעטען די האָר, קורץ, דאָס מיידעלשע האָט זיך אין זיי צושפּילט ווי עס געהערט צו זיין. מען האָט געלאַכט און געשטיפט, און נישט געוואָלט מיר אַפּלאָזען, איך זאָל נאָך און נאָך צייכענען.

דעם טאָג האָבען חברה עסענדיג זייער מאָלצייט עפּעס באַ־מערקט, אַז ס'איז אַביסעל צוגעשמאָליעט און ס'איז עפּעס גלאַט אַהן טעם... מיין געוויסען האָט מיר אונטערגעזאָגט ווער ס'איז שולדיג.

קומט דער אָוונט, די אַרבייט איז צו ענדע, אָפּגעגעסען דאָס

שוואַרצע ברויט מיט עפּעס אַ געקעכץ און פּאַרטרונקען מיט אַזאַ געדיכטע ברוינע טעע וואָס נאָר אויפ'ן כביש קען מען מיט באַגייסטערונג טרינקען, אויפגעראַמט, צוגעהט מען זיך אין די בייד־לאַד. דאָרט צינדט מען אָן אַ ליכטעל און מען נעהמט אַרויס אַן אַלטען רוסישען זשורנאַל און מען קוקט אַריין אַהין אַביסעל... באַלד ווערט שטיל, מען שלאָפט... אָבער ניט יאַנאַ מעלצער, די בעסטע „חצי'ניצע“ פון גאַנץ ארץ ישראל: דיזע אונערמידליכע. די מיט פולע רויטע באַקען און בלויע אויגען יאַנאַ, זי לויפט אין דעם באַראַק, וואָס הייסט די ביבליאָטעק, דאָרט זיצט דער ביבליאָ־טעקאַר און לעהרער, חבר דאַווידאָוויטש, און אַרום איהם אַ טור־צענד צוויי יונגע לייט און ביים שיין פון אַ קליין לעמפעל לערנט מען העברעאיש רעדען, לעזען און שרייבען. און יאַנאַ זעצט זיך צו... זי לערענט שוין אַ העברערען העברעאיש... זי וויל קענען קלאַפּען חצץ מיט אַן אמת גוטען ספרדישען אַקצענט...

אַט אַזוי לעבט מען זיך אין כביש. איינגלאַך מיט מיידלאַך: דער גייסט פון קאַמעראַדענשאַפטליכקייט, פאַלשטענדיגע גלייכ־הייט פון געשלעכט, די ריינסטע באַציהונג, די ריהרענסטע מענש־ליכקייט האָט ערגעץ ניט געפונען אַ שעהנערען אויסדרוק ווי דאָ אויפ'ן כביש אין ארץ ישראל.

.1921

# דער שטיינערנער קעניגרייך

אין ירושלים הינטער „בצלאל“ געפינט זיך א געגענד, וואס הייסט ראטסבון (ראטיסבאן). עס בויט זיך א נייער און אפשר א שעהנער קווארטאל פון דער נייער שטאדט. דערווייל שטעהען דארט נאר עטליכע נישט־פארענדיגטע הייזער און עס ליגט פאר־נאגדערגעווארפען דער לאגער פון דעם ירושלים׳ער „גדוד העבודה“.

עס איז א שטיינערנע וועלט. וואוהין אייער אויג פאלט, שטויסט עס זיך אן אויף שטיין, א פעלז, טרוקען, ברויז־געל, קיין גרעזעלע, קיין וואסערעל, בלויז שטיין און שטיין. קוקט איהר זיך צו נעהענטער מערקט איהר מענשען צווישען און איבער די שטיי־נער, אבער אויך די מענשען האבען אנגענומען דעם פנים און קא־ליר פון די שטיינער. גרוי, געל און ברוין איז דער קאליר פון מענש און שטיין אין דעם שטיינערנעם קעניגרייך. אבער דאס איז נאר פון דער ווייטען, קומט איהר צו נעהענטער, דערזעהט איהר, אז ניט דער שטיין גיט צו פנים דעם מענשען, נאר פאר־קעהרט, דער מענש גיט דעם שטיין נייע פארמען, רייסט איהם ארויס פון די מעכטיגע ארעמס פון די פעלזען, רייסט איהם ארויס מיט גוטען, אויב ער לאזט זיך, אז ניט, איז מיט דינאמיט אדער פולווער, צוקלאפט איהם אין קלענערע שטיינער, רייניגט איהם ארום מיט שטאלענע מעסערס, שלייפט איהם, מאכט פון איהם אן איידעלען, שפיגעל־לויטערען מארמארשטיין.

הונדערט און זיבעציג זיינען זיי אין צאהל דא אין ירושלים׳־ער גדוד, העלפט אויף העלפט יונגען און מיידלעך. דאס איז דער שטיינערנער טייל פון דעם אלגעמיינעם „גדוד העבודה“ און איז מאטעריעל דער ערפאלגרייכסטער. נישט נאר האט ער קיין דעפי־ציט, נאר ער מאכט נאך פראפיטען מיט וועלכע ער צאהלט אויס די דעפיציטען פון אמאל. די מאטעריעלע ערפאלגען שפירען זיך ווען מען זעצט זיך אנידער אין עס־צימער צום טיש און מען

זעהט וואס מען דערלאנגט. איז דערפריה צום פריהשטיק דער־שיינט אויסער א טעלער גרינס, באשטעהענד פון טאמייטא, ציבעלע און פעפערלאך און נאך אנדערע פארשידענע גרינסען מיט עסיג צוגעריכט, דערשיינט אויך אן איי און א טעפעלע מילך צום סוף. צום מיטאג פאסירט אויך א שטיקעל פלייש און איז אוועגט ווידערהאלט זיך אפט דאס טעפעלע מילך. דאס איז דאך שוין א לעבען פון גבירים! און דאס ביסעלע בעסער עסען וואס מען ערלויבט זיך דא, ווירקט גלייך אויף דעם געזונטס־צושטאנד פון דעם גדוד. די צאהל קראנקע און שוואכע זיינען גאר קליין אין פערגלייך מיט א יאהר אנדערהאלבען צוריק. דעמאלט זיינען געווען אזוי פיעל שוואכע, אז מען האט מורא געהאט אנצונעהמען ארבייטען, ווייל מען האט זיך ניט געקענט פארלאזען אויף די חברים. גאר אנדערש איז עס היינט. עס איז ניטא קיין אונטער־נעהמונג וואס זאל זיין צו שווער פאר דעם „גדוד" און זיין רעפו־טאציע וואקסט און וואקסט. זיי ווערען ספעציאליסטען אויף שטיין.

מיינט־זשע ניט, אז דאס איז א קלייניגקייט. ארץ ישראל איז א לאנד פון שטיינער. שטיינערנע זיינען די בערג און מיט שטיי־נער זיינען פול די טאלען. מיט שטיינער זיינען אויסגעלייגט אלע וועגען, גאסען און הויפען. זיי זיינען די לאנדשאפט פון ארץ ישראל, זיי זיינען דער נאטירליכער בוי־מאטעריאל פאר שטעדט און דערפער. ניט ציגעל און ניט אייזען. בלויז תל אביב בויט פון ציגעל, ווייל דארט איז די וועלט א זאמדיגע. בויט מען דארט טאקע הייזער אויף זאמד און פון זאמד. א הויז אין תל אביב איז בארעכענט אויף צוואנציג יאהר לעבען און מעהר ניט. א הויז וואס ווערט געבויט אין ירושלים פון שטיין, אט טאקע דא אין ראטיסבאן געבויט פון מארמאר, די ארבייט פון גדוד, וועט זי־כער שטעהן פינף הונדערט יאהר.

איך זאג פון מארמאר. יעדער הויז וואס דער גדוד בויט פון זיינע שטיינער, איז ניט קיין הויז, נאר א מארמארנער פאלאץ געבויט פון מארמאר. איך שפאס ניט. דער סארט שטיין וואס דער גדוד ברעכט אין זיין „מחצבה" (שטיין־ברעכעריי) איז א הארטער שטיין, א ראזעווער מיט איידעלע אדערען און ווען דער שטיין ווערט בעארבייט און געשליפען, איז ער ווי א שפיגעל און

קען צוגערעכענט ווערען צו דער משפחה פון מארמאר. די אראַ־בער רופען דעם שטיין „מיזי יהודי“, דער אידישער שטיין, ווייל אזוי ענטפערען זיי ווען מען פרעגט זיי ווענען דעם נאָמען וואָס זיי האָבען דעם שטיין געגעבען: „ער איז אזוי הארט און איז אזא איינגעשפארטער ווי א איד“, און ווירקליך, צו באַארבייטען דעם שטיין, דאַרף מען האָבען די עקשנות פון דעם גדוד. ער ווערט נאָך הארטער ווען ער ליגט אויף דער זון, דעמאָלט איז ער ווי שטאָל. האָט מען איהם אָבער איינגענומען און אָפּגעשליפען, איז ער דעמאָלט א פארגעניגען אנצוקוקען. איך האָב געזעהן א טיש און אזוי עטליכע זאכען וואָס חברה אין גדוד האָבען גע־מאכט און אָפּגעפּאָלירט פון דעם דאָזיגען „מיזי יהודי“, זעהט ער ווירקליך אוים אנטציקענד. מען איז דאָ געוואָרען ספּעציאַ־ליסטען אויף שטיין. „ווי אזוי ווערט איהר דאָ ספּעציאַליסטען?“ פרעג איך. „אה, איינפאַך, מיר נעמען זיך צוערשט אָן אינסטרו־קטאָר און אין א צוויי מאָנאַטען ארום קענען מיר בעסער פאַר איהם. אָט האָבען מיר אין אונזער צווייטער „מחצבה“ אין „גבעת שאול“ גענומען אָן אראבער, דעם בעסטען שטיין־ארבייטער אין ארץ ישראל, געדונגען איהם און פון איהם זיך אויסגעלערענט. חברה ארבייטען איצט בעסער פון איהם, דאָך אנטלאָזען מיר איהם ניט, ווייל ער איז אזוי א וואוילער בחור.“

איך געה ארום איבער דעם שטיינערנעם פעלד פון דעם גדוד און קום צו דעם פּלאַץ וואו מען ברעכט און רייסט שטיינער. עטלי־כע חלוצים ארבייטען. איינער בויערט א לאָך אין א גרויסען פעלז כדי איהם אָפּצורייסען. אנדערע לאָדען אָן א וואַגאָנעטקע מיט שוין אָפּגעבראָכענע שטיינער. עס איז די שווערסטע ארבייט אין גדוד און ניט איין בחור איז אוועק פון דעם פּלאַץ מיט א קראַנק הארץ. מיידלעך לאָזט מען אהער ניט צו, עס איז שוין צו־פיעל פאַר זיי. דאָס מיינט אָבער ניט, אז זיי זיינען ניט גרייט. דאָך לאָזט מען זיי אהער ניט. שווערע שטיינער, דאָס האַקען, דאָס שלעפּען האָט א סך חברים רואינירט. דאָך איצט איז עס אנדערש. ערשטענס קומט עס ניט אוים צו שלעפּען, וואַגאָנעטקעס מיט רעלסען העלפען אין דער ארבייט, צווייטענס זיינען דאָ א סך פארבעסערונגען, אין בויערען און אין אויפרייסען.

דערנאָך געהט דער אָפּגעבראָכענער שטיין צו די „סתתים“,

צו די שטיין־באארבייטער. זיי זיצעז גרופענווייז אויף דער ערד מיט שטאלענע שארפע שטיין־מעסערס און מיט אזעלכע קליינע דרייגראניגע ענערגישע העמערלעך, האקעז זיי דעם שטיין ארום. דא איז דא פארשיידענע ארבייטעז לויט דעם געברויך פון דעם שטיין: דער קלענסטער, דער איינפאכסטער שטיינדעל וועלכעז מעז דארף גאר ניט באארבייטעז, בלויז צעהאקעז א גרויסעז אויף קליינע, הייסט ח צ ץ. דעם שטיינדעל געברויכט מעז אויף שאסעז. א גרעסערער שטיין, אבער נאך נישט א באארבייטער, פאר פונדאמענטעז לייגעז, הייסט סאלינג, דערנאך קומט דעביש, נאך איהם קומט שויז דער וואנט־שטייז, דער געוועהנליכער „ריאדאוואי". כאמנע הייסט ער. ווייטער איז מדרגה קומט דער טובזא, שאמשעז און דער לויטער ענדיגט זיך מיט דעם ווינקעלשטייז וואס הייסט „זוית"... יעדער פון זיי מוז געמאסטעז ווערעז, ריכטיג עקיג. לויט דער געגעבענער גרויס, ניט א האר גרעסער אדער קלענער, אז ניט שטימט עס ניט מיט דעם בוי־פלאז און דער שטיין קעז ניט אריין איז דער געביידע. זיצעז חברה מיט אינסטרומענטעז. לינעאלעז, ווינקעל־מעסטער, און מעז האקט דעם שטיין אויפמערקזאם, פארזיכטיג, מיט שכל און מיט אויג און מיט טאלאגט. יא, מיט טאלאנט. מעז ארבייט ניט אויטאמאטיש, מעז לייגט אריין הארץ, און עס ווייזט זיך באלד ארויס ווער עס שנייט זיך צו זיין א גוטער „סתת"'ניק און ווער ניט.

עס זיינעז דא חברה וואס שוויצעז, גיבעז זיך די מיה גלייך און גיך ארומצוהאקעז א שטיין, און עס געהט ניט. עס איז זעהר א קוואליפיצירטע ארבייט, וואס האט אין זיך גאר קיין גרונט ניט און כאפט זיך באשטימט אריין איז דער קאטעגאריע פון קונסטעז.

איך האב געזעהעז ארבייטער וואס האלטעז פאר זיך אז אויסגעצייכענטעז פלאן פון א שטיינערנעם בניז און זיי האקעז דעם שטייז לויט דער צייכענונג. עס קומט אפילו אויס אויסצוהאקעז צאצקעס, באפוצונגעז. און די חברה פארשטעהעז, אז דאס איז ניט בלויז פיזישע ארבייט און מעז לייגט אריין די גאנצע נשמה. מעז איז פארקאכט איז דער ארבייט, מעז באמיהט זיך אריבערצושטייגעז איינער דעם צווייטעז איז שנעלקייט, איז פיינקייט, איז גענויקייט. איך בין געזעסעז און געצייכענט א גרופע ארבייטער ביי דער ארבייט און פאר א שעה־צוויי האט זיך ניט געהערט א

ווארט, א ליעד, א שטיף, גאר ניט; מען איז געזעסן שטיל און שטום איינגאנצן. מיט אלא חושים פארטאן אין דער ארבייט. איינע פון די געשיקטסטע ארבייטער איז א מיידעל מיט'ן נאמען רחל. נישט גרויס, דאכט זיך, א צארט מיידעל, זיצט זי אנגעטאן ווי א אינגעל, מיט א ברייטן שטרויענעם קאפעליוש אויפ'ן קאפ. זיצט זיך אומדערמידליך און האקט דעם שטיין און עס פליהען פונקען און דער שטיין פארמירט זיך אונטער איהרע ענערגישע מיידעלשע הענט. אין גדוד זיינען דא עטליכע מיידלעך וואס טוען יענע שווארצע ארבייטען, וואס מענער האבען בעטראכט אלס זייער פריווילעגיע. איך זעה א מיידעל שטעהט ביי א בנין און לייגט שטיינער אין א וואנט. שטעהט מיט צעמענט און געצייג און טוט יענע ארבייט וואס מען רופט ביי אונז „בריקלייאינג".

צוויי סארטען ארבייטען נעהמט אן דער גדוד. ליפערען שטיינער רויהע אדער באארבייטע, און בויען הייזער. זיינע אמביציעס זיינען אבער גאר גרויסע אין דער פראפעסיע. די אמביציעס פון גדוד איז צו מאכען ארץ ישראל פאר דער וויכטיגסטער שטיינער־נער מאכט אויפ'ן וועלט־מארק. זי וויל ווערען איטאליען'ס קאנקור־רענטקע. דער גדוד מיינט, אז מיט די אוצרות וואס געפינען זיך לעבען מ ט ו ל ה קען זי איינגעמען א וויכטיגע פאזיציע אין דער שטיין־אינדוסטריע פון דער וועלט. ספעציעל אין פיינסטען מארמאר. צווישען כפר גלעדי און מטולה געפינט זיך א בארג אדער בערג פון דעם איידעלסטען קריסטאלישען מארמאר־שטיין. דעם בעסטען סארט וואס די וועלט פארמאגט און וואס קינסטלער גע־ברויכען פאר זייערע סטאטוען. ביז איצט האט דאס פארמאגט די שטיינערנע שטעדטעל קאררא, די מארמארניצע פון איטאליע. זי ליפערט דעם איידעלסטען שטיין פאר דער גאנצער וועלט. עס ארבייטען דארט 18,000 ארבייטער. אמעריקע אליין האט פאר דער מלחמה גענומען יעהרליך 51 טויזענט טאן מארמאר פון קאררא. דער מארמאר־אוצר לעבען מטולה איז אזוי גרויס, אז ער וואלט געקענט פאר דורות שטילען דעם הונגער נאך דעם שטיין פאר דער גאנצער וועלט. און עס איז אין אידישע הענט. אט דאס זיינען די אמביציעס פון גדוד. ארץ ישראל קען מיט איהרע שטיינער ווערען א גרויסמאכט. פון דעם איינפאכסטען שטיין ביז דעם איידלסטען, פארמאגט זי. מיט אט דער אויפגאבע איז ניט לאנג פון גדוד גע־

שיקט געווארען א חבר, לאנדבערג איז זיין נאמען, א יונגערמאן וואס האט זיך פארטיעפט אין שטודיום פון דער שטיינערנער וועלט. די ארבייט ביים שטיין קען ער אינטים, איז ער מיט דעם צוועק געשיקט געווארען קיין לאנדאן צו ווייזען דער געלערענטער וועלט דעם שטיין פון אונזער לאנד, צו מאכען פארבינדונגען מיט פירמעס און מענשען. ער איז געקומען צוריק מיט דער פולער איבערציייגונג, אז דער גדוד מעג געהן אין ד ע ר א ט א ק ע. הייסט דאך דער גדוד: „דער אנגרייפס באטאליאן", א באטאליאן וואס גרייפט אן יענע ארבייטען, יענע פלעצער, יענע אידעען, וואס אנדערע וואגען נים. איז דאך דער גדוד יענער באטאליאן ארביי־טער. וואס שרעקט זיך ניט פאר קיין שונא, שוועריגקייט און אפילו טויט און ג ר י י פ ט אן און פ א ר נ ע מ ט. דאס איז די נשמה פון גדוד, דערפאר איז דארט שטענדיג לעבעדיג, שטענ־דיג זינגט מען, און שטענדיג טאנצט מען, ווייל יונג איז דער קערפער און יונג איז די נשמה.

.1924



# די מיידלעך פון גדוד

אין „גדוד העבודה" איז גרינג אריינצוטרעטען אלס א חבר. מען דארף בלויז צושטימען וצו זיינע פרינציפען און עס דארף זיין ארבייט, אדער אויסזיכטען אויף ארבייט. איז דא ארבייט נעהמט מען אריין חברים אדער חברות און מען מאכט קיין אונ־טערשייד צווישען א בחור און א מיידעל. זיי שטעהן גלייך אין די אויגען פון „גדוד" בנוגע ארבייט. זיי ווערען געהאלטען פאר גלייך קאמפעטענט צו ארבייטען אין קיך, אין קוה־שטאהל, אין פעלד, אדער ביים שטיין. דערפאר געהען מיידלעך אזוי גערען אריין אין „גדוד", ווייל דארטען טרעפען זיי די אידעע פון פרויען־עמאנסי־פאציע אויסגעדריקט אויף'ן פאלקאמענסטען שטייגער. עס איז דא נאך אן אורזאך. זי ווערט איינגאנצען באפרייט פון שווערע זארג פאר עקזיסטענץ. ווערט זי א חברה אין „גדוד" און טוט איהר ארבייט לויט איהרע כחות און פעהיגקייטען, זארגט מען שוין, אז עסען, קלייד, דאך איבער'ן קאפ, מעדיצינישע הילף אין פאל פון קראנקייט זאל זי שוין האבען. אלע זארגען פאר יעדען, יעדע פאר אלע. אמת, ס'אז דערוועיל ניט קיין רייך לעבען, אבער דערפאר איז עס א זארגלאז לעבען. און דאן פיהלט זי, אז ווען עס וועט איהר אויסקומען צו גרינדען א פאמיליע, וועט זי דאס מיט א לייכטען הארצען קאנען אויספיהרען אין „גדוד", ווייל די זארג פון א דירה, פרנסה, און קינדער־דערציהונג ווערט דורכ'ן „גדוד" פארענטפערט. און אויסער דעם, טאקע דאס הייראטען אליין, דאס געפינען דעם „באשערטען" ווערט אויך אין „גדוד" גרינגער דערגרייכט ווי אוי־סער דעם „גדוד". אין איצטיגען מאמענט, האט מען מיר געזאגט, באשטעהט דער „גדוד" כמעט אין גאנצען פון „פארלעך", אדער צוקינפטיגע פארלעך, ווי די טענדענץ צייגט אן.

ס'איז עקאנאמיש גרינגער צו גרינדען א פאמיליע און א היים פאר א מיידעל אין „גדוד". און ווען אימיצער וועט אייך זאגען, אז די פאמיליע און די היים זיינען ניט קיין פעסטע און זיכערע, זאלט

איהר זיי ניט גלויבען. מען באַגעהט זיך, אמת, אָהן דעם רב, אָבער דערפאַר איז דער גאַנצער „גדוד" עדות און דאָס איז אַ פּיעל שטאַרקערער אויטאָריטעט און די קינדערלעך, וואָס ווערען געבוי־רען האָבען זיכער אַ געטרייען טאַטען און מאַמען פּונקט ווי אַלע אַנדערע געטרייע אידישע טאַטעס און מאַמעס.

און ווען אימעצער ווערט אייך איבערהויפּט דערצעהלען, אַז די מאָראַל פון „גדוד" איז אַ צעלאָזענע, זאָלט איהר עס אויך ניט גלויבען. ליידער גלויבט מען אַלע מעשות פון הפקרות וואָס מען דערצעהלט אויף דער „גדוד'ס מאָראַל; מען שרעקט די מאַמעס און די פרומע טאַטעס, אַז זיי זאָלען ניט לאָזען זייערע טעכטער אפילו נאָהענט צוצוקומען צום „גדוד". אויף אַזוי פיעל דערגעהט עס די מורא ביי די עלטערע אידען, אַז זייערע קינדער קומט אויס ביטער צו קעמפען פאַר דער ערלויבעניש אַנצושליסען זיך אָן אַ קבוצה. אין דעם „גדוד" איז דאָ אַ מיידעל, וואָס איז אַנטלאָפען פון איהרע עלטערען. האָט מיט גוטען ניט געקאָנט פּועל'ען. מען דער־צעהלט מיר וועגען אַ ספרדישער חברה אין „גדוד" אַזאַ מעשה: חברים פון „גדוד" האָבען איינמאָל געפונען אויפ'ן פעלד אַ פרוי אַ האַלב־נאַקעטע, אַ צעשלאָגענע, און האַלב־וואַהנזיניגע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער מאַן האָט זי שרעקליך גע'רודפ'ט, און זי דערנאָך אַרויסגעטריבען. חברים האָבען זי געבראַכט אין „גדוד" און זי איז געבליבען ביי זיי וואוינען און אַרבייטען. זי איז געקו־מען צו זיך ביסלעכווייז און האָט אַזוי ליעב געקראָגען די נייע סביבה, אַז ווען טאַטע און ברידער און דער מאַן איהרער זיינען זי געקומען נעהמען צוריק האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו געהן. זי געהט אַמאָל באַזוכען איהרע קרובים און קומט צוריק מעלאַנכאָליש און אַמאָל פאַלט זי ווידער אַריין אין איהר היסטערישען צושטאַנד. דאַמאָלסט וויינט זי און צווישען איהרע פאַרפּלאָנטערטע רייד הערט מען אָפּט אויסגעשרייען: „וואָס פאַר שרעקליכע זאַכען זיי ריידען דאָס ניט אויף אייך, חברים, אַך, וואָס פאַר שרעקליכע מעשות זיי דערצעהלען!"

אמת, אין „גדוד" פיהרט מען זיך אַנדערש ווי אין דער איבע־ריגער וועלט, און דאָס שאַקירט אָפּט און די פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך, אָבער איהר דאַרפט בלויז פאַרברענגען אין „גדוד" אַ טאָג כדי אָוועקצוגעהן מיט דעם געפיהל פון פאַרעהרונג און רעספּעקט

צו דעם טיף מיידלעך און פרויען, וואס דארט געפינען זיך.

נישט הויך געוואקסען איז די קבוצה־מיידעל. אבער פעסט געבויט. האט א פולען, רונדען פנים, פולע, רונדע ארעמס, וואס קאנען אונערמידליך ארבייטען און, אויב נויטיג, גאנץ געשיקט זיך פארטהיידיגען. מען האט מיר אנגעוויזען אויף א מיידעל אין דעם ירושלים'ער „גדוד", וואס האט אויסגעפאטשט אן אראבער. געווען איז דאס אין די טעג פון די אומרוהען א פאר יאהר צוריק. ארום דעם שכם'ער טויער זיינען געגאנגען א גרופע חברים און חברות און אנקעגען זיי — עטליכע אראבער. איינער האט ארויס־געצויגען א מעסער. פלינק האט זיך דאס מיידעל א ווארף געטאן צום אראבער און איהם דערלאנגט איין פאטש און א צווייטען. דער אראבער, וואס האט אזא אטאקע פון דער זייט גארנישט ערווארט און פאר וועמען א פאטש פון א פרוי איז די ערגסטע באליידיגונג אין דער וועלט, האט זיך מיט זיין מעסער געלאזט לויפען.

רויט־באקיגע זיינען די דאזיגע מיידלעך, ליכטיג־אויגיגע, קרעפטיגע. זייערע האר טראגען זיי קורץ געשארען, שמינק, רויט אדער פוידער וויסט זייער הויט דערפון ניט; די נעגעל האבען דעם מאניקיורער ניט באזוכט און די טאליע איז פון קיין קארסעט ניט איינגעצויגען. די באוועגונג פריי, דער קוק אן אפענער און גראדער. עס מערקט זיך קיין קלענסטער פארזוך צו וועלען אימיצען געפע־לען מיט איהר אויסערליכקייט, פארקעהרט, עס זעהט זיך אפט א פולשטענדיגע גלייכגילטיגקייט צו דעם, וואס פאר אן איינדרוק זי מאכט אויף אנדערע. עס מעגען זיין מענער אדער פרויען.

אבער אויך דאס פארשווינדט ביסלעכווייז. מיידלעך מיט אפ־געשארענע האר נידעריג ווי ביי מענער, טרעפט מען אלץ זעלטע־נער און די וואס מען טרעפט האבען זיך אפגעשארען די האר צוליב א קראנקייט. מען געהט ארויס נאך דער ארבייט אין גאס אין א וויים־ציכטיג קליידעל, אמאל אויך אין צירליכע שיכעלעך און אזוי א חנ'דעלע. די צייט פון עקסטרעמען, איבערשפאנטען אידעאליזם געהט פאראיבער, דאס מיידעל ווערט ווידער מיידעל און דאס איי־ביגע מיידעלשע פיהרט ווידער איהר שפיעל אין די יונגע אויגען און יונג בלוט. דער שפיעל איז אבער אן איינפאכער, נישט אזא קאמפליצירט־פארדרעהטער, קאקעטישער, פול מיט ליגענס און אינטריגעס ווי אמאל. געפעלט איהר א בחור לאזט זי איהם צו צו

זיך, אָבער איבערטרעט ניט די גרעניצען, סיידען ער איז וויליג צו גרינדען אַ פֿאַמיליע. און האָט זי אַ פֿאַמיליע געגרינדעט, הייסט עס ניט, אַז זי הערט אויף איהר פֿריהערדיגען סאָרט לעבען און אַרבייט; נייִן, אַלעס איז ווי פֿריהער. און פֿון דער זייט מערקט מען גאָרניט דעם אונטערשייד.

פֿאַר דריי יאָהר צוריק האָב איך אויף דעם נצרת־עפֿולה כביש באַגעגענט אַ מיידעל, פּנינה ביים נאָמען. איך האָב זי געטראָפֿען קלאַפּענדיג חצץ, קליינע שטיינער, פֿאַר דער שאָסיי. זי איז געזעסען אויף אַ הויפֿען אַנגעקלאַפּטע שטיינער צוזאַמען מיט נאָך צוויי, און זיי אַלע זיינען געווען מיטגלידער פֿון אַ קליינער מיידעלשער קבוצה „סטרי“, אַ גאַליציאַנער שטעדטעל. מען האָט מיר דאָן געזאָגט, אַז די דאָזיגע פּולבאַקיגע, געזונטע פּנינה איז די בעסטע חצץ־קלאַפּערקע אין ארץ ישראל, זי איז געשיקטער און אונערמידליכער פֿאַר אַלע, אפֿילו פֿאַר די יונגען. מיט דער לינקער האַנט האָט זי געאַרביים, און ווען זי פֿלעגט ווערען זהער ענטהוזיאַסטיש, פֿלעגט די רעכטע קומען צו הילף. איך האָב זי דאָן מיט די אַנדערע צוויי סקיצירט, און די סקיצע געלאָזט דערנאָך אָפּדרוקען. ווען איך בין איצט, דריי יאָהר שפּעטער, ווידער אַנגעקומען אַהער, האָב איך זיך אַנגעפֿרעגט ביי חברים וועגען פּנינה. די אַרבייט ביי יענעם כביש איז שוין לאַנג געענדיגט און פּנינה, האָט מען מיר געזאָגט, איז קראַנק געווען, און ס׳איז שוין ניט יענע פּנינה. איז מיר טרויעריג געוואָרען. אַ שאָד, אַזאַ געזונטע, וואוילע חצץ׳ניצע! טרעפֿט זיך איינמאָל, איך געה איבער דעם כרמל באַרג אַרויף צו און געה פֿאַרביי די געביידע פֿון דער רעאַל־שולע. איך זעה אַ מיידעלשע געשטאַלט זיצענדיג אויף אַ הויפֿען קליינע שטיינדעלעך און מיט דער לינקער האַנט האַלט זי יענעם קליינעם האַמערל און קנאַקט „ניסלעך“... עהנליך צו יענער פּנינה. קאָן דאָס זיין? איך טרעט צו נעהנטער: „שלום, חברה!“ — זי ענטפֿערט: „שלום!“ הויבט אויף דעם קאָפּ, גיט אַ קוק אויף מיר און גיט אַ שמייכעל. „דאָס זייט איהר — זאָגט זי — איך דערקען אייך. דער „צייר“, וואָס האָט געמאַכט אַ בילד פֿון אונז און דערנאָך אין צייטונג אַריינגעשטעלט.“ האָב איך זיך דערפֿרעהט. „זייט איהר דאָס חברה פּנינה?“ „יאָ, דאָס בין איך.“ „איז וואָס זשע? זייט דאָמאָלט זיינען דאָך שוין דריי יאָהר פֿאַרביי און איהר קלאַפּט נאָך אַלץ שטיי־

נער. ווערט עס אייך ניט נמאס... דריי יאר צו קלאפּען שטיינער? ווי ווערט איהר ניט מיעד?" „ניין — ענטפערט זי צעצויגען, אויפן גאליציאנער שטייגער — עס געפעלט מיר..."

איהר פארשטעהט — עס געפעלט איהר...

„מען האט מיר געזאגט, אז איהר זענט קראנק געווען?" שמייכעלט פנינה: „ס'גארניט, א ביסעל קראנק. אבער איהר זעהט דאך, אז איך זעה ניט אויס קראנק."

באמת, פנינה האט ניט אויסגעזעהן קראנק, דיזעלבע פולע, ברוינע באקען; אבער מיר איז פונדעסטוועגען טרויעריג געווארען אויפ'ן הארצען. דאס איז שוין צופיעל, דריי יאהר קלאפּען שטיינער, ניט אפּצורוהען זיך אויף א גרינגערער, מענשליכער ארבייט! אהן פרייד, אהן פערזענליכען גליק...

איך האב דאס געזאגט מיין באגלייטער און באדויערט דעם שיקזאל פון א מענשען. ענטפערט ער מיר, אז אומזיסט ווער איך אזוי סענטימענטאל, אז די דאזיגע פנינה איז גארניט אזוי איינזאם און בלויז פארטאן אין „חציר." אז זי האט שוין א מאן און, דאכט זיך, צוויי קינדערלעך.

איהר פארשטעהט, זי האט זיך א פאמיליע, ניט אבער ניט אויף איהר האמערל, ווי אן אמת'ער ארטיסט שיידט זיך ניט מיט'ן פידעל, אדער פּינזעל.

עס זיינען פאראן מיידלעך דא צווישען די חלוצות, וואס אפילו די פרויען־עמאנסיפּאציע פון „גדוד" שטעלט זיי ניט צופרידען. זיי דענקען נאך אלץ, אז מען באהאנדעלט זיי ווי פרויען, מען גיט זיי ניט די אמת־מענליכע ארבייט, אז נאך אלץ שיקט מען זיי אין קיך, אין וועשעריי, אין היהנער־הויף מעהר ווי מען שיקט די יונגען, און דאס פארדריסט זיי. זיי ווילען אן אבסאלוטע גלייכהייט, און דאס, זאגען זיי, איז אוממעגליך צווישען די ענגאאיסטישע מענער, וואס קאנען נאך אלץ ניט נאכגעבען דער פרוי'ס פארלאנג, איינצושפּאנען זי אין די שווערסטע מענערשע ארבייטען. נו, האבען זיך אזעלכע מיידלעך צונויפגענומען און ארגאניזירט אייגענע קבוצות, מיידעלשע מלוכות. אזא מיידעלשע קבוצה איז דא אין פּתח־תקוה, אין שכונת־באראכאוו, און דאכט זיך נאך ערגיץ־וואו. מיידלעך געהען דארט אין הויזען, פיהרען אליין א גאנצע ווירטשאפט, פיה, היהנער, גערטנער און אלע אנדערע זאכען האבען זיי.

און פיהרען זיי און טוען עס פונקט אזוי גוט ווי די מענער, און זא־לען די ענגאאיסטען, די טיראנען, ניט זאגען, אז א מיידעל טויג זיך ניט ווייטער ווי אין קיך. מיידלעך זיינען דארט זעהר ערנסטע, אנ־געכמורעטע, זיי ווארפען אויף א בחור ארויף א פחד, אזוי, אז ווען איינער פארבלאנדזשעט אהינצו, אנטלויפט ער פון דארטען מיט אנגסטען און ווארענט א צווייטען ער זאל זיך היטען פון יענעם ארט.

אט אזוי לעבען די נייע אידישע טעכטער. ס'איז גאר א נייע סארט מיידעל, מיט א נייע נשמה און א נייעם פנים. דעם פנים איהרען פארדעקט זי ניט, זי קוקט אויף דער וועלט מיט אן אפע־נעם בליק און געהויבענעם קאפ, זי שפאנט איבער די גאסען פון ירושלים, איבער די ווייסע וועגען פון גליל, מונטער, ברייט און זיכער; דער בליק איז קלאר, דער פנים אפען. די נשמה איהרע איז נאך א רעטעניש — וואס טוט זיך אין די טיעפע, פארבארגענע קאמערלעך פון איהר הארץ דאס איז א צו־שווערע אויפגאבע פאר מיין אויג און פען צו דערגרונטעווען.

אפט ווייזט זיך מיר אויס, אז ס'איז א העלע, קריסטאל־קלא־רע, נאאיווע, יונגע נשמה; אפט ווייזט זיך מיר אויס, אז זי איז איינגעוויקעלט אין לייכטען, שטילען טרויער. גאט ווייס, וואס זי טראכט און פיהלט? אבער אט דערהערט זי א דרייסט, מונטער חלוצים־ליעד, אט דערזעהט זי, ווי א קרייז פון אקסלען און ארעמס בילדט זיך, אט דערטראגען זיך צו איהר דאס טאפען פון א הארא־טאנץ, און שוין איז זי דא, מישט איהר ליעד אריין אין אלגעמיי־נעם כאר, פלעכט איהרע הענט אין קרייז אריין און טראגט זיך, ווי איהר חבר, אין ווילדען קרייז ארום און ארום... דעמאלט איז מיר קלאר:

חברים זיינען די מיידלעך און די יונגען, חברים גלייכע אויף לעבען און טויט; חברים אין בויען, חברים אין קעמפען. און וואלט אז אומגליק געטראפען, די מיידלעך זאלען די יונגען פארלאזען און אין די היימען ביי טאטע־מאמען פארבלייבען, דאן וואלט געפאלען אונזער גאנצע ארבייט, פארלוירען וואלט געגאנגען יעדע האפע־נונג אויפצובויען דאס לאנד...

.1924

# חולדה

פארבריינגענדיק דעם זומער אין ירושלים האב איך גארניט געוואוסט, אז אין ארץ ישראל איז היים. אין ניו־יארק, פאריז אדער בערלין איז דער זומער הייסער און שווערער. מיינער א באַ־קאנטער, א מאהלער פון פאריז, וואס געפינט זיך איצט דא און האלט ביים אפפאהרען צוריק, זיפצט און זאגט צו מיר: „אין פאריז ווארטען אויף מיר גרויסע היצען." איהר פארשטעהט, דא אין ירושלים נישט, נאר אין פאריז. אז אין ארץ ישראל איז טאקע היים האב איך זיך אנגעשטויסען זייענדיג אין טבריה און דורכ־פאהרענדיג דעם עמק יזרעאל. אויך א באגריף פון דער היגער היץ האט איך געקראגען ביים טויטען ים; אבער דאס איז געווען שוין עטליכע וואכען צוריק, און זייענדיג אין ירושלים און טרינקענדיג „גזוז (גאזאז) האב איך כמעט ווי פארגעסען אן דעם. האט זיך מיר פארגלוסט פארברענגען דעם טאג פון הערצל'ס יאהרצייט אין דער קבוצה חולדה, דארט, וואו, אפלאכער זאגען, אז דער הערצל־וואלד איז ניטא. האב איך זיך אנגעווארעמט.

צוזאמען מיט נאך א צוויי הונדערט ארבייטער און מיידלאך האבען מיר אפמארשירט פרימארגען צום ירושלים'ער באהן. מיר האבען באלד אנגעפאקט די דריי דריטע־קלאס וואגאנען און דער יום־טוב האט זיך אנגעהויבען. ווי דער צוג האט זיך נאר א ריהר געטאן האבען זיך אנגעהויבען ליעדער און טענץ. ווער? פאר־שטעהט זיך, חברה חלוצים און חלוצות. ווער זינגט דען און ווער טאנצט דען אין ארץ ישראל אויב ניט זיי?! אויב עס איז דא אין ארץ ישראל פרעהליכקייט און מונטערקייט, אויב עס הערט זיך א העלער געלעכטער און א כוואטסקע ליעדעל; אויב עס זעהט זיך א בלישטשעדיג אויג און א פארשייטער טאנץ, קומט דאס בלויז פון דער חברה, וואס דערעסען אפט ניט און דערשלאפען ניט און האַ־בען קוים א בגד אויפ'ן לייב. האבען אבער גלויבען און יוגענט.

טאַנצענדיק איז מען אַראָפּ פון צוג נאָך צוויי שעה רייזע, און טאַנ־צענדיק האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט צו־פוס צו דער קבוצה. דער וועג געדויערט אַ האַלבע שעה גאַנג און מיר האָבן געהאַט צייט אַנצוקוקן געגנט דעם פּלאַץ, וואו שמשון הגבור האָט געמאַכט גימנאַסטיקע מיט אַן אייזעל'ס קינבאַק־ביין איבער די קעפּ פון די פּלשתים, און וואו דערנאָך די שיקסע דלילה האָט געעפּענט אַ באַר־בער שאָפּ און איהם די לאָקען אָפּגעשאָרען. קורץ, יעגע שעהנע לעגענדע וואָס איז אויסגעוואַקסען פון דער טרויעריגער ווירקליכ־קייט פון יענער צייט, ווען דאָס לעבען איז אַ מינוט ניט זיכער און רוהיג געווען צוליב די פּלשתים. איצט איז די געגענד לוידיג, גרוי און טרוקען, בלויז איין בערגעל פון דער ווייטענס שטעהט באַדעקט מיט גרינע שפּיציגע ביימער. דאָס איז דער ישוב חולדה, וואוהין מיר געהען איצט. אַזוי ווי דער גאַנצער יום־טוב איז אינספּירירט געווען פון קרן־קימת, זיינען אויך מיטגעגאַנגען עטליכע טוערס פון קרן־קימת, און זיי אפילו האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטען פון שפּאַסיגע באַמערקונגען וועגען דעם הערצל־וואַלד, וועלכער איז שוין צוואַנציג יאָהר אַלט, אָבער בערען און אַנדערע ווילדע חיות קאָן מען נאָך דאָרט ניט טרעפען. די זיי יאָהר צוריק — דערצעהלט איינער — איז נאָך דאָרט וויניג געווען וואָס צו זעהן, און ער האָט מורא, אַז אויך איצט וועט דאָרט שווער זיין אַ שאָטען צו געפינען געגען דער היץ...

ווי גרויס איז אָבער געווען אונזער איבעררעשונג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען און גלייך אַריין איז אַ געדיכטען סאָסנאָווען וואַלד. ביים אַריינגאַנג האָבן די פּועלים פון חולדה אויסגעבויט אַ „ווילקאָמען"־טויער, מיט גרינע צווייגען און גלייך נאָכדעם האָבן מיר דערזעהן אַ בונטע מאַסע מענשען ליגענדיג אין די שאָטענס פון די ביימער. ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך פריהער פאַר אונז זיינען אָנגעקומען גאַנצע קאָמפּאַניעס פון תל אביב און אַרומיגע קאָלאָ־ניעס. אַזוי, אַז ס'איז געווען געדיכט און לעבעדיג. מען האָט באַלד פאַנאַנדערגעפּאַקט יעדער זיין פּעקעל שפּייז און מען האָט איבער־געכאַפּט. פאַרבייסענדיג מיט די חולדה'ר שוואַרצע, זאַפטיגע וויינ־טרויבען. דערווייל האָט זיך געבילדעט אַ פּלאַטפאָרמע, אַ טישעל מיט אַ קרוג וואַסער. חברה האָבן זיך צעזעצט אין אַ גרויסען קרייז אַרום, גרייט אויסצוהערען רעדעס פון די וואָס דענקען, אַז

זיי מוזען ריידען. רעדעס זיינען געהאַלטען געוואָרען, אַפּלאָדיס־מענטען פאַרטיילט געוואָרען, און אַלץ אונטער דעם שטילען אָדער שטאַרקען ווייטען נאָהענטען חלוצים־געזאַנג און טענץ. קיין מאָמענט. זינט מען האָט ירושלים פאַרלאָזען, האָט זיך ניט איבער־געריסען דער פרעהליכער ליאַרעם און ניט אָפּגעשטעלט זיך דער קלאַפּ פון דעם טאַנצענדען פוס. רעדעס זיינען גוטע, באַלעהרענדע און באַגייסטערטע, אָבער מיך האָט געצויגען צו דער הוליענדער חברה, און ענדליך האָב איך זיך אויפגעהויבען און אַוועק צו זיי. איך בין אַנגעקומען אין רעכטען ברען פון אַ פאַלקאַ — ניט די געוועהנליכע, נאָר אַן אוראַגאַן־פאַלקאַ. ס'איז געווען אַ ווילדער וויבער. איינער אַ בחור מיט אַ האַרמאָניקע אין מויל, האָט גע־שפּילט און געטאַנצט אין דערזעלבער צייט  אַ בחור מיט אַ מיי־דעל האָבען געטאַנצט עפּעס אַ וועגגערקע, ביז עס האָבען זיך אָנגע־הויבען געשרייען: „אַ האָראַ! אַ האָראַ!!“ — און באַלד האָבען זיך צונויפגעפּלאָכטען אַקסלען מיט אָרעמס, מיידלעך מיט אינגלעך, מען האָט זיך לאַנגזאַם צוקאַטשעט, און דערנאָך אַוועק אין אַ וויל־דען געדרעהע... און דערביי שווייגען ניט די טענצער, מען יויכצט, מען וואַרפט ווערטלעך, מען קנאַקט־אָפּ דעם טאַקט... „מי יבנה הגליל?“ — פרעגען איינינגע. כאַפּט אונטער אַ מיידעל און שרייט אויס: „תל יוסף!“ „מי יבנה השומרון?“ — הערט זיך ווייטער אַ פראַגע און פון צעהן ברוסטען אַ ענטפער און פון צוואַנציג פיס אַ קלאַפּ: „חלוצים!“... מען איז ניט גאַנץ צופרידען מיט דעם ענט־פער און מען פרעגט ווידער: „מי יבנה?“... יעצט קומט אַ צוויי־טער ענטפער מיט נאָך אַ קרעפטיגערען טופּ פון פופציג פיס: „חלוצות!“ אַט דאָס איז ריכטיג... און דער טאַנץ געהט און שטורעמט ווייטער... און ווייטער פרעגט מען: „מי יבנה?“... און מען ענטפערט: „קרן קימת!“, „חולדה!“... יעדער שרייט־אויס וואָס איהם איז טייערער. און עס איז לעבעדיג און פרעהליך. און ווילדער, אומערמידליכער פאַר אַלעמען טאַנצט דער בחור מיט דער טשופרינע און דעם קאַשקעטעל אויף דער פּאַטילניצע, און מיט איהם אַ יונגע בלאָנדע מיידעל מיט בלויע אויגען — אַ מיידעל אַ ברען... ס'איז גאָר קיין געניג פאַר זיי ביידען ניטאָ! ווער זיי־נען זיי? וואָס, איהר פרעגט ווער זיי זיינען? דאָס איז דאָך פּוש־קין. אַ צונאָמען. זיין אמת'ער נאָמען ווייסט איין גאָט. ווער קען

ניט פושקינ'ען? און זי? דאס איז דאך בלומקא! און ווער קען ניט בלומקען פון ירושלים? א מיידעל פון א יאהר 17־18, פון רוס־לאנד ניט לאנג, פון א חשוב'ער פאמיליע, געהט אין גימנאזיע, אבער איהר הארץ איז שטענדיג מיט די חלוצים. ספעציעל פון „גדוד העבודה". ס'איז ניטא קיין הארא אהן בלומקען, און פאר־שטעהט זיך, אז אהן פושקינ'ען געהט עס אויך ניט... בלומקא איז אלעמענס ליעבלינג. מיט דער גאנצער חברה איז זי גרייט צו טאנצען און זיך דרעהען אהן א סוף, אבער פארדרעהען דעם בלאנ־דען קאפ קאן איהר קיינער ניט, אפילו ניט דער בחור מיט דער טשופריגע. איך האב געזעהן ווי א בחור האט זי אנגענומען פאר'ן ארעם און געזאגט: „קום אהער, בלומקע!". געזאגט אביסעל צו פריי. האט זי איהם מיט אמאל שטרענג געענטפערט: „בלי ידים, בבקשה" (אהן הענט, פליעז). און די חברה ארום האבען זיך צע־לאכט: „אהא, קבלת?" (האסט געקראגען?, הייסט עס).

און נאר איין פושקין מיט בלומקען זיינען דא? און וואס איז חברה מולקא פון תל יוסף, די ברידער דברן — גארנישט?

אויף א ווייל האט מען דעם טאנץ איבערגעריסען. מען איז געגאנגען אנקוקען די קבוצה, וואס חברים פון חולדה טוען דא אויף. מען איז דאך ניט נאר ספעציאליסטען אויף א הארא טאנץ! מען איז דאך עפעס אויך בויערס, אקערערס און פלאנצערס.

די קבוצה באשטעהט פון א פערציג נפשות, מענער, פרויען און קינדער. דער הויף איז א גערוימער און א גוט־געבויטער, די קיך און עס־צימער זיינען אמת־באקוועמע און ריינע. די צימערען וואו מען שלאפט און מען וואוינט, זיינען אויך גאנץ גוטע, בעסערע ווי אין מאנכע אנדערע קבוצות. חולדה איז דער שטאלץ און דער צענטער פון דעם קרן קימת. און חולדה פארשעמט ניט דעם פנים פון דעם קרן קימת. מיר זיינען געגאנגען אנקוקען די בינען־ווירט־שאפט, דעם גארטען, די גערטנער ארום. עס וואקסען אין חולדה 35 טויזענט בוימער — אלע סארטען בוימער: אקאליפטען וועלדער, פיטכען־בוימער מיט זייער געזונטען ארמאט, פאלמען אגאנצע מאסע און ספעציעל אליווען־בוימער. מיר זיינען דערנאך אוועק זעהן דעם טאבאק, וואס איז געהאנגען אויף שטריקלעך און האט זיך געטריקענט. זיינען צוגעגאנגען עטליכע „מבינים", האבען אנ־געקוקט די גלעז, טרוקענע בלעטער, האבען א שמעק געטאן.

פאנאנדערגעוויקעלט א בלעטעל, צעריבען א שטיקעל און א זאג געטאן: „ס'איז, נעבעך, ביי זיי ניט געראטען דער טאבאק". אין דעם „נעבעך" איז געלעגען אזוי פיעל מיטגעפיהל און ווארעמע סימפאטיע, ווי עס קאן נאר קומען פון איינעם וואס ווייס דעם שווערען וועג דורך וועלכען די ארבייט געהט דורך, פלאנצענדיג, כאליענדיג, באגיסענדיג, באארבייטענדיג דעם איידעלען טאבאק־בלאט. וויפיעל מיה, זארג און האפנונג מען לעגט דאס ניט אריין אין דער פלאנץ, און צום סוף — ניט געראטען, און די גאנצע זאך געהט צום טייוועל. מיך האט עס פארקלעמט ביים הארץ. איך בין אויך צוגעגאנגען צו דעם הענגענדען טאבאק, א שמעק געטאן מעשה־מבין, אבער וואס ווייס איך דערפון? האט זיך אבער גאט דערבארעמט און צוגעשיקט אן אנדער מבין: א איד איז צוגעגאנגען, האט אנגעקוקט די הענגענדע בינטלעך בלעטער, האט א שמעק געטאן און צופריעדען אויסגערופען: „גאר ניט קיין שלעכטע סחורה, כ'לעבען! ס'וועט דא זיין, ווי איהר קוקט־אן דאס ביסעל, וועט דא זיין פאר א דריי הונדערט פונט סחורה... און גאנץ גוטע סחורה... טאבאק — זאגט ער — איז איבערהויפט אין די מקומות א בעסערער ווי אין גליל. אין יהודה איז דער קלימאט פאסיגער און מען פארשטעהט בעסער די ארבייט".

דערהערענדיג אזעלכע אפטימיסטישע רייד, איז מיר גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען, און צוזאמען מיט אנדערע בין איך אוועק ווייטער אנקוקען די באלעבאטישקייט.

די גרעסטע איבערראשונג איז אבער געווען דער הערצל־וואלד ספעציעל פאר די וואס זיינען דא געווען 3—4 יאהר צוריק און האבען ניט נאר קיין בערען ניט געטראפען, נאר אפילו קיין ריכטיגע ביימער אויך ניט. ס'איז א געדיכטער וואלד געשטאנען פאר זייערע אויגען — א וואלד, וואס האט זיך א הויב געטאן אין דער הויך און איז פאר 3—4 יאהר אויסגעוואקסען א קרעפטיגער, גריינער, רוישיגער, יונגער וואלד. זיי האבען זייער איבערראשונג און פרייד ניט געקאנט איינהאלטען. זיי האבען געטאנצט און געיובעלט, און מעהר פאר אלץ זיינען זיי שטאלץ געווען, גליקליך דערמיט וואס זיי וועלען זיך קאנען אוועקשטעלען אנטקעגען די אפלאכערס און מיט א פעסטער שטים זיי זאגען: „ס'איז דא א הערצל־וואלד, און נאר א פיינער, און אויב איהר וועט נאך לאנג שפאטען

און חוזק מאַכען, וועט טאַקע פון וואַלד אַרויס אַ בער און וועט אייך אויפעסען, אייך מיט אייערע קליינע נשמה'לעך".

ארום איז געלעגען די וויסטע, נאַקעטע געגענד. נאַקעט און ליידיג איז אויך געלעגען אין אַ שווערען דרעמעל אונטער דער הייסער חולדה־זון, דאָס אַראַבישע דאָרף וואָס טראָגט דעם זעלבען נאָמען חולדה. און מיר האָבען מיט שטאָלץ זיך געזאָגט: ווי גרויס איז דער אונטערשייד פון דעם אידישען ישוב און דאָס אַרומיגע! דאָ איז גרין, זאַפט, לעבען און פרייד — אַרום איז שווערער דרימעל, וויסטעניש און טרוקעניש. אמת, עס קאָסט מיה און עס קאָסט געלט, אָבער וואָס וויל מען, אַז עס זאָל זיך אויסבויען אַ לאַנד פון אַ וויסטעניש, אַ פאָלק פון לופט־מענשען זאָלען ערד־אַרבייטער און בויער ווערען און עס זאָל קיין מיה און קיין געלט ניט קאָסטען? און וואָס פאַר אַ ווערט האָט געלט, ווען מען דערזעהט פאַרווירקליכטע זאַכען? מען דאַרף גאַר ניט טראַכטען וועגען די אויסגעגעבענע געלט, וואָס זיינען אייגענטליך גראָשענס אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס אַ פאָלק ווי מיר זיינען, פאַרמאָגען און קענען געבען.

וואָס פאַר אַ זאַכען דער קרן קימת וואָלט ווירקליך געקאָנט אויפטאָן, ווען ער האָט טאַקע ג ע ל ט!

מיט דעם געדאַנק זיינען מיר אַלע געווען פול, ווען מיר זיינען געשטאַנען אין חולדה און געקוקט און געזעהן!

ס'איז געווען דער טאָג פאַר קרן קימת זאַמלונגען. אַרבייטער האָבען זייערע פּיאַסטערס אַריינגעוואָרפען... יעדער פּיאַסטער באַדייט נאָך אַ שטיקעל לאַנד.

יאָ, איצט קאָן מען פאַר „פּיאַסטערס" לאַנד אָפּקויפען. איצט איז די צייט...

ס'איז שוין געוואָרען שפּעט נאָכמיטאָג, די היץ האָט אַביסעל אָפּגעלאָזען און פּיער אַזייגער האָט אונז דער זעלבער צוג מיט געזאַנג און טענץ געבראַכט צוריק קיין ירושלים.

.1924

# די שטיינער

מעהר פאר אלץ זיינען דא שטיינער אין ארץ ישראל. פון גאר דער וועלט שטיינער האבען זיך צונויפגעקליבען אין ארץ ישראל און האבען געגרינדעט א שטיינערנעם קעניגרייך. שטיינער וואלגערען זיך איבער די פעלדער, מיט שטיינער זיינען איבערגעמישט די ערד און דאס וואסער. ארויף אויף די בערג קלעטערען מעבטיגע שטיינער, ארונטער פון די בערג גליטשען זיך ריזיגע שטיקער שטיין, אנגעשאטען זיינען מיט שטיינער די טאלען, די טייכלאך. פון שטיינער זיינען דארט אויסגעהאקט גאנצע געגענדען, גאנצע שטעדט ווייזען אויס ווי אויסגעקלאפט פון א גרויסען געלען שטיין. שטיינער רעדען דארטען, שטיינער זינגען דארטען, שטיינער זיינען די אמת'ע תושבים פון ארץ ישראל און מען קען זיי און מען דארף זיי ניט שילטען און ניט באקלאגען, זיי דארף מען בלויז „אויסהערען" און פארשטעהן.

איך בין געגאנגען מיט א סקולפטאר איבער א ירושלים'ער געסעל. ס'איז ניט ווייט געווען פון „בצלאל". די געסעל איז טיילווייז געלאפען צווישען פון שטיינער אנגעווארפענע פארקענס. פלעגט זיך יעדע צווייטע טריט מיין באגלייטער אפשטעלען און מיט ענטציקונג ארומקוקען און ארומטאפען א שטיין. „אוצרות", פלעגט ער שרייען, „וואלגערען זיך דא אויף די גאסען, אזא שטיק שטיין איז דאך פאר א סקולפטאר ווערט גאלד!! שטיקער מארמאר שטיינער, גראניט שטיינער, און אזוי שטיינער, הארטע און ווייכע, שווארצע און ראזעווע, מיט יענע איידעלע, דינינקע אדערען, וואס ווען א סקולפטאר דערזעהט זיי לויפענדיג דורכ'ן שטיין, הייבט עס אן ביי איהם צו זינגען אין הארצען. ס'איז דאך א וועלט פאר א סקולפטאר דא! געה ארויס אין גאס קלויב זיך אויס וואס פאר א שטיין דו ווילסט, שלעפ איהם אריין צו זיך אין סטודיא, און האק אויס פון איהם א קונסט ווערק. אין אנדערע לענדער וואלט אזא שטיין אפגעקאסט א פארמעגען, און אן ארימער בחור



מחצבה, אָ שטיין ברעכעריי

שטיינשניצער וואָלט גאָר חלום'ען ניט געטאָרט וועגען אזא מאַ־טעריאַל".

דער סקולפּטאָר איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין ארץ ישראל און ער פּלעגט ארומגעהן איבער די גאַסען אָנווייזען מיט די הענט אויף די שטיינער און האַלטען אין איין שרייען: „גאָלד וואַלגערט זיך דאָ אין די גאַסען, און איהר זאָגט ארץ ישראל איז אַן אָרים לאַנד!"

איבער די גאַסען וואַלגערט זיך גאָלד און ביי די ברעגען פון ים המלח וואַלגערען זיך דימענטען. איך מיין אַזעלכע טייערינקע שטיינדעלעך פאַר אַ סקולפּטאָר און אַ מעדאַליאַנען שניצער. חברה וואָס אַרבייטען ביים ים ברענגען מיט זיך ווען זיי קומען קיין ירושלים אַזעלכע פיינינקע שטיינדעלעך און טראָגען זיי אונטער מאַנכע שילער פון „בצלאל" אלם מתנה. אָבער פיעל מעהר ווערט ווי גאָלד און דימענטען זיינען גראָד יענע שטיינער וואָס זיינען צו פּראָסט און צו ווייך פאַר דעם סקולפּטאָר. יענע שטיינער פון וועלכע מען בויט הייזער, ברוקירט וועגען און גאַסען, פּאַרקענס און פּאַלאַצען. שטיין איז און וועט פאַרבלייבען דער מאַטעריאַל פון וועלכען מען וועט בויען אין ארץ ישראל. נישט פון האָלץ און נישט פון אייזען, נאָר פון שטיין. און נישט דערפאַר וואָס האָלץ איז ווייניג און טייער, און אייזען פאַרלאַנגט גרויסע קאָנסטרוק־ציעס, נאָר דערפאַר וואָס שטיין איז דאָ דער נאַטירליכער מאַטע־ריאַל. שטיין און זאַמד ליגען פאַר די אויגען, רעדען און שרייען: נעמט אונז, פאַרברויכט אונז. מיר האָבען גענוג צייט אויף דעם גע־וואָרט. דער שטיין גיט אָקיהלען שאָטען, ווען די ווענט זיינען פון איהם צונויפגעלעגט, די פּאָדלאָגע פון גלאַטען פּאָלירטען שטיין איז פריש פאַר די פוס טריט, איז שעהן און אָנגענעהם. ניין. ניט צווישען האָלץ, אייזען און שטיין קומט פאַר אַ קאָנקורענץ, נאָר צווישען שטיין און זאַמד. שטיין ברעכעריי און שטיין טראַנספּאָרט ליגט איצט אין אַראַבישע הענט. זיי ברעכען די שטיינער, לאָדען אַן קעמלען מיט זיי און ברענגען זיי אין לאַנגע קאַראַוואַנען צו דעם בוי־פּלאַץ. ווי מעסיג דער אַראַבער לאָזט זיך באַצאָהלען הע־רען זיך קלאַגען, אַז דער אַראַבער נוצט אויס זיין מאָנאָפּאָל אויף שטיין־ברעכעריי און שטיין ליפערוי און רייסט די הויט פון די בויער. און דאָ ליגט זאַמד אָרום און אָרום און גיט זיך שטומער־

הייט אוועק דעם מענשען אהן ווידערשטאנד און קאסטען. קלעפ איהם בלויז צונויף אין ציגעל און אזעלכע פליטעס, אדער בלאקס; און מען האט זיך דערצו געגומען. גלייך אויפ'ן פלאץ למשל אין תל־אביב, ביי בויען א הויז מאכט מען די ציגעל. מיט א סארט צעמענט מישט מען דעם זאמד און גיסט דעם לויזען געמיש אין פורעמס אריין, און באלד ווערט פארטיג א טונקעל־גרויער, הארטער ציגעל, א צימליך גרויסער אין פארמאט, וואס לעגט זיך גוט און שנעל צונויף אין א וואנט און טריקענט זיך, ווייל אינווייניג אין וואנד איז לופטיג. דער געבראכענער שטיין ליגט ביי א זייט אוןווארט מען זאל איהם אויך אויף עפעס פארטהאן. די אראבער קוקען מיט גרויס שרעק אויף דעם ציגעל און די ציגעל פאבריקען. וואס בויען זיך פון אידען, און, ווי איך הער, ווערט פארלאנגט פון די אראבער א געזעצליכער פארבאט אויף ציגעל, כדי נישט צו פארלירען די פרנסה ביים שטיין. מיר דאכט זיך אבער, אז אומזיסט איז דער שרעק, דער שטיין איז און וועט בלייבען דער בוי מאטעריאל פון ארץ ישראל, מען קען איהם נישט אויסמיידען, ער איז צופיעל און פארלאנגט באפעלעריש מ'זאל איהם פארטהאן. מען דארף בלויז אנווענדען מעהר מאדערנע טעכניק אין ברעכען די שטיינער און טראנספארטירען. איצט ווערען שטיינער געבראכען אין פארמלאזע שטיקער, איז דארום שווער צונויפצושטעלען פון זיי א וואנט. וועניגע אידישע ארבייטער זיינען אזוי געניט ווי די אראבישע צונויפצוקלעפען א מויער פון אזעלכע דריי און צעהן עקיגע שטיינער און שטיינדלאך. עס געדויערט צו לאנג און ס'איז צו ארכאאיש. מען דארף אנהויבען אויסארבייטען פיער עקיגע, רעגעלמעסיגע שטיינער, אזוי אז די ארבייט דעבביי זאל געהן ווי געשמירט.

קוקענדיג אויף די שטיינערנע בערג, טאלען און רואינען האב איך מיר אפט געטראכט, אז פון זיי מוז מען נישט נאר הייזער און שטעדט בויען און סטאטועס אויסהאקען, נאר פון זייערע קאנטורען דארף מען אויספלעכטען אונזער אייגענטימליכען ארנאמענט. קונסט סטודענטען אין „בצלאל“ און אויסער „בצלאל“ זוכען אז אייגענעם סטיל אין דער קונסט, אין דער גראפיק און ארנאמענטיק. זיי זוכען אן אנהאנג פאר דעם אין די פלאנצען פון לאנד, אין די חיות פון לאנד, אין דער ליניע פון די בערג און טהאלען.

און זיי וועלען עס געווים געפינען. אבער אין זייער זוכעניש געהן זיי די שטיינער פארביי, ניט באמערקענדיג, אז זיי זיינען נאך גאר נישט אויסגענוצט פאר ארנאמענטען, אז זייער סטרוקטור, פארם און גרופּירונג איז נאך א נישט באטראכטעט פעלד פאר א צייכענער און שאפענדען קינסטלער. אט, למשל, אויפ'ן וועג פון ראש־פינה קיין צפת ליגען, אנגעשאטען פון דער מעכטיגער נאטור־האנד גי־גאנטישע בערג מיט קליינע שפּיציגע שטיינדלאך, פונקט אזעלכע ווי די חלוצים און די חלוצות קלאפען פאר די שאסעען. בערג מיט תצץ ! און די פארם פון די בערג איז פונקט די פארם פון אן אנ־געשאטענעם הויפען; שפּיציג פון אויבען און ביי די זייטען שיטען זיך אראפ שטיינדלאך, וואס האבען זיך אויף דעם שפּיץ הויפען ניט געקענט האלטען.

ווייטער אביסעל דערזעה איך פלוצלינג אן אויסגעהאקטען וואלד. דער וואלד איז פון גיגאנטישע בוימער אמאל געווען און אימעצ, אן אומבארעמהערציגער ארעם, האט זיי אויסגעהאקט און עס זיינען שטעהן געבליבען שטיקער ריזיגע שטאמען מיט זייערעווארצלען אין דער ערד, א גרויסער וואלד אויף דער זייט פון א בארג. א פיאלעטער אויסגעהאקטער ריזען וואלד. איך קום צו נעהנטער, ערשט עס זיינען שטיינער, וואס שטעהן אין דער ערד איינגעגעסען ווי מיט ווארצלען און האבען פונקט די פארם פון אפגעהאקטע שטאמען. א שוידערליך שעהנער פארשטיינערטער וואלד.

געאלאגען ערקלערען, אז ארץ ישראל'ער בערג און שטיינער זיינען א פּראדוקט פון וואולקאנישע אויסברוכען. און אז די קאנ־סטרוקציע פון פיעלע פעלזען אין בערג טראגען סמנים פון אזעל־כע נאטור אויסברוכען. איך האב אפט געזעהן בערג באדעקט פון אויבען ביז אונטען מיט אזעלכע גלאט פאלירטע שטיינער ווי פאר־טריקענטע לאווע און זיי ליגען אקוראט ווי פלאכע חיות וואס גליטשען זיך אראפ בארג און האלטען זיך איינגעביסען אין בארג נישט אראפצופאלען.

אה, שטיינער זיינען דא פיעל אין ארץ ישראל. ביי יעדער אלטע געביידע ליגען זיי אנגעשאטען ווי אין אנהויב אסיען ליגען אנגעשאטען בלעטער ביי יעדע בוים. שטיינערנע בערג, טונקעלע, הוילע פעלזען, שטיינער אנגעשאטען און צעווארפען, כאפען אויף

זיך די ליכטיגע ווייסע זונען שטראַהלען, פאַרבען זיך אין געל, אָראַנזש און פּיאָלעט און קוקען שטום און ענטציקט אויף די גרי־נינקע צאַרטע פעלדער אַרום זיי, אָדער אויף די זיידענע בלויקייט פון הימעל איבער זיי און די ציטערנדע „ווייטקייט“ גאָר גאָר נאָ־הענט נעבען זיי... פון הינטער אַ שטיין לויפט געשווינדט אַרויס אַ גרין גרויאינקע יאַשטשערקע, קלעטערט מיט איהר דינעם באַ־וועגליכען עק אַרויף אויף דעם שטיין און קוקט זיך אַרום וואָס עס טהוט זיך אויף דער זעהר ליכטיגער וועלט. אַ גרויסער היישעריק, כמעט אַזוי גרויס ווי די יאַשטשערקע אַליין, גיט אַ שפּרונג אַרויס פון אַ גראָז און לאָזט זיך אַראָפּ נעבען דער גרוי גרינינקער באַשע־פעניש. צושרעקען זיך ביידע און שפּרינגען זיך פאַנאַנדער. אַ ווינ־טעל קומט צולויפען און צולאַכט זיך שטיל אין די טרוקענע שטע־בעלקעס ביים ראַנד פון וועג, און ווידער ווערט שטיל... אונענד־ליך שטיל, אונענדליך זיס און זוניג! אין אַזעלכע מאָמענטען צו־זינגען זיך די שטיינער אין ארץ ישראל, און האָט איהר אַ הארץ — וועט איהר מיט אייער הארץ דעם געזאַנג דערהערען...

# בוימער אין ארץ ישראל

וועלדער, ווי מיר קענען זיי אין רוסלאנד, אדער אמעריקא, אזעלכע גרויסע און טונקעלע, זיינען אין ארץ ישראל ניטא. דער אקאליפּטוס בוים וואקסט ארויס א חשק צו גרופּירען זיך אין וועלדער. די מייסטע בוימער אבער אין ארץ ישראל לעבען זיך אפּגעזונדערט, זיינען אינדיווידיואומס, מיט א כאראקטער און א פיזאנאמיע. אין ארץ ישראל זיינען דא בוימער מיט א נאמען, און זיינען באריהמט און זעהט איהר זיי איינמאל געדענקט איהר זייער געשטאלט לאנגע יאהרען. ס'איז מיט די בוימער דארט ווי מיט די מענשען. יעדער מענש איז זיך א פיגור און א כאראקטער באזונדער: דער א שטאלצער, יענער א פארדרעהטער, יענער א גלייכער און אפענער, דער א קליינינקער פארהויקערטער און שרעקליך פארפלאנטערטער. בלויז דער אקאליפּטוס-בוים, וואס פארמעהרט זיך, און וועט אין גיכען פארדעקען דאס לאנד, איז א בוים, א מאסאווער, א פלאקס-בוים און איז אפשר אן אנזאג אויף יענע דעמאקראטישע צייטען וואס קומען צוזאמען מיט א גרויסע איינוואנדערונג און מאכען א סוף צו די צייטען פון אריסטאקראטיע, די פארביסענע און אור-אלטע.

די עלטסטע בוימער זיינען דארט די אליוועז בוימער. איך האב גאר קיין יונגע ניט געזעהן. עס ווייזט אויס אקוראט ווי זיי וואלטען אלטע אויף דער וועלט געקומען. אלט און גרוי. זעהט איהר אן אליוועז בוים שטעהן נעבען אן אנדער בוים, וואס איז גרין באוואקסען, למשל, א פייגען בוים, פאלט אייך אויף די בלייכע, כמעט גרויע פארב פון זיינע דינינקע, איידעלע בלעטעלאך. פון וואנעט די בלאסע גרויע גרינקייט? ניט אנדערש ווי פון זארג און שווערעס לעבען. און מיר האט זיך אפט געוואלט צוגעהן צו אן אלטען, פארהויקערטען און אין דרייען איינגעבויגענעם אליוועז-בוים און פאנאנדערפרעגען זיך ביי איהם ווי עס לעבט זיך איהם? און זא-

גען איהם א פּאר טרייסט ווערטער, וועגען דעם, אז ניט אימער וועט אזוי שווער זיין צו ציהען זיין חיונה פון דער טרוקענער ערד, אז ער וועט נישט אימער דארפען זיינע ווארצלען אזוי אויסציהען און מאטערען זיך פּאר אביסעל זאפט, אז ניט אימער וועלען אזעלכע טיעפע קנייטשען און גריבער צוגראבלען און צורייסען זיין שטאם. און איהר דארפט זעהן דעם שטאם און דעם גאנצען סקעלעט פון אן אליוועז־בוים. ס'איז די פאנטאסטישסטע זאך צווישען בוימער. קנאכיג, פארדרעהט און אונערווארטעט געבויגען מיט די צווייגען אהין און אהער. און ניט אימער האט ער בלויז איין שטאם, אמאל וואקסען צוויי שטאמען אויף דיזעלבע ווארצלען, אמאל דריי, פונקט ווי עטליכע ארימע געשעפטסלייט וואלטען זיך צונויפגעלעגט און געעפענט א קרעמעל אינאיינעם. פלעג איך דערזעהן אן אלטען אליוועז־בוים מיט אלע זיינע קנייטשען און צורונצעלט פנים, פלעג איך מיך דערמאנען די אלטע לייט אויף רעמבראנד'ס בילדער, אלטע עהרווירדיגע און שטיל־טרויעריגע. אט אזוי זיינען די אלי־וועז־בוימער אין ארץ ישראל. אומעטום זעהט איהר זיי, איינציג־ווייז שטעהן זיי, און ווען זיי טרעפען זיך אין גרופען טוליען זיי זיך ניט איינס צום צווייטען, נאר שטעהן פון דער ווייטענס, יע־דער פארטאן אין אייגענע דאגות און אין די עראינערונגען פון א לאנגען שווערען לעבען הינטער זיך. דער אליוועז־בוים איז דער טייערסטער בוים אין לאנד, ער האלט אויף מעהר פאר אלע אנ־דערע בוימער דאס לעבען פון די מענשען, גיט זיי קליינע שוואר־צינקע, גרינינקע מאסלינעס צום עסען, גיט זיי אויל, און נישט נאר פאר זיי, נאר פאר אנדערע חוץ־לארץ.

נאהענט צו דעם אליוועז־בוים שטעהט דער פייגענבוים, אויך אלט, אויך געבויגען און פארפלאנטערט מיט זיינע שטאם און צווייגען אבער מיט נאר אן אנדער נשמה. דער פייגענבוים, א גרוי־סער ברייט־בלאטיגער, ברייט־צושפּרייטער בוים איז זאפטיג גרין, פריש און טונקעל און פול־זאפטיג. און שטענדיג דוכט זיך מיר, אז ער האט עפּעס א פארשייטע זאך פון וועלכע ער אליין וועט בלויז א שמייכעל טאן, ווי עלטערע מענשען פאסט עס, אבער דער צוהערער וועט זיך האלטען ביי די זייטען לאכענדיג. די בלעטער ליגען איבער דעם בוים געדיכט און בילדען א גרויסע דיקע היטעל איבער איהם אזוי אז ניט אימער זעהט זיך זיין עלטער. אפט

זעהט איהר א קערפער אז איינגעבוגיענעם, א שטאם א צורונ־צעלטעז און צולעבערטען, מיט ווארצלען דיקע און ארויסגעשטארט־צעטע אין זיין יאגעניש נאך זאפט און שפייז. זיי ביידע, דער אליוועז־בוים און דער פייגענבוים, זיינען זעהר געניטע ברויטזו־כערם און געפינערם. פון א טרוקענעם שטיין קענען זיי אויסזויגען גענוג שפייז פאר א לעבען, און ס'איז מערקווירדיג ווי שפארזאם, ווי גענוגזאם אזא גיגאנט איז און ווי ער קען דאס זאט דערנעהרען די צווייגען, די בלעטער און נאך ארויסגעבען אזעלכע פעטע און זיסע פרוכטען ווי אליוועז און פייגען זיינען.

א מערקווירדיג אינטערעסאנטער יונג־אלטער פייגענבוים גע־פינט זיך אין תל־אביב לעבען דער באהן־סטאנציאן. פון אונטער זיין שטאם שלענגעלט זיך א לאנגער דיקער שלאנג, דרעהט זיך אין צעהן קנוילען און קריכט ווידער אין זאמד אריין און דאס איז איי־נער פון זיינע ווארצלען.

נישט ווייט פון איהם, שוין טאקע אין תל־אביב, געפינט זיך א באריהמטער בוים פון דער פייגען־פאמיליע. ער איז באקאנט איבער'ן גאנצען לאנד, און איז אפשר איינער אין דער גאנצער וועלט לויט זיין געשטאלט און זיינע גרימאסען. מען רופט איהם דער דזשאמעז בוים, נאך די קליינינקע פרוכט, וואס ער טראגט אויף זיך. ס'איז עפעס א סארט קלייניקע עפעלאך, אדער פייגען, און דער גיגאנטישער בוים איז באשאטען מיט זיי אזוי ווי מיט זאמד, און גיט ער זיך א טרייסעל, פאלען זיי פון איהם אין מאַ־סען, באדעקען געדיכט די ערד ארום איהם, און הויבען באלד אן צו פוילען און ארויסלאזען א שווערען גערוך. שטענדיג זעהט איהר אויף זיינע מעכטיגע צווייגען ארומפויזען אראבער אדער אראבישע קינדער, ווי גוסעניצעס, זיי שלעפען אהיים קערב מיט דיזע זשאַ־מעזען און שפייזען זיך אליין און זייערע חיות... אידען עסען די זשאמעזען ווייניג. אבער נחת קלייבען זיי פיעל פון דיזען גי־גאנט. א מעכטיגער, פיעל פארצווייגטער, טראגט ער א געדיכטען גרינעם קרוין ווי זעלטען אן אנדער בוים, זיין וואונדער זיינען די ווארצלען. ס'איז ווי א גאנצע אונטערערדישע מחנה שווארצע כחות וואלטען ארפגעווארפען פון זיך דעם מאנטעל און ארויסגע־שטעקט זייערע הענט און פיס אויף דער וועלט. ס'איז א וויסטער חלום, ס'איז דאס ווילדעסטע און געשפענסטרייכסטע זאך, וואס



דער דשאַמעז בוים ביי תל־אָביב

מען קען זיך אויסמאָהלען. דער גיגאַנטישער פּלאַנטער פון ענט־בלעזטע וואָרצלען מאַכען אַ מיסטישען איינדרוק אַקוראַט ווי די וועלט וואָלט אויפגעריסען איהר בויך און געוויזען פאַר אַלעמען איהרע געדערים. ס׳איז שווידערליך שעהן און פּאַטעטיש צוגלייך. ער, דער גיגאַנט, דער הייליגער בוים פאַר די אַראַבער, וואָס געהן צו איהם פייערען זייער יום טוב „נעבעסאַלעק״, ער, אונטער וועמעס צווייגען הונדערטער אידישע פּאָרלעך האָבען זיך אין ליעבע ערקלערט און פּאָטאָגראַפיעס פון זיך גענומען, ער, וואָס טראָגט אויף זיך אויפשניטען נעמען פון וויפיעל און וויפיעל טוריסטען, ער איז יעצט פּאַררוקט אין אַ הינטער־הויף פון אַ אידישען האָטעל, וואָס מען בויט אין תל־אָביב. אין תל־אָביב זיינען נאָך דאָ אַזעלכע בוימער, גיגאַנטען און פּערזענליכקייטען פון דעמזעלבען מזל. נעבען יפו׳ער טויער אין תל אָביב אין אַ הויף ביי אַ אידען שטעהט אַזאַ ריעז און טראַכט זיך זיינע ברייטע און גרינע געדאַנקען וועגען דעם שיקזאַל פון זשעניען אויף דער ערד.

אומגעלומפּערט און זאַנדערבאַר, גרוי און גרין און פּלאַטשיק זיינען די סאַרבער בוימער, אָדער ווי מען רופט זיי דאָ, די קאַקטוס בוימער. דיזע קאַקטוס בוימער און די קאַמלען זיינען די משונה׳דיגסטע באַשעפענישען, וואָס באַדעקען דעם פּנים פון ארץ ישראל. די קאַקטוס בוימער שטעהן געוועהנליך ביים זוים פון וועג, נידעריג איינגעבויגען מיט זייער שטעכעדיגע ברייטע ווי ריזיגע פּלעצלאַך בלעטער, שטעהען און נעהמען אויף זיך אויף דעם גאַנצען שטויב, וואָס זייערע ברידער די קאַמלען הויבען אויף, און זעהן אויס שטויב־גרוי פון איין זייט, און פריש גרין פון דער אַנדער זייט. אַט אַזוי איז זייער פּנים און אַזוי זייער הארץ. גיט איהר אַ קוק אויף אַ קאַקטוס בוים מיט זיינע צוקרימטע, צוגראַבעלטע שטאַם און צווייגען און אויף זיינע בלעטער באַדעקטע מיט לאַנגע שטעכיגע נאָדלען, מיינט איהר, אַז דאָס איז די ביטערסטע, די ערגסטע און גיפטיגסטע פלאַנץ אויף גאָט׳ס וועלט. מען קען זיך נישט צוריהרען צו אַ בלאַט, עס שטעכט און וועהטאָגט, און דיזע נאָדלאַך ווען דער ווינט רייסט זיי אָפּ און טראָגט זיי אין דער לופט און זיי טרעפען אין אויג, ווערט דאָס אויג קראַנק פון ענטצינדונג און איז די אורזאַך פון פיעל אויגען־ליידען אין ארץ־ישראל. טראָגט איהר אָבער שויך־גלעזער אויף די אויגען און ווייסט איהר, ווי די אַראַבער ווייסען, ווי צוצוטרעטען צום קאַקטוס בוים

ארונטערגעהמען זיינע בלעטער און די ווייכע פרוכט, דאמאלס האט איהר א זעהר פעטע שפייז פאר די בהמות און א זעהר גע־שמאקע זיסע און זאפטיגע פרוכט פאר דעם מענש. אט ווי דער קא־מעל איז. מיאום און אומגעלומפערט אין זיין אויסקוק און גוט און קלוג און נוצליך אין זיין דינסט דעם מענשען. ווי דער קאמעל, אזוי אויך דער קאקטוס, לעבען און געדייען אין די ארימסטע גע־גענד, שפייזען זיך פון די ארימסטע און טרוקענסטע זאכען און לעבען אליין און האלטען דאס לעבען אויף ארום זיך. און זיי ביי־דע זיינען זעהר באפריינדעט מיט זיך, דער קאמעל ווייס ווי צוצו־טרעטען צום קאקטוס און דער קאקטוס איז גוט צום קאמעל. די אינטערעסאנטסטע און אומגעלומפערטסטע קאקטוס בוימער האב איך באגעגענט אויפ'ן וועג פון טבריה צו חמי טבריה, איין בוים איז געפאלען טויט און איז געלעגען מיט זיינע משונה'דיגע קנא־כעדיגע צווייגען און געפוילט. און ניט ווייט איז געלעגען א טוי־טער קאמעל מיט זיינע גרויסע ביינער און אויך אונטערגעגעבען דער לופט זיינע לעצטע ערדישע עלעמענטען און מיר האט זיך גע־דוכט, אז פאר זיי ביידען וואלט פאסיג געווען איין ברודער קבר.

שעהן איז וועז איבער א גרופע קאקטוס בוימער דערהויבט זיך דין, הויך און שלאנק א פאלמע, אדער ווי מען רופט עס עפטערס אין ארץ ישראל א טייטעלבוים. טייטעלבוימער דאס זיינען די אריסטאקראטען פון מזרח. אין זייערע אדערען פליסט געוויס בלויער זאפט... שעהן זיינען זיי און איינזאם און ווייניג. דא און דארט שטעהט אליין א הויכער טייטעלבוים מיט זיין איידעלען קאפ איבער זיין איינזאמקייט. בלויז דא און דארט שטעהן זיי אין גרופען. אין דעם מדבר סיני שטעקען זיי אין זאמד צוזאמען אין א קליין וועלדעל, ביי חיפו, נאהנט צום ים, איז דא א וועלדעל, און ביי יפו איז דא עפעס א קליין פארזאמלונג פון דיזע איידעלע קינ־דער פון זונען ליכט און זאמד. פיער סארטען זיינען זיי, אונטער־שיידען זיך אין וואוקס און בלאט. נידעריגע און ברייטע, מיטעל־וואקסיגע דינינקע און לאנגע, אבער זיי זיינען ווייניג דא, גע־צעהלטע און פארלאזענע. אידען האלטען זיך פון דערוויטענס פון זיי, אידען האבען זיך זייער ליעבלינג, דעם אקאליפטוס בוים, אויך א הויכען, אויך שלאנקען און א לאנג־בלאטיגען, א באוועגליכען, א שמייכעלדיגען און א בארעדעוודיגען. קומט א קליין ווינטעל הויבט זיך אן א לוסטיגע פלוידעריי צווישען איהם און דעם אקא־

ליפּטוס בוים. ער וויגט זיך הין און הער, בלעטער שפּיעלען, צוויי־גען טאַנצען ריטמיש, און דער גאַנצער בוים יובל'ט פאַר פרייד און יוגענדליכען לייכטזין.

שעהנע אַקאַליפּטוס בוימער האָב איך געזעהען אין רחובות, אויף דעם בית עולם. זיי שטעהען דאָרט, הויכע און בויגענדיגע און נעהמען מיט זייער לאַנגע לאַסצענדע צווייגען און בלעטער ארום די ווייסע שטיינער פון די קברים און וואַרפען אויף זיי שפּי־לענדיגע ליכטער און שאָטענס און פיהרען דעם גאַנצען טאָג אַן אַזא לוסטיגען געשפּיל און געשפּרעך, אַז דער טויט פאַרשווינדט פון דעם טויטען פּלאַץ, ווי אין מעטערלינג'ס „בלויער פויגעל" און עס בלייבט בלויז לעבען און פרייד. און נאָך האָבען די אידען באַ־הארציגט אַ בוים, דאָס איז דעם דינינקען און צאַרטען מאַנדעל־בוים און דעם ניעדעריגען און גאָלדענאָוויגען אָראַנזשען בוים און די קליינינקע וויינשטאָק ריטלאַך. זיי באַדעקען גאַנצע שטרעקען, מאַכען די בערג און טאָלען גרין און גאָלדיג.

אָך, די אידען, זיי מאַכען פון דער געלער, ברוינער פּאַלעס־טינא אַ גרינע ארץ ישראל, זיי ברענגען און ערציהען מאַסאָווע בוימער, באַלד אפשר וועלדער און טראַכטען גאָר ניט, אַז דאָס קען ערגערען די אַלטע אריסטאָקראַטיע.

דאָך איין סאָרט פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע איז צופרי־דען. דאָס זיינען די אַלטע שוואַרץ־גרינע ציפּרעסען. דאָס זיינען פּראַכט בוימער, שפּיציג אין דער הויך, גראַנדיעז און שטאָלץ שטעהן עטליכע אַזעלכע בוימער אויף דעם פּלאַץ פון דעם גאָלדען־זוניגען מעטשעט־אָמאַר... פון דיזע ציפּרעסען בוימער מאַכען אידישע פּלאַנצערם איצט גאַנצע אַלעען, איין אַלעע אַזאַ האָב איך אין דער קאָלאָניע דגניה געזעהן. זי פיהרט צום ירדן, טונקעל, פּאַעטיש, מערבענהאַפט. ביי מגדל אַ גאַנצען טונקעלען וואַלד, ביי מקוה ישראל אַ זעלטען שעהנע גאַס... איבערהויפּט איז מקוה ישראל אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון אַלע סאָרטען בוי־מער פון גאָר דער וועלט. פון יעדען מין אַן עקזעמפּליאַר. אַן עכט קאָסמאָפּאָליטיש בוימען־לאַנד... אָבער העכער פאַר אַלע און שעה־נער פאַר אַלע הויבט זיך גראָד דאָ דער אידישער בוים, דער ווייכער און בויגיגער אַקאַליפּטוס בוים.

איך האָב איהם ליעב, דעם הארציגען פרעהליכען פּראָסטאַק, דעם אַקאַליפּטוס בוים!

# די אַראַבער אין ארץ ישראל

זייענדיק אין ארץ־ישראל האָב איך וועגן די אַראַבער געהערט פאַרשיידענע מיינונגען. אייניקע נעמען אַז די אַראַבישע אומרוהען, זייערע אָנפאַלען און גוואַלדטאַטען זענען רוהיג און פילאָזאָפיש. זיי זאָגען, אַז דאָס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז אַ פאָלק זאָל קעמפען געגען אַן אַנדער פאָלק, וואָס וויל איהם פאַרדרענגען פון אַ לאַנד וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר זיינס דורך אַזוי פיעל יאָהר־הונדערטע. און זיי געהען ווייטער, דיזע רוהיגע מענשען, און זאָגען, אַז אַנדערע פעלקער וואָלטען געוועזען פיעל האַרטער אין זייער קאַמף, אַז מיר, אידען, דאַרפען זיין צופרידען, וואָס מיר האָבען קיין ערגערען געגנער ניט, ווי די אַראַבער זיינען.

קומען אַנדערע און לייקענען אָפּ דעם פאַקט, אַז מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַ פאָלק, אָדער אַ פאָלקס באַוועגונג, וואָס קעמפט פאַר איהר פּלאַץ און עקזיסטענץ. זיי באַהויפּטען, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַן אַראַביש פאָלק, עס איז בלויז דאָ אַן אַראַבישע שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדען פאַרשיעדענע מענשען, פאַרשיעדען לויט זייער בלוט, מנהגים, אָרגאַניזאַציע און רעליגיאָן. אַפריקאַנישע נעגער־עהנליכע אַראַבער, שבטים פאַרשיעדענע, בעדואינער, פעלאַכען, שטאָט באַוואוינער, מוסולמאַנער, קריסטען, דיזע אַלע, וואָס רעדען אַראַביש זיינען קיין איינהייטליכע מאַסע, נאָר קליינע ברעקלאַך, וואָס האַסען איינער דעם צווייטען און פיהרען צווישען זיך אַ בלוטיגען שטרייט אָהן אויפהער. די יעצטיגע אומרוהען ערקלערען זיי, ערשטענס, אַלס רעזולטאַט פון אַגיטאַציע מצד די עפענדים, זייערע גרעסטע בלוטזויגערס, ערד־באַזיצער און עקספּלואַטאַטאָרס, און צווייטענס, מצד די קריסטליכע אַראַבער, וואָס האָבען אין די אידען דערזעהן קאָנקורענטען. דיזען קוק ענטוויקעלט בן־צבי. ער זאָגט צו מיר איינמאָל, אַז די קריסטליכע אַראַבער האָבען ביי דער ענגלישער אָקופּאַציע פון פאַלעסטינאַ אויף זיך געקוקט ווי אויף נאַטירליכע איבערנעהמער און טרעגער פון

דער פּאָליטישער מאַכט. מיט די ענגלענדער זיינען זיי דאך מחותנים דורך רעליגיאָן, ביידע זיינען זיי קריסטען, מיט די אַראַבישע באַ־פעלקערונג פון לאַנד זיינען זיי פאַרוואַנדעט דורך שפּראַך און גע־וויסע קרוב'שאַפט. האָבען זיי זיך גערעכענט פאַר די נאַטירליכע פיהרער און מאַכטהאָבער פון לאַנד. מיט אַמאָל דערזעהן זיי, אַז אידען ווערען דאָס, אַדער גרייטען זיך דערצו, האָבען זיי צו די אידען דערפיהלט דעם האַס ווי צו קאָנקורענטען. צו דעם פריהער פאַראַכטעטען און פיינדליכען מוסולמאַנישען אַראַבער איז ער פלוצלונג געוואָרען אַ ברודער־פּאַטריאָט און נאַציאָנאַליסטישער פיהרער. די קריסטליכע אַראַבער, קליין אין צאָהל אָבער אונטער־שטיצט פון פאַרשיעדענע קריסטליכע מיסיעס און אינטריגעס, זיי־נען דאָס די אורזאַכען פון די לעצטע אומרוהען, וואָס טראָגען שפּו־רען פון אַ פּלאַנמעסיגען.נאַציאָנאַל־פּאָליטישען אַרויסטריט.

דיזע געדאַנקען האָב איך געהערט אָפטמאָל אין ארץ ישראל און ווען איך פלעג פרעגען: צי קענען זיך דיזע שפּורען פאַנאַנדער־וואַקסען אין אַן אמת'ען נאַציאָנאַלען באַוואוסטזיין מיט נאַציאָ־נאַלע אידעען און אידעאַלען? פלעג איך אויף דעם ווידער קריגען אַ צווייפאַכיגען ענטפער. אַ פּאָזיטיווען און נעגאַטיווען. די וואָס זאָגען אַז יאָ, פלעגען אָנווייזען אויף דער נייער אַראַבישער יוגענד, וואָס איז אַ נייער סאָרט אַראַבער לויט זיין אויסזעהן און ערציהונג. דער נייער דור איז פיעל געבילדעטער, פיעל שטאָלצער און באַ־וואוסטזיניגער ווי דער ביזהעריגער. דער נייער דור גרייט זיך צו אַ נאַציאָנאַלען קאַמף. אַ חוץ דעם זעהען זיי אַ באַדייטונג אין דער איצטיגער סאָלידאַריטעט פון אַלע שיכטען, בעדואינער, פעלאַכען און אינטעליגענטען אין זייער שנאה צום יהיד, צום איד. זיי ווייזען אַן מיט אומרוהע אויף די אָרגאַניזאַציאָנס טעטיג־קייט, וואָס געהט אָן צווישען די אַראַבער ספּעציעל אין דער זאַך פון באַוואַפנונג. עס ווערען אַריינגעבראַכט דורך סיריען וואָפען אין גרויסע קוואַנטיטעטען, אַזוי האָט מען מיר דערצעהלט, און מען באַהאַלט זיי אין עבר הירדן, דאָרט וואו די אַראַבער האָבען אַן אייגענע זעלבסטפאַרוואַלטענדע שטאַט, געגרינדעט מיט ענג־לאַנד'ס צושטימונג. דורך סיריען קריגען די אַראַבער וואָפען פון פראַנצויזען און דייטשען אויס צוויי אורזאַכען: ערשטענס, ווילען די פראַנצויזען און דייטשען שאַפען אין פּאַלעסטינאַ אַ צושטאַנד פון שטענדיגען קאַמף און כאַאָס, און צווייטענס, פאַרקויפען די

פראנצויזען וואפען צו די אראבער אויך פריוואט, אהן שום פאלי־טיק. עס האבען זיך, נעמליך, פארמעהרט וואפען־ספעקולאנטען, וואס האבען אפגעקויפט פון דער פראנצויזישער רעגירונג וואפען, וואס איז נאך דער מלחמה געווארען איבעריג, אדער אלט. דיזע ספעקולאנטען זיינען גרייט צו פארקויפען וואפען צו יעדען, וואס וועט צאהלען געלד, זיינען די אראבער, ווי עס שיינט, פלינקער פאר די אידען אין קויפען.

אויך דאס וואס די אראבער, א פאלק א קארגעס, וואס באַ־גראבט זיין ערווארבענעס געלד און האט ביז איצט אויף נאציאַ־נאלע זאכען, ווי למשל, וואפען ניט פאר זיין אייגענעם געברויך, קיין מאל קיין געלד נישט אויסגעגעבען, טוט עס איצט, איז אויך א באווייז פאר מאנכע אידען, אז דער אראבער ווערט נאציאנאל באוואוסטזיניג און פאליטיש איינִיג.

קומען די צווייטע און לייקענען אפ לגמרי די פאליטישע באַ־דייטונג פון דעם אלעמען. נישט אפלייקענענדיג די פאקטען פון ארגאניזאציע און באוואפנונג, טראגען זיי אריבער זייער ארגוּ־מענטאציע אויף דעם געביעט פון מאראל. זיי זאגען, אז דער אראַ־בער איז ניט פעהיג צו ווערען א פאלק ווייל ער איז ליגנעריש, קארופט און דעגענערירט. ער איז פויל און פאררעטעריש. א פאלק וואס איז פינף הונדערט יאהר געווען אונטער דעם טערקישען רע־זשים, אונטערדריקט און פארפאלגט, און האט זיך געמוזט מיט ליגען און כאבאר און פארשיעדענע כיטרע דרעדלעך אויפהאלטען, האט אריינגעזויגען ליגען און קארופציא אין בלוט און מארך און איז אויף אייביג א ליגנעריש פאלק געבליבען. ליגען איז ביים אראַ־בער, זאגען זיי, ניט מעהר קיין זינד, נאר אז אלטעגליך געברויך־ארטיקעל. ליגען האט ווי סיפילים דורכגעגעסען זייער נשמה און אזעלכע מענשען קאנען אלס פאלק קיינמאל קיין קיום ניט האבען. זיי קענען אפילו ניט דערהויבען זיך צו א מאמענט פון נאציאנאלי־טעט. אט דעם דאזיגען געפעהרליכען נשמה צושטאנד האבען, מעהר־וועניגער, אלע פעלקער געקראגען, וואס זיינען א לענגערע צייט געווען אונטער דעם טערקישען רעזשים.

איך האב נאך א וויטערע מיינונג געהערט, אז קארופט און ליגנעריש זיינען די אראבער אומאפהענגיג פון טערקישען איינ־פלוס, אז ענגלאנד האט גארניט באפרייט די פאלעסטינער אראַ־בער פון טערקישע באקשישניקעס, ליגנערס און שווינדלערס, ווייל

טערקען זיינען פון תמיד גאַר ווענינ געווען אין ארץ־ישראל. אראַ־בער זיינען דאָרט שטענדיג געווען די עפענדים אין דער פאַרוואַל־טונג, אַזוי אַז די גאַנצע קאָרופּציאָן וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דעם טערקישען רעזשים אין פאַלעסטינאַ, איז געווען די ארבייט פון די אַראַבער און איז איצט אויך ניט אַנדערש. ענגלאַנד האָט זיי פון גאַרניט נישט באַפרייט, ווייל פון זיך אַליין, פון דעם ליג־נער און כאַבאַרניק אין זיך, קען קיין מאַכט דעם אראבער ניט באַ־פרייען. שווערען פאַלש, זאָגען עדות פאַלש, אָפּברעכען אַ קאָנ־טראַקט, פאַרנאַרען, אָפּנאַרען, זיינען זאַכען אויף וואָס דער אראַ־בער איז אַ ווירטואָז. אַז אראַבער ווערט באַגייסטערט פון אַ ליי־גען. פאַרקויפען עפעס און ניט אָפּנאַרען איז אַ קרענקונג ביים אראַבער, און די קרענקונג קומט ניט אַזוי פיעל פון דאָס געלט, וואָס ער האָט ניט דערקראַגען, ווי פון דעם געפיהל, אַז ער האָט פאַרלוירען אַ געלעגענהייט אָפּצונאַרען.

דאָס איז דעגענעראַציע. דעם דאָזיגען נידעריגען מאָראַלישען צושטאַנד פון דעם אראַבער, האָב איך געהערט דערצעהלען, זעהט זיך נאָך בעסער אין דעם ווי ער באַציהט זיך צו דער פרוי. די פרוי איז ביים אראַבער אַן ארבייטס־חיה, וועלכע מען קויפט פאַר אַזוי פיעל און אַזוי פיעל געלט, לויט איהר ארבייטס־קראַפט. איהר על־טער און ווערט פאַר דער באַלעבאַטישקייט. און זי מוז איהר געלט פאַרדינען, ארבייטען שווער און ביטער, אַז טאַקע ווי אַ פערד און עזעל און ווערט אויך ניט בעסער באַהאַנדעלט. ווערט ביי אַן אראַ־בער אַ טאָכטער געבוירען, איז צוגעקומען אַ זאַך צום פאַרקויף, ווי, למשל, אַ קעלבעלע איז געבוירען געוואָרען. דער פאָטער קריגט געלט פון יענעם וואָס וויל זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב נעמען. דע־ריבער טאָר דאָס מיידעל ניט וואַגען זיך אַליין אַ חתן אויסצוקלייי־בען. די דאָזיגע רעכט פונ׳ם פאָטער איבער די טעכטער ווערט אויפגעהאַלטען מיט דערזעלבער פאַרביסענקייט ווי דאָס רעכט פון דער בורזשואַזיע איבער פריוואַט אייגענטום. ניט לאַנג צוריק האָט געטראָפען אַזאַ פאַל, דערצעהלט מיר אַ שופט פון אַ גרויסער ארץ ישראל׳ער שטאָדט: אַן אראַבער האָט באַמערקט, אַז עפעס אַ בחור געפעלט זיין טאָכטער. פרעגט ער זי איינמאַל: צי ס׳איז אמת, אַז זי ליעבט איהם? זי האָט ניט באַהאַלטען דעם אמת און גע־ענטפערט: „יאָ, פאָטער, איך ליעב איהם“. דער אראַבער האָט דאַרויף גאָרניט געענטפערט, נאָר אַ פּאָר טעג שפּעטער זאָגט ער

צו איהר זי זאָל נעהמען אַ לאַפּעטע און מיטגעהן מיט איהם אין פעלד. זי האָט איהם געפאָלגט. געקומען אין פעלד, האָט ער איהר געהייסען אויסגראָבען אַ גרוב. זי האָט עס געטאָן. הייסט ער זיך איהר שטעלען ביים ראַנד. זי האָט געטאָן וואָס ער האָט געהייסען. האָט ער אַרויסגענומען אַ ביקס און דערשאָסען זיין קינד. זי איז אַריינגעפאַלען אין קבר, וואָס זי האָט זיך אַליין אויסגעגראָבען פאַר וואָגען ליעב צו קריגען אַ בחור. דער דאָזיגער פאַל איז געקומען צום געריכט און די אַראַבער פון די אַרומיגע געגענדען האָבען ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס איז דאָ פאַראַן פאַר דעם ריכטער צו משפט'ן. אַזאַ גערעכטע און נאַטירליכע טאַט פון אַ פאָטער אַיבער זיין פאַרברעכערישער טאָכטער!

איך האָב זיך אָנגעהערט פיעלע געשיכטעס פון דעם ווי טאַטעס, מענער און ברידער היטען די טרייקייט און ריינקייט און געהאָרכזאַמקייט פון זייערע פרויען, שוועסטער און אַפילו מוטערס. פאַר דעם קלענסטען חשד, ניט פאַקט, נאָר חשד, האַלט זיך דער ברודער, מאַן אָדער פאָטער באַרעכטיגט די פאַרדעכטיגטע צו שטעכען, שיסען אָדער דערשטיקען. די געהאָרכזאַמקייט פון דער פרוי ווערט פון דעם אַראַבער באַוואַכט מיט בלוט און פייער. דעריבער זיינען טאַקע אויסגעלאַסענע פרויען, זינדיגע ליעבע אַ זעלטענע זאַך צווישען זיי, סיידען אַ מיידעל האָט ניט קיין פאָטער, ברודער אָדער אַזוי אַ מאַנסביל־קרוב, וועלכער זאָל זי טויטען פאַר איהרע זינד. פון אַזעלכע יתומות רעקרוטירען זיך די וועניגע פראָסטיטוטקעס, וואָס געפינען זיך צווישען דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

עס איז קלאָר, אַז אַ פאָלק וואָס האַלט די פרוי אין אַזאַ טעראָר, קען קיין געזונד פאָלק ניט זיין. זיין מאָראַל איז קאָרופּט און קען קיין קיום ניט האָבען. די ריינקייט פון דער פרוי קומט ביי איהר ניט פון עהרליכקייט, נאָר פון שרעק, און זיין אָפּהיטען איהר ריינקייט איז ביי איהם אַ מאַטעריעלער אינטערעס, ניט אַ מאָראַלישער געבאָט... אַזאַ פאָלק איז אַפילו ניט בכח אויפצוהויבען זיך צו דער שטופע פון נאַציאָנאַליטעט.

פלעג איך פרעגען, צי עס געפינען זיך ניט ביים אַראַבער אויך מאָראַלע גרונד־געזעצען, אויך רעליגיעזע געבאָטען, וועלכע זיי האַלטען הייליג און פעסט? יאָ, פלעגט מען מיר ענטפערען — גאַסטפריינדליכקייט איז איינע פון זייערע בעסטע מדות. און אויך איז שעהן ביי זיי דער כבוד וואָס זיי גיבען צו זייערע עלטערע מענ־

שען, די אכטונג וואס זיי האבן פאר זייערע גייסטליכע, פאר זיי־ערע חכמים און שעיקס... מען האט מיר דערצעהלט וועגן זייער פרומקייט און לייכטגלויביגקייט און פיעל אנדערע זאכען און איך האב מיר געזאגט, ווידער אמאל, אז פון רעדען און זאגען קען מען קלוג ניט ווערען. מיר האבען תמיד מיינע אויגען בעסער געדיענט. איך וויל זיך מיט מיינע אויגען אביסעל צוקוקען צום אראבער. איך וויל א קוק טאן אויף דעם אראבער, ווי ער זעהט אויס, און א פרעג טאן מיין אויג, וואס עס דענקט וועגען דעם דאזיגען עניו.

* * *

וואס איהר זאלט ניט טראכטען וועגען דעם אראבער פון ארץ ישראל, קוקען אויף איהם מוזט איהר, ווייל ער ציהט צו זיך יע־דענס בליק. ער איז שעהן, א הויכער און א שלאנקער, באוועגט זיך ברייט און פריי, אימער פלאסטיש, אימער אינטערעסאנט נאכ־צוקוקען. די פארב פון זיין פנים איז ברוין פון פארשידענע גרא־דאציעס, טונקעל ברוין, ווי ביי א נעגער, און עלפאנט־ביין מאט־ווייס ווי ביי א געשניצטער סטאטועטקע. האר שווארצע, טראגט מייסטענס א קליין בערדעל, אויגען גרויסע און פייעריגע, איינגעב־צען גענומען איז דער אראבער א זעהר שעהנער מענשען־טיפ, פון איידעלער סעמיטישער ראסע. זייערע אלטע לייט מיט די ווייסע בערד, אנטקעגען דעם טונקעל ברוינעם פנים, די גרויסע פראמי־נענטע נאז מיט קורץ־געשארענע וואנצעס אויף דער אויבערשטער ליפ, טראגען אין זיך עפעס א באזונדערען שעהן מאלערישען עפעקט. די מענער אראבער זיינען אהן צווייפעל שענער פאר זייערע פרויען.

צו דער נאטירליכער שעהנקייט פון זייער אויסזעהן קומט צו זייער פיינער געשמאק פאר קליידונג. ווי ארים אן אראבער איז ניט אנגעטאן, דוכט זיך אין טראנטעס, שמוציג, בארוועס און לומפיג, איז ער מאלערישער אנגעטאן ווי אן אייראפעער נאר וואס ארוים פון א מאדנעם שניידער געשעפט. אן ארימער אראבער נעמט א גרויסען זאק, מאכט אויבען א לאך און טוט איהם אן, ווארפט ארויף א שטיק גרויסע שמאטע איבער איהם. נעמט אן עק פון דער שמאטע און ווארפט עס אריבער דעם אקסעל און, זעה, ווי עלע־גאנט ער איז מיט אמאל געווארען, ווי שעהן די פאלדען האבען זיך דאס אויסגעלעגט ארום זיין קערפער. און ווען ער נעמט נאך א בונט פארביג טיכעל און בינדט עס ארום דעם קאפ און לאזט

איין עק טיכעל אראפהענגען איבער די אויערען צום אקסעל ארונ־
טער, ווערט דער בחור מיט אמאל א גאנצער העלד פון אן אפערא.
איז אן אראבער רייכער, דאן איז זיין קאסטיום נאך שענער אין
געשמאק, זיין גרויסע ברייטע אבאיע, וועלכע ער פארשטעהט אזוי
געשמאקפול צו טראגען, און זיין זיידענע קאפעיא ארום דעם קאפ
געבונדען, איז ער איינפאך שעהן. איך פלעג ליעב האבען אפצור
שטעלען זיך און קוקען ווי אן אראבער, אנגעקומען אין שטאדט,
נאך א לאנגען גאנג פון א דערבייאיגען דארף, שטעלט זיך אפ
און בינט איבער זיין קאפ־פוץ. נעמט אראפ זיין בונט טיכעל און
בינדט עס איבער. די געשיקטקייט, דער שיק, מיט וועלכען ער
בינדט דאס ארום און פארבינדט איין זייט, די צווייטע לאזט ער
אראפהענגען איבער די אקסלען, זיינען איינפאך מוסטערהאפט פאר
אן אקטיאר אדער דעזיינער אין א היגען מאדע־געשעפט. געהט אן
אראבער נאך אן אקער־אייזען, געשלעפט פון א שווארצען אקס,
פיהרט ער זיין קעמעל, אדער זיצט אין קאפע־הויז און רעדט פאר
ליטיק, איז דאס אן עכט דעקאראטיווע ערשיינונג, וואס ציהט צו
יעדענס, באזאנדערס דעם מאלערס אויפמערקזאמקייט. דער אראר
בער באזיצט א גאנץ אויסגעשפראכענעם דעקאראטיווען אינ־
סטינקט, עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, ער האט א זינן פאר
שעהנקייט, צוערשט איז ער אליין שעהן, און דערנאך ווייס ער,
ווי דער אלטער גריעך האט געוואוסט, דורך איינפאכע מיטלען זיין
קערפער דורך קליידונג נאך שעהנער צו מאכען.

פאר דעם צייכנער און מאלער איז די אראבישע געשטאלט
א זעהר צוציהענדע טעמא. עס ווילט זיך דעם אראבער צייכענען
און איך האב זיך מיט אימפעט ארויפגעווארפען אויף איהם מיט
מיין פענזיל. איך האב עס אבער באלד אוועקגעווארפען, גלייך נאך
די בלוטיגע טעג אין יפו. איך האב ביי זיך ניט געקענט פועל'ן אז
אראבער צו צייכענען. אבער געבענקט נאך איהם האב איך זעהר.
איך האב מיך געפרעגט, ווי קען א מענש זיין שעהן און האבען אן
ארטיסטישען געשמאק און זיין א רוצח צו דערזעלבער צייט ? !
דא מוז זיין עפעס א מיספארשטענדניס.

ניט נאר טוט זיך אן דער אראבער מאלעריש און דעקאראטיוו,
ער בויט זיינע הייזער און שטעדט אויף א דעקאראטיווען שטייגער.
ווי בויען די אראבער זייערע הייזער, מעטשעטעז, דערפער און
שטעדט ? זייער ארכיטעקטור איז ביי זיי ניט א זאך פון בארע־

בענטע פלענער, נאר א זאך, וואס איז אריין אין בלוט און געוואר־רען אן אינסטינקט. זיי בויען זייערע דערפער ווי מוראשקעס מא־כען זייערע מוראוועיניקעס, די ביהנען זייער ביהנשטאק. פון דער ווייטען זעהן טאקע אראבישע דערפער אוים ווי מוראוועיניקעס. געקנאטען פון דערזעלבער ערד, וואס ליגט ארום דעם דארף, טראגט דאס גאנצע דארף דעם קאליר פון דער ערד, אן ערדיג־ברוינעם. פלאכע דעכער, נידעריגע הייזלעך מיט א קליינעם לאך פאר לופט און ליכט, און טאקע פאר זעהר ווייניג לופט און ליכט, געסלעך גענדרעהטע און פארשאטענע מיט בערג מיסט, אפפאל פון פערד און בהמות. אויף דיזע בערג מיסט געפינען הינער, הינט און קינ־דער זייער שפיעל־פלאץ. הייזלעך און געסלעך קלעטערען איינס אי־בער דאס אנדערע אויף דעם רוקען פון א בארג און איבער זיי אלע־מען דערהויבט זיך א לאנגער ווייסער האלז פון א מינארעט — א ווייסער האלז פון א שוואן איבער א ברוינע טשערעדע קאטשקעס.

דאס אלץ, וואס פארמירט זיך אין אן אראבישען דערפעל, איז געוויס דער אומאנגענעמסטער פלאץ צו וואוינען, אבער צייכענען און קוקען אויף דעם פון דער ווייטענס איז וואונדערבאר אינטע־רעסאנט.

נעמט איהר, למשל, אזא שטאדט ווי צפת, און גיט א קוק אויף די טיילען, וואס די אראבער האבען אויפגעבויט און באוואוי־נען, און פארגלייכט עם מיט די נייע הייזער אדער שטאדט־טיילען, וואס די אידען צוזאמען מיט אנדערע אייראפעער בויען, דאן מוזט איהר צוגעבען, אז אין דער צייט, וואס די לעצטע באזיצען קאמ־פארט און סאניטארע פארבעסערונגען, פעהלט זיי אבער אין גאנ־צען יענער דעקאראטיווער עלעמענט, וואס דער אראבישער קווארט־טאל באזיצט אין אזא גרויסע מאס.

און נאך א זאך האט מיך געצויגען צום אראבער. דאס איז ווי ער זינגט זיינע ליעדער.

צוערשט, ווען איך האב די אראבישע מוזיק דערהערט, איז עס מיר געווען צוּווידער. עס האט מיר אויסגעוויזען צו זיין דער נוד־נעסטער געזאנג אויף דער וועלט. זינגט אן אראבער, צוציהט ער א לאנגען מאנאטאנעם טאן, צוציהט עם מייל‌ען־לאנג, און אונטער דער נאז, און מאכט דערביי ציגענע טרעלען, און עס מאכט דעם איינדרוק פון א מעלאנכאלישען מדבר מיט בערגלעך געלען זאמד, צורונצעלט פון דעם ווינד, ווי קליינטשינקע כוואליעס אויף דער

אויבערפלעך פון א רוהיגען וואסער. און שטענדיג האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז עס שלעפען זיך נאך עטליכע ווערטער נאך א ליעד, ווערטער, וואס פאר זיי האט קיין מעלאדיע ניט געקלעקט, וואס זיינען, אזוי צו זאגען, געבליבען דרויסען, פון יענער זייט מעלאדיע און שלעפען זיך נאך ווי אן עק פון א חיה... מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז אלע ליעדער, וואס דער אראבער זינגט, האבען איין פנים, דיזעלבע נעזעלדיגע, ציגענע צוצויגענקייט, אהן זאלץ, אהן טעמפעראמענט, אבער מיט א סך „פראזא“.

און די טעכניק פון זינגען איז אויך א מאדנע. דער אראבער געברויכט קיינמאל ניט ביים זינגען זיין פולע שטימע, אויף וועלכער די ברוסט איז פעהיג, נאר רעדוצירט זי צו א האלב-דערשטיקטע, פון דער נאז ארויסגעהענדען דינעם לאנגען טאן. פארקערט ביים רעדען ברויכט ער און מיסברויכט זיין שטימע, שרייט מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע לונגען, רעדט איבער די גלייכגילטיגסטע זאכען מיט א וואולקאנישע ליידענשאפט, העפטיגער זשעסטיקולאציע און מיט א געשריי, וואס זעהט אויס ווי דער צארן אויסברוך פון א ווילד צורייצטע און געפייניגטע באשעפעניש. אזוי האט זיך מיר צוערשט אויסגעוויזען צו זיין די אראבישע מוזיק. ביז איינמאל, זייענדיג אין חיפה, האב איך פלוצלינג דערהערט פון מיין צימער אין האלפערנ'ס האטעל, א קליינעם אראבישען כאר מיט עפעס א האלץ-אינסטרומענט, מיט א טאמבורין אפקלאפענדיג דעם ריטם, און פון יענער צייט אן האט די אראבישע ליעד מיין הארץ געפאנגען. עס האט זיך ווי א שלייער אויפגעהויבען און איך האב דערהערט און דערזעהן דעם אראבער'ס געמיט וואס דריקט זיך אין זיין זינגען אויס. עס ליגט אין דער אראבישער מוזיק עפעס אזא אייגענטימליכער ציטער, אזא סימפאטישער, אמת, אויבערפלעכליכער, וועהמוט, אז עס ווילט זיך הערען נאך און נאך. די מוזיק איז א זעהר איינפאכע, ארום עטליכע נאטען דרעהט עס זיך ארויף און אראפ, אבער עס האט עפעס א זאנדערבארען רייצענדען ריטם. איך האב אנגעהויבען צו ענטדעקען, אז זיי באזיצען איבערהויפט א שטארקען געפיהל פאר ריטם. אמאל איז דער ריטם ביי זיי אלץ, און זיי באגעהען זיך כמעט אהן מעלאדיע. אפטמאל קען מען זעהן א פראצעסיע פון פארשלייערטע פרויען און קינדער, געהן און קלאפען אויס מיט די הענט, אדער אויף טאמבורינען א געוויסען טאקט און דערביי זינגט מען גאר

ניט, מען באגלייט בלויז דאס קלאפּן מיט אַ האַנד־פּאַטשערײַ אויך אין טאַקט. ניט נאָר האָבן די אַראַבער אַ חוש פאַר'ן ריטם, נאָר זיי ווייסן די קראַפט, וואָס עס ליגט אין ריטם און נוצן איהם ניט זעלטן אויס ביי זייער אַרבייט. באַזאָנדערס, ווען זיי אַרבייטן גרופּענווייז. אַפט הערט איהר אַ גרופּע אַראַבער איינקלאַפּנדיג שטיינער אויף אַ שאַסע. איך זאָג איהר ה ע ר ט, ווייל ביים קלאַפּן זינגען זיי אַלע צוזאַמען אַ שטאַרק ריטמישע ליעד, מיט אַ האַמערדיגען שטאַרקען, ענערגישען טאַקט, און זיי קלאַפּן אין טאַקט און אַט אַזוי קענען זיי אָפּזינגען און אָפּקלאַפּן שטונדען לאַנג, ניט מיעד ווערענדיג. ביים פּאָרט אין יפו פלעג איך אָפּשטעהן שטונדען, הערענדיג ווי די טרעגערס שלעפּן מאַסען פון די שיפען, אונטער זייערע ריטמישע ליעדער און שטענדיג ענדיגט זיך אַזאַ מין ליעד מיט „אַללאַה"! טאַ־דאַ־ראַ־טאַ־דאַ - - אַללאַה! ...

אַט אַזוי האָב איך דעם אַראַבער געזעהן. מיין אויג האָט ליעב געהאַט אויף איהם צו קוקען, מיין אויער איהם צו הערען, איך האָב שטאַרק חשק געהאַט איהם, זיינע הייזער און דערפער צו צייכע־נען און מאָלען, אין דעם מאָמענט אָבער, ווי איך האָב דערזעהען דעם אַראַבער, פאַרגיסענדיג אידיש בלוט האָט זיך אין מיר אַ קאַמף אויפגעהויבען — דאָס אויג האָט געזאָגט „יאָ". דאָס האַרץ האָט געזאָגט „ניין". ביים מאָלער, ביים צייכנער איז אָבער דאָ אַן אינ־ווענינסטע איבערצייגונג, אַ געפיהל אַזאַ, אַז דאָס, וואָס איז ש ע ה ן מוז אויך ג ו ט זיין. ווי קען אַ מענש שלעכט זיין, ווי קען ער אַ מערדער, רויבער און ליגנער זיין, ווען ער איז אַזוי שעהן אין געשטאַלט, ווען ער האָט אַזאַ איידעלען חוש פאַר ליניען, פאַרבען און שעהנקייט? ווי קען עס מיאוס זיין אין זיין נשמה, ווען ער זינגט אַזוי האַרציג, ריהרענד און אַזוי שטיל וועהמוטיג! ? ווי קען איינער זיין פאַרדאָרבען אינעווייניג און זיין אויסערליך שעהן? ניט אַנדערש, האָב איך מיר געזאָגט, און זאָג עס אויך איצט, אַז דאָ קומט פאָר אַ מיספאַרשטענדניס, אַז עטוואָס, אָדער אימיצער, צומישט און פאַרטונקעלט דעם אַראַבער'ס קאָפּ און האַרץ, און אַז מען מוז אויסלייטערען, מען מוז זיך צונויפרעדען, מען מוז זיך מיט איהם פאַרשטענדיגען.

דאַמאָלס וועל איך איהם קענען מיט אַ פריי געמיט צייכענען און מאָהלען ... איך האָב עס אַזוי געוואָלט און ניט געקענט.